STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09659

ON A HEYM

Leon Kobrin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן קאָבּרין

אָן אַ היים

ראמאן

פון דער צייט פון בּורגער-קריג
אין סאָוועט - רוסלאַנד

PRINTED IN LITHUANIA
1936

Be pastogės

Leono Kobrino romanas

L. Gurvičiaus sp. Kaunas,
Laisvės al. 48, tel. 1008.

אַרויסגעבער: יידישע בילדונגס-געזעלשאַפט אין ליטע דורך נ. יאָנעס

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל.

אריה - לייב און די צוויי מיידלעך.

דאס, וואס איך גיי אייך דערציילן, האט פאסירט אינם יאר 1919.

די אוקראינישע שטעט און שטעטלעך האבן זיך געטרונקען אין יידישן בלוט, און די אוקראינישע לופט איז אויפגעטרייסלט געווארן פון די קרעכצן פון די טויזנטער פארוואונדעטע יידישע נפשות און פון די געשרייען און יללות און קולות פון די געשענדעטע יידישע פרויען און טעכטער.

גאנצע משפחות יידישע נפשות זיינען אויסגעקוילעט געווארן; גאנצע קהלות יידן זיינען אומגעקומען אין אט דער צייט אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראינע.

יידישע הרוגים האבן זיך געוואלגערט אויף די בוידימער און אין די קעלערס פון די הייזער; יידישע הרוגים זיינען געלעגן אין די ברונימער, אין די רינשטאקן און אין בלוטיקע לוזשעס אויף די גאסן. אנדערע פון אט די הרוגים איז געווען שווער צו דערקענען, אזוי צעהאקט און צעקריפלט זיינען זיי געווען. און צווישן זיי זיינען אויך געווען יידישע עופ׳עלעך, זויג־קינדער, מיט צעשפאלטענע קעפלעך.

די היידאמאקעס פון פעטלורעס צייטן האבן מיט זייערע מעשים זיך נישט געדארפט שעמען פאר זייערע עלטער - זיידעס, די היידאמאקעס פון במעלניצקים צייטן!

יעדער דארטיקער ייד, וועלכער האט אין יענער צייט געקאנט אנט־לויפן פון זיין היים, איז אנטלאפן. מען האט איבערגעלאזט אלצדינג, וואס מען האט פארמאגט אינדערהיים, אויף גאטס באראט און מען איז געלאפן וואוהין די אויגן האבן געטראגן — אבי ארויסגעראטעוועט זיך פון די באנ־דעס היידאמאקעס און פון די אוקראינישע סאלדאטן, וואס זיינען אנגעפירט געווארן פון די פארשיידענע „באטקאס״ און אטאמאנען, און וואס זיינען באפאלן די שטעט און שטעטלעך מיט געשרייען: „טויט צו די יידן! טויט צו די באלשעוויקעס!״...

יידן זיינען געלאפן צו די פארשיידענע גרענעצן פון אנדערע לענדער. אויפן וועג האבן זיי זיך באהאלטן אין די וועלדער און אין די זומפן, ביי א פויער אין א כאטע, ביי א פויער אין א שטאל צווישן חזירים. און ניט

וויניק פון אַט די יידן האָט מען אין יענער צייט געפונען טויטע, דערהר־געטע אין זייערע באַהעלטעניש; אַנדערע מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ און צע־קריפּלטע לייבער, און ס'רוב פון זיי, סיי מאַנספּילן, סיי פרויענצימער און אַפילו קינדער — נאַקעטע, אָן העמדער אויף די לייבער...

אַט צווישן די דאָזיקע טויזנטער און טויזנטער יידישע נפשות, וואָס זיינען דעמאָלט געלאָפן צו די פאַרשיידענע גרענעצן פון אַנדערע לענדער, איז אויך געווען אריה־לייב גאָרדאָן.

ער איז געלאָפן צו דער פּוילישער גרענעץ, מיט זיין טאָכטער מלכּה און מיט איר חברטע פריידל. זיי אַלע דריי זיינען געיאָגט געוואָרן, ווי די אַנדערע טויזנטער יידישע נפשות, וואָס זיינען געלאָפן, פון דער שרעק פון נעכטן און פון דעם פּחד פאַר דעם אומזיכערן היינט, פון דער מורא פאַר דעם אומזיכערן באַלד...

דאָס איז געווען באַלד נאָך פּסח. דער פרילינג האָט דאָס אייז און דעם שניי געשמאָלצן און זיי פאַרוואַנדלט אין שטראָמען, וואָס האָבן פאַרפלייצט די וועגן און דאָ און דאָרט אַרונטערגעשווענקט די קליינע הילצערנע בריקלעך, וואָס זיינען דאָרט געווען אויסגעלייגט איבער די גראָבנס. שטראָמען האָבן אויך געפלייצט אין וואַלד וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן פאַר־פלייצטן טראַקט, און האָבן זיך דאָרט צעגאָסן אין לוזשעס.

אריה־לייבן און די ביידע מיידלעך האָט געפירט אַ געזונטער פּויער, מיט אַ רויטע באָרד און מיט אַן אוירינגל אין איין אויער.

דער פּויער — מיקיטאַ האָט ער געהייסן — האָט זיי געפירט דורכן וואַלד. מיטן טראַקט האָט ער זיי מורא געהאַט צו פירן, מחמת יעדע ווײַלע זיינען דאָרט דורכגעריטן איבער דעם פאַרפלייצטן וועג, מיט אַ שליאָפּן און אַ וואַסער־געראויש, הײַדאַמאַקעס אויף פערד, אָדער אַ פור מיט הײַדאַמאַקעס איז דאָרט מיט אַ וואַסער־געראודער דורכגעפאָרן...

דער פּויער, מיט אַ בערעזעווען שטעקן אין דער האַנט, איז געקראָכן ביז צו די קני און אַמאָל ביז צום גאַרטל אין די לוזשעס, וואָס זיינען נאָך אויסגעמישט געווען מיט שניי, און אריה־לייב מיט די מיידלעך זיינען גע־קראָכן נאָך אים.

אַמאָל, ווען איינע פון די דורכגענעצטע מיידלעך, פריידל, די שוואַ־כערע פון די צוויי, האָט אַ פאַרסאַפּעטע אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָט דער „פירער" זי אַ שלעפּ געטאָן מיט די ווער־טער: „ניט אָפּגעשטעלט זיך, מאַרש!" — דעמאָלט האָט סיי אריה־לייב און סיי זיין טאָכטער מלכּה זי מיט שרעק אויך אונטערגעטריבן.

קריכנדיק אַזוי דורכן וואַלד נאָך דעם פירער זייערן, האָבן זיי געזען טעלעבע דערהרגעטע יידן צווישן די ביימער. און דאָס איז געווען אַ שלעכ־טער סימן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז אויך דאָ, אינם וואַלד, האָבן די רוצחים, די הײַדאַמאַקעס, געפונען זייערע יידישע קרבנות, און אַז אויך

דאָ זיינען זיי, אריה־לייב און די צוויי מיידלעך, נישט זיכער געווען מיט זייערע לעבנס. און אריה־לייב האָט געטראַכט: ווער ווייס, אפשר וואַרט שוין דאָרט ערגעץ אויף זיי דער טויט. אפשר דאָרט, אַביסעלע ווייטער? אפשר אַהינטער יענער לאָזשע? אפשר אַהינטער יענער קופּע בוימער? אפשר אַהינטער יענעם בערגעלע שניי, וואָס האָט זיך געשמאָלצן דאָרט אונטער דער פרילינג־זון? צי גאָר אפשר וועט דערזעלביקער מיקיטאַ, זייער פירער, זיי פאַרפירן ערגעץ און דערהרגענען און איבערלאָזן ליגן, ווי יענע, וואָס וועלן אפשר קיינמאָל ניט קומען צו קבר־ישראל?.. אויף אַ גוי האָט מען געקענט אַלצדינג גלויבן אין אַזאַ צייט, בפרט ווען דער גוי האָט נאָך געוואוסט, אַז ער, אריה־לייב, האָט געהאַט ביי זיך אַביסל געלט אין זיין בוזים־קעשענע...

אריה־לייב, וואָס ערשט גאָר ניט לאַנג איז געווען דער שטאָלצער אריה־לייב גאָרדאָן, דער רייכער תבואה־הענדלער, דער בעל־צדקה און דער כּלל־טוער פון זיין שטעטל, אַ ייד אַ הדרת פּנים און שטאַרק און גלייך ווי אַ דעמב, — איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן אַלץ מער און מער איינגע־הויקערט און האָט אַלץ נידעריקער אַרונטערגעלאָזט זיין קאָפּ.

איבער זיין פּנים מיט דער שוואַרצער ברייטער באָרד האָט זיך אַרונ־טערגעגליטשט אַ שפּאָטישער שמייכל, ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— אוי ביסטו, גאָט, אַן אל רחום וחנון!..

— ער האָט זיך אָבער תיכּף אַ כאַפּ געטאָן אַ צעטומלטער מיט חרטה אין האַרצן פאַר זיינע טענות צו גאָט.

ניט דעם ערשטן מאָל אין דער לעצטער צייט האָט זיך ביי אים, דעם פרומען, פאַרצווייפלטן אריה־לייב גאָרדאָן געריסן אַ פּראָטעסט קעגן גאָט. און יעדעס מאָל האָט ער אויף דעם נאָכדעם חרטה געהאַט און געבעטן מיטן האַרצן מחילה ביי גאָט. אויך איצט האָט ער אויף דעם חרטה געהאַט.

ער האָט מיטן האַרצן געבעטן:

— גאָט, שטראָף מיך ניט דערפאַר. דו ביסט גערעכט און דיין משפּט איז גערעכט!...

שפּעטער איז פריידל ווידער שטיין געבליבן אינם נאַסן שניי, טיף ביזן גאַרטל, אַ פאַרסאָפּעטע, מיט אַ צערויטלטן פּנים און מיט קרעכצן:

— אוי, איך קאָן ניט מער! קיין כוח מער ניטאָ! איכ׳ל פאַלן!..

אריה־לייב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, און אויך מלכּה האָט זיך פון דעם טיפן שנייאיקן זומפּ מיט די לעצטע כוחות אַרויסגעריסן און איז צוגעגאַנגען צו איר.

— שטאַרק זיך, — האָט אריה־לייב זיך געבעטן ביי איר.

— נעם מיין אָרעם און שפּאַר זיך אָן אין אים, פריידעלע! — האָט מלכּה אויך געסאָפּעט און אויסגעשטרעקט צו איר דעם אָרעם.

— איך קאָן ניט, מלכּה. איך קאָן נישט, רעב אריה־לייב. איך בין אינגאַנצן אַזוי ווי אָנגעגאָסן מיט וואַסער, ווי אַ צען פוד וואָלט איך אויף

די פיס געשלעפט. אוי, איך וועל שוין קיין לעבעדיקע ניט ארויסקריכן פון דאנען!

דער פויער איז צוגעגאנגען צו איר:

— וואס איז, טייבעלע, שוין ווידער אפגעשטעלט זיך? קום, קום, דא ניט ווייט איז א כוטאר. מירן באלד דארט זיין. וועסט זיך קאנען אפרוען. און מיר דארפן זיך אונטעראיילן, פויגעלע; אפשר וועלן מיר נאך היינט קאנען די גרענעץ אריבערגיין...

און דא האט אריה - לייב זיך אויסגעבויגן מיט זיין רעכטן אקסל צו פריידלען און געזאגט:

— שפאר זיך אן, פריידל! מיקיטא, העלף איר ארויפקריכן צו מיר אויפן אקסל!

און באלד האט אריה-לייב געבראדיעט אין דעם טיפן שניי, וואס איז געווען אויסגעמישט מיט וואסער, מיט פריידלען אויף זיין אקסל. פון פריידלען האט געגאסן און גערונען בלאטע און וואסער אויף אריה-לייבן. ער אבער האט עס ניט געמערקט און געפילט. און סיי-ווי וואלט ער ניט געוואוסט, צי האט עס אזוי געגאסן און גערונען פון איר, צי פון אים אליין. און ער איז געגאנגען נאך האסטיקער ווי פריער.

זיין טאכטער מלכה, מיט צעפלאמטע באקן און מיט פיבערשע אויגן, איז געגאנגען נעבן אים, און דער פויער, מיט זיין שטעקן טאפנדיק אין דעם שניי און אין די לוזשעס, איז געגאנגען פאר זיי...

צווייטער קאפיטל.

זיין דערהרגעטער ברודער.

און מיטאמאל, ווען זיי זיינען פארביי־געגאנגען א לוזשע לעבן א קופע בוימער, האבן זיי ווידער דערזען א דערהרגעטן יידן.

און דאס מאל האט אריה-לייב, ווען ער האט דערזען דעם דערהרגעטן, ארויסגעלאזט א היסטערישן געשריי: ,,משה! אוי, גוו—אלד!'' האט ארונ־טערגעלאזט פריידלען פון זיין אקסל און איז צוגעלאפן מיט וואקלענדיקע פיס צום דערהרגעטן, האט א פאטש געטאן מיט ביידע הענט און זיך צע־וויינט אויפן קול, אן ווערטער און נאך אים צוגעלאפן מלכה מיט א געשריי:

— אוי, דער פעטער משה!...

א נאקעטער איז דארט געלעגן אין דער בלאטיקער לוזשע צווישן די בוימער אריה־לייבס עלטערער ברודער, דער פריערדיקער רייכער וואלד־סוחר, משה גארדאן. זיין קאפ האט פון דארט ארויסגעשטעקט מיט זיין סיווע באָרד, וואס איז אינגאנצן דורכגעווייקט געווען אין בלאטע, און די אויגן זיינע, ווייט־געעפנטע און פארגלעזערטע, האבן געקוקט ארויף צום בלויען פרילינגס-הימל, וואס האט זיך געשפרייט איבערן וואלד...

מיקיטא האט גענומען שרייען:

— העי, דו, וואס האסטו זיך דארט אוועקגעשטעלט? העלפּ אויף צו וויינען דארט און קום, א ניט קאנסטו מיט דיינע מיידלעך האבן אזא סוף!...

האט אריה־לייב זיך דעמאלט אויסגעדרייט מיטן פּנים און ארויסגע־זאמערט:

— מיקיטא, דאס איז מיין ברודער, ער איז געווען א גוטער, ערלעכער מענטש, ער האט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאן — פארוואס האבן זיי אים דערהרגעט, און אזוי ווי א געפגרטן הונט, אים דא אין דער בלאטע איבערגעלאזט?!

— נו, פארפאלן! — האט מיקיטא געזאגט — העלפן קאנסטו אים ניט, טא טראכט וועגן זיך אליין און די מיידלעך. און צולאנג מארודיע ניט, מחמת עמיצער פון יענע קען נאך אונטערקומען, און כ׳וועל אייך ניט קאנען העלפן.

אבער אריה־לייב האט זיך ארונטערגעלאזט לעבן דער בלאטיקער לוזשע, וואו זיין ברודער איז געלעגן און ער האט זיך אנגערופן שוין אן געוויין:

— מיקיטא, דו גלויבסט אין א גאט?

— אודאי גלויב איך.

— דיין גאט, מיקיטא, וויל אויך ניט, אז איר קריסטן, זאלט זיין רוצחים.

— אודאי וויל ער ניט.

— און מען וועט באשטראפן, מיקיטא, פאר אזוי פיל אומשולדיקע פארגאסן בלוט! סיידן עס איז ניטא קיין גאט אין הימל. עס איז אבער יא דא א גאט אין הימל. עס איז יא דא א גאט, און ער וועט באשטראפן.

— נו, אודאי, נו גוט, קום! — האט מיקיטא אים גענומען שלעפן פאר אן ארעם.

אבער אריה־לייב איז געבליבן זיצן אויף זיין ארט לעבן דער לוזשע. ער האט גערעדט ווייטער:

— טא הער אויס, מיקיטא: איך האב דיר אוועקגעגעבן א גרויסן טייל פון מיין פארמעגן, וואס איך האב געקאנט פארכאפן פון מיין הייס, אז דו זאלסט מיך מיט די מיידלעך אריבערפירן דעם גרענעץ. איכ׳ל דיר געבן נאך געלט פון דעם, וואס איך האב ביי זיך איבערגעלאזט, ווען דו וועסט מיר שווערן ביי דיין גאט, אז דו וועסט די מיידלעך אריבערפירן די גרע־נעץ און מיך מיט מיין ברודער וועסטו ברענגען צוריק אין אונדזער שטעטל ארײן אויף דעם יידישן בית־עולם.

— איך פארשטיי ניט וואס דו מיינסט — האט מיקיטא פארוואונ־דערט אנגעקוקט.

— איך מיין, אז דא בלייב איך, לעבן מיין ברודער, איכ׳ל אים ניט איבערלאזן דא ליגן, ווי א געפגרטן הונט. אויפן יידישן בית־עולם זאל ער ליגן, מיט די אנדערע יידישע קדושים. איך בלייב דא, און זאל מען מיר דא דערהרגענען. זאגסטו מיר צו, אז דו וועסט מיר ברענגען אין שטעטל ארײן צו די יידן, און אים אויך מיט מיר, מיקיטא?

— טאַטע! — האָט זיך ביי מלכהן אַרויסגעריסן אַ געוויין.

— ר׳ אריה־לייב! — האָט פריידל אים אויך גענומען בעטן.

— גייט, קינדער, מיט אים. און דו, מלכה, — האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בוזעם אַ גרויסן טייסטער, — דאָ וועסטו געפינען געלט און דעם בריוו מיט דער טעלעגראַמע פון פריידלס טאַטן אין אַמעריקע. ווען מיקיטאַ וועט אייך אַריבערפירן די גרעניץ, גיב אים נאָך געלט.

— איך ריר זיך ניט פון אָרט אָן דיר, טאַטע! לייג אַריין צוריק דעם טייסטער אין קעשענע. טאַטע, האָב רחמנות, קום! איז דער דערהרגעטער פעטער משה דער ערשטער נאָענטער קרוב דיינער? האָט מען דער מאַמען ניט דערהרגעט? האָט מען דיינע ביידע זין ניט דערהרגעט? האָט מען דיין טאָכטער שיינדל ניט דערהרגעט מיט איר מאַן און קינד?

— זיי זיינען אַלע געקומען צו קבר־ישראל. אָבער דיין פעטער משה — האָט אריה־לייב פאַרעקשנט געריעדט.

און דאָ האָט זיך פּלוצלונג דערהערט שטימען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פונם טראַקט ניט ווייט, זיי אַלע האָבן אַ צאַפּל געטאָן. אַחוץ אריה־לייב גאַרדאַן.

מיקיטאַ האָט ווידער גענומען צופּן אריה - לייבן פאַר אַן אַרעם און געפּליסטערט:

— דאָס זיינען זייערע. גיכער אַוועק פון דאַנען. זיי קאָנען נאָך קומען אַהער־צו. קומט גיכער. ניט ווייט דאָ אין כוטאָר פון מיינעם אַ באַקאַנטן. איך וועל אייך דאָרט באַהאַלטן...

אריה־לייב האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך און איז מיט אַ באַזונדערן אימפּעט אויפגעשפּרונגען און מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פּנים ביי אים אָנגעצונדן ווי אַ פלאַם־פייער און ער האָט גענומען ווילד שרייען:

— קומט אַהער, איר רוצחים! קומט אַהער, איר קריסטלעכע מערדער! נאָך יידישע נפשות וואַרטן אויף אייער שחיטה!

דער געזונטער מיקיטאַ האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט זיין פויסט.

— שטילער! — האָט ער געריעדט צווישן די ציין — דו ביסט משוגע געוואָרן, ייד! דו ווילסט, מען זאָל דיך דערהרגענען; מען זאָל דיינע מיידלעך פאַרגוואַלטיקן?

דערהערט דאָס וואָרט „פאַרגוואַלטיקן״, זיינען ביידע מיידלעך געוואָרן היסטעריש און האָבן גענומען וויינען פאַרשטיקט. און ער אַליין, אריה־לייב גאַרדאַן, האָט זיך אויפגעהערט צו ווערן קעגן מיקיטאַן.

און ווען דער פויער האָט אים נאָכדעם דאָס מויל באַפרייט, האָט ער ניט געשריען מער, ניט געריעדט מער, נאָר צעשראָקן און צעטומלט געקוקט אויף די ביידע מיידלעך און דערנאָך האָט ער אַליין אויך שטיל און פאַרשטיקט זיך צעוויינט, אויפציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער.

און אין אַ ווײַלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער בלאָטיקער לוזשע וואו זיין ברודער משה איז געלעגן און ער האָט אַרויסגעכליפּעט:

— משה, ברודער מיינער, זיי מיר מוחל. מלכה און די אַנדערע.. צוויי יידישע טעכטער.. איך מוז זיי האָבן אין זינען. אַ ניט, חלילה, קאָנען זיי נאָך ווי די אַנדערע...

נאָכדעם איז ער מיט ביידע מיידלעך אַוועק ווייטער נאָך מיקיטאַן אי־בער דעם שמעלצנדיקן שניי און איבער די לוזשעס, דורכן וואַלד; און די גע־שטאַלט פון זיין ברודער משה איז אים נאָכגעגאַנגען... אויף קיין איין רגע איז זי ניט אָפּגעטראָטן פון אים. און אריה־לייבן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט געהערט זיין ברודער משהס קול:

,,אריה־לייב, לאָז מיך נישט איבער דאָ אין דער בלאָטע, ווי אַ נבלה; ברענג מיך צו קבר־ישראל, אריה־לייב!״...

ביי אריה־לייבן האָט זיך דאָס פּנים ווידער אָנגעצונדן, ווי פריער, בעת ער האָט גערופן די רוצחים און ער האָט אַרויסגעמורמלט צו זיך אַליין:

— גוואַלד, ווי אַזוי ווער איך ניט משוגע?! און ווי אַזוי קאָן ער דאָרט צווען אַזעלכע מעשים תעתועים?! און אפשר איז דאָרט אויפן הימל גאָר קיינער נישטאָ? אפשר איז דאָרטן גאָר פּוסט און ליידיק, ווי די אויפגע־קלערטע זאָגן?...

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן ווי יעדעס מאָל, בעת אין אים האָט זיך געוועקט דער פּראָטעסט קעגן גאָט און דער צווייפל אין אים, און ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— שוין ווידער!...

און ווידער האָט ער גענומען בעטן צו גאָט מיט זיין האַרצן. און דאָס מאָל אין אַן עקסטאַז:

— גאָט, איך גלויב אין דיר. איכ׳ל ניט פרעגן מער קיין קשיות. איכ׳ל ניט דערלאָזן מער קיין זינדיקע מחשבות. ברענג אונדז נאָר אַריבער בשלום איבער דער גרענעץ. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַלצדינג פאַרלאָרן; אַז פון דעם גאַנצן הויזגעזינט מיינעם איז נאָר זי אַליין, מיין מלכה׳לע, ביי מיר פאַרבליבן און יענע, די חברטע אירע, האָט אויך אַלעמען פאַרלאָרן. אַ טאַטע איז ביי איר נאָר פאַרבליבן אין אַמעריקע. ברענג זי אַהין צו אים און מיר אַלע וועלן דיר דאַנקען און דיך לויבן...

נאָך אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי דערזען אין דעם וואַלד צווישן די ביימער אַ פויעריש שטיבל. מיקיטאַ האָט זיך אָנגערופן:

— אָט דאָ איז דעם כוטאָר פון מיין פריינט גריצקאַ. איר וועט זיך דאָ אָפּרוען עטלעכע שעה און איך אַליין וועל דערווייל באַזאָרגן וואָס איך דאַרף אינם שטעטל (ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פונם שטעטל). פונם שטעטל זיינען מיר איין וויאָרסט און פון דער גרענעץ — צוויי...

דריטער קאַפּיטל.
ביים פּויער אין שייער.

ביים פּויער אין כוטאָר האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז דער אַטאַמאַן פּאַלענקאָ, דער באַוואוסטער פּאָגראָמשטשיק, איז געווען אין שטעטל מיט זיינע היידאַמאַקעס, און אַז זיי דרייען זיך דאָ אַרום אין וואַלד אויך, זוכנדיק באָלשעוויקעס און יידן. אויך האָב זיי זיך דאָ דערוווסט, אַז די סאָלדאַטן פון די באָלשעוויקעס האָבן שוין אַ פּאָר מאָל זיך געפּרווט אַריינרייסן אין שטעטל, אָבער פּאַלענקאָ מיט זיינע היידאַמאַקעס האָבן זיי יעדעס מאָל צוריקגעשטויסן.

פון זיכערקייט - וועגן האָט מיקיטאַ אַריינגעפירט אריה-לייבן מיט ביידע מיידלעך צום פּויער אין שייער, און זיי געהייסן דאָרטן וואַרטן, ביז ער וועט קומען צוריק.

ביי אַ וואַנט איז דאָרט געלעגן אַ קופּע שטרוי. האָב זיי זיך אויף דעם אַוועקגעזעצט, און נאַסע און אויסגעמאַטערטע זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט מיטן קאָפּ און אַקסל. הונגעריק זיינען זיי געווען און אַזוי דורכגענומען פון קעלט, אַז זיי האָבן זיך געטרייסלט. באַזונדערש האָט די שוואַכע פריידל געציטערט פון הונגער און קעלט.

גריצקאַ איז צו זיי נאָכדעם אַריינגעקומען אָן אַ היטל, מיט אַ שוואַרצער שווערער טשופּרינע איבער דעם שטערן און מיט לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס, וואָס זיינען ביי אים אַרונטערגעהאַנגען האַלב-רונד, ווי אַ פּאַדקאָווע. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי מיט פאַרזשמורעטע אויגן און אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— עך, די מענטשן, וואָס פּאַר אַ פּאַהאַנע זיי זיינען! געדאַרפט אייך לאָזן אָנוואַרעמען זיך אויפן וואַרעמען אויוון און לאָזן אייך אויסטריקענען די נאַסע ביינער. עך, טייוול! איר גאָטס אומגליקלעכע באַשעפענישן, ווי דורכגענעצטע קעץ זעט איר אויס. אַ רחמנות אויף אייך. אָבער אַריינגעמען אייך אינעווייניק אין מיין כוטאָר האָב איך מורא. דער ניט-גוטער קאָן זיך נאָך אָנטראָגן...

אריה-לייב האָט זיך אָנגערופן:

— גוטער מענטש, האָסטו ניט עפּעס פּאַר אונדז צום עסן? איכ'ל דיר באַצאָלן, פון נעכטן אָן האָבן מיר קיין ביסן אינם מויל נישט געהאַט. און די מיידלעך מיינע האַלטן זיך קוים אויף די פיס.

האָט גריצקאַ געענטפערט:

— שוין געזאָגט, אַז מען זאָל אייך אַריינטראָגן עסן. מיין אַלטע און מיין טאָכטער מאַרוסיאַ וועלן אייך באַלד אַריינברענגען עסן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן טאַקע זיין ווייב און זיין טאָכטער מאַרוסיאַ, אַ מיידל מיט אַ לאַנגן בלאָנדן צאָפּ, אַריינגעבראַכט עסן פּאַר זיי— מילך און פּוטער און האָניג, און אַ גרויסן לאַבן שוואַרץ ברויט.

— עסט, גוטע מענטשן! — האָט גריצקאַ צו זיי געזאָגט.

און ווען אריה־לייב האָט נאָכן עסן אים געוואָלט באַצאָלן פאַר דעם, האָט גריצקאָ בשום אופן ניט געוואָלט נעמען ביי אים קיין געלט.

שפּעטער איז גריצקאָ ווידער אַריינגעקומען צו זיי אין שייער, מיט שעפּסענע פּעלצן און מיט זעק, און יעדן פון זיי איינגעוויקלט אין דעם, מיט די ווערטער:

— אַט־אַזוי־אָ, דערוואַרעמט זיך, איר גאָטס אומגליקלעכע באַשעפענישן.

סיי מלכה און סיי פריידל האָבן זיך צעוויינט פאַר פרייד, וואָס עס האָט זיך געפונען אַזאַ מענטשלעכער פּויער; מחמת אין דער לעצטער צייט, נאָך דעם גאַנצן גיהנום, וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט און דורכגעמאַכט, האָבן זיי גענומען גלויבן, אַז יעדער פּויער איז אַ געבוירענער רוצח, ווען ס׳קומט צו יידן.

אפילו אריה־לייב האָט באַמערקט, ווען גריצקאָ איז דערנאָך אַוועק, אַז אויב גאָט האָט זיי געבראַכט צו אַזאַ גוטן גוי, האָפט ער, אַז ער וועט זיי אַריבערפירן בשלום איבער דער גרענעץ אויך.

געזעטיקטע און דערוואַרעמטע, האָבן די מיידלעך נאָכדעם איינגעדרעמלט, צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער. אריה־לייב האָט אויך אַריינגעדרעמלט, מיט זיין נאַקן צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. און נאָכדעם איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף.

ער האָט שוין לאַנג ריכטיק ניט געשלאָפן. און אַ שלעכטן חלום האָט ער איצט געזען אין שלאָף. אים האָט זיך געחלומט, אַז ער איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים, אין זיין גרויסן, רייכן הויז. פּלוצים האָט ער דערזען, ווי דער באַלקן און די ווענט פון זיין הויז בויגן זיך. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן האָט ער דערפילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז אָנגעגאָסן געווען מיט שווערן בליי. ער האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן פון אָרט, ניט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר.

פאַר שרעק האָט ער געוואָלט שרייען, און האָט קיין קול ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט צו גאָט בעטן און האָט די ווערטער ניט געפונען. ער האָט ערשט גענומען שרייען, ווען דער דאַך מיט די ווענט זיינען מיט אַ קראַך אַרונטערגעפאַלן איבער אים און האָבן אים גענומען שטיקן...

און אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער נאָך געהערט דעם דאָזיקן געשריי זיינעם, וואָס האָט זיך געריסן ביי אים, ווי פון אַ האַלדז, וואָס מען וואָלט געשטיקט און געוואָרגן...

סיי מלכה און סיי פריידל האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זיין געשריי און געקוקט אויף אים מיט שרעק.

אַ פּאָר מינוט האָט גענומען, ביז ער איז געקומען צו זיך און האָט זיך געכאַפּט וואו ער האָט זיך געפונען. ער האָט אַרויסגעמורמלט:

— רבונו של עולם, אפילו איינדרעמלען רואיק קאָן איך ניט!

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט גאַל:

– און נאַר וואָס איך בין! פאַרוואָס האָב איך זיך דאָ אַזוי דערשראָקן? אַ טייערע מציאה, מיר האָט זיך געחלומט, אַז דער באַלקן און די ווענט זיינען איינגעפאַלן אויף מיר. דאָס איז, דאַכט זיך, אַ קליייניקייט לגבי וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אויף דער וואָר!

— טאַטע, — האָט מלכה זיך אָנגערופן, — איך בעט דיך, פּר׳זו זיך באַרואיקן, שאַנעווע דאָס ביסל געזונט. וואָס דיר איז נאָך פאַרבליבן. טו דאָס צוליב זיך אַליין און צוליב מיר אויך.

— יאָ־יאָ, גערעכט, מיין קינד, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — נאָר צוליב דיר. צוליב דיר בין איך אַפילו גרייט צו לעבן. וואָס מיר איז אַזוי שווער, אַזוי שווער. גאָט אַליין ווייס, ווי שווער מיר איז דאָס, מיין קינד! אָבער צוליב דיר... ברענגען דיר איבער דער גרענעץ, אַרויסרייסן דיך אַ גאַנצע פון דאַנען, נאָכדעם...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין זיין טאָכטערס פּנים.

„וואָס פון איר איז געוואָרן. אַ תּל. געווען אַזאַ פאַרשוין, פריש און געזונט. האָט געלויכטן ווי אַלע זונען. איר מאַמע האָט תּמיד גערעדט, אַז ביי איר מלכה׳לען, אין די שוואַרצע אויגן ברענען שבת־ליכט. און היינט — אויסגעלאָשן. די פולע באַקן אויסגעצויגן, איינגעפאַלן. אַ שאָטן פון דער פריערדיקער!.“

און פאַר אריה־לייבס אויגן האָט אַ שוועב געטאָן די פריערדיקע מלכה מיטן טונקעלן, חנ׳עוודיקן פּנים און מיט די פּאָר שוואַרצע וואַרעמע און לעבעדיקע אויגן. זי איז ווי אָנגעגאָסן געווען מיט געזונט און מיט אימ־פּעטיקער פרייד. פרייד האָט פון איר געשלאָגן, ווי פון אַ קוואַל.

אַ פריילעכע האָט זי געשוועבט פאַר אים, אַ שמייכלענדיקע און אַ לאַכנ־דיקע, מיט אירע צוויי שוואַרצע שווערע צעפּ.

און טראַכטנדיק וועגן זיין טאָכטער מלכה, האָבן די איבעריקע פון זיין הויזגעזינט זיך אַ טראָג געטאָן פאַר אים — זיין ווייב רבקה, זיינע ביידע זין, יאַנטשע און מולקע, און זיין עלטסטע טאָכטער שיינדל, מיט איר עופ׳לע אין די אָרעמס, און מיט איר מאַן אַבראַשאַ — אַלע דערהרגעטע, צעהאַקטע מיט די שווערדן פון די היידאַמאַקעס...

אריה־לייב איז געוואָרן אַזוי אויפגערעגט פון אָט דעם בילד, אַז אים האָט זיך געוואָלט שרייען און שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט, לעבן וועלכער ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט; אָבער צוליב מלכה׳ן האָט ער געפּרוווט זיך צו באַרואיקן. און אַז דאָס איז אים שווער געווען, האָט ער אַ צי געטאָן דאָס פעלצל, מיט וועלכן גריצקאָ האָט אים איינגעוויקלט, צו זיך איבערן קאָפּ, האָט זיך איינגעטוליעט און אים מיטן פּנים און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שטרוי און פאַרשטיקט דעם געוויין אין זיך, אַז מלכה זאָל ניט הערן.

פערטער קאפיטל.

מ ל כ ה און פ ר י י ד ל.

מלכה איז געווען ביי אריה-לייבן זיין מוזינקע און ביי אים און ביי זיין ווייב רבקה'ן איז זי טייערער געווען, — האט זיך זיי אמאל געדאכט, — איידער דיביידע זין און איידער די עלטסטע, אויסגעגעבענע טאכטער שיינדל. סיי-ווי-סיי, זי איז געווען די גראטנסטע צווישן זיי. זי איז געווען געביל־דעטער איידער יענע, הגם יענע האבן אויך געענדיקט א גימנאזיע, ווי זי. אבער איז געווען מער באלזן ווי יענע, האט ליב געהאט צו לייענען ערנסטע ביכער, כאטש זי איז געווען אזא לעבעדיקע נאטור. באזונדערש איז אריה־לייב אויף איר שטאלץ געווען, ווייל זי האט גוט געקענט העברעאיש און ווייל, זי האט אמאל אויף אן אונטערנעמונג אויף א געזעלשאפטלעכן צוועק פארגעלייענט לידער פון ביאליקן. און פון איר שפילן אויף דער פיאנא האט ער אויך א סך געהאלטן.

סיי ער און סיי זיין ווייב רבקה זיינען זיכער געווען, אז זי וועט טאן דעם בעסטן שידוך, בפרט נאך ווען זיי זיינען גרייט געווען צו געבן איר א צען טויזנט דאלאר נדן. דערווייליע אבער האט מלכה פון קיין שידוך טאן ניט געוואלט הערן. זי האט צייט — האט זי גערעדט — און איר באשערטן האט זי נאך אויך ניט געטראפן.

און זי איז ארומגעגאנגען מיט יונגעלייט, ס׳רוב פון זיי סטודענטן, סיי יידישע און סיי קריסטלעכע, האט געשפאצירט מיט זיי, געלאכט מיט זיי, דיסקוטירט מיט זיי וועגן ביכער און שרייבער און געזעלשאפטלעכע פראגן, און אזוי איז די צייט געלאפן.

זי האט געהאט עטלעכע חברטעס אויך און די נאנטסטע חברטע אירע איז געווען פריידל, אדער פרידא, ווי די אנדערע האבן זי גערופן.

פריידל איז אינגאנצן געווען דער היפוך פון מלכה'ן. א שטילע, א פאר־טראכטע, האט זי שטיל גערעדט און שטיל געשמייכלט און שטיל געקוקט מיט אירע שווארצע פאר'חלומטע אויגן. און ווי געזונט און קערנדיק מלכה האט אויסגעזען, אזוי צארט און מאגער איז פריידל געווען.

פריידל האט פארגעטערט מלכה'ן, מחמת פאר דעם ביסל בילדונג, וואס זי האט געהאט, האט זי געהאט צו פארדאנקען מלכה'ן. מלכה האט מיט איר געלערנט און וועגן דעם האט מען ניט געטארט ווייזן ביי פריידלען אין דער היים. מחמת פריידלס היים איז געווען א חסידישע, א פאנאטישע און די קינדער דארט האבן געקראגן א פרומע יידישע ערציאונג. אביסל רוסיש, יא, אבער ניט קיין סך. אפילו אביסעלע דייטש האט געקאנט צוניץ קומען, מחמת די זין האבן געהאנדלט מיט דייטשלאנד און מען איז יעדן זומער גע־פארן אין די בעדער אויך, וואו מען האט געדארפט ריידן דייטש; אבער שיקן די קינדער אין א גימנאזיע, אדער אין אן אנדער לערן־אנשטאלט —

דערפון האָט מען אפילו ניט געטאָרט טראַכטן בײַ פֿריידלען אין דער פֿרומער הײם. און אַזױ װי זי, פֿריידל, האָט געהאַט חשק צו לערנען און צו לײענען ביכער, איז מלכה איר געקומען צו הילף. און אויף אַזאַ אופֿן זײַנען די בײדע מײדלעך זײער נאָענט באַפֿרײַנדעט געװאָרן. מלכה האָט פֿריידלען ליב געהאַט און פֿריידל האָט מלכה׳ן ליב געהאַט און פֿאַרגעטערט.

זײ האָבן געװאױנט אין אײן הויז. די דאָזיקע בײדע הײַזער זײַנען געװען די שענסטע און די רײַכסטע אין שטעטל.

בײַ פֿריידלס מאַמען, חיה־שרה׳ן, איז אַבֿרהם־בער ראַטנער, דער רײַכער װאַלד - הענדלער, געװען דער צװײטער מאַן. מיט איר ערשטן מאַן, מיט פֿריידלס טאַטן, דוד ראַבינאָװיטש, האָט זי זיך געג׳גט, װען פֿריידל איז אַלט געװען צװײ יאָר.

זי האָט זיך געג׳גט מיט אים טאַקע צוליב פֿרומקײט, װײַל זי און איר גאַנצע משפּחה האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַן אַפּיקורס, װאָס האָט געררױכערט אום שבת און געלײענט טריף־פּסולן.

נאָכן גט איז ער אַװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע. שפּעטער, װען פֿריידל איז אױסגעװאַקסן, האָט זי באַקומען פֿון אים עטלעכע בריװ, אין װעלכע ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, װאָס זי מאַכט און װאָס זי טוט און צי לערנט זי זיך, און צי זי װאָלט װעלן פֿאָרן צו אים קײן אַמעריקע.

אָבער ניט פֿריידלס פֿרומע מאַמע און ניט איר פֿרומער שטיף־פֿאָטער האָבן זי געלאָזט אים אױף זײַנע בריװ ענטפֿערן. האָט זי נאָכדעם אַ צײַט לאַנג פֿון אים ניט געהערט, ביז זי איז געװאָרן זעכצן יאָר אַלט.

דאָס איז געװען אין 1914. יענעם יאָר, שבֿועות־צײַט, האָט פֿריידל װידער באַקומען אַ בריװ פֿון אַמעריקע, פֿון איר טאַטן, דוד ראַבינאָװיטש. און אין אָט דעם בריװ האָט ער זיך בײַ איר װידער נאָכגעפֿרעגט, צי זי װיל קומען צו אים אין אַמעריקע.

אָבער דאָס מאָל האָט זי אים יאָ געענטפֿערט. און געענטפֿערט האָט זי אים, אַז זי װאָלט זײער און זײער געװאָלט קומען צו אים, װײַל אין דער הײם קאָן זי ניט אױסהאַלטן מער פֿון דעם פֿאַנאַטיזם. אָבער װי אַזױ רײַסט זי זיך אַרױס פֿון דער הײם, אַז די מאַמע טאָר אַפֿילו נישט װיסן, אַז זי שרײַבט צו אים אָט דעם בריװ.

און צום סוף בריװ האָט זי איר אַמעריקאַנישן טאַטן געבעטן, אַז ער זאָל איר צושיקן זײַן בילד און אים צוגעזאָגט, אַז אין דעם צװײטן בריװ װעט זי אים אױך אַרױסשיקן איר בילד. און דערבײַ האָט זי אים אױך געבעטן, אַז זײַנע בריװ זאָל ער פֿון װײַטער אָן צושיקן אױפֿן אַדרעס פֿון אריה־לײב גאָרדאָן. און אים אָנגעגעבן אריה־לײבס אַדרעס..

און אין אַ זעקס װאָכן שפּעטער האָט זי באַקומען אױף דעם אַדרעס פֿון אריה־לײב גאָרדאָן אַ נײַעם בריװ פֿון איר טאַטן מיט זײַנס אַ בילד. און אָן אַ שיר ליבע האָט דער טאַטע פֿון אַמעריקע אַרױסגעװיזן אין אָט יענעם בריװ.

ער האָט איר געשריבן, אַז ווען ער וואָלט זיכער געוואוסט, אַז זי וויל פאָרן צו אים קיין אַמעריקע, וואָלט ער אַליין געקומען נאָך איר.

פריידל האָט זיך געפרייט מיט אַט יענעם בריוו פון איר אומבאַקאַנטן טאַטן; אָבער נאָך מער האָט זי זיך געפרייט מיט זיין בילד, וואָס ער האָט איר געשיקט אין יענעם בריוו. און סיי זי און סיי מלכה האָבן באַשלאָסן, אַז דער אַמעריקאַנישער טאַטע איז געווען זייער און זייער אַ שיינער מאַן און אַז ער האָט אויסגעזען גאָר־גאָר אַנדערש ווי די טאַטעס אין זייער שטעטל.

דערביי האָט מלכה צוגערעדט פריידלען, אַז זי זאָל אים שרייבן, אַז זי וויל אומבאַדינגט פאָרן צו אים קיין אַמעריקע.

זאָל ער טאַקע קומען און זי נעמען אַהין. מחמת פאַר איר, פריידלען, איז גאָר ניט געווען קיין תכלית צו פאַרבלייבן ביי איר פאַנאַטישער מאַמען. ווער ווייס מיט וועמען איר מאַמע קאָן זי נאָך פאַרשלייערן?!

און פריידל האָט מסכים געווען מיט מלכה׳ן, און ביי איר איז געבליבן טאַקע אַזוי צו שרייבן צו איר טאַטן. זי האָט נאָך אַפריער געוואָלט גיין צום פאָטאָגראַפיסט, כדי צו האָבן אַ בילד, וואָס זי האָט געוואָלט שיקן איר טאַטן.

דערווייל האָט די מלחמה אויסגעבראָכן — און אויס קאָרעספאָנדענץ צווישן טאַטן און טאָכטער. אַפילו איר בילד האָט זי אים ניט געקענט שיקן.

אין יענער צייט, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז מלכה נאָך גע־גאַנגען אין גימנאַזיע, און מיט אַ סך אַנדערע פון דער שטודירנדיקער יוגנט, סיי דער יידישער און סיי דער ניט־יידישער, האָט זי געהאָפט, אַז די מלחמה וועט ברענגען צו אַ רעוואָלוציע קעגן דעם צאַר. זי האָט ניט קיין אָנטייל גע־נומען אין קיין רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָבער שטילערהייט האָט זי סימפּאַטיזירט מיט די עס־ערן, אַ דאַנק איינעם אַ קריסטלעכן סטודענט, וואַסיאַ זעליאָני, וואָס מיט אים איז זי מער באַפריינדעט געווען, איידער מיט די אַנדערע.

אַט דער וואַסיאַ זעליאָני, אַ זון פון אַ גימנאַזיע־לערער אינם שטעטל, האָט אָפט פאַרבראַכט מיט איר ביי איר אין דער היים. ער האָט געלייענט מיט איר פאַרבאָטענע ביכער, וואָס ער האָט שטילערהייט געבראַכט צו איר (ער איז געווען אויף אַ יאָר דריי עלטער פון איר). און געזונגען מיט איר אוקראַיִנישע און אַמאָל רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער. ווען נאָר מען האָט דאָס געקאָנט, אָדער ער איז געזעסן און האָט זיך צוגעהערט צו איר פּיאַנאָ־שפּילן, אָדער גלאַט זיך אונטערגעהאַלטן מיט איר און הנאה געהאַט פון געזונטן, האַרציקן געלעכטער.

נישט איינמאָל האָט מלכה פון אים געהערט: „מאַריאַ לוואָוונאַ, לאַכט אַ ביסעלע! איך האָב ליב אייער געלעכטער נישט ווייניקער ווי דעם פייער פון אייערע אויגן!״

אויף דעם האָט זי אים איינמאָל באַמערקט מיט איר געזונטן האַרציקן געלעכטער:

— אָבער מיין מוטערס געפּילטע פיש, וואַסיאַ, ליבט איר בעסער, נישט אמת?

האָט זיך וואַסיאַ אויך צעלאַכט וואָרעם און האַרציק. אויך די געפּילטע פיש פון איר מאַמען געפעלן אים, אָבער משוגע ווערט ער נישט דערפון, ווי פון איר געלעכטער און פון אירע אויגן, האָט ער באַמערקט.

ער איז געווען שיר-ניט אַן אייגענער מענטש ביי אירע עלטערן, כאָטש ער איז נישט געווען קיין יידישער בחור. און ער האָט אַ סך מאָל מיט זיי געגעסן און געטרונקען ביי זייער טיש.

מלכה׳ס פריינטשאַפט מיט אָט דעם וואַסיאַ זעליאַני איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אָפט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז ניט געווען גלייכגילטיק צו אים. אָבער אַ סך טראַכטן דערפון האָט זי נישט געוואָגט. זי האָט פּשוט מורא געהאַט דערפאַר, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ טאָכטער פון דעם פרומען אריה-לייב גאָרדאָן.

פינפטער קאַפּיטל.

ווער איז געווען אריה-לייב גאָרדאָן?

אמת, איר טאַטע, אריה-לייב גאָרדאָן, איז ניט געווען אַזוי פאַנאַטיש. ווי פריידלס שטיף - פאָטער, צי ווי פריידלס מאַמע; אָבער ער וואָלט אויך געזעסן שבעה נאָך זיין מלכהן, ווען זי זאָל חתונה האָבן מיט אַ גוי.

זי האָט איר טאַטן ליב געהאַט מער, האָט זיך איר אַלעמאָל געדאַכט, ווי איר מאַמען, ווייל ער איז געווען אַ פריילעכער ייד און אַ לעבעדיקער, און בסדר האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן גלייכווערטלעך און נאָכאַנאַנד האָט ער געלאַכט הויך און האַרציק מיט עפּעס אַ מין באַזונדערן געזונטן אימפּעט.

הויך און ברייט איז ער געווען און שטאַרק — אַ ייד אַ גיבור, מיט אַ שיינער שוואַרצער, שטענדיק - אויסגעקאַמטער באָרד, און שטענדיק איז ער געווען פריילעך־אויפגעלייגט, שטענדיק אַ יום־טוב׳דיקער.

אינם שטעטל זיינען געווען נאָך רייכערע יידן פון אים. אָבער קיינער האָט ניט געלעבט אויף אַזאַ ברייטע פוס ווי ער. קיינער איז ניט געווען שיין אָנגעטאָן ווי ער, און קיינער האָט ניט געטראָגן אַזאַ טייערן פוטער ווי ער.

צוליב זיין געשעפט איז אים אָפט אויסגעקומען צו פאָרן קיין אויסלאַנד. און יעדעס מאָל, ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, האָבן די שכנים און שכנות אויף דער גאַס, וואו ער האָט געוואוינט, דערנאָך גערעדט וועגן די שיינע מתנות, וואָס ער האָט פון אויסלאַנד געבראַכט פאַר זיין ווייב און קינדער: וועגן די טייערע שאַלן און טיכער און פוטערוואַרג און וואָל, און זיידנס פאַר זייערע קליידער.

בכלל, אַז ער איז געקומען אַהיים פון אויסלאַנד, האָט מען דאָס יעדעס מאָל געפּילט ניט נאָר צווישן זיינע היימישע אליין, נאָר צווישן זיינע שכנים

אויך און צווישן די באַלעבאַטים אין בית - המדרש, וואו ער האָט געדאַוונט.

איין שכן האָט ער מכבד געווען מיט אַ סיגאַר פון דעם „ריכטיקן האַ־וואַנאַ - טאַבאַק", אַן אַנדערן האָט ער פאַררופן צו זיך אין הויז אַריין און אים מכבד געווען מיט עפּעס אַ טייערע משקה, וואָס ער האָט געבראַכט פון קעניגסבערג, און מיט עטלעכע טשיקאַווע מעשה׳לעך, וואָס ער האָט געכאַפּט ביי די האַרטיקע יידישע סוחרים.

און פאַר דעם חבֿ פונם שטעטל, דעם אַלטן ר׳ שלמהן, האָט ער אויך תמיד געבראַכט אַ מתנה, און אַמאָל אפילו פאַר דער אַלטער רביצין אויך: אַמאָל אַ וואָלענעם שאַליק און אַמאָל אַ טוך...

און האַלץ אויפן בית המדרש האָט ער תמיד מנדב געווען; און דער שמש פון בית המדרש האָט אָפט פון אים אַ שיינע מטבע געכאַפּט; און אָפט האָט ער ליב געהאַט צו פאַררופן צו זיך אַהיים די באַלעבאַטים פון בית - המדרש אויף „ברכה". און אין בית המדרש האָט ער געשמאַק געזאָגט די ברכות. ווען מען האָט אים דאָרט צו „שישי" אויפגערופן; און געשמאַק האָט ער גע־לייענט די הפטורה, מיט וועלכער מען האָט אים דאָרט מכבד געווען. און שמחת-תורה צו הקפות האָט ער אין בית המדרש גאָר געברענט אַ וועלט: גע־זונגען פרייליכע יידישע נגונים מיט די אַנדערע באַלעבאַטים (אַמאָל זיינען די נגונים און די ווערטער געווען פאַרפאַסט מאַקע פון אים אַליין) און ער האָט געטאַנצט, געהויבן זיינע פיס און געוואָלדעוועט: „צאן קדשים מע — — — ע!!".

אין פאַרגלייך מיט פריידלס שטיף - פאָטער, אברהם-בער ראַטנער, איז ער געווען אַ וועלטלעכער מענטש, הגם ער איז אויך געווען אַן אמת-פרומער, טיף-גלויביקער ייד. ער, אריה-לייב, האָט געהאַלטן פון געבילדעטע מענטשן און פאַר זיי געהאַט דרך-ארץ, און ער איז געווען שטאַלץ אויף דעם, וואָס זיינע אַלע קינדער זיינען געווען געבילדעט. ער האָט געטענה׳ט, אַז מען קאָן זיין געבילדעט ווי שלמה - המלך און וויסן אַלע חכמות פון דער וועלט, און בלייבן אַן אמת-פרומער ייד.

מחמת דעם האָט ער אָפט חוזק געמאַכט פון זיינע פאַנאַטישע שכנים, אברהם-בער ראַטנער און זיין ווייב חיה-שרה, פריידלס מאַמע, און האָט זיי גערופן „פרומע פלעקער".

אויך זיין ווייב חבֿקה, הגם אויך אַ פרומע און אַ טיף-גלויביקע, איז געווען אַ סך וועלטלעכער, איידער חיה-שרה, פריידלס מאַמע.

אינם שטעטל האָט זי געשמ׳ט פאַר אַ גוטהאַרציקער און פאַר אַ גרויסער פאַרשוין. מלכה האָט געהאַט אירע שוואַרצע אויגן און איר חנוודיקייט, הגם זי איז מער ענלעך געווען צו איר טאַטן.

זייער אַ גוטע איז געווען אָט די חבֿקה, זי איז תמיד גרייט געווען צו טאָן עמיצן אַ טובה, אַרויסצוהעלפן עמיצן אין אַ נויט, צו כאַפּן אַ מצווה. זי איז אָפט אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּאַטשיילקע צווישן אירע באַקאַנטע, כדי צונויפ-

צונעמען עטלעכע רובל פאר אן ארעמען קראנקן.

און האט מען אין שטעטל געמאכט אן אונטערנעמונג פאר א וואוילטעטיקן צוועק, האט זי געארבעט פאר דעם מער איידער די אנדערע — אזוי פיל וויפיל איר מאן אליין, וואס ער, געוויינלעך, איז געווען דער גאנצער מאכער פון אזא אונטערנעמונג. און מען האט גערעדט, אז גאר אפט האט זי מיט געלט פון איר אייגענער קעשענע געצאלט פאר רעצעפטן און נארונג, וואס זיינען נויטיק געווען אן ארעמען קראנקן.

האבן טאקע די פרומע ווייבער פון דעם שטעטל גערעדט: „חבקה אריה-לייבס גרייט זיך אן א שיינעם חלק עולם הבא"...

פון איר אריה-לייבן האט זי געהאלטן גאר אן עולם ומלואו, און ווען ער איז אמאל אוועקגעפארן פון דער היים, האט זי שטארק געבענקט נאך אים.

און אז ער איז צוריקגעקומען, האט זי אפילו אין די מיטנוואכעדיקע טעג געטראגן דעם יום-טוב אויף זיך: אין די אויערן — די לאנגע זילבערנע אויער-רינגען מיט די שווארצע דימענטן, און די ווייסע פערל אויף איר טונקעלן האלדז; און איר טונקל חנוודיק פנים מיט די שווארצע פייערדיקע אויגן האט דעמאלט יום-טובדיק געלויכטן און האט ווי גערעדט:

„איך האב אן אורח: מיין אריה-לייב, זאל לעבן, איז אין דער היים".

ווען אין שטעטל איז אמאל געקומען העכערע „נאטשאלסטווא" פון דער גובערניע, איז זי איינגעשטאנען ביי אריה-לייבן אין הויז. מחמת זיין הויז איז געווען דאס שענסטע, און ווייל ער, אריה-לייב, האט געוואוסט, ווי זיך צו באגיין מיט „נאטשאלסטווא" בעסער איידער די אנדערע רייכע יידן פונם שטעטל.

ווען עס האט זיך אנגעהויבן די מלחמה איז ער געווארן א פאדריאדטשיק ביי דעם רוסישן מיליטער. ער האט צוגעשטעלט פראוויאנט פאר דער ארמיי און האט באשעפטיקט ביי דעם זיינע ביידע זין. א דאנק דעם, האט מען זיי ניט גערופן אין דער ארמיי צו אקטיוון דינסט. זיין עלטסטע טאכטער שיינדל האט אונטער דער צייט חתונה געהאט פאר אן אדוואקאט, און אין א יאר שפעטער האט מלכה געענדיקט גימנאזיע.

זעקסטער קאפיטל.

מלכה באווייזט איר פריינט וואסיא.

איר קריסטלעכער פריינט, וואסיא זעליאני, איז געווען דעמאלט אויף דער מלחמה, און אפט האט זי באקומען פון אים בריוו, פול מיט בענקשאפט נאך איר. און ווי זי אליין האט נאך אים געבענקט, און ווי זי האט אויף אים רחמנות געהאט, און ווי זי האט אים געוואלט טרייסטן, האט זי דאך ניט געקאנט ביי זיך פועלן צו געבן אים האפענונג, אז זיי וועלן אמאל זיין מאן און ווייב. אמת — האט זי אים געשריבן — זי לייקנט ניט, אז ער איז אפשר

דער נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט; אָבער דאָס, וועגן וואָס ער חלומט קאָן קיינמאָל ניט מקוים ווערן. זי האַלט פאַר איר חוב צו לאָזן אים וויסן וועגן דעם כדי ער זאָל דעם געדאַנק וועגן איר אַרויסוואַרפן פון זיין קאָפּ און זאָל ניט בענקען נאָך איר. זי ווייס ניט, אויב זי האָט עס אים געדאַרפט שרייבן אין אַזאַ צייט, אָבער זי וויל אים ניט נאַרן אַפילו אין אַזאַ צייט, וואָס איז אַזוי שווער פאַר אים.

שפּעטער, אַז זי האָט אויפגעהערט צו באַקומען בריוו פון אים, איז זי אַפּט געזעסן ביי זיך אין צימער און האָט געוויינט. זי האָט געטראַכט: אפשר איז ער דאָרט דערהרגעט געוואָרן.

צו דערשטיקן איר בענקשאַפט און איר טרויער, האָט זי זיך אַריינגע-וואָרפן אין דער אַרבעט פאַר כלערליי אונטערנעמונגען, וואָס זיינען אין יע-נער צייט געמאַכט געוואָרן אין דעם שטעטל. אויף יענע אונטערנעמונגען איז זי ס'רוב אַליין אויפגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס פון העבּרעאיש און רוסישע לידער, אָדער זי האָט אַקאָמפּאַנירט אַ קאָנצערטיסט אויף דער פּיאַנע. זי האָט בכלל געזוכט צו זיין וואָסמער פאַרנומען, כדי איר זאָל פאַרבלייבן וואָס-וויינקער צייט צו בענקען און צו טרויערן.

איצט האָט מען זעלטן ווען געהערט איר הילכיק, געזונט געלעכטער.

די פרייד, וואָס האָט פריער געשלאָגן פון איר, ווי פון אַ קוואַל, איז אין איר דאָרט ערגעץ דערשטיקט געוואָרן; און בכלל איז די צייט ניט געווען אַזאַ פאַר פרייד און געלעכטער. צופיל קרבנות האָט די מלחמה צוגענומען ביים שטעטל. אַ סך פון אירע באַקאַנטע יונגעלייט זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה. און מיט יעדן טאָג האָט זיך דאָרט געמערט די צאָל יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, צעקאַליעטשעטע און פאַרקריפּלטע: יונגעלייט אָן הענט, אָן פיס, אַנדערע פון זיי אויף קוליעס, אַנדערע — געזונטע און נאָך אַנדערע, וועמען מען האָט געמוזט פירן פאַר אַ האַנט, ווייל זיי זיינען געווען בלינד.

איר טאַטע פונקט ווי די אַנדערע, סיי יידישע און סיי ניט-יידישע קריגס - פּאָדריאַטשיקעס, וועלכע האָבן צוגעשטעלט פּראָוויאַנט פאַר דעם מיליטער, איז נאָך צען מאָל רייכער געוואָרן פון דער מלחמה. איצט האָט ער געגעבן צדקה מיט דער פולער האַנט — געגעבן טויזנטער; און וועמען צו געבן, איז געווען גענוג אין יענער צייט, ווען מען האָט אויפן באַפעל פון דעם רוסישן העכסטן מיליטערישן קאָמאַנדיר אַרויסגעטריבן אַזויפיל יידן מיט זייערע הויזגעזינטן פון זייערע היימען אין די גרענעץ-שטעטלעך, און ווען אַזויפיל עלנד און אומגליק איז געווען אַרום.

ביז עס איז געקומען די רעוואָלוציע און די פרייד האָט דעמאָלט פאַר איינציקט אויף אַ געוויסער צייט אַלעמען אינם שטעטל, סיי די יידישע און סיי די קריסטלעכע באַפעלקערונג, סיי די אָרעמעלייט און סיי די גבירים.

אַפילו יענע אומגליקלעכע מלחמה - קריפּלס, וואָס אַזויפיל זייערע

זיינען געווען אין שטעטל, האָבן זיך אויך געפרייט, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פונם צאַר און פון זיין רעגירונג. ווערט געווען אַלע קרבנות האָט מען גערעדט, אַבי באַפרייט זיך פון דעם צאַר און זיין ממשלה.

און אין דער ערשטער דעמאָנסטראַציע לכבוד אָט דער געשעעניש האָבן זיך באַטייליקט אַלע איינוואוינער פונם שטעטל, אריה־לייב אויך. און מלכה מיט דעם איספּראַוויניקס טאָכטער און מיט פריידלען זיינען געגאַנגען אין פאָרויס און האָבן געטראָגן די רויטע פאָן.

און אין דער אופּראַווע האָט מען אַרונטערגענומען דעם פּאָרטרעט פון צאַר און אויף זיין פּלאַץ אויפגעהאַנגען דעם פּאָרטרעט פון קערענסקין. און צווישן די, וועלכע האָבן דאָרט געהאַלטן רעדעס אַלס פאָרשטייער פון די יידן אין זיין שטעטל, איז געווען אויך אריה־לייב גאָרדאָן. און ער האָט זיך צעקושט מיט כראַפּאָוויצקין, דעם דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער גימ־נאַזיע, וועלכער האָט גערעדט ווי דער פאָרשטייער פון דער גאַנצער שטעטל־דיקער באַפעלקערונג.

אַזאַ ברידערשאַפט צווישן מענטש און מענטש, ווי מען האָט געפילט דעמאָלט אין שטעטל, האָט מען ניט געפילט קיינמאָל פריער און קיינמאָל שפּעטער.

איצט, ווען מען האָט זיך געפילט באַפרייט, האָבן זיך גענומען הערן שאַרפע רייד קעגן דער מלחמה. די דאָזיקע רייד זיינען מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שאַרפער און העכער.

— אַ סוף צו דער מלחמה — האָט מען געשריען — און אַ סוף צו דער גאַנצער אָרדנונג, וואָס האָט אַרויסגערופן די דאָזיקע פעלקער־שעכטעריי!

דאָס האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי די מערסטע פון דער יוגנט אין שטעטל, סיי ביי דער יידישער, סיי ביי דער ניט־יידישער אויך ביי מלכהן.

אפילו פריידל, וואָס איז בטבע געווען ווייט פון אַ וועלכער ניט־איז באַוועגונג, איז אין אָט דער צייט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט די רייד און פאָדערונגען, און זי איז אַמאָל געגאַנגען צו אַ פאַרזאַמלונג, וואו מען האָט גערעדט דערפון...

זיבעטער קאַפּיטל.

מלכה׳ס באַגעגעניש מיט וואַסיאַ זעליאַני.

אויף אַ פאַרזאַמלונג איז איינמאָל אויפגעטראָטן אַ רעדנער, וואָס אַז מלכה האָט אים דערזען, איז זי אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן. דאָס איז געווען וואַסיאַ זעליאַני.

ער האָט געטראָגן אַן אוניפאָרם פון אַן אָפיצער פון דער רוסישער אַרמיי און ער איז געווען אַ סך פאַרעלטערט. ער האָט אויסגעזען שטאַרק אויסגעמאַגערט, און אויף זיין פּנים האָבן זיך אָנגעזען די שפּורן פון די דורכגעלעבטע טעג און נעכט אין די טראַנשייען.

אויף מלכהן האָט אַ באַזונדערן איינדרוק געמאַכט זיין גראָער, אָפּגע־גאָלטער קאָפּ.

פריער, ווען זי האָט אים געקענט, האָט ער געהאַט געדיכטע, שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ און אַ שווערע שוואַרצע טשופּרינע האָט זיך שטענדיק געבאַמבלט ביי אים איבערן שטערן.

,,ער לעבט! ער לעבט!" האָט אין איר געשריען. און פאַר פריידיקער איבעראַשונג האָט זי די ערשטע פּאָר מינוט ניט געהערט וואָס ער האָט גערעדט.

און נאָכדעם, אַז זי האָט אָנגעהויבן זיך צוהערן צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט, איז זי געוואָרן פאַרוואונדערט. ערשטנס, האָט ער ניט גערעדט רוסיש, נאָר אוקראַיניש; צווייטנס האָט ער אַגיטירט פאַר פירן די מלחמה וויטער קעגן די דייטשן; אַז ניט, האָט ער געוואָרנט, וועט אוקראַינע ווערן אַ פּראָווינץ פון דייטשלאַנד.

— אוקראַינע מוז בלייבן אַ פריי, אומאָפּהענגיק לאַנד — האָט ער גערעדט. — דער לאָזונג פון די אוקראַינער מוז פון איצט אָן זיין: אַ פרייע און באַפרייטע אוקראַינע; באַפרייט אויך פון רוסלאַנד, מיט איר אייגענעם, באַזונדערן פּנים, מיט איר אייגענער שפּראַך, מיט דער שפּראַך פון שעווטשענקאָ!..

און זיינע ווערטער זיינען אויפגענומען געוואָרן פון די צוהערער מיט באַגייסטערונג. אַפילו אַ סך פון יענע, וואָס האָבן די גאַנצע צייט גע־שריען, אַז מען מוז מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה האָבן אים אַפּלאָדירט.

שפּעטער, ווען ער איז אַרונטער פון דער עסטראַדע, איז מלכה צו אים צוגעגאַנגען, אַ צעשטראַלטע, מיט אַ צעשמייכלטן פּנים און מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— ווי איך בין גליקלעך אייך צו זען, וואַסיאַ! — האָט זי געזאָגט מיט אַ וואַרעמען קול.

ער האָט קוים אַ שמייכל געטאָן און רואיק געדריקט איר אויסגע־שטרעקטע האַנט, און רואיק זיך אָנגערופן:

— אַ, דאָס זיינט איר, מאַריאַ לוואָוונאַ?

זיין רואיקער, גלייכגילטיקער טאָן האָט אַביסל צעמישט מלכהן, און זי האָט אַ ווײַלע ניט געוואוסט וואָס וויטער מיט אים צו ריידן. אָבער באַלד איז זי געקומען צו זיך און האָט געזאָגט:

— איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, וואַסיאַ, וואָס פאַר אַ פרייד איז ביי מיר אייך צו זען אַ לעבעדיקן און אַ געזונטן.

און זי האָט צוגעלייגט:

— און מיר האָבן דערלעבט די פרייהייט אויך, וואַסיאַ. דאָס, פון וואָס מיר אַלע האָבן אַזויפיל געחלומט!..

ער האָט געוואָרפן אויף איר אַ האַסטיקן בליק און סאַרקאַסטיש

א שמויכל געטאָן.

— יאָ, מאַריאַ לוואָוונאַ, אַ וואָוילע זאַך די פֿרייהייט, זייער אַ וואוילע בפֿרט נאָך ווען מען באַצאָלט פֿאַר איר אַזוי ווייניק ווי איר, מאַריאַ לוואָוונאַ!

איז זי דעמאָלט נאָך מער צעטומלט געוואָרן און האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך פֿאַרשטיי אייך ניט...

האָט ער געענטפֿערט שוין אויף אוקראַיניש:

— איך רייד, האַכט זיך, צו אייך אַזוי קלאָר. אייער פֿאָטער איז דאָך, מסתּמא, אויך צופֿרידן פֿון דער פֿרייהייט, פֿאַרוואָס זאָל ער ניט זיין צופֿרידן? צו דער מלחמה האָט ער גאַרנישט ניט דערלייגט, אַחוץ די צענדליקער טויזנטער צו זיין פֿאַרמעגן און די פֿרייהייט האָט אָפּגעשאַפֿט אַלע פֿריערדיקע זשידאָווסקע באַגרענעצונגען.

מלכּה האָט אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איך שפּאַסט? אַזוי רעדט דאָס וואַסיאַ זעליאַני? איר רעדט דאָך באַלד ווי דער אַנטיסעמיט שולגין, אָדער ווי מאַרקאָוו דער צווייטער!..

— איך רייד, ווי איך פֿאַרשטיי און ווי איך פֿיל. און מיין קאַליר האָב איך ניט געביטן. מיין קאַליר, מאַריאַ לוואָוונאַ, איז איצט אויך ניט שוואַרץ. איצט, אַזוי ווי פֿריער, בין איך קעגן עקספּלואַטאַטאָרס און בלוט־זויגערס. איצט נאָך מער. איבערהויפּט בין איך קעגן בלוט־זויגערס, וועלכע האָבן זיך אָנגעלעבט די גרויסע פֿאַרמעגנס דורך דער מלחמה. איך וואָלט זיי איינעם נאָך איינעם צוגעשטעלט צו דער וואַנט און זיי דערשאָסן! אוודאי דאַרף דאָס אייך ניט שמעקן, מאַריאַ לוואָוונאַ! וואָרום צווישן די, וועמען איך וואָלט דערשאָסן, וואָלט געמוזט זיין אויך אייער פֿאָטער און נאָך אַנדערע פֿון אייער יידישן פֿאָלק. און איך ווייס דאָך וואָס פֿאַר אַ געטרייע טאָכטער פֿון דעם יידישן פֿאָלק איר זייט!

מלכּה האָט געקוקט אויף אים און אַ ווײַלע געשוויגן. נאָכדעם האָט זי מיט שרעק אַרויסגעשטאַמלט:

— איך גלויב ניט מיינע אויערן... אַז איר רעדט עס אַזוי!..

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט כּעס:

— וואָס איז? איז דאָס ניט אמת? וויפֿיל טויזנטער האָט די מלחמה אויפֿגעבראַכט אייער געערטן פֿאָטער, מאַריאַ לוואָוונאַ, און די אַנדערע זשידעס?

— און אַ חוץ יידן זיינען קיין מלחמה־פּאָדריאַטשיקעס ניט געווען?

— האָט מלכּה דערנאָך אויפֿגערעגט געפֿרעגט, — וויפֿיל יידישע מלחמה־פּאָדריאַטשיקעס זיינען עס אינגאַנצן געווען?

— יעדער פֿון אייערע יידן וואָלט עס געווען, ווען ער זאָל נאָר האָבן די געלעגנהייט. עס איז לייכטער ווי צו ליגן אין די טראַנשייען און איבערלאָזן

א האַנט, אַ פּוס, צי גאָר אַ קאָפּ אויפן שלאַכטפעלד!...

ביי מלכּה׳ן האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן.

— אַן אַנטיסעמיט רעדט אַזוי! — האָט זי אויסגעשריען. — גייט דורך די שפּיטאָלן, וועט איר זען וויפל יידישע סאָלדאַטן עס האָבן פאַרלאָרן הענט, פיס און אויגן! קומט מיט מיר, און איך וועל אייך פירן איבער די יידישע הייזער ביי אונדז אין שטעטל, און איר וועט זען וויפל קריפּעלס איר וועט דאָרט געפינען פון דער מלחמה, און וויפל יידישע עלטערן ס׳קלאָגן נאָך זייערע זין, וואָס וועלן שוין קיינמאָל מער צוריק ניט קומען. אַך, וואַסיאַ, וואַסיאַ! — האָט זי פאַרענדיקט מיט ווייטאָג און מיט פאַראַכטונג, און איז אַוועק פון אים.

אַ שטיק צייט דערנאָך האָט זי זיך ניט געקאָנט באַפרייען פונם מוראַדיקן איינדרוק, וואָס דער דאָזיקער שמועס האָט אויף איר איבערגעלאָזט. ער איז דאָך געווען יענער וואַסיאַ, וואָס נאָך אים האָט זי אַזוי געבענקט און געטרויערט, און וואָס אים האָט זי באַוויינט מיט אויפריכטיקע טרערן...

זי האָט אים מער ניט געזען און מער ניט געהערט פון אים, ביז נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, ביז שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען זייער שטעטל. אין יענער צייט האָט זי געהערט, אַז ער, וואַסיאַ זעליאַני, פירט אָן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צווישן די פּויערים אין די דערפער קעגן די דייטשן און קעגן דעם העטמאַן, וואָס זיי האָבן באַשטימט...

אַכטער קאַפּיטל.

דער ערשטער קרבן אינם שטעטל.

עס איז אָבער באַשערט געווען מלכּה׳ן זיך צו טרעפן מיט איר אַמאָליקן ברײַנד וואַסיאַ שפּעטער, ווען די דייטשן זיינען שוין מער אין אוקראַינע ניט געווען, און ווען איבער די אוקראַינער שטעט און שטעטלעך האָבן שוין געבער־שעוועט די מוראַדיקע פּאָגראָמען.

אַ שטיקל צייט האָט מען אין דעם שטעטל, וואו זי, מלכּה, האָט געוואוינט, פון די פּאָגראָמען ניט געהערט. דאָס לעבן דאָרט איז, אמת, געווען שווער און ביטער, די נויט — גרויס, בפרט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס מער ווי דריי פערטל פון איר איז באַשטאַנען פון גראָשענע קרעמער און מאַרק־הענדלער און פון בעל־מלאכות, גרויסע אָרעמעלייט. און עס איז אויך אמת, אַז דעם כאַאָס פון יענער צייט אויף אוקראַינע האָט מען אין דעם דאָזיקן שטעטל אויך גענוג געפילט, דהיינו: דער האַנדל איז כּמעט אינגאַנצן געווען אָפּגעשטעלט, און מחמת דעם וואָס אין די שטעט און שטעטלעך האָט זיך כּסדר געביטן די מאַכט, איז דאָס דאָזיקע שטעטל אַ צייט לאַנג געווען אָפּגע־ריסן פון די אַנדערע, און די פּאָסט האָט דאָרט ניט פּינקטלעך פונקציאָנירט— אַמאָל איז אָנגעקומען אַ בריוו אָדער אַ צייטונג און ס׳רוב ניט. — אָבער שטיל איז דאָרט געווען, פון קיין פּאָגראָמען האָט מען זיך ניט געשראָקן, און די

ואָפּענונג אויף בעסערע צייטן, „אויף איינגעשטעלטע צייטן״, האָט געגעבן כּה איבערצוטראָגן די נויט און דעם הונגער...

און מיטאַמאָל — ידיעות וועגן פּאָגראָמען... די יידישע באַפעלקערונג אין שטעטל איז אויפגעשוידערט געוואָרן פון אָט די ידיעות, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען אַהין. יעדן טאָג זיינען אָנגעקומען נייע ידיעות וועגן שחיטות און פאַרגוואַלטיקונגען אין צענדליקער יידישע שטעט איבער פּאָדאָליע און וואָלין.

די ערשטע פינסטערע בשורה וועגן דעם האָט אַרום פּורים־צייט געבראַכט א ייד אין שטעטל, איינער וואָס איז אַנטלאָפן פון אַ פּאָגראָם און איז געקומען אַהין זיך ראַטעווען.

אינמיטן נאַכט איז ער געקומען אַהין, און איז גלייך אַוועק צום אַלטן רב, ר׳ שלמה און אים איבערגעגעבן די פינסטערע בשורה.

און שפּעטער האָבן זיך גענומען ווייזן אַנדערע יידישע נפשות, מאַנסבילן מיט ווייבער און קינדער פון די נאָנטסטע שטעטלעך. זיי זיינען געווען צע־שראָקן, צעטומלט. אַנדערע האָבן נאָך עפּעס פאַרכאַפּט פון זייערע היימען און אַנדערע זיינען פון דער שחיטה אַנטלאָפן מיט ליידיקע הענט, האַלב־נאַקעטע.

און די צייטונגען וואָס זיינען אַמאָל אַריינגעפאַלן צו יענער צייט אין דער שטעטל, האָבן אויך דערציילט וועגן אָט די פּאָגראָמען.

און אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטעטל. מען האָט זיך דאָרט אויך אָנגעהויבן צו ריכטן אויף פּאָגראָמען. דער שרעק איז דאָרט מיט יעדן טאָג געוואַקסן. או... און אויער ביים דאָרטיקן יידן זיינען נערוועז און אומרואיק געוואָרן און נאָכאַנאַנד זיך צוגעהערט און אומגעקוקט צי מען זעט ניט, צי עס קומט ניט דער היידאַמאַק, דער רוצח.

דער שרעק ביי די יידן אין דער שטעטל איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ביינאַכט איז מען געגאַנגען שלאָפן ניט אויסגעטאָנענערהייט. און האָט זיך דערהערט אין מיטן נאַכט אַ געשריי, איז מען אַרויסגעשפּרונגען פון די בעטן אין איין שרעק. מחמת סיי מאַן און סיי פרוי און סיי קינד אפילו, האָבן גע־פילט דעם טויט הענגען איבער זיך.

איבערהויפּט האָט מען זיך געשראָקן אין שטעטל פאַר דעם אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני, וואָס וועגן זיין ווילדער אכזריות האָבן די אָנגעלאָפענע יידן זיך אָנ־דערציילט אַזוינע געשיכטעס, פון וועלכע די האָר האָבן זיך געשטעלט קאַפּויער.

איינער פון די אַנטלאָפענע יידן האָט דערציילט, וואָס אָט דער וואַסיאַ האָט געטאָן אין זיין שטעטל, וואו פריער זיינען געווען באָלשעוויקעס. יעדן יידישן יונגנמאַן האָט ער דאָרטן געלאָזט דערשיסן מיט דעם אויסרייד, אַז יענער איז אַ באָלשעוויק. און כמעט יעדע יידישע פרוי און מיידל, וואָס האָבן זיך ניט אויסבאַהאַלטן ערגעץ וואו מען האָט זיי ניט געקענט געפינען, האָבן די באַנדיטן פאַרגוואַלטיקט. און דעם חבס טאָכטער, וואָס האָט געזאָלט נאָך חתונה האָבן, האָט ער, וואַסיאַ, אַליין ביי זיך אַ פּאָר טעג געהאַלטן, און נאָך דעם, אַז ער האָט זי באַפרייט איז זי געקומען צו זיך אויפן הויף און האָט זיך

אַריינגעוואָרפן אין ברונעם.

אַז די דאָזיקע געשיכטע האָט באַזונדערש אויפגעשוידערט מלכה׳ן, ווען זי האָט וועגן דעם געהערט.

— עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין! — האָט זי געפּליסטערט און געבראָכן די הענט. — גאָט מיינער, איך האָב דאָך אים גוט געקענט. ער איז דאָך געווען אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ פיינער, צאַרטער נשמה. וואָס איז דאָס? האָט די מלחמה אים פאַרוואַנדלט אין אַזאַ ווילדער חיה? אוי, איך וויל דאָס ניט גלייבן! איך קאָן דאָס ניט גלייבן! — איז זי געווען כמעט היסטעריש.

און איינמאָל האָט מען זיך דערוואוסט אין דעם שטעטל, אַז ער, וואַסיאַ זעליאָני, געפינט זיך ניט ווייט פון דאָרטן אין אַ דאָרף מיט זיין באַנדע הייד־דאַמאַקעס. אין דער אייגענער צייט זיינען אויך אָנגעקומען ידיעות, אַז די באָלשעוויקעס דערנענטערן זיך צום שטעטל, און אַלע דאָרטיקע יידן, אפילו אַזעלכע גבירים ווי אריה־לייב און זיין שכן אברהם־בער ראַטנער, האָבן געבעטן גאָט, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פאַרכאַפּן דאָס שטעטל.

זיי האָבן געבעטן גאָט פאַר די באָלשעוויקעס ניט דערפאַר מחמת זיי זיינען געווען פריינט אָדער אָנהענגער פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, נאָר ווייל ביי די באָלשעוויקעס זיינען זיי זיכער געווען מיט זייערע לעבנס און מחמת די באָלשעוויקעס זיינען געווען די איינציקע וואָס האָבן פאַר מאַכן באַגראָמען באַשטראָפט מיטן טויט.

אויף אַן אסיפה וואָס מען האָט דעמאָלט צונויפגערופן וועגן דעם ענין־זעלבסטשוץ אין איינעם פון די בתי מדרשים, האָט אריה־לייב גאָרדאָן זיך אַזוי אויסגעדריקט:

— יידן, מיר ווייסן גאַנץ גוט ווער די באָלשעוויקעס זיינען. מיר ווייסן, אַז ביי זיי וועלן מיר אויך ניט לעקן קיין האָניק. זיי וועלן ביי אונדז צונעמען די הייזער, די געשעפטן. זיי וועלן נאַציאָנאַליזירן אונדזערע פאַרמעגנס און וועלן אויף אונדז אַרויפלייגן קאָנטריבוציעס. זיי וועלן טאָן דאָס אייגענע ביי אונדז, וואָס זיי האָבן געטאָן אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט. אָבער איין זאַך ווייסן מיר, אַז מיט אונדזערע לעבנס וועלן מיר זיין ביי זיי זיכער.

און די אַנדערע יידן אויף דער אסיפה האָבן מסכים געווען מיט אים. מחמת יעדער איינער פון זיי האָט געוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען געווען די איינציקע באַשיצער אין יענער שרעקלעכער צייט. מען האָט גערעדט צווישן זיך, אַז וואַסיאַ זעליאָני האָט די יידן אין זיין שטעטל נישט גע־וואָלט טשעפּען, אָבער אינגאַנצן רואיק זיינען זיי ניט געווען, מחמת עס זיינען געווען געגנונג אַנדערע אַטאַמאַנען און באַטקאַס, וואָס האָבן מיט זייערע באַנ־דעס און מיט זייער מיליטער געשאָכטן יידן און געשענדעט יידישע הייזער.

אַז אין דער צייט (געווען איז דאָס אַ צוויי וואָכן פאַר פּסח) האָט פריידל באַקומען אויף דעם אַדרעס פון אריה־לייב גאָרדאָן אַ טעלעגראַם פון איר פאָטער

דוד ראַבינאָוויטש, אַז ער איז זייער אומרואיק וועגן איר און אַז זי זאָל זען זיך אַריבערכאַפּן דעם גרענעץ און קומען קיין וואַרשע (דערביי האָט ער איר אָנ־געגעבן אַן אַדרעס) פון דאָרט וועט מען זי אויסריכטן קיין אַמעריקע.

און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט זי ווידער אויף דעם אַדרעס פון אַריה־לייב גאָרדאָן באַקומען אַ לאַנגן בריוו פון איר טאַטן (דעם בריוו האָט מען צו־געשיקט פון וואַרשע). אין יענעם בריוו האָט איר טאַטע פון אַמע־ריקע געשריבן, אַז ער איז זייער אומרואיק וועגן איר, ווייל אין אַמעריקע ווייס מען פון די צייטונגען וועגן אַלצדינג וואָס קומט פאָר ביי זיי. ער האָט זיך גע־בעטן ביי איר, אַז זי זאָל קיין איין טאָג מער ניט פאַרבלייבן און זען אַריבער־צוכאַפּן זיך דעם פּוילישן גרענעץ און קומען קיין וואַרשע, וואו די און די מענטשן (ער האָט אָנגעגעבן דעם זעלבן אַדרעס ווי אין דער טעלעגראַם) וועלן זי דערנאָך אויסריכטן קיין אַמעריקע.

און אויב — האָט ער איר דאָרט אויך געשריבן — זי קען ניט קומען אַליין, מעג זי נעמען מיט זיך וועמען זי וויל. מען וועט זיי אַלעמען אויסריכטן אין וואַרשע אויף זיין רעכענונג קיין אַמעריקע, וואו ער וועט זיי אַלעמען שטיצן. וואָרום, אַדאַנק גאָט, איר טאַטע אין אַמעריקע איז בכוח דאָס צו טאָן...

אַריה־לייב האָט געלייענט דעם בריוו און אויך די טעלעגראַם און ער האָט צוגערעדט פריידלען, אַז זי זאָל דאָס טאָן. נאָכמער. ער איז אַפילו גרייט גע־ווען צו שיקן מיט איר מלכה׳ן אויך אויף זיינע הוצאות.

ער האָט גערעדט:

— דו דאַרפסט זיין משוגע צו פאַרבלייבן דאָ אין אַזאַ צייט, ווען דו האָסט אַ טאַטן אין אַמעריקע וואָס בעט זיך ביי דיר אַזוי, אַז דו זאָלסט קומען צו אים. יאָ, יאָ, זאָל נאָר מלכה וועלן פאָרן מיט דיר. איך וועל איר געבן גענוג געלט, אַז עס זאָל איר סטאַיען סיי פאַר דער רייזע און סיי פאַר אַמעריקע. זאָל זי נאָר זאָגן איין וואָרט, אַז זי וויל פאָרן מיט דיר. איך וועל שוין קריגן עמיצן ווער עס זאָל אייך אַריבערנעמען דעם גרענעץ אויך.

מלכה האָט באַמערקט:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל איך אַליין פאָרן פון אונדזער גאַנצער פאַמיליע? פאַרוואָס עפּעס ניט דו און ניט די מאַמע און ניט די אַנדערע פון אונדזער פאַמיליע?

— הלואי קאָנען מיר אַלע פאָרן — האָט אַריה־לייב געענטפערט. — אָבער קאָנען מיר דאָס? קאָנען מיר מיטנעמען דאָס, אויף וואָס איך האָב אַ לעבן־לאַנג געהאָרעוועט?

האָט מלכה דעמאָלט דערקלערט:

— פריידל דאַרף פאָרן אַהין, ווייל דאָרט איז איר טאַטע, וועלכער, ווי איך פאַרשטיי, איז אַ סך נענטער ווי איר מאַמע דאָ, און זי האָט דאָך געוואָלט צו אים פאָרן פריער אויך. איך אָבער בלייב דאָ מיט אייך, ווייל קיין יחסנטע בין איך ניט. וואָס מיט אייך אַלעמען וועט זיין, זאָל זיין מיט מיר.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די ידיעות וועגן דעם, אַז די באָלשע־וויקעס דערנענטערן זיך צום שטעטל, זיינען געווען פאַלש, דערפאַר אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואַסיאַ זעליאַני, ניט דערגייענדיק צום שטעטל, האָט מיטאַמאָל פאַרקירעוועט מיט זיין באַנדע אין אַן אַנדער זייט.

און אין איין שיינעם טאָג האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל פּראָקלאַמאַציעס וואָס זיינען אונטערגעשריבן געווען פון דעם אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאַני. אין די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס, געדרוקט אין דער אוקראַיִנישער שפּראַך, האָט ער, דער אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאַני, דערקלערט, אַז אוקראַיִנע מוז באַפרייט ווערן פון יידן, ווייל יעדער ייד איז אַ באָלשעוויק, וואָס וויל פאַרכאַפּן אוקראַיִנע, ווי ער האָט פאַרכאַפּט רוסלאַנד און ווי ער וויל פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. און די פּראָקלאַמאַציעס האָבן זיך געענדיקט מיט די ווערטער:

„טויט צו די לייבקע בראָנשטיינס, די טראָצקיס, און צו די אַפּעלבוימס, די זינאָוויעווס און צו די אַנדערע זשידעס! זיי זיינען שטענדיק און אַלעמאָל געווען בלוטזויגערס פּאַראַזיטן, וואָס האָבן געלעבט פון דעם בלוט און פון דער שווערער פּראַצע פון אַנדערע!״

די יידן אין שטעטל זיינען פאַרציטערט געוואָרן (וואַסיאַ זעליאַני האָט אַפילו אין זינען ניט געהאַט צו שאַנעווען זיי). זיי זיינען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן צעטומלטע, מיט שרעק אין די אויגן. זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איין זאַך איז זיי אַלעמען קלאָר געווען, אַז קיין רחמנות פון אָט דעם ווילדן אכזר, וואַסיאַ זעליאַני, האָבן זיי ניט געקענט דערוואַרטן.

מען האָט גענומען ריידן ווידער וועגן זעלבסטשוץ. עס האָט זיך אָבער צעוויזן, אַז אין שטעטל זיינען געווען מער קריפּלס און עלטערע יידן איידער געזונטע יידישע לייט. בפרט נאָך ווען וואַסיאַ זעליאַני מיט זיין באַנדע זיינען געווען באַוואָפנט מיט האַרמאַטן און קוילנוואַרפער און מיט אַנדערע שווערע געווער, וואָס ביי זיי איז עס פאַרבליבן פון דער מלחמה.

אריה־לייב גאָרדאָן און דער אַלטער ר׳ שלמה, דער חב פון שטעטל זיינען דאַן אַוועק אַלס דעלעגאַציע פון די שטעטלדיקע יידן צו כראַפּאָוויצקין, דעם פריערדיקן דירעקטאָר פון גימנאַזיע, צו דעם אייגענעם וואָס אריה־לייב האָט זיך מיט אים צעקוושט בשעת מען האָט געפייערט אין שטעטל דאָס פאַלן פון דעם צאַריזם.

דער דאָזיקער כראַפּאָוויצקי איז געווען אין יענער צייט כלומרשט דער שטעטל־קאָמיסאַר, באַשטימט פון פעטליורעס רעגירונג, צו האַלטן דאָרטן צרדנונג. זיי האָבן אים געוויזן איינע פון וואַסיאַ זעליאַנים פּראָקלאַמאַציעס און געבעטן ביי אים הילף.

כראַפּאָוויצקי, אַ הויכער, ברייטער פאַרשוין, מיט אַ רויטן פּנים און לאַנגע ווייסע וואָנצעס, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, האָט זיי רואיק און העפלעך אויסגעהערט און נאָכדעם האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער וועט אַלצדינג טאָן וואָס נאָר ער וועט קאָנען, כדי צו באַשיצן די יידישע איינוואוינער פון שטעטל.

ער האָט זיי אָבער דערהוויל געוואָרנט, און אויך אין אַ רואיקן און העפֿלעכן טאָן, אַז צופֿיל זאָלן זיי זיך ניט שפּילן מיט דעם געדולד פֿון דעם אוקראַיִנישן פֿאָלק.

און ווען אַריה־לייב ,אַ פֿאַרוואונדערטער, האָט ביי אים געפֿרעגט, וואָס ער האָט געמיינט מיט זיין לעצטער באַמערקונג, האָט כראַפּאָוויצקי אים געענטפֿערט, און אַלץ אין אַ רואיקן טאָן, אַז ער מיינט צו זאָגן, אַז די ייִדן זאָלן אויפֿהערן צו זיין באָלשעוויקעס... און ווען אַריה־לייב און דער אַלטער חב, רבי שלמה, האָבן אים געפּרוווט פֿאַרזיכערן, אַז ייִדישע שונאים האָבן דאָס אויסגעטראַכט, אַז אַלע ייִדן זיינען באָלשעוויקעס, האָט כראַפּאָוויצקי העפֿלעך באַמערקט:

— איר וועט דאָך ניט לייקענען, אַז איר אַליין און די אַנדערע היגע ייִדן קוקן אויס, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן פֿאַרכאַפּן אונדזער שטעטל.

— אויב אַפֿילו עס וואָלט געווען אַזוי, — האָט אַריה־לייב זיך אָנגערופֿן, — וואָלט עס נאָר באַוויזן, ווי פֿאַרצווייפֿלט מיר זיינען. עס וואָלט באַוויזן, אַז מיר זיינען גרייט צו פֿאַרלירן אַלצדינג וואָס מיר פֿאַרמאָגן, כדי אונדזערע לעבנס צו פֿאַרהיטן...

און ווען אַריה־לייב און דער אַלטער רב, רבי שלמה, זיינען דערנאָך אַוועק פֿון אים, איז זיי געווען שווער און פֿינסטער אויפֿן האַרצן.

דער אַלטער חב האָט געהאַלטן, פֿאַרטראַכט, אַ האַנט אויף זיין לאַנגער ווייסער באָרד און געקוקט ערגעץ מיט די אויגן, טיף פֿאַרטאָן אין זיך, און געשוויגן. געשוויגן האָט אויך אַריה־לייב, וועלכער איז געגאַנגען לעבן אים, אַן אומעטיקער און אויך אַ פֿאַרטראַכטער.

נאָכדעם האָט דער אַלטער חב אַוועקגענומען די האַנט פֿון זיין ווייסער באָרד און אַ פֿיר געטאָן מיט איר צום הימל און זיך אָנגערופֿן פֿרום:

— נאָר ער, וואָס זיצט דאָרטן, קאָן אונדז העלפֿן!

— ווייל ער דאַרף אָבער ניט — האָט אַריה־לייב אַ זיפֿץ געטאָן.

— אפֿשר וועט ער רחמנות האָבן...

— הלואי, רבי. פֿונדעסטוועגן וואָלטן מיר געקענט זיין רואיקער, ווען מיר האָבן אַ פּאָר הונדערט יונגעלייט מיט געווער...

דער אַלטער חב האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— אוי, אוי, וואָס רעדט איר, ר׳ אַריה־לייב! און אַז מיר זאָלן אַפֿילו האָבן הונדערטער יונגעלייט מיט געווער, וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט פּאָר אַ ממשות וואָלטן זיי געהאַט קעגן אַזאַ וועלט מיט רוצחים, וואָס ווילן אונדז פֿאַרטיליקן אינגאַנצן?... איינער איז נאָר דאָ, וואָס קאָן אונדז העלפֿן. און צו אים דאַרפֿן מיר בעטן, און אויף אים דאַרפֿן מיר האָפֿן. און איך האָב בטחון אין אים. איך האָב בטחון, אַז ער, וואָס האָט ניט געלאָזט, אַז מען זאָל אומברענגען זיין פֿאָלק ביז אַהער, וועט אויך איצט ניט לאָזן!...

יענע נאַכט איז קיינער פון די יידן ניט געשלאָפן. און באַגינען האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי פון האַרמאַטן. די דאָזיקע שיסעריי האָט זיך געהערט פון גאַנץ נאָנט ארום שטעטל.

פון די יידישע הייזער, וואו דער פסח איז שוין געשטאַנען פאַר דער טיר — מחמת דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר דער ערשטער סדר־נאַכט — האָבן זיך דערהערט געשרייען. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ געלאַף פון אָט די הייזער. מען איז געלאָפן צו די בוידימער, צו די קעלערס, צו די שטאַלן, צו די גאָרטנס הינטער די הייזער און סתם איבער די גאַסן. מ׳איז געלאָפן צו קריסט־לעכע שכנים. מ׳האָט געזוכט ערגעץ צו אַנטלויפן, ערגעץ זיך צו באַהאַלטן.

ווייבער און מאַנסבילן, אַלטע און יונגע, מיט צעפּאַטלטע האָר, מיט צע־פּאַטלטע בערד, מיט יאַרמולקעס און הייבלעך אויף די קעפּ, אַנדערע באָר־וועסע און אַנדערע שפּילנדיק די קליידער אויף זיך, — זיינען געלאָפן איבער די פאַר־פּסחדיקע בלאָטעס אויף די הויפן און אויף די גאַסן.

מען איז געלאָפן מיט קינדער אויף די הענט, מיט קינדער צוגעדריקט צום ביזים, מיט קינדער וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי אַ קלייד, ביי אַ פּאָלע. און פון זיי אַלעמען האָט זיך געריסן איין מוראַדיק געשריי אָן ווערטער...

אַזאַ געשריי האָט דאָס שטעטל נאָך פריער קיינמאָל ניט געהערט. אויף אַ סך פון די קריסטלעכע איינוואוינער האָט אָט דאָס געשריי אָנגעוואָרפן אַ מורא, און זיי האָבן זיך געצלמט, און זיי האָבן זיך געאיילט ארויסצושטעלן צלמים און איקאָנעס אין די פענסטער..

פון אַ הויז איז ארויסגעשפּרונגען אויף אַ קוליע אַ יידישער יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ פוס אין דער מלחמה, און אונטער דעם פרייען אָרעם זיינעם האָט ער געהאַלטן אַ ביקס און ער האָט געשריען:

— יידן, לאָזט זיך ניט אויסקוילענען ווי די שעפּעלעך! באַפט ווער עס האָט אַ ביקס און פאַרטיידיקט זיך!

די שיסעריי האָט נאָכדעם אויפגעהערט. און אין אַ ווײַלע שפּעטער איז דאָס מוראַדיקע געשריי אויך איבערגעריסן געוואָרן: די צעשראָקענע יידן זיינען געלעגן אין זייערע באַהעלטענישן און האָבן זיך צוגעהערט צו דער אַרומיקער שטילקייט און געוואַרט.

נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ ווײַלע... עס איז געוואָרן טאָג. ליכטיקער. אַ פרי־לינג ־ זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען. אַ ייד האָט זיך דאָרט ארויסגערוקט פון זיין באַהעלטעניש... און נאָך אַ ייד. און דאָרט אַ יידיש ווייבל מיט צוויי קליינע קינדער ביים קלייד..

זיי האָבן זיך געשאַרט איבער די בלאָטעס שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, צוריק אין זייערע שטיבער אַריין, און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

אָט אין דער צייט האָט אויף איינער פון די גאַסן זיך באַוויזן דער אַל־טער רב, רבי שלמה, וועלכער איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן און געזאָגט תהילים מיט געוויין, און האָט גענומען רופן די יידן אויף אַ הויכן קול און מיט

רעליגיעזן עקסטאז, אז זיי זאָלן גיין אין די שולן און אין די בתי־מדרשים תפילה צו טאָן צו גאָט און אויסבעטן ביי אים, אז ער זאָל רחמנות האָבן.

ער האָט געשריען מיט אַלץ מער עקסטאז:

— יידן, קומט אין די בתי־מדרשים! לאָמיר אָנקלאַפּן! אין די שערי־שמים, אין די טויערן פון הימל, צו גאָט ברוך־הוא, צו זיין רחמנות!..

און ווען ער האָט אַזוי געשריען, זיינען אָנגעפאָרן מיטאַמאָל אויף פערד רייטנדיק צוויי הייראַמאַקעס וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן טשיקאַווע, אין קאָלירטע מלבושים ,און איינער פון אָט די הייראַמאַקעס, ווען ער האָט דערזען דעם אַלטן יידן מיט דער ווייסער באָרד, וואָס האָט עפּעס געשריען, איז ער צוגעפלויגן צו אים אויף זיין פערד און מיט זיין שווערד אויף אים אַ פאָכע געטאָן, און אים אַרונטערגעהאַקט דעם קאָפּ.

דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער קרבן אין אָט דעם שטעטל.

ניינטער קאַפּיטל.

אויף אַן אַסיפה אין אַלטן בית המדרש.

איבערן שטעטל האָט זיך באַלד צעטראָגן די מוראדיקע בשורה, אַז מען האָט דערהרגעט דעם אַלטן חב, רבי שלמה, און אויף וואָס פאַר אַן אופן מען האָט אים דערהרגעט, ווייבער האָבן געחלשט, ווען זיי האָבן דאָס דערהערט. און אַ סך עלטערע יידן האָבן זיך צעיאָמערט אויפן קול און געריסן קריעה.

עס האָבן זיך געפונען פיר יידן, צוויי קצבים און צוויי באַלעגאַלעס, וואָס זיינען אַוועק צונעמען דעם דערהרגעטן חב פון דער גאַס.

זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן אין קאָן, מחמת זיי זיינען ניט זיכער געווען, אויב די הייראַמאַקעס וועלן זיי אויך ניט באַפאַלן, בשעת זיי וועלן דאָרט אויפהויבן דעם דערהרגעטן רב פון דער גאַס.

זיי האָבן געפונען דעם קאָפּ מיט דער ווייסער באָרד פונם דערהרגעטן ניט ווייט פון זיינע פיס, וואָס זיינען שוין געווען באָרוועס, מחמת עמיצער האָט שוין געהאַט פון זיי אַרונטערגעשלעפּט די שטיוול.

די פיר יידן — אַלע מיט שווערע בערד, געוויקסיקע און ברייט־אַקסלדיקע, באַיאָרנטע יידן — האָבן זיך צעוויינט ווי קינדער, ווען זיי האָבן דערזען דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פון זייער אַלטן חב אין בלאָטע נעבן זיינע באָרוועסע פיס.

און שפּעטער, אַז זיי האָבן געבראַכט דעם דערהר׳געטן צו אים אהיים, האָט די רביצין, אַ קליינטשינקע, מאָגערע יידענע, מיט אַ פּנימל קליין און צעקנייטשט און ווי פון פּאַרמעט, נאָר אַ פּאַטש געטאָן מיט אירע ביידע קליינע הענט און זיך אַ זעץ געטאָן אַרונטער אויף דר׳ערד, ווי מען וואָלט איר די פיס אונטערגעהאַקט, און איז אַזוי געבליבן זיצן אַ פאַרשטאַרטע, מיט אַ געעפנטן מויל און מיט אויגן ווי גלעזלעך.

און כמעט אין דערזעלביקער צייט האָט זיך פון מאַרק דערטראָגן דער גלאָקן - קלאַנג פונם קלויסטער, וואָס האָט געלאָזן וויסן דער באַפעלקערונג, אַז דער אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאַני מיט זיינע ,,העלדן" קומען אַריין אין דעם שטעטל. און דער דאָזיקער גלאָקן - קלאַנג האָט געקלונגען אַזוי בייז, אַזוי פינסטער און ווי מיט רציחה פאַר די יידן פון שטעטל. און אַנדערע פון זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן געהערט אין אָט דעם גלאָקן - קלאַנג די ווערטער: ,,דער מלאך-המות איז דאָ! דער מלאך-המות איז דאָ! דער מלאך-המות איז דאָ!"..

דורך די פענסטער פון זייערע הייזער האָבן יידישע נפשות אַרויסגעקוקט זייערע קעפּ און געקוקט מיט שרעק אין דער לופטן, דורך וועלכער עס האָט זיך געטראָגן דער גלאָקן - קלאַנג, ווי זיי וואָלטן געקוקט צו אַ פאַרוואָלקנטן הימל, כדי צו זען ווי ווייט עס איז נאָך ביז צו דעם שטורעם, וואָס האָט גע-מוזט ברענגען פאַרוויסטונג; און נאָכדעם האָבן זיי זיך ווידער באַהאַלטן.

פון איר שטיבל איז אַרויסגעלאָפן באַשע די בייגל - בעקערקע, אַ הויכע, מאָגערע יידענע, מיט אַ געבלומטן טיכל אויפן קאָפּ. זי איז אַרויסגעלאָפן פאַר-האַוועט און האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און זיך אַ ווײַלע צוגעהערט. און מיטאַמאָל האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן מיט איר גאַנצן לאַנגן, מאָגערן גוף, ווי פון אַן עלעקטרישער באַרירונג, און האָט גענומען שרייען מיט באַנומענע קולות:

— יידישע מאַמעס, באַהאַלט אײַערע טעכטער! גוואַלד, וואו איז מיין מירקע? וואו איז מיין ראָשקע? גוואַלד, גאָט, האָב רחמנות אויף זיי!..

און זי איז אַנטלאָפן.

שפּעטער איז אין דעם אַלטן בית-המדרש, וואו דער אַלטער חבר האָט תמיד געדאַוונט, צונויפגערופן געוואָרן אַ גרויסע אסיפה פון די חשובסטע און פּרימסטע באַלעבאַטים אינם שטעטל. אריה-לייב איז דאָרט געווען און אויך זיין שכן אברהם-בער ראַטנער, וועלכער איז געווען גבאי פון אָט דעם בית-המדרש.

דער בית-המדרש איז געווען געפּאַקט. און די אַלע יידן, וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבן אויסגעזען ווי אבלים, געבראָכן און פאַרטרויערט. באַזונדערש פאַרטרויערט און געבראָכן איז געווען דער פרומער אברהם-בער ראַטנער. ער איז געווען אַ ייד מיט אַ דורכזיכטיקן, בלייכן פּנים, איינגעראַמט אין אַ שוואַרץ, געקרייזט בערדל, ניט קיין לאַנגס, נאָר אַ ברייטס, און מיט פּאות איבער זיינע אויערן, פאַרדרייט אין רינגלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פּראָפּן-ציערס, און מיט שוואַרצע אויגן וואָס זיינען איצט געווען אָנגעגאָסן מיט טרויער.

אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ שוואַרצער אַטלעסענער זשופּיצע מיט אַ ברייטן אַטלעסענעם גאַרטל. ער איז געזעסן אויף דער בימה איינגעהויקערט אויף זיין שטול און האָט זיך געשאָקלט מעשה אבל. יעדע ווײַלע האָט ער

אויפגעהויבן זיינע ביידע אָרעמס מיט די שוואַרצע אַטלעסענע אַרבל און אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע קליינע ווייסע הענט און אַרויסגעשריען געבראָכן:

— אוי, אוי, רבונו של עולם, עד מתי? — ביז ווי לאַנג נאָך, גוואַלד?!

דערנאָך האָט ער ווידער אַרונטערגעלאָזט זיינע אָרעמס און זיך ווייטער געשאָקלט.

דער שמש, אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד, איז אַרויף אויף דער בימה און האָט אַ פּאַטש געטאָן אין באַלעמער. אברהם־בער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און מיט וואַקלדיקע טריט צוגעגאַנגען צום באַלעמער און האָט זיך דאָרטן געשטעלט נעבן דעם שמש.

— יידן, אַ גרויס אומגליק האָט אונדז געטראָפן! — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ קול, וואָס אין אים האָבן געציטערט פּאַרשטיקטע טרערן — אונדזער אַלטער חבר, דער גרויסער צדיק, איז אויף אַ מוראדיקן אופן אומגעקומען...

עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ יללה פון אַלע זייטן. יידן זקנים האָבן געוויינט אויפן קול. דער שמש האָט ווידער אַ פּאַטש געטאָן אין באַלעמער. עס איז שטיל געוואָרן, און אברהם־בער האָט גערעדט ווייטער. ער האָט געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז מען האָט די אסיפה צונויפגערופן, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ פאָדערונג פון דעם אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני, אַז מען זאָל אים צושטעלן פינף הונדערט טויזנט רובל און פינף הונדערט פּאָר שטיוול פאַר זיינע מענטשן. דאָס מוז נאָך היינט באַזאָרגט ווערן, אַז ניט, חלילה, וועט ער נישט לאָזן ברענגען דעם חבר צו קבר ישראל, און פון אַלע יידן אינם שטעטל וועט ער מאַכן אַ תל...

— פינף הונדערט טויזנט רובל און פינף הונדערט פּאָר שטיוול — איין קלייניקייט! וואו האָבן די שטעטלדיקע יידן, וואָס זיינען געווען אַזעלכע ביטערע אָרעמעלייט, געזאָלט צונויפנעמען אַזויפיל געלט, און וואו האָבן זיי געזאָלט נעמען אַזויפיל פּאָר שטיוול?!

און עס איז געבליבן ביי דער אסיפה צו שיקן צו דעם אכזר אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל פּרובירן ביי אים אַראָפּדינגען פון דער שווערער קאָנטריבוציע און בכלל צו אַפּעלירן צו אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די יידן פונם שטעטל, וואו ער אַליין איז געבוירן געוואָרן.

און פון אַלע זייטן האָט מען גענומען פאָדערן, אַז דער פירער פון דער דעלעגאַציע זאָל זיין אַריה־לייב גאָרדאָן, וואָס אין זיין הויז איז ער, דער אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני, אַמאָל געווען אַן אָפּטער אַריינגייער.

— און אויך זיין טאָכטער מלכה זאָל גיין מיט דער דעלעגאַציע! — האָט עמיצער מיטאַמאָל אויסגעשריען.

האָט אַריה־לייב זיך דערמאָנט אַ צאַפּל געטאָן.

ניין, דאָס ניט! — האָט ער אויסגעשריען. — איך — יאָ. איך לאָז איבער מיין גורל צו גאָט און בין גרייט צו גיין צו יענעם אויף מסירת־נפש; אָבער ניט מיין טאָכטער מלכה...

— ר׳ אריה - לייב, מלכה איז ניט די איינציקע יידישע טאכטער
האט מען גענומען פון אלע זייטן שרייען:
אינם שטעטל. אויב עמיצער קאן העלפן, איז דאס נאר אייער טאכטער מלכה !

— ר׳ אריה - לייב, מלכה און ער זיינען אמאל געווען די בעסטע פריינט!

— אלע יידן פון שטעטל זיינען אין א גרויסער סכנה, ר׳ אריה–לייב אפשר וועט אייער מלכה קאנען ווייך מאכן זיין הארץ!..

און אברהם – בער האט זיך אויך אנגערופן שיר - ניט מיט כעס:

— ר׳ אריה - לייב, ווען מלכה וואלט געווען מיין טאכטער, וואלט איך זי אליין געשיקט צו אים. זי וואלט געמוזט גיין. מחמת דא האנדלט זיך וועגן ברענגען צו קבר ישראל אונדזער אלטן רב און וועגן ראטעווען א גאנצע עדה יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייערע טעכטער. ר׳ אריה - לייב! — האט זיך בײ אברהם בערן ארויסגעריסן העכער און מיט שרעק. און דערביי האט ער אויפגעהויבן זיינע ארעמס מיט די שווארצע אטלעסנע ארבל הויך איבערן קאפ און א פאטש געטאן מיט זיינע ביידע ווייסע הענט.

דעמאלט האט זיך דערהערט אריה – לייבס געבראכן קול:

— זאל עמיצער גיין רופן מיין טאכטער מלכה!...

דער אלטער שמש איז דערנאך אוועק רופן מלכהן און ער, אריה –לייב האט זיך איינגעוויקלט אין א טלית און געזאגט וידוי און נאך אים האבן די אנדערע פון דער דעלעגאציע געזאגט וידוי.. ווארום לויט דעם, וואס מען האט זיך אנגעהערט וועגן וואסיא זעליאני, האבן זיי זיך געקאנט ריכטן אויף דעם ערגסטן.

מלכה איז געקומען. און ווען זי האט דערהערט, וואס מען האט גע־וואלט פון איר, איז זי געווארן א פארציטערטע. צום סוף איז זי אבער גע־גאנגען מיט איר טאטן און מיט אברהם – בער האטנער און מיט נאך א פאר יידן פון די שטעטלדיקע פני.

צענטער קאפיטל.

ביים אטאמאן וואסיא זעליאני אין קאנצעלאריע

די דעלעגאציע צום אטאמאן וואסיא זעליאני גייט ארויס פון בית־המדרש. די גאסן זיינען ליידיק. אפילו די קריסטלעכע איינוואוינער פונם שטעטל מיידן איצט אויס די גאסן. אויפן מארק זיינען די קראמען צוגע־מאכט, אויף שלעסער צוגעשלאסן.

די אלע יידן פון דער דעלעגאציע ווייזט זיך אויס, אז זיי גייען אי־בער א וואקלדיקן זומפ. ביי יעדן פון זיי אויפן הארצן שטיקט א חושך און ביי יעדן פון זיי אינם מח פיקט ווי א שווארצער קרא: „וואס וועט איצט

זיין?״

אברהם - בער ראטנער בעט מיטן הארצן: „גאָט האָב חתמנות, שטיי אונדז ביי!״

און אריה - לייב רעדט אין זיינע געדאַנקען: „גאָט, אויב אַ קרבן, זאָל איך זיין דער קרבן, און ניט מיין מלכה!״

און מלכה האָט געחוועז געטראַכט:

„ווי אַזוי וועל איך זיך קאָנען טרעפן מיט אים? ווי אַזוי וועל איך קאָנען ריידן מיט אים?

פון צייט צו צייט טרעפן זיי אַן הייזדאַמאַקעס פונם אַטאַמאַנס „העלדן״ צו פּאַרוויז גייען יענע און קופּקעסווייז; אַלע אין ברייטע רויטע הויזן מיט לאַמפּאַסן; און שרייען און בראַקען אויפן קול און זידלען זיך...

איינער פון דעם אַטאַמאַנס „העלדן״ טראָגט איבער די אַקסלען שטיוול, וואָס זיי האָבן אַקאַרשט - וואָס אַרונטערגעשלעפּט ביי יידן אינמיטן נאַס, און ווידער אַן אַנדערער טראָגט אַ רעקל אין די הענט, צי אַ ווייבעריש קלייד.

די יידן פון דער דעלעגאַציע זעען דאָס און זיי פילן נאָך מער דעם וואַקלדיקן זומפּ ביי זיי אונטער די פיס. זיי מיידן אויס יענע. אַזוי גיך ווי זיי דערזען זיי פונדערווייטנס, גייען זיי אַוועק אין אַנדער זייט.

דער אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני האָט דערהוייל פאַרנומען די אופּראַווע. האָרט איז געווען זיין קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט ער אויפגענומען דעלעגאַ־ציעס און פון דאָרט האָט ער אַרויסגעגעבן זיינע פּראָקלאַמאַציעס און זיינע באַפעלן אויף דער אוקראַינישער שפּראַך.

אַרום דער אופּראַווע איז געווען אַ גרויסער סקווער, זיינען אויף יענעם סקווער געשטאַנען לייוונטענע געצעלטן, וואו דעם אַטאַמאַנס „קעמפּער״ האָבן גערוט.

די דאָזיקע „קעמפּער״ האָבן געוואָלט נאָכטאָן זייערע אור - עלטערן די הייזדאַמאַקעס פון באַגדאַן כמעלניצקיס צייטן. האָבן זיי אָפּגעגאָלט די קעפּ, איבערגעלאָזט נאָר אַ טשובּיקל פון די גאַנצע האָר, וואָס עס האָט זיך דאָרט ביי זיי אַרומגעבאָמבלט אויף די סאַרע, אָפּגעגאָלטע שיידלס ווי אַ הערינג, און הויזן האָבן זיי געטראָגן ברייטע און רויטע, קומאַטשעווע, מיט לאַמפּאַסן. סחורה פאַר אַט די הויזן האָבן זיי גענומען פון די אָנגע־ראַבירטע קאָלדרעס אין די יידישע הייזער, און אויפנייען אַט די הויזן האָבן זיי געצוואונגען די יידישע שניידער.

בלאַטיקע, ניט געוואַשענע בהאָים זיינען זיי געווען, מיט פייכטע וואָנ־צעס און בערד און מיט פינסטערע אויגן, זיי זיינען געזעסן אָדער געלעגן אַרום זייערע געצעלטן, אַנדערע מיט שעפּסן - היטלען, מיט די אויפרעקטע טשובּיקלעך אויף די געגאָלטע קעפּ און האָבן געדרייכערט פּאַפּיראָסן און פּיפּקעס.

ארום האָט געשמעקט מיט דעם רויך פון מאַכאָרקע.

א טייל פון זיי האָבן אויך געשפּילט אויף האַרמאָניקעס אָדער גע־זונגען און ווידער אַנדערע זיינען געזעסן אין קופּקעס, האָבן געשפּילט אין קאָרטן און זיך געזויהלט.

א טיפער באַס האָט געזונגען:

„מי, האידאמאקי, מיווסי יעדנאַקי;
ווסי מי ניזאוווידים פּוטי אי יארמא.
ושלי דידי נא מוקי, פּאידוט אי פּראוווניקי;
מי זא נאחאד ושיטיא סוואיע דאמא!“
(מיר, היידאַמאַקעס, האָבן אַלע גלייך
פּענטעס און יאָך; אונדזערע אור־ עלטערן
האָבן זיך מקריב געווען, וועלן מיר
אויך אונדזערע לעבנס מקריב זיין פאַר דאָס פאָלק).

צווישן די געצעלטן זיינען געשטאַנען פערד און האָבן געפאַרשקעט און דאָ און דאָרט האָט זיך אויך געזען א וואָגן, צי א מאַשין מיט שווערע גע־ווער.

ווען די דעלעגאַציע מיט מלכהן איז פאַרבייגעגאַנגען אָט די ביידלעך, האָבן זיך פון אַרום דערהערט געשרייען אויף אוקראַיניש:

— העי, כלאָפּצי, זעט נאָר וואָס פאַר א געשמאַקע זשידאָווקע!

— העי, דו שיינע זשידאָווקע זאָג אוואו וואוינסטו?

די ייִדן פון דער דעלעגאַציע ווען זיי האָבן דאָס דערהערט, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן.

מלכה אַליין האָט זיך דערמאָנט אָן דעם חבס טאָכטער, וואָס האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין ברונעם און זי האָט אי אויפגעשוידערט, אי עס האָט אין איר א ברען געטאָן, ווען זי וואָלט געהאַט א רעוואָלווער וואָלט זי איצט איר פריערדיקן פריינט אַריינגעשאָסן א קויל אין האַרצן, האָט זי געפילט.

און איר טאַטע, אריה ־ לייב גאָרדאָן, האָט א צעטומלטער זיך צו־געררוקט צו איר נענטער און איר פאַרשטעלט מיט זיין הויכער, ברייטער געשטאַלט.

פּלוצלונג זיינען פאַר זיי אויסגעוואַקסן א פּאָר פון אָט די היידאַמאַ־קעס און זיי אָפּגעשטעלט.

און איינער פון די היידאַמאַקעס. א שיכורער, מיט א פאַרסליונעטער, שוואַרצער באָרד, האָט מיט א האַנט אָנגעוויזן אויף אברהם — בער ראַטנערס שטיוול און זיך אָפּגערופן:

— אַקוראַט מיין מאָס. אַהער די שטיוול, זשיד!

און איידער דער צושראָקענער אברהם ־ בער ראַטנער איז געקומען צו זיך, זיינען די שטיוול זיינע געווען ביי דעם היידאַמאַק אין די הענט, און ער, אברהם — בער ראַטנער, איז געלעגן אין בלאָטע מיט זיין אַטלעסנער

זשופּיצע און זאַקן. זיין היטל איז געווען פֿאַרשלײדערט ערגעץ ווייט פֿון אים.

אַ צעטומלטער איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד, צוגעלאָפֿן צו זיין היטל, עס אַ כאַפּ געטאָן און האָט זיך געלאָזט לויפֿן אין זיין פֿאַר־בלאָטיקטן אָטלעסענעם מלבוש און אין זיינע נאַסע זאָקן און אַ פּאָר אַנ־דערע יידן פֿון דער דעלעגאַציע נאָך אים. פֿאַרבליבן זיינען נאָר אריה־לייב און מלכה און נאָך איין ייד פֿון דער דעלעגאַציע.

אריה־לייב איז געווען ווייס ווי קאַלך. ער האָט זיך אָנגערופֿן מיט צי־טערנדיקע ליפּן צו די צוויי היידאַמאַקעס:

— מיר גייען איצט צו דעם אַטאַמאַן, ער איז מיינער אַן אַלטער פֿריינט, איך וועל אייך פֿאַרקלאָגן פֿאַר אים.

די ביידע היידאַמאַקעס האָבן אויסגעשאָסן אַ ווילדן געלעכטער אים אין פּנים אַריין, און איינער פֿון זיי האָט שוין גענומען וואַרפֿן זיינע אויגלעך אויף מלכה׳ן, וואָס איז געשטאַנען נאָנט צוגערוקט צו איר טאַטן, אויך אַזוי בלייך ווי ער. און ווער ווייס וואָס עס וואָלט געשען ווען אריה־לייב וואָלט פּלוצים ניט גענומען שרייען אויף זיי:

— לאָזט אונדז גיין צום אַטאַמאַן! ער האָט אונדז גערופֿן, ער האָט נאָך אונדז געשיקט!

דעמאָלט האָבן די צוויי היידאַמאַקעס זיך אָפּגעטראָגן, איינער מיט אברהם־בערס שטיוול אונטערן אָרעם. זיי זיינען נעלם געוואָרן צווישן די גע־צעלטן.

אין דער אופּראַווע איז אריה־לייבן און מלכה׳ן און דעם דריטן פֿון דער דעלעגאַציע אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. דער אַטאַמאַן איז דאָרטן פֿאַרנו־מען געווען מיט אַנדערע זאַכן. צום סוף האָט מען זיי אַריינגעלאָזט צו אים אין דער קאַנצעלאַריע.

וואַסיאַ זעליאָני, דער איצטיקער אַטאַמאַן פֿון דער באַנדע פּאָגראָמ־שטשיקעס, האָט איצט ווידער געהאַט זיין אַמאָליקע געדיכטע, שוואַרצע טשופּרינע, וואָס האָט געגלאַנצט ביי אים אויפֿן שטערן פֿון פּאָמאַדע, און ווי ער איז אָנגעטאָן געווען, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אָפּערע־העלד אויף אַ בינע.

ער האָט זיך ניט אויפֿגעהויבן פֿאַר זיי.

אויפֿן טיש ביי וועלכן ער איז געזעסן איז געלעגן זיין לאַנגע שווערד און ער האָט געהאַלטן אָנגעשפּאַרט אַן אָרעם אויף דעם הענטל פֿון אָט דער שווערד און אַריינגעקוקט אין עפּעס אַ צייטונג וואָס איז דאָרט פֿאַר זיינע אויגן געלעגן.

ניט אויפֿהויבנדיק די אויגן פֿון דער צייטונג, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— געקומען מיר זאָגן, אַז איר האָט שוין דאָס געלט און די שטיוול?

האַט אריה-לייב דאַן געפּרווט ווירקן אויף אים:

— מיר זיינען געקומען צו אייך ווי צו איינעם וואָס מיר קענען פון קינדווייז־אָן.

— אָן סענטימענטאַליטעטן — האָט דער אַטאַמאַן מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ פינסטערן בליק — און עס וועט אייך ניט העלפן אויך!

האָט אריה-לייב דערנאָך ווייטער גערעדט:

— אַנטשולדיקט. איך מיין אָבער, אַז איר, וואָס איר זייט געבאָרן דאָ ביי אונדז אין שטעטל און האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אונדז אין שטעטל, דאַרפט איר וויסן וואָס דאָס מיינט צונויפזאַמלען פינף הונדערט טויזנט רובל און די פינף הונדערט פאַר שטיוול ביי אַזעלכע אָרעמעלייט ווי די יידן ביי אונדז אין שטעטל.

דער אַטאַמאַן האָט ווידער גענומען קוקן אין דער צייטונג און געזאָגט:

— אויב פאַר אייך איז שווער אַזויפיל אויפצוזאַמלען, וועלן דאָס מיינע כלאָפּצעס טאָן. זיי וועט דאָס זיין גאָר ניט שווער.

דער ייד פון דער דעלעגאַציע, וואָס איז פאַרבליבן מיט אריה-לייבן און מלכה'ן, האָט אַ צופּ געטאָן שטיל מלכה'ן פאַר אַן אָרעם און אַרויסגע־פּליסטערט:

— רעדט איר, פּרווט איר.

זי אָבער, אַ בלייכע, האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און ניט אַרויסגע־רעדט קיין וואָרט. זי האָט ניט געקענט. זי האָט מוראדיק געליטן, אַזוי פיל און אפשר נאָך מער ווי איר שטאָלצער פאָטער.

צום סוף האָט אריה-לייב זיך ווידער אָנגערופן:

— איך בעט ביי אייך אַ פאַר טעג פאַר דעם און דעם דערהרגעטן רב לאָזט אונדז היינט מקבר זיין.

נאָך אַ קורצן שווייגן האָט דער אַטאַמאַן געזאָגט:

— גוט. אָבער אייך פערזענלעך וועל איך האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם געלט און פאַר די שטיוול.

— און אַז איך וועל ניט קאָנען צונויפזאַמלען אַזוי פיל?

— איר וועט קאָנען ווען איר וועט אין זינען האָבן וואָסער שטראָף עס וואַרט אויף אייך. נישקשה, איר אַליין האָט נאָך גענוג געלט וואָס איר האָט אָנגעשאַרט בעפאַר דער מלחמה און פון דער מלחמה. אייער פעאיקייט פאַר שאַכער־מאַכעריי וועט אייך דעם פאַל ביישטיין. און נאָך עפּעס זאָלט איר וויסן — האָט וואַסיאַ זעליאָני שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אויף אים. — ווען איר וועט אפילו צונויפזאַמלען דאָס געלט און די שטיוול פאַר מיר, וועל איך אייך נאָך אַלץ האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער באָלשעוויסטישער טע־טיקייט אין דעם שטעטל.

ביי אריה-לייבן האָבן די ליפּן מיט זיין שיינער שוואַרצער באָרד גע־נומען ציטערן. פאַר אויפרעקונג איז אים שווער געווען צו ריידן, ביז עס

האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן אין אַ ציטערנדיקן טאָן:

— ווי איך זע זוכט איר זיך צו בינדן צו מיר...

— דענקט זיך וואָס איר ווילט. איך רעכן זיך דערמיט זייער ווייניק. אָבער איר אַליין ווייסט נאָך בעסער איידער איך, אַז יעדער ייִד איז אַ באָלשעוויק, צי דאָ, אין דעם שטעטל, צי אין אַנדערע שטעטלעך. יעדער ייִד איז אַ באָלשעוויק, צי אַלט צי יונג, צי בחור צי מיידל. דערפֿאַר נעמען זיך אַזוי אָן פֿאַר אייך די באָלשעוויקעס. איך וועל זיי אויסרייסן מיטן וואָרצל, די באָלשעוויקעס, וואו איך וועל זיי נאָר געפֿינען זאָגט דאָס אייערע ייִדן

— האָט זיך דער יונגער, פֿיר און צוואַנציק יאָריקער אַטאַמאַן מיטאַמאָל צעשריען אויף אַ קוויטש, ווי אַ היסטערישע פֿרוי.

און פּלוצים, ווען ער איז שטיל געוואָרן, האָט זיך בײַ מלכה׳ן אַרויס־געריסן:

— קאָן איך אייך עפּעס זאָגן?

וואַסיאַ זעליאָני האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. פֿריער האָט ער אויף איר ניט געקוקט, ווי ער וואָלט זי גאָר ניט באַמערקט. ער האָט אָבער תּיכף ווידער אָוועקגעדרייט פֿון איר זײַנע אויגן.

— נאָר עטלעכע ווערטער — האָט מלכה ווייטער גערעדט מיט פֿאַר־שטיקטער אויפֿרעקונג.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און אויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— איך האָב גענוג געהערט און גענוג גערעדט. איר קאָנט גיין!

— איך בעט אייך מיך אויסצוהערן — האָט מלכה דערנאָך געזאָגט מיט אַ באַזונדערער עקשנות און נאָך מער אויפֿגערעגט, און איר פּנים, וואָס איז פֿריער געווען בלייך, האָט זיך צעפֿלאַמט.

האָט ער זיך דעמאָלט אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים און ווידער אַ קוק געטאָן אויף איר. דאָס מאָל שפּאָטיש.

— וואָס ווילט איר מיר זאָגן?

האָט מלכה אים געענטפֿערט און די אויגן בײַ איר זײַנען מיט אַמאָל פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן:

— וואַסיאַ זעליאָני, איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך פֿון אומשול־דיקע מענטשן, וואָס פֿילן דעם טויט איבער זיך. פֿון אומשולדיקע מאַמעס און טעכטער וואָס זעען פֿאַר זיך נאָך ערגער ווי דעם טויט. און ווענדע זיך צו אייער רחמנות. איך אַפּעליר צו אייך, וואַסיאַ! — האָט זי גערעדט שוין כמעט היסטעריש. — איר זייט דאָך אַמאָל געווען אַזאַ אידעאַליסט. איך גע־דענק דאָך יענעם וואַסיאַן, וואָס איז געווען גײַסטיק אַזוי שיין און אַזוי צאַרט און וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט די מענטשן!

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין איינמאָל אַנטוישט... דערמאָנט

מיך ניט מיינע ייִנגלשע יאָרן. זיי זיינען שוין מער ניטאָ! נייע צייטן זיינען היינט, נייע אומשטענדן, נייע פּראָבלעמען, וואָס זיי מוזן געלייזט ווערן מיט פייער און שווערד! — האָט ער איבערגעחזרט נאָך אַמאָל און די אויגן ביי אים האָבן זיך אַ צונד געטאָן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער און גענומען ריידן שטילער:

— און אויך פּערזענלעך וויל איך ראַטן, מחמת איר זייט דאָך פאָרט די אַמאָליקע מאַריאַ לוואָוונאַ, וואָס האָט ביי מיר געוועקט די אַזוי גערופענע „גוטע געפילן" און „הויכע פאַרלאַנגען": פאַרלאָזט די שטאָט. פאַרלאָזט וואָס גיכער. אויף די שנעלסטע פערד זאָלט איר אַנטלויפן פון דאַנען. אויף אַ לופט־שיף, אויב איר קאָנט, נאָר דאָ ניט בלייבן! איר הערט? — האָט ער געזאָגט נאָך שטילער. — אַנטלויפט וואָס גיכער פון דאַנען!

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— ניין, איך בלייב דאָ מיט די אַנדערע. און אין די ברוגזימער — האָט זי צוגעלייגט און דערביי געקוקט אים גלייך אין פּנים מיט אַ גאַליקן שמייכל — וועלן מיר, יידישע טעכטער, אין אונדזער שטעטל שפּרינגען נאָך איידער..

האָט ער ווידער אַ לאַך געטאָן און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אייער זאַך. איך האָב אייך געוואָרנט. איצט גייט. איך בין אַ פאַרנומענער מענטש!

אריה־לייב און דער אַנדערער ייד פון דער דעלעגאַציע האָבן זיך געלאָזט גיין צו דער טיר, אָבער ניט מלכּה. זי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. זי איז נאָך דאָרט געשטאַנען און האָט געקוקט דעם אַטאַמאַן אין פּנים אַריין.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האָט איר געהערט וואָס איך האָב געזאָגט? וואָס שטייט איר?

און האָט צוגעלייגט מיט כּעס:

— גייט, אויב איר ווייסט וואָס פאַר אייך איז געזונטער. מאַ־אַרש!..

אריה־לייב האָט זיך צוריקגעקערט און אָנגענומען מלכּהן פאַר אַן אָרעם און זי אַ צי געטאָן!

— קום!

און מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ איז זי אַוועק מיט אים צו דער טיר.

און דאָ האָבן זיי דערהערט הינטער זיך ווידער וואַסיאַ זעליאָנים קול:

— וואַרט!

זיינען זיי געבליבן שטיין.

אריה־לייב האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו אים און מלכּה איז געשטאַנען צו אים מיטן רוקן.

— הייסט עס, אַז היינט איז די לוויה פון אייער ראַבאַי?

— יאָ, מיט אייער דערלויבעניש — האָט אריה־לייב שטיל געענטפערט.

— און דאָס געלט און די שטיוול ווען וועט איר צושטעלן?

— איר האָט מיר געגעבן עטלעכע טעג...

— צוויי טעג גיב איך אייך!

— אין צוויי טעג וועט שווער זיין אויפצוזאמלען אזוי פיל...

— צוויי טעג גיב איך אייך! — האט דער אטאמאן זיך נאך העכער צושריען.

אריה-לייב האט איינגעבויגן דעם קאפ ארויסגעמורמלט!

— איך הער. גוט...

ארום די ביידלעך פון די היידאמאקעס האט איצט מער געליארעמט איידער פריער. עטלעכע זייערע האבן דארט געטאנצט א קאמארינסקע אונטער דעם אקאמפאנימענט פון הארמאניקעס און הויכן געלעכטער.

ווען מלכה מיט אריה-לייבן און דעם אנדערן יידן זיינען שוין געווען אויף אן אנדער גאס, האט זי פלוצים איבערגעריסן דעם שווייגן. זי האט זיך אנגערופן שטיל און פארטראכט:

— עס זיינען פאראן אזעלכע פאגראמען, וואס זיי זיינען א סך שרעקלעכער איידער די פיזישע...

איר קלוגער טאטע האט פארשטאנען וואס זי האט געמיינט און ער האט ארויסגעזיפצט:

יא, מיין קינד, איך האב דאס איצט די גאנצע צייט געפילט...

עלפטער קאפיטל.

דער פאגראם.

אויפן יידישן בית-עולם ביים קבר פון דעם אלטן רב, ארום וועלכן עס זיינען פארקליבן געווען הונדערטער יידן מיט זייערע ווייבער און זין און טעכטער, איז אויסגערופן געווארן אין נאמען פון דער דערהרגעטן אלטן רב, דעם קדוש ר' שלמהן, אז מען זאל זען, אז יעדער איינציקער ייד פון שטעטל זאל נעמען אויף זיך אלס א הייליקן חוב, איינצוזאלן די קאנטריבוציע וואס דער אטאמאן וואסיא זעליאני האט ארויפגעלייגט אויף די יידן פון דעם שטעטל. דאס הייסט, אז די גאנצע סומע פון די פינף הונדערט טויזנט רובל מיט די פינף הונדערט פאר שטיוול זאלן אים צוגעשטעלט ווערן פינקטלעך אין צייט כדי צו פארמיידן די גרעסטע אומגליקן...

אין דעם זעלביקן טאג נאך זיינען אריה-לייב גארדאן און אברהם-בער ראטנער, און נאך א פאר פון די גאר חשובע יידן פון שטעטל, ארומגעגאנגען צווישן די יידישע איינוואוינער, צווישן די קראמען און די הייזער, סיי צווישן די וואס האבן עפעס פארמאגט און סיי צווישן יענע וואס האבן גאר ווייניק פארמאגט, און זיי האבן געזאמלט געלט פאר דער קאנטריבוציע. און אויך פורן זיינען נאכגעפארן נאך זיי, אויף וועלכע מען האט געווארפן די צונויפגענומענע שטיוול.

און די מערסטע פון די יידן האבן אפגעגעבן זייערע לעצטע: זייער

לעצטע געלט און זייערע לעצטע און איינציקע פּאָר שטיוול. טאַטע־מאַמע האָבן דעם נדן פון זייערע טעכטער אָוועקגעגעבן, און דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז פאַרבליבן באָרוועס.

ניט אריה־לייב און ניט מלכּה וועלן אַמאָל קאָנען פאַרגעסן דאָס וואָס איז געשען ביי זיי אין שטעטל אַ פּאָר טעג נאָך דעם חבֿס לוויה.

די אלמנה באַשע די בייגל - בעקערקע האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַלע אירע קניפּלעך דאָס ביסל געלט וואָס זי האָט אויף דעם אַ לעבן־לאַנג אָפּגעפּאַצעוועט און וואָס זי האָט דאָס געקליבן פאַר אירעביידע טעכטער, כאַשקע און מירקע, אויף נדן, און זי האָט דאָס איבערגעגעבן אברהם־לייבן מיט אַ רחמנותדיקן געוויין.

— נאַט, נאַט, אַבי זיך ראַטעווען, אַבי די טעכטער אונדזערע אויסלייזן...

און דערביי האָט זי זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אין קאָפּ און זיך צעיאָמערט.

— אוי. פאַרוואָס האָט גאָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדז?!..

פּינקטלעך אין צייט האָט מען צוגעשטעלט דעם אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני די גאַנצע סומע געלט און די פינף הונדערט פּאָר שטיוול. דאָס איז געווען ערבֿ פּסח. דער יידישער דעלעגאַציע וואָס האָט אים צוגעשטעלט די קאָנטריבוציע, האָט ער ניט נאָר ניט באַדאַנקט, נאָר ער האָט איר געוואָרנט, אַז אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די יידן האָבן אים אָפּגענאַרט מיט די שטיוול, וועט ער ביי זיי אויפמאָנען אַנדערע...

און וואָס דער אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני האָט געמיינט דערמיט, האָט ער אויף מאָרגן געוויזן.

אָנגעהויבן האָבן דאָס די פּויערים, וועלכע ער האָט אויפגעהעצט מיט זיינע אַגיטאַציעס. דער ערשטער טאָג פּסח איז דאָס געווען. די יידישע קראָמען זיינען געווען צוגעשלאָסן. יידן זיינען געווען אין די שולן און אין די בתּי מדרשים.

מיט אַמאָל — ניט אין אַ מאַרק־טאָג — פּויערים! פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען? פּויערים און פּויערטעס פון די דערבייאיקע דערפער אויף פורן און צופוס; פּויערים און פּויערטעס מיט שטעקנס און מיט לאָמען און מיט העק אין די הונדערטער. אַנדערע פון זיי האָבן געטראָגן ליידיקע זעק איבער די אַקסלען. אַ גערויש און אַ טומל. די פורן האָבן געסקריפּעט, די מענטשן האָבן געשריען, געליאַרעמט און זיך אומגעקוקט אויף די צוגעמאַכטע יידישע קראָמען.

און איבער זיי אַלעמען האָט געלויכטן אַ שיינער פרילינגס־הימל און אַ פרילינגס־זון האָט געוואַרעמט.

און מיט אַמאָל אַ געלאַף אויף די קראָמען מיט די לאָמען און מיט די העק, און בראַזגן! און ווידער אַמאָל בראַזג! און אַ קלאַנג פון אייזן אַן

אייזן, וואָס איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַ ווילדן טומל פון מענטשלעכע שטימען.

און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען די טירן פון די מערסטע יידישע קראָ־מען אויפגעבראָכן געוואָרן און הונדערטער מענטשן — פויערים און פויער־טעס און אויך אַ היפשע צאָל פון דער שטאָטישער קריסטלעכער באַפעל־קערונג — זיינען דאָרט געווען אינעווייניק און האָבן געמאַכט חרוב ונחרב אַלצדינג וואָס איז זיי געקומען אונטער די הענט.

און פון אַנדערע קראָמען האָבן פויערים און פויערטעס געשלעפּט זעק און קעסטלעך מיט סחורה און געפּאַקט אויף זייערע וואָגנס וואָס זיינען דער־ביי געשטאַנען.

אויפן מיטן מאַרק איז געשטאַנען דעם אַטאַמאַנס אַ מענטש, אַ פּאַר־שוין אין צעריסענעם פּעלצל און אַ באַראַשקענעם היטל און אין שטיוול נאָך כמעט נייע, קענטיק פון די וואָס די יידן האָבן צוגעשטעלט, און ער האָט געשריען הויך אויפן קול

— נעמט, ברידער, אַלצדינג וואָס איר קאָנט! דאָס איז אונדזערע! זיי האָבן דאָס אַלצדינג ביי אונדז אָנגעראַבירט! אויסהרגענען דאַרף מען זיי אַלעמען! זאָל פון זיי קיין איינציקער ניט בלייבן אויף אונדזער לאַנד! רווי־בערס זיינען זיי! בלוטזויגערס זיינען זיי! באָלשעוויקעס זיינען זיי! נאָך ערגער איידער די פאַרשאָלטענע דייטשן!

און אויף דעם אַנדערן עק מאַרק האָט אַ צווייטער פון דעם אַטאַמאַנס מענטשן געלערנט אין אָט דעם גייסט, שוין ניט אַ פויער נאָר אַ שטעטלשער קריסט.

דער טומל איז געוואַקסן און אויך דער חורבן. דער גייסט פון צעשטע־רונג האָט דאָרט פאַרכאַפּט אַ צעווילדעוועטן המון און ווי אַ ברוזנדיקער פייער האָט ער זיך געטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער.

— הי־הי־הי־אָ־אָ־אָ־אָ־הי—הי הי!!! — האָט זיך געטראָגן אַ געפיל־דער פון ווילדע מענטשלעכע שטימען אין דער לופטן, און אַ פּייפן, און בראַזגען, און אַ קלינגען פון צעבראָכענעם גלאָז.

פון די שולן און בתי מדרשים זיינען געלאָפן די יידן מיט זייערע ווײַ־בער איבער די גאַסן און אַנדערע פון זיי האָבן ניט געוואוסט וואוהין, מחמת אהיים קומען האָבן זיי איצט מורא געהאַט און זיי האָבן געזוכט ערגעץ אַ זיכערע באַהעלטעניש. די מערסטע פון די ווייבער האָבן געשריען היסטעריש און אַנדערע פון זיי זיינען געווען אַזוי צושראָקן און צוטומלט, אַז זיי האָבן פאַרלאָרן דעם קול אינגאַנצן.

און אריה - לייב מיט זיין ווייב רבקהן און מיט זיינע ביידע זין און מיט זיין איידעם זיינען אַרויסגעלאָפן פון דעם אַלטן בית - המדרש און אריה - לייב, אַ בלייכער, האָט געמורמלט:

— ניט געהאָלפן... אויסגענאַרט... צוגענומען בײַ אונדז דאָס געלט, אויסגעטאָן אַזוי פיל ייִדן באָרוועס און איצט... אַט האָסטו דיר! איך וועל לויפן צו כראָפּאָוויצקין... אפשר...

חבקה האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַן אָרעם און מיט שרעק אויסגעשריען:

— ניין, אריה - לייב דו וועסט צו אים ניט גיין! מען וועט דיר דערהרגענען!

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר.

— לאָז, חבקה. איך מוז! כראָפּאָוויצקי איז דער קאָמיסאַר פון דעם שטעטל. ער איז די רעגירונג. ער איז די מאַכט. ער האָט מיר דאַמאָלסט צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן אַלצדינג כדי ניט צו דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם. לאָז מיך. האַלט מיך ניט צו. קינדער, חבקה, לויפט איר בעסער אַהיים. זעט, אַז מלכה זאָל זיך באַהאַלטן, אַז שיינדל זאָל זיך באַהאַלטן, און דו, חבקה, באַהאַלט זיך אויך!...

און ער האָט זיך געלאָזט לויפן מיט זייטיקע געסלעך צו דער גאַס וואו כראָפּאָוויצקי האָט געוואוינט.

און דאָ האָט ער דערהערט אַ קלאַפּעריי פון פּאַדקאָוועס איבער אַ בלאָטיקער גאַס. ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזען ווי איבער דער אַנדער גאַס האָבן דעם אַטאַמאַנס היידאַמאַקעס זיך מיט אַ געפּילדער געטראָגן אויף זייערע פערד צום מאַרק צו און באַלד (אריה – לייב האָט אַליין ניט געהערט ווי ער האָט גענומען שרייען פאַר שרעק) האָט ער דערזען ווי אַ פּאָר פון די היידאַמאַקעס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון זייערע חברים און האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך צוויי ייִדן וואָס זיינען געלאָפן איבער אַ זייטיקן געסל און האָבן זיי אָנגעיאָגט און צוטראַמפּלט מיט זייערע פערד און זיינען ווייטער אַוועק.

און ווען אריה - לייב איז נאָכדעם צוגעקומען צו כראָפּאָוויצקיס הויז, האָט ער ניט געקאָנט ריידן פאַר אויפרעקונג.

כראָפּאָוויצקיס פרוי איז צו אים אַרויסגעקומען, האָט אים געזאָגט, אַז איר מאַן איז ניטאָ אין שטעטל, ווייל ער האָט געדאַרפט ערגעץ פאָרן.

בײַ אריה - לייבן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט דערלאָזן צו אַ פּאָגראָם. מיר האָבן באַצאָלט דעם אַטאַמאַן אויך, אַז עס זאָל ניט זיין קיין פּאָגראָם. און איצטער זעט וואָס דאָרט טוט זיך! מען דערהרגעט מענטשן אין מיטן גאַס מען ראַבירט, מען מאַכט אַלצדינג חרוב. און אַז מיר זיינען ייִדן איז וואָס? דאַרף מען אונדז דערפאַר אויסהרגענען? פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָבן זיך דערהערט טרערן אין זיין קול.

בײַ מאַדאַם כראָפּאָוויצקי, אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע מיט ווייסע האָר, זיינען די אויגן אויך פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— וואָס פאַר אַ שאַנד און וואָס פאַר אַ ווייטאָק! קומט אַריין אין הויז וואַרט דאָ איבער. עס איז אַ סכנה פאַר אייך צו ווייזן זיך איצט אויף דער גאַס.

אָבער אריה - לייב האָט זיך געלאָזט לויפן צוריק צו זיך אַהיים.

און דער פּאָגראָם האָט שוין דערוויַיל פאַרכאַפּט די יידישע הייזער אויך. די קולות און דער געפּילדער זיינען איצט געווען ווילדער און שרעק־לעכער איידער פריער. די דאָזיקע קולות האָט אריה - לייב איצט געהערט זיך טראָגן פון אַלע זייטן.

— הי־הי־או־אַ־אַ־הי־הי!!! — האָט געריטשעט און געוואָיעט ווי פון הונדערטער ווילד - צווושעטע חיות.

און די דאָזיקע קולות האָבן געמאַכט אויף אריה - לייבן אַזאַ איינ־דרוק, ווי דער מלאך המות אַליין מיט אַ גאַנצער מחנה שדים און רוחות, אַרויסגעריסן זיך פון גיהנום, וואָלטן זיך געטראָגן איבער די גאַסן מיט שאַרפע חלפים אין די בלוטיקע הענט און געזוכט יידישע לעבנס...

אַ צוטומלטער האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

„גאָט ווייס וואָס ביי מיר אין דער היים טוט זיך".

און ער האָט גענומען לויפן שנעלער, אָבער אַלץ מיט די זייטיקע געסלעך און פאַרביי די גאָרטנס הינטער די הייזער.

לויפנדיק פאַרביי איינער פון די געסלעך, וואו קריסטן האָבן געוואוינט האָט ער באַמערקט ווי עטלעכע קריסטלעכע פרויען, פאַרסאָפּעטע און פאַר־האָוועטע, האָבן געשלעפּט אין זעק און אין קעסטלעך סחורה וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אין די יידישע קראָמען. זייערע קינדער, נאָך קליינינקע, אפשר פינף, זעקס יאָריקע, האָבן זיי געהאָלפן דאָס שלעפּן. און איינע פון די פרויען, מיט צופּאַטלטע האָר און מיט אַ צופלאַמטן פנים, האָט געשלעפּט אויף איר אַקסל אַ שווערן זאַק און האָט געשריען פאַרמאַטערט:

— פּאַראַשאַ! אָוודאָטיאַ! קומט אַהער, נעמט צו און טראָגט אַרויס זעק זאָל זיין אין וואָס צו פּאַקן!...

און צוויי שיקסעס, ביידע בלאָנדע מיט אונטערגעקאַשערטע קליידלעך, זיינען אַרויסגעלאָפן פון אַ שטוב מיט ליידיקע זעק און איינע פון זיי האָט אַרונטערגעכאַפּט דעם שווערן זאַק ביי דער פרוי פון אַקסל, און די אַנדערע צוזאַמען מיט דער פרוי און מיט די ליידיקע זעק, זיינען אַוועקגעלאָפן אַהין פון וואַנען עס האָבן זיך געטראָגן די ווילדע געשרייען.

אריה - לייב האָט דאָס געזען ווי דורך אַ נעבל. ער האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט. ער איז געלאָפן ווייטער. נאָר ביי די ווערטער פון דער פרוי: „עס זאָל זיין אין וואָס צו פּאַקן", האָט עפּעס אין אים אַ לאַך געטאָן, אַ מין לאַכעדיקע קאָנוואולסיע איז דאָס געווען.

ערשט ווען ער איז צוגעקומען צו דעם טייל פון שטעטל וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער אויפגעהערט צו לויפן און זיך גענומען גנבענען צו זיין

גאַם און דעמאָלט האָט אים דערזען זיין שכן, דער גלח מאַקאַר, אַ פּאַרשוין מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר ביז צו די אַקסלען און מיט אַ בלאָנדער באָרד.

דער גלח איז געשטאַנען אויפן הויף ביי זיך און האָט גערעדט צו אי־מיצן עפּעס אויפגערעגט, צלמענדיק זיך דערביי.

ווען ער האָט דערזען אריה – לייבן איז ער אים אַנטקעגנגעלאָפן און האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— גייט ניט ווייטער. מען וועט אייך דערהרגענען! — האָט דער גלח מאַקאַר אויפגערעגט גערעדט און הענט און פּיס האָבן ביי אים גע־ציטערט.

און אַזוי ווי אריה - לייב איז געבליבן שטיין אַ צוטומלטער, האָט דער גלח מאַקאַר גערעדט ווייטער:

— דער נישט – גוטער אַרבעט, איך בין אַרויסגעלאָפן צו זיי מיטן צלם, גערעדט צו זיי, געבעטן זיך ביי זיי אין דעם נאָמען פון קריסטוסן, עס העלפט ניט!

— מיין ווייב, מיינע קינדער — האָט אריה - לייב געמורמלט.

האָט דער גלח מאַקאַר אים געענטפערט:

— זיי האָבן זיך, מסתמא, באַהאַלטן. אייער טאָכטער מלכה איז ביי מיר אין שטוב און נאָך אַנדערע, קומט אויך!

און דער גלח האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אָרעם און מיט גוואַלד אים אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך און געבראַכט אים צו זיך אין הויף. און באַלד איז אריה - לייב געווען אויפן בוידעם פון דעם גלחס הויז, וואו צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידישע נפשות האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן מלכה און פריידל

— וואו איז די מאַמע? — איז אריה - לייב צוגעגאַנגען צו מלכהן, וועלכע איז געזעסן לעבן פריידלען אויף דר׳ערד אַ צוטומלטע, ווי די אַנ־דערע דאָרט אויפן בוידים.

— איך ווייס ניט, טאַטע, איך ווייס גאָרנישט, — האָט זי געענט־פערט, אַ קוק געטאָן אויף אים צוטומלט און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

האָט ער זיך דעמאָלט אַ לאָז געטאָן צוריק צום אַרויסגאַנג פון בוידים און דער גלח מאַקאַר האָט אים ווידער פאַרשטעלט דעם וועג.

— וואוהין?

— לאָזט מיך, באַטיושקאַ! מיין ווייב, מיינע אַנדערע קינדער!...

— איר וועט ניט גיין. משוגענער מענטש, וואָס איר זייט! זיצט, וואו איר זייט, און בעט גאָט, אַז זיי זאָלן ניט דערשמעקן וואו איר זייט!...

און דאָ איז צו אים אויך מלכה צוגעלאָפן און האָט זיך איינגע־קלאַמערט אין זיין אָרעם מיט ביידע הענט און געשלעפּט אים צוריק:

— טאַטע, האָב רחמנות!

ווי אַ גולם, האָט ער געקוקט אויף איר, און זיך געלאָזט שלעפּן צוריק. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרט אויף דר׳ערד צווישן די אַנדערע. האָט זיך

אָפּער באַלד ווידער אויפגעהויבן און פאַרשטעלט מיט די הענט ביידע אוי-ערן אַז זיי זאָלן ניט הערן די קולות, דעם ווילדן געפּילדער און דעם בריאָזג און דאָס פּייפעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון אַרום. און נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אַוועקגעזעצט און אַרומגעכאַפּט די קני מיט ביידע הענט און זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען. בשעת דעם האָט ער געקוקט פאַר זיך מיט אַ בליק, וואָס איז געווען איין פאַרגליווערטער, שטומער יאָמער.

די מענטשן, וואָס זיינען דאָרט געזעסן, האָט ער געקענט אַלעמען. ער האָט זיי אָבער קיינעם ניט באַמערקט. זיי אַלע זיינען פאַרשטעלט געווען פון זיין ווייב און קינדער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פאַר אים הינטער דעם ווילדן ליאַרם. און פון צייט צו צייט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט געהערט זייערע געשרייען אויך אין יענעם ליאַרם...

ער האָט געמורמלט:

— איך וועל משוגע ווערן! איך וועל פון זינען אַראָפּ!

דער גלח מאַקאַר איז יעדע ווילע צוגעגאַנגען צום בוידעם-פענסטערל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו דער גאַס, וואָס מען האָט איצט חרוב גע-מאַכט, און האָט געקרעכצט:

— אַי, באָזשע טי מאָי! אַי, באָזשע טי מאָי!

און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי. איין שאָס און נאָך איינער, און נאָך איינער — און די געשרייען זיינען געוואָרן ווילדער.

דער גלח מאַקאַר, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען ביים פענסטערל, האָט נאָך העכער און נאָך מער צעשראָקן אַרויסגעקרעכצט:

— אַי-אַי-אַי! אַי, באָזשע טי מאָי!

און ער האָט זיך גענומען צלמען.

אַריה-לייב האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון דר׳ערד און איז צוגעלאָפן צום פענסטערל, וואו דער גלח מאַקאַר איז געשטאַנען, און זיין בליק איז גלייך געפאַלן אויף זיין הויז, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן.

און /דאָרט האָט מען איצט געהאַלטן אין מיטן ראַבירן און חרוב מאַכן. די פענסטער זיינען געווען אַרויסגעזעצט, די טירן צעבראָכן. אין דעם אויפגעבראָכענעם טויער, וואָס האָט געפירט צו אים אויפן הויף, זיינען אַרומגעלאָפן צעווילדעוועטע בראָוואַים אהין און צוריק, מיט לאָמען, מיט העק און מיט שטעקנס, און צווישן זיי וואַסיאַ זעליאָנים „העלדן" אויף פערד און מיט ביקסן; און זיי אַלע האָבן געליאַרעמט און געפייפט, און געבראָכן, און אַ תל געמאַכט פון אַלצדינג, אויף וואָס זייער אויג און האַנט זיינען געפאַלן...

פון איינעם פון די פענסטער זיינען געפלויגן ביכער און רעליגיעזע ספרים — מלכה׳ס ביכער און אריה-לייב׳ס ספרים — זיי זיינען געפלויגן, רוישנדיק מיט די ווייסע בלעטלעך, וואָס אין זיי זיינען געווען איינגע-קריצט די שענסטע ווערטער וועגן גאָט און מענטש, וועגן ליבע, יושר

און גערעכטיקייט פון מענטש צו מענטש, און זיי זיינען געפאלן אויף דער בלאָטיקער גאַס, צווישן די שטיקער בראָך פון אריה־לייב׳ס פריערדיקער רייכער באַלעבאַטישקייט, וואָס זיינען דאָרט געלעגן.

פויערים און פויערטעס און שטאָטישע גויים און גויעס, מיט טעפּיכער, סערוועטן, מלבושים, וווייבערשע און מאַנסבילשע, מיט סאַמאָווארן, מיט כּלים, קופּערנע און מעשענע, — זיינען געלאָפן פאַרהאַוועט איבער דער גאַס פאַרביי דעם בוידים־פענסטערל, לעבן וועלכן אריה־לייב מיטן גלח זיינען געשטאַנען, און אריה־לייב האָט ווייניק אויפמערקזאַמקייט צו דעם געשאַנקען, מחמת זיינע אַלע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט זיין ווייב און קינדער:

„וואו איז רבקה? וואו זיינען זיי אַלע?״ — האָט אים ניט אויפגעהערט צו עגבערן און טומלען אין מח.

בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע איז ער אָוועקגעריסן געוואָרן פון די געדאַנקען וועגן זיין פרוי און די אַנדערע קינדער. דאָס איז געווען, בעת אויף דעם באַלקאָן פון זיין הויז האָט זיך צוערשט באַוויזן איינער פון וואַסיאַ זעליאַנים „העלדן״, אַ געשטופּלטער הײַדאַמאַק, מיט אַ לאַכנדיקן, ווילד־באַוואַקסענעם פּנים און מיט דער קאַלבע פון זיין ביקס האָט ער גענומען זעצן אין דער גלעזערנער טיר, וואָס האָט געפירט פונם באַלקאָן אינעווייניק. ער האָט צעבריאַזגעט די שויבן, אַרונטערגעריסן די טיר און זי אַ וואָרף געטאָן פון באַלקאָן אַרונטער און באַלד דערנאָך האָבן זיך באַוויזן אין דער עפענונג וואו עס איז פריער געווען די טיר, עטלעכע אַנדערע הײַדאַמאַקעס, וואָס האָבן געשלעפּט און אונטערגעשטופּט אַ פּיאַנאָ צום באַלקאָן.

און איינער פון זיי, אויך אַ „העלד״ פון וואַסיאַ זעליאַנים „קעמפער״ מיט אַ צעפּאַטלטער רויטער באָרד, האָט מיט זיין שווערד גענומען האַקן איבער דעם רויטן האַלדז פון דער פּיאַנאָ, און אַן אַנדערער, אַ יונגער שגיץ — אַ ריז, מיט אַ ווילדן בליק אין זיינע אויגן, האָט מיט אַ לאָם גענומען זעצן מיט דער גאַנצער קראַפט אין דעם קלינגענדיקן אינגעווייד פון דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט; און באַלד זיינען פון אים געפאַלן שטיקער — פונם באַלקאָן אַרונטער. און דער המון, וואָס האָט דאָס צוגעזען, האָט דערפון ווילד הנאה געהאַט און האָט געהירזשעט אויפן קול און געפּאַטשט בראַוואָ און געשריען הורא!

אָט דאָס בילד האָט אויף אַ קליינע ווײַלע אָוועקגעריסן אריה־לייבן פון די געדאַנקען וועגן זיין פרוי און קינדער. ער האָט געקוקט אויף דעם, און דאָס פּנים ביי אים האָט זיך קאָנוואולסיוו געקרימט. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מלכה׳ס פּיאַנאָ״...

(דאָס איז געווען די זעלבע פּיאַנאָ, וואָס אויף איר האָט נישט איין מאָל מלכה געשפּילט פאַר וואַסיאַ זעליאַני און אים באַגײַסטערט אין יענער צייט, ווען ער האָט מיט איר געלייענט די ביכער וועגן קאַמף פאַר מענטש־

לעבער פרייהייט, וואָס זיינען געווען פאַרבאָטן פון דער צאַרישער רעגירונג).

אריה-לייב האָט זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ געטאָן און אַרויסגעמורמלט צו זיך אַליין:

„גאָט ווייסט, וואָס עס איז דאָרט מיט זיי!״

און ער האָט זיך צוריקגעקערט צו מלכּהן און זיך ווידער אַוועקגעזעצט נעבן איר אויף דר׳ערד און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך צעשאָקלט.

דער גלח מאַקאַר איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט ביים בוידים-פענסטערל, האָט געקוקט און ווידער און אָבער געאיקעט און זיך געצלמט. ער האָט געמורמלט:

— דער ניט-גוטער... דער ניט-גוטער אַרבעט!

ער האָט דערקענט איינעם, אַ חשובֿן באַלעבאָס פון זיין קלויסטער. אַ פרומער קריסט געווען, האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין דאַווענען אינם קלויסטער. איצט האָט דער גלח מאַקאַר געזען, ווי ער איז געלאָפן איבער דער גאַס מיט אַ גרויסן שפּיגל אין אַ גאָלדענער ראַם איבער די אַקסלען, און ווי זיינע ביידע ייִנגלעך, צעפּלאָמטע, האָבן געשלעפּט אויף זיך גאַנצע בערג מיט זאַכן, קליידער און וועש...

דורך אַ פענסטער פון אַבֿרהם-בער׳ס הויז האָט מען אַרויסגעוואָרפן אַ פּאָטעל, און צוויי פויערטעס זיינען צוגעלאָפן צו דעם און האָבן פון ביידע זייטן גענומען רייסן דעם פּליוש פון דעם פּאָטעל...

און פּלוצים — ווידער אַ שיסעריי... טראַך — טראַך — טראַך!.. און באַלד נאָכדעם אַ ווייבערשער געשריי:

— ראַ - ט - ע - וו - ע - ט !..

פון אָט דעם געשריי האָבן אַלע, וואָס זיינען געווען ביים גלח אויפן בוידעם, זיך צונויפגעקאָרטשעט, און די אויגן ביי יעדן פון זיי זיינען געוואָרן גרעסער ווי פריער, גרעסער און גלעזערנער. און די דאָזיקע אַלע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אין אַ זייט, פון וואַנען יענער ווייבערשער געשריי, „ראַטעוועט״, האָט זיך געהערט. וואָרום יעדער פון זיי האָט געוואוסט, וואָס דער דאָזיקער געשריי האָט באַדייט.

און דערנאָך ווידער געשרייען פון ווייבער... פון אַלע זייטן, האָט זיך געדראָכט... און איין געשריי האָט זיך דערהערט פון גאָר נאָענט, און ער איז באַלד איבערגעהאַקט געוואָרן.

און סיי מלכּה און סיי פריידל האָבן אָט דעם געשריי דערקענט. דאָס האָט געשריען אברהם - חיים גינזבורג׳ס טאָכטער, אסתּר, זייערע אַ חבֿרטע, אַ געבילדעטע מיידל, וואָס האָט געענדיקט אַ גימנאַזיע.

פריידל האָט אַ קוויטש געטאָן און האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן מלכּהס אָרעמס און געקוקט אויף איר מיט גרויסע, גלעזערנע אויגן, געעפנט דאָס מויל און ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דערנאָך האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין. האָט געוויינט און געלאַכט,

געקלאַמערט זיך אָן מלכּה׳ס אָרעמס, זיך געקאָרטשעט און געדרייט זיך, ביז זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן פּנים צו דר׳ערד און זיך געראַנגלט צו דערשטיקן איר קול.

און מלכּה האָט אויך געפילט ספּאַזמעס אינם האַלדז, האָט געפילט, אַז אָט־אָט וועט זי אויך אַרויספּלאַצן מיט אַ היסטערישן יאָמער, און זי איז צוגעפאַלן צו פריידלען און פּרובירט זי באַרואיקן. און בעת דעם האָט זי זיך אַליין געטרייסלט ווי אַ בלאַט...

אריה־לייב איז געזעסן אַ צעמישטער און האָט געקוקט מיט אויס־געגלאָצטע אויגן אויף זיי און געשטאָפּט זיין פויסט צו זיך אין מויל אַריין. מיט אָט דעם פויסט האָט ער געוואָלט דערשטיקן דאָס קול, וואָס האָט זיך געריסן פון אים...

די איבעריקע נפשות אויפן בוידעם זיינען זיך געזעסן האַלב־טויטע, מיט שרעק און פאַרצווייפלונג אין די אויגן, ווי צום טויט פאַרמשפּטע. איינער פון זיי איז געווען משה־הירש דער מלמד, אַן אַלטער, זיבעציק־יאָריקער ייד. ער איז געזעסן לעבן זיין טאָכטער הינדעלע, אַ גרויסע פאַר־שוין פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, וועלכע האָט געהאַלטן איר איין־יאָריק עופה׳לע ביים בוזים. ער האָט די גאַנצע צייט געזאָגט תּהילים.

הינטער זיי זיינען געזעסן זעליג דער שוחט, אַ באַלעבאָס פון דער צווייטער גאַס, און זיין ווייב מירקע, און זייערע צוויי טעכטער, באַנקע און ביילקע, די ערשטע אַ יאָר צוואַנציק און די צווייטע אַ יאָר זיבעצן.

דער גלח מאַקאַר, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביי זיין בוידעם־פענסטערל, האָט זיך פּלוצים אַ צאַפּל געטאָן און האָט אויסגעשריען צע־טומלט:

— זיי גייען אַהער!..

און אַלע, וואָס זיינען געווען אויפן בוידעם, האָבן זיך ווי פון איין שטוים אַ טרייסל געטאָן. אַפילו פריידל האָט זיך אויפגעזעצט און אויפ־געהערט צו וויינען. און טאַקע באַלד האָבן זיך דערהערט די שטימען פון די היידאַמאַקעס גאָר נאָענט, פונם גלח׳ס הויף, און עמיצנס אַ געשריי: „אָט דאָ זיינען זיי, ביים גלח מאַקאַר אויפן הויף!״...

און אין אַ ווײַלע אַרום ווידער ווייבערשע געשרייען און אַ שיסעריי. דאָס מאָל פון גאָר־גאָר נאָענט, פון דעם הויף גופא, וואו זיי זיינען געלעגן באַהאַלטן...

דער גלח מאַקאַר האָט אַרויסגעמורמלט, צלמענדיק זיך:

— דאָס זיינען זיי באַפאַלן יענע, וועמען איך האָב באַהאַלטן ביי מיר אינם שטאַל. קומט, העלפט מיר אַרויפשלעפּן דעם לייטער!..

און ער האָט גענומען אַרויפשלעפּן דעם לייטער, וואָס האָט געפירט צום בוידעם. און דער אַלטער משה־הירש און זיין טאָכטער הינדעלע און דער שוחט מיט זיין ווייב און זייערע טעכטער האָבן אים געהאָלפן

ארויפשלעפן דעם לייטער אויפן בוידים.

און די ווייבערשע קולות פון הויף האבן ניט אויפגעהערט. פון צייט צו צייט האט זיך צו זיי אריינגעריסן א שאס, אדער א שמוציקע זידלעריי, ארויסגעשריען פון א הייזעריקן קול...

און מיטאמאל האט זיך דער גלח מאקאר אנגערופן:

— זאלן מיר גאט בעטן, זאלן מיר צו זיין רחמנות זיך ווענדן. יעדער אויף זיין באזונדערן אופן!..

און ער האט זיך א ווארף געטאן אויף די קני אין א ווינקל און אין אן עקסטאז גענומען גאט בעטן און זיך צלמען.

און דער אלטער משה־הירש האט ארונטערגעלאזט נידעריק דעם קאפ אויף זיין ברייטער ווייסער באָרד, צוגעמאכט די אויגן, און מיט א נאך מער געבראכענעם קול האט ער אנגעהויבן צו זאגן תהילים.

און זיין אלט געבראכן קול האט זיך צונויפגעגאסן מיט דעם פארצווייפלטן קרעכצן און אכצן און וויינען פון די איבעריקע, וואס האבן אויך געזאגט תהילים מיט אים.

אויך פריידל האט געזאגט תהילים און רחמנותדיק געוויינט. בלויז אריה - לייב און זיין טאכטער מלכה האבן געשוויגן. זיי זיינען געזעסן אזוי ווי באטויבט פון די געשרייען, וואס האבן זיך געטראגן פונם הויף.

אזוי זיינען זיי דארט געזעסן אויפן בוידעם א לאנגע, לאנגע צייט, ביז ארום זיי איז שטיל געווארן. די פאגראמשטשיקעס האבן שוין אויף דער גאס ניט געהאט מער וואס צו טאן. שטיל איז דארט געווארן, טויט־שטיל...

דער גלח מאקאר האט צוריק ארונטערגעלאזט דעם לייטער פון בוידים. און דעמאלט האט אריה־לייב זיך א לאז געטאן צום לייטער. אבער דער גלח מאקאר האט אים פארשטעלט דעם וועג.

— איין מינוט. איכ׳ל אפריער א קוק טאן...

און א שטיק צייט איז אויסגעקומען אריה־לייבן צוווארטן, ביז דער גלח האט זיך צוריקגעקערט און פון אונטן צו זיי ארויפגעשריען, אז זיי קענען ארונטערגיין. און ווען אריה־לייב איז נאכדעם ארונטערגעלאפן פונם לייטער, האט ער ניט באמערקט, ווי דערשלאגן און איינגעהויקערט דער גלח מאקאר האט אויסגעזען, און ווי פארוויינט די אויגן זיינען ביי אים געווען...

ער, אריה־לייב, און נאך אים מלכה זיינען געלאפן גלייך צו זיך אין הויז אריין. ער איז געלאפן איבער צעבראכענע שטיקער מעבל, וואס האבן זיך געוואלגערט אויף דער גאס ארום זיין הויז, איבער שטיקער שפיגל, איבער דורכגעשטאכענע און דורכגעריסענע אויל - בילדער און שטיקלעך צעבראכן גלאזווארג און געשיר; און ער איז אריינגעלאפן אין ערשטן צימער און איז געבליבן שטיין ווי אן איינגעגראבענער: זיינע ביידע זין זיינען דארט געלעגן אויפן דיל אין א טייך בלוט; ביידע צעהאקטע און פארקריפלטע

אזוי, אז מען האָט זיי קוים געקענט דערקענען...

— גע—וואַ—אַ—לד! — האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן אַ קול, וואָס האָט פאַרהילכט מלכה'ס געשריי. און ווי אַ משוגענער, האָט ער זיך געלאָזט לויפן ווייטער, און מלכה נאָך אים. אין אַ צווייטן צימער אויפן דיל האָט ער געפונען זיין ווייב כמעט אַ נאַקעטע, מיט אַ צעקריפּלט לייב...

מלכה האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איבער איר מאַמעס קערפּער און האָט גע'חלשט. און אריה־לייב האָט דערפילט, ווי אַלצדינג ארום אים און אונטער אים דרייט זיך און וויגט זיך און ווי די פיס בויגן זיך אונטער אים. ער האָט אפילו ניט געקאָנט שרייען.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, איז געשטאַנען נאָך אַ ווײַלע און האָט געקוקט פאַר זיך, ווי אַ משוגענער. נאָכדעם האָט ער מיט וואַקלדיקע טריט זיך אַוועקגעשלעפּט אין די ווייטערדיקע צימערן און זיך דערשלעפּט ביז צו די צימערן, וואו זיין טאָכטער שיינדל מיט איר מאַן און קינד האָבן געוואוינט.

און דאָרט, אין אַ צימער, האָט ער זיי אַלעמען דערזען: זיי זיינען געלעגן אויפן דיל איינער נעבן אַנדערן — שיינדל, אַ צעקאַליעטשעטע, אַ צעשניטענע, און ביי איר אין די אָרעמס איז געלעגן, מיט אַ צעשפּאָלטענעם קעפּעלע, איר קינד, און נעבן איר איז געלעגן איר מאַן. און זיין מויל איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אירער אַן אָפּגעשניטענער ברוסט!..

אריה - לייב האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף דר'ערד און זיך גענומען קלאַפּן דעם קאָפּ אָן דעם דיל און זיך צעשריען מיט באַנומענע קולות אָן ווערטער. דערנאָך איז ארום אים פינסטער געוואָרן, און ער איז דאָרט פאַרלאָרן געגאַנגען מיט זיין געשריי... און ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, איז שוין געווען נאַכט, און ער האָט דערזען נעבן זיך דעם גלח מאַקאַר. אַן איינגעהויקערטער איז ער געשטאַנען איבער אים מיט אַ ליכט אין דער האַנט און האָט עפּעס גערעדט צו אים, וואָס ער האָט צוערשט ניט פאַרשטאַנען.

נאָכדעם האָט ער געזען, ווי דער גלח מאַקאַר האָט פּלוצים אַוועקגעשטעלט דעם לייכטער מיט ליכט אויף דעם דיל און זיך אַ וואָרף געטאָן פאַר אים אויף די קני, מיט אַ געשריי, וואָס איז פאַרשטיקט געווען פון טרערן:

— אומגליקלעכער, איך בעט ביי דיר און ביי דיין פאָלק מחילה פאַר די רציחות פון מיין פאָלק. זיי ווייסן ניט וואָס זיי טוען!..

צוועלפטער קאַפּיטל.

נאָכן פּאָגראָם.

עטלעכע טעג זיינען די דער'הרגעטע געלעגן, און מען האָט זיי נישט מקבר געווען. מחמת יענע יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן, האָבן מורא

געהאַט אַרויסצוקריכן פון זייערע באַהעלטעניש.

דעם איינציקן יידישן נפש, וואָס מען האָט געקאָנט זען אויף די חרובע גאַסן פונם שטעטל, איז געווען באַשע, די בייגל - בעקערקע, די זעלביקע, וואָס האָט אוועקגעגעבן איר גאַנץ ביסל געלט, די האַרעוואַניע פון איר גאַנץ לעבן, פאַר דעם אַטאַמאַן וואַסיאַ זעליאָני, כּדי צו פאַרהיטן אירע ביידע טעכטער, כאַשקע און מירקע. די טעכטער אירע האָט דאָס געלט ניט פאַרהיט: כאַשקע און מירקע, ביידע טעכטער אירע, זיינען געפאַלן די ערשטע קרבנות אין אַט דעם פּאָגראָם. און זיי ביידע זיינען איצט געלעגן אויפן בוידים פון זייער שטיבל, וואו זיי האָבן זיך באַהאַלטן, געשענדעטע און טויטע. האָט באַשע די בייגל-בעקערקע, שוין ניט געהאַט מער וועמען צו פאַרהיטן און פאַר וואָס מורא צו האָבן, — איז זי איצט אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, מיט ווילד - צעפּאַטלטע האָר, אָן אַ טיכל אויפן קאָפּ, און האָט געקוקט מיט אָנגעצונדענע אויגן אַרום זיך און געשריען מיט אַ הייזעריקן קוויטש:

— יידישע קינדער, שפּייט אויף גאָט! שפּייט אויפן רוצח!..

און יעדע ווייַלע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן אירע ביידע לאַנגע אָרעמס צום הימל, געשאָקלט מיט זיי מיט אַ מין ווילדער רציחה, און מיט אַ פאַרסליונעט מויל האָט זי געשפּיגן און געשריען:

— טפו אויף דיר! טפו אויף דיר! טפו אויף דיר!..

נאָכדעם איז אַרויסגעקומען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן פון כראַפּאַוויצקין, דעם קאָמיסאַר פונם שטעטל, אין נאָמען פון דער אוקראַאינישער רעגירונג, אַז אינם שטעטל ווערט געזיכערט די אָרדענונג, און די יידן דאַרפן מער קיין מורא ניט האָבן. און געענדיקט האָט זיך די פּראָקלאַמאַציע דערמיט, וואָס די יידן זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו באַגראָבן זייערע טויטע.

ערשט דעמאָלט האָבן זיך די יידן דערוועגט אַרויסצוקומען פון זייערע באַהעלטעניש; און עס האָט גענומען אַ גאַנצן טאָג אויפצוקלייבן די אַלע דערהרגעטע. מען האָט זיי געפונען אין די צעשטערטע הייזער, אויף די בוידימער און אין די קעלערס און אין די רינשטאָקן און אין די ברונימער... אויף וואַגנס האָט מען זיי אַלעמען געלייגט — ווייבער און מענער און קינדער, סיי אייגענע, סיי פרעמדע — אַלע פאַראייניקט דורך דער שחיטה פון די רוצחים. און די מערסטע פון זיי זיינען געווען אַזוי צעקאַליעטשעט און פאַרקריפּלט, אַז מען האָט זיי קוים געקאָנט דערקענען. און צווישן זיי זיינען אויך געווען מלחמה - קריפּלס — אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרלוירן הענט און פים אויף דער מלחמה, און אַפילו אַזעלכע, וואָס זיינען בלינד געוואָרן אויף דער מלחמה. די רוצחים האָבן קיינעם ניט געשאַנעוועט!

צענדליקער וואַגנס האָבן געפירט אַט די יידישע קדושים צום בית-עולם. און צווישן זיי זיינען אויך געווען רבקה אריה-לייב׳ס מיט אירע זין

און מיט איר איניקל און מיט איר איידים, און אויך אברהם־בער ראַטנער מיט זיין פרום ווייב חיה - שרה און מיט זייער גאַנץ הויזגעזינט, אחוץ פריידלען...

מוראַדיק איז געווען די לוויה פון די הונדערטער יידישע קרבנות, וואָס מען האָט געמוזט באַגראָבן אין איין קבר פון קדושים... אָן יללות האָבן די, וואָס זיינען פאַרבליבן לעבן, באַגלייט זייערע מאַרטירער צום בית־עולם. אָן געוויין און אָן טרערן זיינען זיי אַלע געשטאַנען אַרום דעם גרויסן, הייליקן קבר. נאָר ווען דער עלטסטער בעל תפילה פונם שטעטל, אַ ייד מיט אַ פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, האָט מיט אַ געבראָכענעם קול געגומען זאָגן קדיש, און נאָך אים דער גאַנצער עולם יידן, — דעמאָלט האָבן זיך דערהערט עטלעכע היסטערישע געשרייען פון ווייבער. און דאָ און דאָרט איז עמיצער פון דעם עולם געפאַלן אין חלשות...

אויך אריה - לייב און פריידל זיינען געווען ביי דער לויה און זיי האָבן ניט געוויינט. אויך ביי זיי, ווי ביי אַנדערע, איז פאַרשטיינערט געווען דער געוויין, און טרערן זיינען פאַרשטיינערט געווען. ערשט שפּעטער, ווען אריה־לייב מיט ביידע מיידלעך זיינען געקומען צו אים אין דער צעשטערטער היים, האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

נו, קינדער, וואָס איצט, האַ?

און אַז ער האָט פון די מיידלעך קיין ענטפער ניט געקראָגן, האָט ער גערעדט ווייטער:

— און איך בין געבליבן לעבן, צום שוואַרץ יאָר! קאָן איך דאָס? דאַרף איך דאָס?

און ערהאָ ט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אין קאָפּ אַריין און זיך מיטאַמאָל פאַרשטיקט צעיאָמערט:

— גוואַלד, ווי אַזוי קאָן איך דאָס? ווי אַזוי ווער איך ניט משוגע?

און ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אין קאָפּ אַריין און אַ פּאָר טעג זיינען אַוועק. אריה - לייב האָט ניט געדאַוונט. דער פרו־מער אריה - לייב איז דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען פאַרביטערט קעגן גאָט און האָט ניט אָנגעטאָן קיין טלית און תפילין. ער האָט ביי זיך געטראַכט: דאַוונען, לויבן גאָט — פאַרוואָס?..." און בכלל איז ער געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז ווען זיין הויז וואָלט זיך אָנגעצונדן, צי ווען אַ נייער פּאָגראָם וואָלט אויסגעבראָכן, וואָלט ער מיט קיין פינגער ניט אַ ריר געטאָן, כדי זיך צו ראַטעווען. ער איז ניט אַרויס פון זיין הויז, האָט זיך קוים צוגע־רירט צום עסן און ביינאַכט האָט ער ניט געקענט איינשלאָפן, אי מחמת דעם וואָס ער איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אי מחמת דעם וואָס די בעטן און די זאַפּעס האָבן זיך געוואַלגערט צעהאַקטע און צעבראָכענע אויף שטיקער, און פון דעם בעטגעוואַנט איז קיין זכר ניט פאַרבליבן. און קאַלט איז דאָרט אויך געווען, מחמת אַלע פענסטער און טירן זיינען געווען אויסגעזעצט...

בײַ איר אין הויז האָט זיך איצט אויך אויפגעהאַלטן פֿרײדל, מחמת איר חברטע מלכה איז איצט געווען איר אײנציקער נאָענטער מענטש. אחוץ דעם איז איר היים געווען נאָך מער צעשטערט ווי אריה-לײבס...

סײ זי און סײ מלכה האָבן זיך אין די עטלעכע טעג, זינט דעם פּאָגראָם, אַזוי געענדערט, אַז בײדע האָבן אויסגעזען, ווי זײ וואָלטן אָקאָרשט־וואָס אויפגעשטאַנען פֿון אַ שווערער קראַנקהייט.

זײ זײנען אויך ניט אַרויס פֿונעם הויז און האָבן כמעט ניט גערעדט. און ווען זײ האָבן יאָ אַמאָל גערעדט אײנע צו דער אַנדערער, האָבן זײ גערעדט שטיל און קורץ, ס׳רוב געפֿרעגט און געענטפֿערט און כמעט שטענדיק האָט עס געקלונגען, ווי זײ וואָלטן געזיפֿצט, ניט גערעדט...

צוויי קריסטלעכע דינסטן האָבן פֿריער געאַרבעט בײַ אריה - לײבן אין הויז. האָבן זײ זיך דערשראָקן, בעת דער פּאָגראָם איז אויסגעבראָכן און זײ זײנען אַנטלאָפֿן. איצט האָבן זײ זיך בײדע צוריקגעקערט. אײנע פֿון זײ איז געווען אַן אַלטע מיט ווײסע האָר, מיטן נאָמען אָוודאָטיע, וואָס האָט שוין געדינט בײַ אים אין הויז באַלד פֿינף און צוואַנציק יאָר און די אַנדערע איז געווען אַ יונגע, אַ בלאָנדע און אַ בלוי - אויגיקע, ניט לאַנג פֿון דאָרף. אַז זײ בײדע זײנען צוריקגעקומען און האָבן דערזען דעם חורבן אין דעם פֿריערדיקן רײַכן הויז און האָבן זיך דערוואוסט וועגן זײער באַלעבאָסטע און די אַנדערע פֿון הויז, וואָס מ׳האָט זײ דערהרגעט, האָבן זײ אויפֿגעהויבן אַ יללה, אַז אריה־לײב איז אַוועקגעלאָפֿן אין דעם לעצטן צימער און האָט זיך דאָרטן באַהאַלטן. דעם זעלבן טאָג, ווען זײ האָבן זיך צוריקגעקערט, האָט זײ מלכּה אַוועקגעשיקט. ס׳איז איר איצט שווער געווען צו זײן מיט זײ אין אײן הויז, כאָטש זי איז פֿריער געווען אַזוי צוגעבונדן צו דער אַלטער דינסט אָוודאָטיא. עס האָט זיך איר אַרויסגעוויזן, אַז ווען זײ, אָט די בײדע קריסטלעכע פֿרויען, וואָלטן געבעטן בײַ יענע קריסטלעכע רוצחים פֿאַר דעם לעבן פֿון די, ועמען זײ האָבן איצט באַווײנט, וואָלטן יענע אפֿשר געראַטעוועט געוואָרן. און אפֿשר גאָר האָבן זײ, די דינסטן אַלײן, אויך אָנטײלגענומען אין דעם ראַבעווען און האָבן אַוועקגעטראָגן ערגעץ די אָנגעראַבעוועטע זאַכן?...

אַזוי האָט איצט געפֿילט און געטראַכט מלכּה, וועלכע איז אַזוי פֿאַרסמט געווען פֿון די רוצחים, פֿון די מענטשן־חיות...

און אין דעם זעלבן אויפֿדערנאַכט, ווען זי האָט אַוועקגעשיקט די בײדע קריסטלעכע דינסטן, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו איר חברטע פֿרײדל:

— ווען איך וואָלט איצט געקאָנט צוקומען צו יענעם — אויפֿשנײַדן זײַן האַרץ, אַרויסרײַסן, אויסבּרענען...

— וועגן וועמען רעדסטו? — האָט פֿרײדל שטיל געפֿרעגט, און אַ קוק געטאָן אויף איר צעשראָקן.

— וועגן דעם מערדער וואַסיאַ זעליאָני...

און זי האָט צוגעלייגט שטיל און מיט אַ גאַליקן שמייכל:

— און מען שווייגט, און עס איז ניטאָ קיינער וועד עס זאָל דער־הרגענען אַט די שלאַנג!..

אין יענער צייט איז אריה־לייב געווען ערגעץ אין אַן אַנדער צימער. פריידל האָט געשוויגן. מלכה האָט גערעדט ווייטער. און ריידנדיק, האָט זי געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק, און געבראָכן די הענט:

— ווען ניט דער טאַטע. איך וואָלט עס געטאָן... עס איז שווער צו לעבן... עס ברענט אַזאַ פייער. אַזאַ פייער ברענט. עס מוז געשטילט ווערן — אַניט וועל איך משוגע ווערן!..

— באַרואיק זיך, מלכה, און האָב אין זינען דיין טאַטן. דו ביסט איצט די איינציקע ביי אים. דו ווייסט גאָר וואָס, מלכה? עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן... זיי צוריק לעבעדיק מאַכן וועלן מיר דאָך ניט קענען... טאָ לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען. נעם מיט דיין טאַטן, און מיר אַלע, זאַלבע־דריט, וועלן אַנטלויפן צו מיין טאַטן קיין אַמעריקע... אין זיין לעצטן בריוו האָט ער געשריבן, אַז וועד עס וועט נאָר קומען מיט מיר, וועט האָבן ביי אים אַ היים. דו געדענקסט דאָך, וואָס ער האָט געשריבן?

מלכה האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ:

— איך וואָלט, פריידל, אויך דאַרט קיין רו ניט געהאַט. איך וועל אין ערגעץ ניט קענען האָבן קיין רו. ווען איך קאָן אַהין אַוועקשיקן מיט דיר מיין טאַטן — דו ווייסט, וואָס איך וואָלט דעמאָלט געטאָן? — האָט מלכה אַרויסגערעדט פאַרשטיקט, און די אויגן ביי איר האָבן זיך אָנ־געצונדן.

— וואָס וואָלסטו געטאָן?

— איך וואָלט געגאַנגען צו די באָלשעוויקעס און מיט אַ ביקס אין דער האַנט וואָלט איך געקעמפט קעגן אַלע די, וואָס קעמפן קעגן זיי. זוייל די, וואָס קעמפן קעגן זיי, האָבן דאָך אומגעבראַכט אויף אַזאַ מוראדיקן אופן מיינע און דיינע נאָנטע און טייערע און די אַנדערע יידישע לעבנס! און זיי וועלן אומברענגען אַלע יידן, אויב נאָר זיי וועלן קאָנען... איך פיל, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן וואָלט איך זיך געקאָנט איצט באַרואיקן...

האָט פריידל אויף איר שטילן אופן איר דעמאָלט געענטפערט:

— טראַכט ניט דערפון, מלכה. לאָמיר בעסער אַנטלויפן פון דאַנען וואָס־גיכער. אַרויסרייסן זיך פון אַט דעם גיהנום און ראַטעווען זיך אַליין כל זמן מיר קאָנען. די טויטע אונדזערע וועט דאָך ניט זיין בעסער, ווען מיר וועלן זיך אַליין אויך לאָזן אומברענגען...

דעמאָלט איז מלכה צו איר צוגעלאָפן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַרביידע אַקסלען און כמעט איר אַריינגעשריען אין פנים:

— ווי קאָן מען אָבער לעבן, פריידל? דו זאָגסט אַנטלויפן פון דעם גיהנום, אָבער דעם גיהנום נעמען מיר דאָך מיט!..

אריה־לייב איז דעמאָלט אַריינגעקומען. איז זי אַנטשוויגן געוואָרן און אָפּגעטראָטן פון פריידלען.

ער האָט אויסגעזען איין שטיק פינסטערער יאָמער. די ברייטע אַקסלען ביי אים זיינען איצט געווען איינגעהויקערט און די אויגן רויט און פינסטער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיי ביידן און נערוועז אַ פּיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער זיין באָרד אַרויף און אַראָפּ און שטיל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז?

מלכה האָט געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן צו אים און זיך אָפּגערופן: גאָרנישט טאַטע.

האָט פריידל זיך אויך אָנגערופן מיט אַ שמייכל, ווי ביי אַ קראַנק קינד:

— איכל אייך זאָגן ר' אריה - לייב, מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן דעם, אַז מיר מיט אייך זאָלן אַנטלויפן פון דאַנען קיין אַמעריקע צו מיין טאַטן. וואָס דענקט איר דערפון, ר' אריה - לייב?

ער האָט געענטפערט:

— וואָס איך דענק דערפון? איך קאָן איצט ניט דענקען, פריידל. און, הפּנים, אַז איך וועל שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען דענקען.

און ער האָט אַ לאַך געטאָן מיט וויטאָק:

קאָן מען דענקען, אַז מען האָט אַראָפּגענומען דעם קאָפּ?...

און בעת זיי האָבן אַזוי גערעדט, האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ שי־סעריי. זיי אַלע האָבן זיך אַ צאַפּל געטאָן, און דערשראָקן האָט זיך בלויז פריידל. זי האָט אַ געשריי געטאָן:

— אוי, וואָס איז דאָס? שוין ווידער!

און זי איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטע.

און אריה ־ לייב מיט מלכהן? — זיי זיינען מיטאַמאָל ווי רואיק גע־וואָרן און זיינען צוגעגאַנגען צו איינעם פון די אויסגעבראָכענע פענסטער און האָבן אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס.

עטלעכע קריסטן זיינען דאָרט פאַרבייגעלאָפן מיט אַ טומל:

— די באָלשעוויקעס קומען! זיי זיינען שוין אינם שטעטל!...

ביי מלכהן האָט זיך דאָס פּנים אָנגעצונדן. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו איר טאַטן:

— איך בעט דיך, לאָז מיך, איכל גיין צו זיי. טאַטע, איך מוז...

ער האָט איר געקוקט גלייך אין פּנים אַריין מיט אַ פינסטערן בליק און געשאָקלט דעם קאָפּ:

— ניין, מלכה, דו בלייב דאָ! אויב גיין, וועל איך גיין צו זיי. איך וועל זיי אָנווייזן אַ סך פון די שטעטלדיקע רוצחים. אוי, אוי, אוי, אוי, ווען זיי קומען מיט עטלעכע טעג פריער!...

די באָלשעוויקעס זיינען טאַקע אַריינגעקומען אין שטעטל און וואַסיא זעליאָני מיט זיין באַנדע היידאַמאַקעס זיינען אַנטלאָפן פון דאָרט. און נאָך

אין דעם זעלבן טאָג האָבן די באָלשעוויקעס דערשאָסן כראָפּאָוויצקין פֿאַר דערלאָזן צו דעם פּאָגראָם און זיי האָבן אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן צו זוכן אין די הייזער אָנגעראַבירטע יידישע זאַכן. און וואו נאָר זיי האָבן געפֿונען, האָבן זיי עס צוגענומען, און די מערסטע מענטשן ביי וועמען זיי האָבן עס געפֿונען האָבן זיי דערשאָסן. דערביי האָבן זיי אויפֿגעפֿאָדערט די גאַנצע קריסטלעכע באַפֿעלקערונג פֿונם שטעטל און אויך די פּויערים פֿון די דערבייאיקע דערפֿער, אַז זיי זאָלן קומען אין אַ באַשטימטן טאָג צו אַ פֿאַרזאַמלונג אויף דעם גרויסן סקווער אַרום דער אופּראַווע.

און אויף יענער פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס זיינען געקומען גאָר אַ סך מענטשן, האָבן זייערע רעדנער געהאַלטן פֿייערדיקע רעדעס קעגן פּאָגראָמען און קעגן שנאה פֿון איין פֿאָלק צום אַנדערן בכלל.

מער אָבער ווי עטלעכע טעג האָבן די באָלשעוויקעס ניט איינגעהאַלטן דאָס שטעטל. אַ צווייטער אַטאַמאַן מיט זיין באַנדע, און דערצו נאָך סאָלדאַטן פֿון פּעטלורעס רעגירונג, האָבן זיך גענומען דערנעענטערן צום שטעטל, און דעמאָלט האָבן די באָלשעוויקעס באַשלאָסן אָפּצוציען, און מיט זיי איז פֿון דעם שטעטל אויך כמעט די גאַנצע יידישע יוגנט אַוועק. און נאָך אַ גרעסערע צאָל יידן מיט זייערע פֿרויען און קינדער האָבן גענומען לויפֿן ווו די אויגן וועלן זיי טראָגן, אויף פֿורן און צופֿוס. וואָרום דער צווייטער אַטאַמאַן וואָס האָט זיך גערוקט אויף דעם שטעטל מיט זיין באַנדע, איז געווען דער באַרימטער גריגאָריעוו, וואָס האָט מיט זיין אכזריות און רציחה איבערשטיגן אפֿילו דעם אַטאַמאַן וואסיא זעליאָני.

מלכה האָט אויך געוואָלט אַוועקגיין מיט די באָלשעוויקעס ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, אָבער אריה - לייב האָט שוין אַרום דער צייט באַשלאָסן צו פֿאָרן מיט איר און מיט פֿריידלען קיין אַמעריקע, און ער האָט איר ניט געלאָזט גיין מיט זיי.

אָנשטאָט דעם האָט ער געדונגען מיקיטאַן, אַז ער זאָל זיי אַריבערפֿירן דעם פּוילישן גרעניץ.

און אין יענער צייט, בעת די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַרויסגעקליבן איז ער, אריה - לייב מיט מלכהן און פֿריידלען, אַרויסגעפֿאָרן מיט מיקיטאַן אויף זיין וואָגן פֿון דעם דאָזיקן שטעטל.

און מיקיטאַ האָט זיי געבראַכט אין אַ דאָרף צו זיך אין כוטאָר און זיי דאָרט געהאַלטן אַ פּאָר טעג, ביז ער וועט קאָנען זיין זיכער, אַז ער וועט זיי קאָנען פֿירן ווייטער צום פּוילישן גרעניץ.

דערווייל האָט מיקיטאַ זיי געבראַכט ידיעות פֿון זייער שטעטל וועגן אַ נייעם פּאָגראָם, אַזאַ שרעקלעכן ווי דער פֿריערדיקער, און עס איז אויך געפֿערלעך געוואָרן פֿאַר זיי צו פֿאַרבלייבן אין דעם דאָרף וואו ער האָט זיי געהאַלטן. האָט זיך אריה - לייב דעמאָלט ווידער צו גאָט געווענדעט. וואָרום דאָס לעצטע קינד וואָס איז אים פֿאַרבליבן איז איצט ווידער אין סכנות

געווען, און נאר איין גאט האט זי געקאנט ראטעווען. און ער האט חרטה געהאט אויף זיין פריערדיקער מרידה קעגן גאט און ער האט ווידער גענו־מען דאווענען, אפילו אן א טלית און אן תפילין, וואס ער האט מיט זיך ניט פארכאפט, און ער האט אפילו תהלים געזאגט.

מיטן הארצן האט ער גאט געבעטן:

„נעם ניט אוועק ביי מיר מיין מלכהלען און ברײנג פריידלען, א יתומה, נעבעך, צו איר טאטן קיין אמעריקע!"

און איין טאג איז פאר אים און די מיידלעך געווארן אזוי געפערלעך צו פארבלייבן אין דארף, אז מיקיטא האט זיך מיט זיי אין מיטן נאכט ארויס־געגנבעט פון דארט און זיי איז נאכדעם אויסגעקומען איבערצונעכטיקן ביי א פריינט זיינעם אין א שטיבל אין מיטן וואלד.

און אזוי האט זיך אנגעהויבן זייער וואגלעניש מיט מיקיטאן פון איין באהעלטעניש אין דעם אנדערן, דורך וועלדער, איבער שנייאיקע זומפן און בלאטעס, אויף דעם וועג צום פוילישן גרעניץ.

עטלעכע טעג און נעכט האט די דאזיקע וואגלעניש ביי זיי גענומען, כאטש דער פוילישער גרעניץ איז געווען גאר נאענט פון זייער שטעטל, אינגאנצן אזעלכע צוואנציק ווי־ארסט.

אבער אויף דעם דאזיקן קורצן שטח האבן זיי זיך אזוי פיל אנגעזען און אנגעליטן, אז ביי אריה־לייבן אין הארצן האט זיך ווידער און ווידער געוועקט דער פראטעסט קעגן גאט...

אין יענער צייט האט מען זיך באנוצט מיט פארשיידענע געלט: מיט „קערענקעס" און מיט געלט וואס די רעגירונג פון פעטליוראן האט ארויס־געלאזט און וואס די יידן האבן גערופן „די לאפעטעס", מחמת אויפן געלט איז געדרוקט געווען א לאפעטע, און אויך מיטן געלט פון די צארישע צייטן, מיט די „ניקאלאיעווקעס". די „ניקאלאיעווקעס" זיינען געווען די ווערט־פולסטע געלט, מחמת די מענטשן האבן געגלויבט אין יענער צייט, אז דער צאר וועט זיך צוריקקערן.

אריה־לייב האט געצאלט מיט „ניקאלאיעווקעס" פאר עסן און פאר איבערנעכטיקן און פאר ניט דערהרגעט ווערן. ער האט פארכאפט מיט זיך וויפל מזומנע געלט ער האט געקאנט צונויפנעמען. דאס געלט וואס ער האט מיט זיך געהאט, אלץ פאפיר־געלט, איז ניט געווען קיין הונדערטל טייל פון דעם וואס ער האט פריער פארמאגט.

א חוץ דאס געלט האט ער מיט זיך מער קיין זאך ניט געהאט. אלע וועקסלען פון פירמעס וואס זיינען אים שולדיק געווען געלט — פון פיר־מעס וואס ער האט מיט זיי געהאנדלט — און פון פריוואטע פערזאנען, און אלע אנדערע ווערט־פאפירן, מיטן גאנצן גאלד און זילבער און מיט דעם צירונג פון זיין ווייב און זיינע טעכטער — דאס אלצדינג וואס איז געלעגן אין שקאטולקעס און פארשלאסן אין דער אייזערנער קאסע, האבן די היי־

דאמאקעס צוראבירט און צעשטערט.

אויך איז ביי אים אין טייסטער געלעגן, אויסער דאס געלט, די גאנצע קארעספאנדענץ פון דוד ראבינאוויטש, פריידלס טאטע פון אמעריקע: זיי-נע פאר בריוו און אויך זיין בילד וואס ער האט צוגעשיקט פון אמעריקע. דאס אלצדינג האט פריידל געגעבן אריה - לייבן צו באהאלטן.

און אזוי זיינען זיי געקומען מיט מיקיטאן צו גריצקאן אין כוטאר.

און ווען אריה - לייב גארדאן איז געלעגן ביי גריצקאן אין שטאל אויף די שטרוי, מיטן פנים איינגעגראבן אין דעם פעלצל מיט וועלכן גריצקא האט אים צוגעדעקט און ער האט געשטיקט זיין געוויין, אז מלכה זאל אים ניט הערן, האט זיך געטראגן פאר אים דער גאנצער גיהנום וואס ער האט ביז אהער איבערגעלעבט.

דרייצנטער קאפיטל

פריידל, געבעך...

שפעטער האט זיך מיקיטא צוריקגעקערט א צוטראגענער.

אריה - לייב איז נאך געלעגן אויף די שטרוי מיטן פעלצל איבערן קאפ און מלכה און פריידל האבן דערווארעמטע געשלאפן ניט ווייט פון אים צוגעדריקט איינע צו דער אנדערער.

מיקיטא האט זיי אלעמען אויפגעוועקט. ער האט זיך אנגערופן צו-טראגן:

— מיר דארפן זיך אונטעראיילן, מחמת די גרעניץ - וואך וועט זיך בייטן. און די באלשעוויקעס זיינען גאר נאענט פון שטעטל און ווי איך הער קומען זיי אן איצט פון דריי זייטן. דער אטאמאן פאלענקא קלייבט זיך שוין צו פארלאזן דאס שטעטל. און איך האב אויך געהערט, אז איידער ער גייט אוועק פון דארט גרייט ער זיך צו מאכן א פאגראם אויף יידן, ווי ער טוט עס שטענדיק בעת ער אנטלויפט פון די באלשעוויקעס פון א שטעטל.

אריה - לייב האט זיך אויפגעהויבן און אויך דיביידע מיידלעך.

— איז וואס - זשע זאלן מיר איצט טאן, מיקיטא? — האט אריה-לייב געפרעגט.

מיקיטא האט געענטפערט צעטראגן

— גיין. אויב מיר גייען ניט אריבער היינט דעם גרענעץ, ווייס איך ניט ווי לאנג עס וועט אייך אויסקומען צו ווארטן.

— איז איצט ניט געפערלעך צו גיין, מיקיטא?

— אודאי געפערלעך. און ווען איז ניט געפערלעך? די גאנצע צייט האבן מיר געדארפט מורא האבן. באזונדערס דו און דיינע מיידלעך. אבער פרואוון דארף מען. אפשר וועט גאט אונדז העלפן. דא, ביי גריצקאן, צו פארבלייבן לייינגער קאן מען ניט און מען טאר ניט, ברודערל. קומט, לאמיר גיין! — האט זיך מיקיטא מיטאמאל איבערגעצלמט.

און הגם דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי האָבן געזען ווי מיקיטאַ האָט זיך איבערגעצלמט בעת ער האָט זיך געדאַרפט לאָזן מיט זיי אין וועג אַריין פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש, זיינען זיי אַלע דריי דאָס מאָל געוואָרן נערוועז און אומרואיק ווען ער האָט זיך איבערגעצלמט.

זיי אַלע האָבן זיך געזעגנט מיט גריצקאָן און האָבן אים באַדאַנקט פאַר זיין גוטסקייט און גאַסטפריינטשאַפט, און זיי זיינען ווידער אַוועק נאָך מי־קיטאַן, וואָס האָט זיי געפירט, מאַפּנדיק מיט זיין בערעזעוון שטעקן אין די קופּעס וואַסערדיקן שניי און אין די לוזשעס, איבער די זייטיקע וועגן און דורך וואַלד צו דעם שטעטל, וואָס איז געווען איין וויאָרסט פון דער גרעניץ.

און פון גריצקאָס כוטאָר ביז צום שטעטל איז אויך געווען ניט מער ווי איין וויאָרסט. אָבער זיי איז אויסגעקומען צו גיין אַ סך אַ לענגערן שטח צוליב די זייטיקע וועגן איבער וועלכע מיקיטאַ האָט זיי געפירט.

און מיטאַמאָל — פון דערווייטנס האָבן זיי שוין געזען די הייזער פון שטעטל, צווישן וועלכע עס האָט הויך אַרויסגעשטעכן דער טורעם מיט דעם שטאָטישן זייגער און דער שפּיץ פון אַ קלייסטער מיט אַ בליאַסקענדיקן צלם — האָט זיך דערהערט פון ערגעץ אַ שיסעריי. מיקיטאַ האָט זיך ווידער איבערגעצלמט און איז שטיין געבליבן. אויך אַריה - לייב און ביידע מייד־לעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— אָדער דאָס שיסן די באָלשעוויקעס, אָניט פּאָלעקאַ — האָט מי־קיטאַ אַרויסגערעדט אומרואיק.

און באַלד — די באַקאַנטע געשרייען פון די היידאַמאַקעס, ווי פון גאַנצע סטאַיעס צעווילדעוועטע וועלף, און אַ יאָמער און אַ וויבערשער געשריי, פון וועלכן סיי אַריה - לייב און סיי מלכה און סיי פריידל זיינען פאַרציטערט געוואָרן...

— אוי, וואָס איז דאָס? — האָט פריידל געפּליסטערט און זי האָט זיך געקלאַמערט מיט ביידע הענט אָן מלכהס אָרעם. און מלכה אַליין האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן מיט צעטומלטע אויגן, ווי זי וואָלט געזוכט וואוהין צו אַנטלויפן, וואו זיך צו באַהאַלטן...

אויך אַריה - לייב, מיט אַ פּנים ווייס ווי קאַלך, האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט אַ באַהעלטעניש. אָבער דאָ האָט מיקיטאַ צו זיי אַ מאַך געטאָן מיט זיין בערעזעוון שטעקן און האָט זיך געלאָזט לויפן, און זיי נאָך אים און געלאָפן איז ער צום שטעטל צו. אָבער נישט אין דער זייט פון וואַ־נען די געשרייען האָבן זיך געטראָגן, נאָר אין יענער זייט, וואו, ווי ער האָט געוואוסט, איז געווען דורכאויס אַ קריסטלעכע געגנט. און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געווען אינעווייניק אין דעם שטעטל און געגאַנגען דאָרט צווישן די הייזער, וואו קריסטן האָבן געוואוינט — מיקיטאַ פאָראויס און אַריה - לייב מיט די מיידלעך הינטער אים.

און אויך דאָרט זיינען אין די פענסטער פון די הייזער אַרויסגעשטעלט

געוועז צלמים און איקאָנעס און אויך פון דאָרט זיינען געלאָפן קריסטלעכע ווייבער און זייערע קינדער מיט זעק און מיט קערב צו די יידישע גאַסן...
פלוצלונג האָט זיך באַוויזן פון א זייטיקער גאַס עטלעכע באַוואָפנטע היידאַמאַקעס, מיט פאַרהאַוועטע, ווילדע פנימער און צעפּאַטלטע בערד. זיי האָבן ערגעץ וואוהין געאיילט. זיי האָבן דערזען אריה - לייבן מיט די ביידע מיידלעך, האָבן זיי גענומען שרייען:
— העי, וואוהין גייט איר? מיר דאַרפן אייך!
מיקיטאַ האָט האַסטיק א געשריי געטאָן:
— לויפט!
און ער האָט גענומען לויפן מיטן גאַנצן אימפּעט און אריה - לייב מיט די מיידלעך נאָך אים.
זיי האָבן געהערט הינטער זיך דעם געלאָף פון די היידאַמאַקעס. פריידל האָט גענומען שרייען „ראַטעוועט" מיט אירע לעצטע כחות. און נאָכדעם איז זי געפאַלן. און נים אריה - לייב און ניט מלכה האָבן לויפנדיק באַמערקט, ווי זי איז געפאַלן, און ווי די היידאַמאַקעס, וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי, האָבן זי א כאַפּ געטאָן פון דר'ערד און זי ערגעץ געטראָגן.
ערשט אויפן עק גאַס האָט מיקיטאַ זיך אָפּגעשטעלט מיט זיי לעבן א קלויסטער. דער סטאַראָזש פון קלויסטער איז געווען זיינער א באַקאַנטער. איז מיקיטאַ מיט זיי אריינגעלאָפן צום סטאַראָזש אין שטיבל, וואָס איז געשטאַנען דאָרט הינטערן קלויסטער.
און דעמאָלט האָבן זיי זיך אָלע געכאַפּט, אז פריידל איז נישטאָ. מלכה איז געוואָרן היסטעריש, און אריה - לייב איז צוגעפאַלן צו מיקיטאַן, ער זאָל ארויסלויפן זען וואו זי איז. ער וועט אים אָפּגעבן אַלצדינג, וואָס ער פאַרמאָגט, נאָר ער זאָל ראַטעווען פריידלען.
און אריה - לייב האָט ניט געוואָרט אויף קיין ענטפער און אַליין געוואָלט לויפן. אָבער דער געזונטער מיקיטאַ האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַקסל און זיך אָנגעבייזערט אויף אים:
— דאָ בלייבן! איך האָב גענומען געלט ביי דיר פאַר אריבערפירן דיך מיט די מיידלעך איבער דער גרעניץ — און דאָס וועל איך טאָן. שטער מיר ניט. אז מען וועט דיך דערהרגענען, וועל איך דיך איבער דער גרעניץ ניט קאָנען אריבערפירן. וואַרט דאָ, איכל אַליין גיין זי זוכן.
און עס האָט גענומען א שטיק צייט, ביז מיקיטאַ האָט באַמערקט דאָרט אויף א ליידיקן הויף הינטער א פּוסטער חורבה די היידאַמאַקעס, וואָס האָבן זיך פריער געיאָגט נאָך זיי. זיי זיינען דאָרט ארויס פון א האַלב-איינגעפאַלענער שטאַל. מיקיטאַ האָט גענומען וואַרטן, ביז זיי וועלן אַוועקגיין.
דאָרט אויף דער קריסטלעכער גאַס, איז שטיל געווען. פון די יידישע גאַסן נאָר האָבן זיך אַהין דערטראָגן די געשרייען פון רציחה, וואָס זיינען אויסגעמישט געווען מיט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון די קרבנות...

די הײדאַמאַקעס, אַרויסגײענדיק פֿון הויף אויף דער גאַס, זײַנען דערנאָך אַוועקגעלאָפֿן אין יענער זײַט, פֿון וואַנען די געשרײען האָבן זיך געטראָגן....

דעמאָלט איז מיקיטאַ אַרויף אויפֿן הויף, איז אַרײַן אין דער האַלב־אײַנגעפֿאַלענער שטאַל און האָט אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעצלמט.

פֿריידל איז דאָרט געלעגן — אײנע פֿון די מײדלעך, וואָס ער האָט וועגן זײער לעבן די לעצטע צײַט ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן און צו זאָרגן. זי איז דאָרט געלעגן אַ צעפּלוטיקטע, מיט אַ צעקרימטן און צעקאַליעטשעטן פּנים און מיט צעפּאַטלטע האָר, וואָס זײַנען נאַס געווען — פֿון בלאָטע אָדער פֿון איר אײגענעם בלוט. די קלײדער אויף איר זײַנען געווען צעריסן און צעפּליקט און איר קערפּער כמעט אינגאַנצן נאַקעט...

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און זי גענומען טרײסלען, אָבער אומזיסט! זי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. זי האָט ניט געאָטעמט...

מיקיטאַ האָט אַרויסגעמורמלט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ:

— עך, ניט באַשערט געווען איר צו ראַטעווען זיך! רוצחים זײַנען זײ, די מענטשן, רוצחים!...

איז געשטאַנען נאָך אַ װײַלע און האָט געקוקט אויף איר און האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם האָט ער דאָרט אין שטאַל דערזען אַ שמוציקע, פֿאַרפֿוילטע ראַגאָזשע, האָט ער מיט איר צוגעדעקט די געשענדעטע נאַקעטקײט פֿון דער מײדל... דערבײַ האָט ער באַמערקט לעבן אירע פֿיס אַ גאָלדן זײגערל, וואָס איז געווען אינגאַנצן צעבויגן און צעטראָטן. דאָס דאָזיקע זײגערל האָט ער פֿריער ניט אײנמאָל געזען בײַ פֿריידלען. די רוצחים האָבן עס אָבער ניט באַמערקט אָדער פֿאַרגעסן מיטצונעמען.

מיקיטאַ האָט אַרײַנגעלײגט דעם זײגערל אין קעשענע. ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער מײדל און ווידער זיך איבערגעצלמט. און נאָכדעם איז ער אַוועק.

און ווען ער איז געקומען צוריק צום סטאַראָזש אין שטיבל (און ביז ער איז אַהין צוריקגעקומען זײַנען מלכה און אַריה־לײב שיער ניט משוגע געוואָרן) האָט ער זײ געזאָגט, אַז ער האָט פֿריידלען געפֿונען און האָט זי געבראַכט צו זײַנעם אַ פֿרײַנט אין הויז און זי וועט דאָרטן פֿאַרבלײַבן ביז עס וועט שטילער ווערן. אַ פֿריער אָבער וויל ער אַריבערפֿירן דעם גרעניץ זײ אָן איר, מחמת זי איז צו שוואַך איצט צו גײן. זי מוז זיך אָפּרוען.

אַריה - לײב און מלכה האָבן אים געגלויבט. זײ האָבן אויך געוואוסט, אַז פֿריידל איז געווען אַזוי שוואַך און פֿאַרמאַטערט, אַז זי האָט געמוזט זיך אָפּרוען און בפֿרט נאָך דער פֿריערדיקער שרעק...

אַריה - לײב האָט נאָר בײַ אים געפֿרעגט:

— ווי לאַנג, ידענקסטו, וועט זי מוזן אָפּרוען?

— ביז מאָרגן. הײַנט פֿיר איך אײַך בײדן אַריבער און מאָרגן זי.

ביים סטאַראַזש אין שטיבל זיינען זיי פאַרבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערנאָך זיינען זיי אַוועק מיט מיקיטאַן.

און ווידער זיינען זיי געגאַנגען דורך וואַלד, פּאַרביי סכך - בוימער. אַ ליכטיקע נאַכט געווען, אַ פרילינגס - נאַכט. אַ גרויסע לבנה האָט געגאָסן איר ליכט איבערן וואַלד און איינגעהילט אַלצדינג אין אַ מאַטאָוון שיין.

זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, טריט ביי טריט. מיקיטאַ איז געגאַנגען פאָראויס און האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אונטער די פיס ביי זיי האָבן געכרוסטשעט די סכך - נאָדלען און בלאָטעס האָבן געשליאָפּעט. הינטער זיי האָט געקראַכט. דונער נאָך דונער האָט זיך געשאָטן אין דער העלער, ריינער, ביינאַכטיקער לופט.

— דאָס שיסן אַזוי די באָלשעוויקעס — האָט מיקיטאַ שטיל אַרויס־געערדט. — זיי זיינען שוין אין שטעטל.

און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויס מיט זיי פון וואַלד אויף אַ פעלד, און דאָרט ניט ווייט האָבן זיי דערזען רויבערדיקע שייטערס אַרום וועלכע מענטשן האָבן זיך באַוועגט.

מיקיטאַ האָט זיי נאָך אַ ווײַלע געפירט מיטן פעלד און פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ קאַנאַווע, וואָס איז פאַרפלייצט געווען מיט וואַסער און שניי, און ער האָט זיך האַסטיק איבערגעצלמט.

— אָט דאָ זייט איר אויף דער פּוילישער ערד! — האָט ער געזאָגט.

אריה - לייב האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט.

— נו, געלויבט איז גאָט און אַ דאַנק דיר, מיקיטאַ — האָט ער גע־זאָגט — און וואו זאָלן מיר וואַרטן אויף פריידלען?

דעמאָלט האָט מיקיטאַ מיט אַמאָל אַרויסגענומען דעם צעטראָטענעם זייגערל פון דער קעשענע און זיך אָנגערופן מיט אַ זיפץ:

— אָט דאָס האָב איך אייך געבראַכט פון איר.

— וואָס איז דאָס? — האָבן סיי אריה־לייב און סיי מלכה געקוקט אויף דעם זייגערל ביי אים אין דער האַנט.

— אין שטאָל האָבן זיי זי פאַרשלעפּט... זי לעבט ניט מער. דעם זיי־גערל האָב איך געפונען לעבן איר.

מלכה האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און איז געפאַלן אין חלשות און אריה - לייב האָט אויך עפּעס געגומען שרייען און נאָכדעם גענומען מינטערן מלכהן. און אַז ער האָט זי אָפּגעמינטערט האָט ער אַרונטערגע־נומען פון זיך זיין מאַנטל און האָט עס אויסגעשפּרייט אויף דער פייכטער ערד און זי אַוועקגעזעצט אויף דעם.

און זי איז איצט געזעסן מיטן קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, שטום אין איר פאַרצווייפלונג, ווי פאַרשטיינערט אונטער דעם מאַטאָוון שיין פון דער לבנה, און איר טאַטע האָט זיך געדרייט אַרום איר אַהין און צוריק, אַהין און צוריק און האָט געבראָכן די הענט...

מיקיטא איז נאָך געשטאַנען לעבן זיי מיט פריידלס זייגערל אין דער האַנט. ער האָט געפּרואווט זיי טרייסטן, אַז זיי דאַרפן לויבן און דאַנקען גאָט וואָס זיי אַליין האָבן זיך געראַטעוועט.

ער האָט זיי אויך געזאָגט, אַז אַרום די בּרענענדיקע שייטערס וואָס האָבן זיך געזען דאָרט, האָבן זיך געוואַרעמט אַנדערע אַנטלאָפענע יידן וואָס זיינען אַריבּער דעם גרעניץ און אַז ניט ווייט, אַ פּאָר וויאָרסט פון דעם פּלאַץ וואו זיי האָבן זיך געפונען, איז געווען אַ יידישע קרעטשמע.

און ניט אַריה - לייב און ניט מלכה האָבן זיך צוגעהערט צו דעם וואָס ער האָט געזאָגט, מחמת סיי מלכהן און סיי איר טאַטן איז אין אָט דער מינוט קיין זאַך מער ניט אָנגעגאַנגען. סיי בּיי אים און סיי בּיי איר זיי־נען האַרץ און מח פאַרגליווערט געווען.

זיי האָבן אַפילו ניט געהערט ווי ער האָט זיך געזעגנט מיט זיי, און זיי האָבן ניט געזען ווי ער האָט אָוועקגעלייגט דעם זייגערל לעבן מלכהן און ווי ער איז דערנאָך אַוועקגעגאַנגען.

און שפּעטער, ווען פון דעם אַרומיקן צוגאַנגענעם שניי און לוזשעס האָט זיך גענומען טראָגן אַ נאַסער ווינטל, וואָס האָט דורכגענומען די בּיי־נער, האָט אַריה - לייב זיך צוגעבּויגן צו זיין טאָכטער און זי אַ גלעט גע־טאָן איבּערן קאָפּ און שטיל אַרויסגערעדט מיט אַ הייזעריקן קול:

— נו, וואָס קאָן מען העלפן, מיין קינד? מסתמא איז דער כוס נאָך ניט געווען פאַרפול... קום, לאָמיר צוגיין צו די אַנדערע יידן. דו בּיסט דאָך אַ הערפראָרענע, קום, וועסט זיך אָנוואַרימען.

זי מלכה, האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן.

— דו וועסט זיך פאַרקילן, מיין קינד. כאָטש דו בּלייבּ — האָט ער געמורמלט און געקוקט אויף איר אי מיט פאַרצווייפלונג אי מיט געבּעט.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גאָרנישט געזאָגט. זי האָט בּלויז אַ שמייכל געטאָן מיט ווייטאָק.

ערשט ווען דער ווינט איז געוואָרן שטאַרקער און נאַסער און מלכהן האָט אָנגעהויבן צו טרייסלען, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אָבּער האָט גלייך באַמערקט דעם זייגערל דאָרט אויף דער ערד וואו זי איז געזעסן און האָט זיך ווידער אַ זעץ געטאָן אויף דער ערד און האָט פאַרבּראָכן אירע בּיידע הענט איבּערן קאָפּ און זיך גענומען שאָקלען מיטן גאַנצן קערפּער.

אַריה - לייב האָט דערנאָך אַריינגעלייגט דעם זייגערל אין אַ קעשענע און געהאָלפן מלכהן אויפשטיין און איר איינגעוויקלט אין מאַנטל, וואָס ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד . נאָכדעם האָט ער זיך צוגעשלעפּט מיט איר צום נאָענטסטן שייטער.

פערצנטער קאַפּיטל

סענדער דער קרעטשמער

רויכיק - רויטע פלאַמען האָבן זיך געהויבן פו דעם שייטער מיט אַ קנאַקן . די מענטשן וואָס זיינען דאָרטן געזעסן אַרום דעם פייער זיינען געווען אַלע אַנטלאָפענע יידן, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַלצדינג וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און אויף וואָס זיי האָבן אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן - לאַנג. די מערסטע פון זיי האָבן איבערגעלעבט אַזאַ גיהנום ווי אריה - לייב און זיי זיינען נעקומען פון די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין און פּאָדאָליע.

פאַרחושכטע מענטשן זיינען זיי געווען, מיט פאַרפינסטערטע פנימער מיט אַ פאַרגליווערטן יאָמער אין די אויגן. די מערסטע פון זיי זיינען גע-ווען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, ניט געוואַשענע און פאַרברודיקטע, אויסגע-וואַלגערטע אין שמוץ און אין בלאָטע בעתן אַנטלויפן. און אַנדערע פון זיי האָבן געטראָגן אויף זיך צו עטלעכע מלבושים, איינס אויפן אַנדערן און מחמת דעם האָבן זיי אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געווען געשוואָלן.

זיי זיינען געלעגן אויף פעקלעך, האָבן געקייט ברויט, געקראַצט זיך, געאָכצעט און אויסגערעדט זיך איינער פאַר דעם אַנדערן זייערע צרות.

יונגע ווייבער האָבן געהאַלטן שלאָפעדיקע קינדער אויף זייערע שויסן און אין זייערע אָרעמס.

איין יונגע פרוי, מיט אַ פנים, וואָס איז אינגאַנצן צוגעדעקט געווען מיט פאַסמעס צושויבערטע האָר, האָט געהאַלטן אַ קליין קינד אין אירע אָרעמס, האָט עס געוויגט און געטענהט דערביי אויפן קול מיט אַ ניגון:

— ווי און ווינד איז צו דיין מאַמען, קינד מיינס! פאַרוואָס האָט מען אונדז דאָרט ניט דערהרגעט מיט דיין טאַטן אינאיינעם? וואו זאָלן מיר זיך איצט אַהינטאָן, פייגעלע מיינס?

אַן אַלטער ייד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּאַטריאַרך, מיט אַ ווייסער באָרד, איז געזעסן ניט ווייט פון איר מיט אַ לאַנגן ציביק צווישן די ליפּן און האָט געשאַרט מיט אַ שטעקן די נאַסע צווייגן צום פייער און יעדע וויי-לע האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער ווייבל מיטן קינד און האָט דערביי אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען דעם ציביק פון מויל און זיך גענומען בעטן ביי איר:

— הער - אויף, חנה! הער - אויף, טאָכטער מיינע! אויב גאָט האָט ניט געוואָלט דו זאָלסט דערהרגעט ווערן, וועט ער אויף דיר ווייטער אויך געוויס רחמנות האָבן. רוק זיך צו נענטער צום פייער. דאָ איז וואַרעמער.

ער האָט זיך אָפּגערוקט כדי איר איבערצולאָזן זיין פּלאַץ ביים פייער זי אָבער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן און האָט געטענהט ווייטער צום קינד אויפן קול.

דער אַלטער האָט דערזען אַהינטער זיך אַריה - לייבן מיט מלכהן, האָט ער זיך אָנגערופֿן צו זיי:

— אויף קדוש השם האָט ער זיך מקריב געווען, איר מאַן יאָסל, מיין איידעם, הייסט עס. ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר זיך ניט לאָזן אויסשעכטן ווי די שעפּעלעך, און ער און אַנדערע יונגעלייט האָבן זיך געשטעלט קעגן די רוצחים... זיי האָבן אויך געקאָנט אַנטלויפֿן, אָבער זיי האָבן זיך מקריב געווען....

און אַריה - לייב און מלכה האָבן אי געהערט וואָס ער האָט דערציילט, אי ניט געהערט, נאָכדעם האָט אַריה - לייב זיך געזעצט צווישן די אַנדערע לעבן פֿייער און מלכה לעבן אים

אַ ייד אין אַ פּעלצל מיט אַ שעפּסענעם היטל אויפֿן קאָפּ, וואָס האָט מיט זיין צופּאַטלטער, ברודיקער באָרד און קליינע, פֿאַרזשמורעטע אויגן אויסגעזען מער ווי אַ פּויער איידער אַ ייד, האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און זיך אָנגערופֿן מיט אַ הייזעריקן, פֿאַרקילטן קול:

— ער דערציילט, דער אַלטער, ווי זיין איידים האָט זיך מקריב געווען. איך האָב געהאַט צוויי ברידער, יאַנטשע און דאָדשע, פֿרעגט אָט ביי זיי אָ — האָט ער אָנגעוויזן אויף די אַנדערע מענטשן אַרום מיט אַ האַנט — וואָסערע וווילע בחורים זייביידע זיינען געווען. געקומען ביידע פֿון דער מלחמה מיט מעדאַליען. איינער מיט צוויי און דער אַנדערער מיט גאַנצע דריי. האָבן זיי צונויפֿגענומען, פֿאַרשטייט איר מיך, נאָך אַנדערע יונגעלייט פֿון שטעטל און זיי אַלע האָבן געגעבן אַ שבועה צו ווערן זיך קעגן די רוצחים ביזן לעצטן טראָפּן בלום... אָבער גיי, נו, ווער זיך, ווער זיך, נו, קעגן מאשין - ביקסן און קוילנוואַרפֿער! קיין זכר פֿון יאַנטשען און דאָדשען ניט פֿאַרבליבן.. אַזוי צעשניטן און צעהאַקט, אַז בשום אופֿן האָב איך זיי ניט געקאָנט דערקענען ווען מען האָט זיי געדאַרפֿט מקבר זיין. מיינע זין וואָלטן אויך געהאַט דעם זעלבן סוף, ווען זיי וואָלטן פֿריער ניט אַנטלאָפֿן צו די באָלשעוויקעס.

אָט אַזוי האָבן נאָך אַנדערע גערעדט און דערציילט. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן דעם ווי אַ באָלשעוויק יעדעס מאָל בעת זיי זיינען געווען די מאַכט אין די שטעט און שטעטלעך, האָבן באַשיצט די יידישע באַפֿעלקערונג און באַשטראָפֿט יענע וואָס האָבן אַגיטירט פֿאַר פּאָגראָמען.

אין אָט דער צייט האָט אַריה־לייב באַמערקט ווי מלכה האָט איינגעדרימלט אַ צונויפֿגעהויקערטע, מיטן קאָפּ אַרונטערגעלאָזט אויף איר ברוסט. האָט ער פֿאָרזיכטיק אויפֿגעהויבן איר קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט צו זיך אויפֿן האַרצן. דערנאָך האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דעם יידן וואָס האָט פֿריער גערעדט צו אים און אַ פֿרעג געטאָן ווי אַזוי קאָן ער צוקומען צו עפּעס אַ וואוינונג, אַ הויז. זיין טאָכטער איז קראַנק.

— דאָ וועט באַלד זיין דער קרעטשמער מיט זיין וואָגן — האָט יענער

אים געגנטפערט.

— וועלכער קרעטשמער?

— דא א פאר וויארסט פון דאנען, איז דא א יידישער קרעטשמער. קומט יענער קרעטשמער און קלייבט דא אויף די יידן און פירט זיי צו אים אין קרעטשמע. ער האט ניט לאנג צוריק אוועקגעפירט פון דאנען א פולע פור. ער וועט דא באלד ווידער זיין. ער טוט עס ניט פון מצווה וועגן. מען באצאלט אים דערפאר.

— איך וועל אים באצאלן וויפל ער וועט אליין וועלן. מיין טאכטער זאל נאר קאנען אויסרוען און אטווארעמען זיך.

— איר האט דען די ריכטיקע געלט? האט יענער ביי אים געפרעגט.

— וואס הייסט ריכטיקע?

— איך מיין „ניקאלאיעווקעס". קיין „קערענקעס" און קיין „לאפע־טעמ" נעמט מען דא ניט.

— איך האב אביסל צארסקע געלט אויך — האט אריה - לייב א זיפץ געטאן. — איכל אים באצאלן מיט דעם געלט.

— אנדערע יידן וועלן באצאלן. איר דארפט ניט מורא האבן טאמער וועט איר מיט אייער טאכטער דא איבערבלייבן. מען וועט פאר אייך אויך באצאלן.

און ווילד האבן געקלונגען אריה - לייבן די לעצטע ווערטער. ער, וואס איז געווען גאר ניט לאנג צוריק דער גביר אריה - לייב גארדאן, דער צדקה-געבער מיט דערברייטער האנט — אים האט אויף דער רגע זיך אויס-געוויזן ווילד דער געדאנק, אז מען וועט פאר אים צאלן. תיכף אבער האט ער זיך דערמאנט אויף וואסער וועלט ער איז געווען און ער האט ארויס־געזיפצט:

— יא, יא!...

דער קרעטשמער איז אנגעקומען מיט זיין וואגן. דער קרעטשמער סענ-דער, אזוי האט ער געהייסן, מיט א קאלטענוואטער, געלער בארד, אין גרויסע שטיוול, מיט די פאלעס פון זיין לאנגן מלבוש הויך פארקאשערט און פארלייגט הינטער א רויטן גארטל, אין וואטאווע הויזן און מיט א בייטש אין דער האנט — איז א פארהאוועטער צוגלאפן צו דעם ברענענדיקן שיי-טער, וואו אריה - לייב איז געזעסן, און ער האט ארויסגערעדט אויף א היי־זעריקן קול:

— נו, יידן, פלאץ פאר נאך צוויי מנינים!

פון די ווייטערדיקע שייטערס האט מען געגומען שרייען:

— ר' סענדער, ר' סענדער, פאר וואס האט איר אונדז פארגעסן?

ניט פארגעסן, יידישע קינדער, ניט פארגעסן. איכל קומען נאך אייך. אלצדינג מוז געטאן ווערן מיט א טאלק און מיט יושר. די זיינען געקומען פריער פון אייך.

און באַלד זיינען אַרום אים געשטאַנען כמעט אַלע, וואָס זיינען געזעסן אַרום דעם ברענענדיקן שייטער, וואו ר׳ אריה - לייב איז געזעסן ער און מלכה בלויז האָבן זיך ניט אויפגעהויבן פון זייער אָרט, מחמת זיי זיינען געווען פון די סאַמע שפּעטסטע...

און מיטאַמאָל האָט סענדער זיך דורכגעריסן דורך דעם עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים, און איז צוגעלאָפן צו אריה -לייבן אַ צעשראָקענער מיט די ווערטער:

— פאַניע גאָרדאָן, דאַכט זיך... אוי, אַ ווייטאָק איז מיר, איר אויך? און ווי איר זעט אויס, נעבעך!...

אריה - לייב איז געבליבן זיצן מיט מלכהן, וועלכע האָט געהאַלטן איר קאָפּ ביי אים אויף דער ברוסט

— איר קענט מיך? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף סענדערן.

— וואָס הייסט, צי איך קען אייך? ווער קען דאָס אייך ניט, פאַניע גאָרדאָן? אַ סך מאָל אייך געזען אין שטעטל ביי אייך און אינם אַלטן בית המדרש ביי אייך. און ווער קען דאָס ניט אייער הויז מיט די טויערן, מיטן באַלקאָן, אַזוי ווי אַ פּאַלאַץ?...

און סענדער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַרויסגעקרעכצעט:

— גוואַלד, וואָס פאַר אַ חורבן! עס איז גאָר נישטאָ קיין סוף צו יידי־שע צרות! אוי, אוי, אוי, אריה - לייב גאָרדאָן, אריה - לייב גאָרדאָן אַליין!...

נאַ! — האָט ער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און אַ זיפץ געטאָן — קומט, פאַניע גאָרדאָן, קומט מיט מיר! און דאָס איז אייער טאָכטער? נעבעך!

זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שחיטות אין אוקראַינע און די אומ־גליקלעכע יידן האָבן גענומען לויפן פון דאָרט, האָט סענדער דער קרעטש־מער, ניט גערוט און געאַרבעט טאָג און נאַכט, כדי צו פאַרלינדערן זייערע ליידן. ער האָט זיי געפירט צו זיך אין קרעטשמע, געגעבן זיי עסן און טרינ־קען, אַוועקגעגעבן זיי זיין בעט און זיין ווייב און קינדערס געלעגער און ביי זיי דערפאַר קיין געלט ניט גענומען. און ווען זיין קרעטשמע איז שוין פול געווען, האָט ער פאַר זיי געפונען פּלאַץ אין דעם דערבייאיקן דאָרף אַגב, פאַר די פּלעצער אין דאָרף האָט געצאָלט דער קאָמיטעט פון די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין די אַרומיקע שטעטלעך.

די דאָזיקע יידן, ס׳רוב אַליין גרויסע אָרימעלייט, האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעצטע, אַמאָל ממש דעם לעצטן ביסן, פאַר די דאָזיקע פּאָגראָם־קרבנות....

שפּעטער אַ ווײַלע איז אריה - לייב מיט מלכהן געזעסן אויף דעם קרעטשמערס וואָגן, וואָס איז אויסגעבעבט געווען מיט היי. דער וואָגן, גע־שלעפּט פון צוויי פערד, האָט זיך געטרייסלט איבער דעם בלאָטיקן וועג, און סיי אריה - לייב און מלכה און סיי די אַנדערע, וואָס זיינען אויף אים געזעסן געפּרעסט איינער צום אַנדערן, ווי הערינג אין אַ פאַס, האָבן געפילט

ווי די גערערים בײַ זײ דרייען זיך איבער פֿון טרייסלעניש.

די קרעטשמע איז איבערגעפּאַקט געווען פֿון אַזעלכע אַנטלאָפֿענע יידי־שע נפֿשות. זיי זײַנען געלעגן אויפֿן דיל, אויף די בענק און אויבן, אויפֿן אויוון, ווייבער, מאַנסבילן און קינדער... אַנדערע האָבן ניט געקענט אײַנ־שלאָפֿן, זײַנען זיי געזעסן צוגעשפּאַרט מיט די רוקנס צו דער וואַנט און האָבן געקוקט ערגעץ פֿאַרלאָרן, צי געזיפֿצט, צי געריידט שטיל צווישן זיך.

די נייע פֿאַרשווינען מיט אַריה - לייבן און מלכהן, וואָס דער קרעטש־מער האָט געבראַכט, האָט ער ניט געהאַט וואו אַהינצוטאָן בײַ זיך אין קרעטשמע און ער האָט זיי געמוזט אָפּפֿירן אין דעם דערבײַיאיקן דאָרף און געפֿינען פֿאַר זיי פּלאַץ בײַ די פּויערים אין די שטיבלעך.

אויך פֿאַר אַריה - לייבן און פֿאַר מלכהן האָט ער געפֿונען אַ פּלאַץ בײַ דעם רייכסטן פּויער אין דאָרף און אויף מאָרגן האָבן אַלע יידן, סיי יענע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין דער קרעטשמע און סיי די אַנדערע וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אינם דאָרף, געוואוסט, אַז צווישן זיי האָט זיך געפֿונען דער פֿריערדיקער גביר און בעל-צדקה אַריה - לייב גאָרדאָן.

און כמעט זיי אַלע האָבן געהערט וועגן אים פֿריער, ווי וועגן אַ גרויסן גביר און אַ כלל-טוער. און מען האָט אויסגעפֿונען דאָס שטיבל, וואו ער איז אײַנ־געשטאַנען און מען איז געגאַנגען צו אים ריידן און זיך אויסריידן דאָס דאָס האַרץ און הערן זײַן מיינונג וואָס צו טאָן ווײַטער...

און אַריה - לייבן איז איצט שווער געווען זיך צו טרעפֿן מיט מענטשן, בפֿרט נאָך עצות זיי צו געבן. ווי אַזוי האָט ער געמאָנט געבן אַן עצה וועמען, ווען ער אַליין האָט זיך איצט געפֿילט אַזוי אומבאַהאָלפֿן, אַזוי הילפֿלאָז?

און אײנמאָל, ווען עטלעכע יידן זײַנען צו אים צוגעשטאַנען מיט עצות פֿרעגן, האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן:

— אוי, יידן, ווען איך אַליין ווייס וועגן עפּעס אַ קלוגן מענטשן, וואָס זאָל מיר קאָנען איצט געבן אַן עצה, וואָלט איך צו אים געלאָפֿן. איך ווייס נאָר איין זאַך קלאָר, אַז צוריקקערן זיך אַהין, וואו פֿריער איז געווען מײַן היים, וועל איך קיינמאָל ניט. איך זאָל בעסער בלינד ווערן, איידער איך זאָל נאָך אַמאָל אָנקוקן יענעם הימל און יענע ערד, וואָס איז אָנגעטרונקען מיט בלוט... פֿאַרשאָלטן זאָל דאָס ווערן, ווי סדום און עמורה!...

פֿופֿצענטער קאַפּיטל

בײַ די באָלשעוויקעס אין שפּיטאָל

אין דער אייגענער צייט, ווען אַריה - לייב און מלכה האָבן זיך אָפּ־געשטעלט בײַם פּויער אינם שטיבל, אויף דער אַנדער זייט פּוילישער גרע־ניץ האָט פֿריידל, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר טויט, די אויגן געעפֿנט

בײַ די באָלשעוויקעס אין דעם שפּיטאָל, אין דעם שטעטל, וואו זי איז באַפאַלן געוואָרן.

מחמת דעמזעלבן טאָג, ווען זי איז באַפאַלן געוואָרן, האָבן די באָלשע־וויקעס פאַרכאַפּט דאָס שטעטל און ווי זייער שטייגער איז געווען, ווען זיי האָבן פאַרכאַפּט אַ שטעטל נאָך אַ פּאָגראָם, האָבן זיי אויפגענומען די פאַר־וואונדעטע און דערהרגעטע ייִדן פון די גאַסן און פון די הייזער און פון אַנדערע ערטער, וואו די קרבנות פון דעם פּאָגראָם האָבן זיך געוואַלגערט, און זיי האָבן אָפּגעשיקט די פאַרוואונדעטע אין שפּיטאָל אַרײַן און די דערהרגעטע — אויפן בית־עולם. אויף אַזאַ אופן האָט מען אויך פריידלען געפונען אין דער האַלב - אײַנגעפאַלענער שטאַל. זי האָט נאָך געזשיפּעט.

אין דעם גרויסן צימער פון דעם שפּיטאָל, וואו עס זײַנען געלעגן מער קראַנקע ווי דאָס צימער האָט געקאָנט אַרײַננעמען, איז געווען האַלב טונקל. נאָר צוויי עלעקטרישע לעמפּלעך אויף בײדע עקן פון דעם צימער האָבן בײַ־לויכטן דעם בלוטיקן באַרג וואונדן און יסורים, וואָס האָט זיך אויף די בעטלעך געמאַטערט...

די קראַנקע אויף די בעטלעך, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, הענט און פיס, מיט אָפּגעהאַקטע אויערן און אויסגעריסענע אויגן און מיט אַנדערע אָפּגעריסענע און אָפּגעשניטענע גלידער, האָבן געקרעכצט און געשריען מוראדיק...

אַ שרעקלעך בילד פון דעם דעמאָלטדיקן ייִדישן גיהנום, געשאַפן פון דער ווילדער חיה אין געשטאַלט פון מענטש!...

די קראַנקענוועכטערינס זײַנען אַרומגעלאָפן פון איין בעטל צום צווייטן, פון איין קראַנקן צום אַנדערן און האָבן געפּרואווט לינדערן די יסורים און ווייטאָקן און צו טרייסטן די קראַנקע.

פריידל, אַ צעהרגעטע, אַ פאַרוואונדעטע און אַ געשענדעטע האָט גע־עפנט די אויגן און זיך אַרומגעקוקט.

וואו איז זי? זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, געפּרואווט אַ ריר טאָן מיט אַ פוס, מיט אַ האַנט, אָבער האָט תיכּף דערפילט אַ שטאַרקן ווייטאָק לעבן דער רעכטער ברוסט, ווי עמיצער וואָלט איר מיט אַ שאַרפן מעסער אויף יענעם אָרט אַ שניט געטאָן. זי האָט אַ געשריי געטאָן.

אַ יונגע קראַנקנוועכטערין, מיט אַ ליכטיק פּנים און האַרציקן שמייכל, איז צוגעלאָפן צו איר.

— דאָס האָט איר געשריען? — האָט זי זיך געווענדעט צו פריידלען, ווי אַ גוטע מאַמע וואָלט צו איר קינד גערעדט.

— וואו בין איך? — האָט די קראַנקע געפרעגט מיט אַ שוואַך קול.

— צווישן פרײַנט, מײַן טײַערע. אָבער רעדט ניט. איר דאַרפט ניט. עס שאַדט אײַך.

— אָבער וואו בין איך?

— ביי אונדז, ביי די באָלשעוויקעס אינם שפּיטאָל. איר וועט געזונט ווערן. איר זייט אַרויס פון געפאַר, — האָט די קראַנקנשוועסטער געזאָגט.

— ווי קום איך אַהער און זינט ווען בין איך דאָ?

— שוין דער צווייטער טאָג זינט מיר האָבן פאַרטריבן די באַנדיטן פונם שטעטל און האָבן עס פאַרנומען. מען האָט אייך געפונען און געבראַכט אַהער...

— אוי! — האָט די קראַנקע ווידער אַרויסגעלאָזט אַ פאַרצווייפלטן געשריי און פלוצלונג האָט זי גענומען וויינען — וויינען פאַרשטיקט און רחמנותדיק.

ווי דורך אַ נעפּל האָבן זיך ביי איר אינם מח גענומען מישן און פלאָנטערן שרעקלעכע, ווילדע, בלוטיקע בילדער. צוערשט לאַנגזאַם און ניט קלאָר, באַלד אָבער קלאָרער און קלאָרער, און בולטער. און אין אַ ווײַלע אַרום איז דער נעפּל אינגאַנצן פאַרשוואונדן, און פאַר איר האָבן זיך גענומען דרייען און יאָגן בילדער — איינס נאָכן אַנדערן, איינס שרעקלעכער פון אַנדערן. און אינ־איינעם מיט אָט די בילדער האָט זיך געטראָגן אַ ווילדער טומל, אַ פאַר־שיכורטער, בלוטדורשטיקער געפילדער, ווי פון ווילדע חיות, וואָס וואָלטן זיך דאָרט ערגעץ פון אייזערנע שטייגן אַרויסגעריסן... און מיטאַמאָל אַ שיכורער געלעכטער... מען לויפט נאָך איר... מען יאָגט זיך נאָך איר.. אוי,! אוי! אוי! — הערט זי איר אייגענעם געשריי — מ'האָט זי געכאַפּט.. מ'האָט זי אויפ־געהויבן אין דער הויך... מען שלעפּט זי... מען טראָגט זי ערגעץ.. מען האָט זי אַרונטערגעוואָרפן ערגעץ.. זי ווערט זיך.. מען שלאָגט זי.. איבער איר — פאַרשיכורטע פּנימער.. פּייכטע בערד.. אויגן אויסגעשטשירעטע, מיט בלוט פאַרגאָסענע.. זיי רייסן פון איר די קליידער. זיי שטיקן זי.. זיי קושן זי.

אוי, מאַמע! מאַמע!.. — האָט די קראַנקע פאַרצווייפלט אַרויסגעקרעכצט

— פאַרוואָס בין איך געבליבן לעבן? אוי, מאַמעניו מיינע! מאַ־אַ...

און די קראַנקע איז געפאַלן אין חלשות ביי דער קראַנקענשוועסטערין אונטער די הענט...

ווען פריידל האָט דעם צווייטן מאָל די אויגן געעפנט, איז לעבן איר גע־שטאַנען דער דאָקטאָר פונם שפּיטאָל, אַ ייִד, און ער מיט אַ קראַנקנשוועסטערין האָבן איר איבערגעבונדן אַ וואונד נאָענט לעבן דער רעכטער ברוסט.

— נו, חברטע, — האָט זיך דער דאָקטאָר אָנגערופן צו איר — ווי פילט איר זיך?

— ווי פיל איך זיך? — האָט זי געענטפערט מיט אַ קול, וואָס מען האָט אים קוים געהערט, — בעסער וואָלט איך געשטאָרבן דאָקטאָר...

— העי, העי, חברטע, רעדט נאָר ניט אַזוי! וואָס הייסט שטאַרבן? איר זייט נאָך יונג. איר וועט געזונט ווערן און איר וועט אונדז נאָך העלפן בויען דאָס נייע לעבן, וואו כוליגאַנעס און אַנדערע ווילדע ברואים וועלן ניט קאָנען האָבן קיין פּלאַץ...

זי האָט אַרויסגעפּליסטערט מיט אַ קראַנקן שמייכל:

— אפשר וועט אַמאָל זיין אַזאַ לעבן, אָבער נישט פאַר מיר...

— פאַר אייך אויך. און איר וועט העלפן בויען אָט דאָס לעבן...

— ניין, נישט פאַר מיר — האָט זי איבערגעחזרט — קאָן איך אַמאָל פאַרגעסן, ווי אַזוי איך... דאָקטאָר, איך בין אַ יידיש מיידל, דערצויגן אין אַ פרום הויז. קאָנט איר זיך פאַרשטעלן, ווי אַזויאַ מיידל פילט אין אַזאַ לאַגע, ווי איך בין איצט?... קאָן איך דאָס אַמאָל פאַרגעסן?..

דער דאָקטאָר האָט מיט רחמנות אַ קוק געטאָן אויף איר און מיט אַ וואַרימקייט זי גענומען טרייסטן:

— איר וועט פאַרגעסן. איר זייט דאָך נאָך אַזוי יונג, דאָס לעבן אַליין וועט אייך העלפן דאָס צו פאַרגעסן. בפרט נאָך דאָס נייע לעבן וואָס מיר וועלן אויפבויען. ווי איז אייער נאָמען חברטע?

— פרידאַ.

— אַלזאָ, חברטע פרידאַ, איך פאַרזיכער אייך ,אַז איר וועט נאָך לעבן, און אפשר נאָך גליקלעך זיין אין אייער לעבן... אָבער רעדט ניט. גענוג!..

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און גענומען שטיל קרעכצן. דערנאָך האָט זי זיי ווידער געעפנט און אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר און שטיל געפרעגט:

— ליגט דאָ אפשר אינם שפּיטאָל איינער אַ ייד מיטן נאָמען אריה־לייב גאָרדאָן?

— ווער ווייס? אַ סך פאַרוואונדעטע יידן ליגן דאָ. ווי זעט ער אויס?

— מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, אַ הויכער אַזאַ, אַ ברייטער. ער און זיין טאָכטער זיינען מיט מיר געלאָפן. מיר אַלע האָבן זיך געוואָלט אַריבער־כאַפּן די גרעניץ און דערנאָך פאָרן צו מיין טאַטן קיין אַמעריקע — האָט זי גערעדט ווייטער מיט אַ שוואַך קול און צוגעמאַכטע אויגן.

— אייער טאַטע וואוינט אין אַמעריקע?

— יאָ. ער קען מיך ניט און קען אים אויך ניט — האָט זי ווידער גע־עפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר.

— וואָס הייסט?

— ער און מיין מאַמע האָבן זיך געגט, ווען איך בין צוויי יאָר אַלט געווען... דערנאָך איז ער אַוועק קיין אַמעריקע — האָט זי גערעדט ווייטער גאַנץ שטיל — איך האָב ניט געהערט מער פון אים, ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק... איך האָב אָנגעהויבן צו באַקומען בריוו פון אים... איך זאָל קומען צו אים קיין אַמעריקע... ער איז דאָרט רייך..און קיין אַנדערע קינדער האָט ער ניט, דאַכט זיך... איך וואָלט געפאָרן צו אים... האָט אָבער מיין מאַמע מיך ניט געלאָזט..ביז אונדזער גרויס אומגליק... מען האָט זיי אויסגעשאָכטן אַלע־מען ביי אונדז אין הויז... נאָר איך איינע בין געבליבן, צו מיין גרויסן אומ־גליק... האָב איך דעמאָלט באַשלאָסן צו פאָרן צו אים... און מיטנעמען מיט זיך מיין בעסטע חברטע און איר טאַטן, אריה - לייב גאָרדאָן... ביי זיי

האָט מען אויך אַלעמען אויסגעהרגעט... און ווען זיי בלייבן נאָך עטלעכע טעג אין שטעטל, וואָלט מען זיי אויך דערהרגעט... מיין טאַטע וואָלט זיי אויך געהאָלפן אין אַמעריקע... ער האָט מיר בפירוש געשריבן, אַז ווער עס וועט קומען מיט מיר קיין אַמעריקע, וועט ער שטיצן... מיר האָבן זיך נאָר געדאַרפט אַריבערכאַפּן די גרעניץ... און אָנקומען קיין וואַרשע אויף אַ געוויסן אַדרעס... וואָלט מען אונדז דאָרט אויסגעריכט קיין אַמעריקע...

— וואו וואוינט אייער פאָטער, אין ניו־יאָרק?

— אין ניו-יאָרק.

און זי האָט זיך שטיל איבערגעשלאָגן:

— אָבער ווער ווייס, צי זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט.. אפשר זיי־נען זיי דערהרגעט געוואָרן... דעמאָלט זיינען מיין טאַטנס בריוו אויך פאַר־לוירן... און וועל אפילו ניט וויסן זיין אַדרעס... וואָרום אויפן קאָפּ געדענק איך נאָר, אַז ער וואוינט אין ניו-יאָרק... זייט איר זיכער, דאָקטאָר, אַז דאָ ביי אייך אינם שפּיטאָל, ליגט קיינער ניט מיטן נאָמען אַריה - לייב גאָרדאָן?

— איך וועל דאָס קאָנען אויסגעפינען פאַר אייך, חברטע. דערוויל אָבער גענוג צו ריידן. איר רעדט צופיל...

— אָט באַלד, דאָקטאָר, אָט באַלד... איך וויל נאָך אייך עפּעס בעטן.. איך וואָלט וועלן וויסן, צי זיין טאָכטער מלכה אָדער מאַניע, איז דאָ נישטאָ.. זי איז דאָס די חברטע מיינע...

— דאָס וועל איך אויך אויסגעפינען פאַר אייך.

— זי איז אַ ברונעטקע מיט שוואַרצע האָר און אַ העלן מאַנטל... מיין בעסטע פריינדין געוועזן... און אויב מיט איר האָט זיך געטראָפן דאָס אייגענע וואָס מיט מיר, זאָל זי בעסער שטאַרבן... אַניט וועט זי משוגע ווערן... און איר טאַטע אויך.. און אפשר.. אַז זיי זיינען ביז אַהער נאָך ניט משוגע גע-וואָרן!...

און מיטאַמאָל האָט זי זיך ווידער צעוויינט:

— אוי, וויפל אומגליק!... וויפל אַכזריות!... פאַרוואָס? פאַרוואָס?!..

דער דאָקטאָר האָט אויך אַ זיפץ געטאָן דערנאָך האָט ער זי אָנגעקוקט מיט אויגן פול רחמנות און האָט אַרויסגערעדט שטיל:

— חברטע, קעגן דעם קעמפן מיר, באָלשעוויקעס. מיר קעמפן, אַז אַזוינס זאָל ניט קאָנען מער געשען אינם לעבן. דאָס איז דער סם פון דער אַלטער וועלט, וואָס אין איר האָט זיך אָנגעקליבן פאַר לאַנגע, לאַנגע צייטן. און אָט די וועלט מיט אָט דעם סם מוזן אויסגעוואָרצלט ווערן, און אַ נייע וועלט, אינגאַנצן ריין פון דעם, מוז געשאַפן ווערן. און מיר וועלן זי באַשאַפן. איין זאַך זאָלט איר נאָר וויסן, אַלס יידישע טאָכטער, חברטע, אַז ווען ניט די באָלשעוויקעס, וואָלט פון אונדז יידן אפשר קיין זכר ניט פאַרבליבן היינט אין רוסלאַנד. און מחמת דעם מוזט איר געזונט ווערן און מוזט אַריינטרעטן אין אונדזערע רייען און העלפן אונדז אויסראָטן דאָס אַלטע און בויען דאָס

נייע. עס איז דאָ גענוג אַרבעט פאַר אייך. ווערט נאָר געזונט. און איר וועט געזונט ווערן. אמת, ניט אַזוי גיך. און דערפאַר מוזט איר זיך ניט אויפרעגן און ניט ריידן צופיל. און איצט סטאַרטעט זיך איינצושלאָפן. גוט נאַכט, חברטע!...

און דער דאָקטאָר מיט דער קראַנקנשוועסטערין זיינען אַוועק צו אַן אַנדער קראַנקן ...

זעכצנטער קאַפּיטל

אַריה־לייבס פאַרצווייפלטער פּלאַן

אין דעם דאָרף איז אַריה־לייב אָפּגעזעסן צוויי וואָכן ביי דעם זעלביקן פויער אינם שטיבל, צוליב מלכהן.

און בעת די אַנדערע אַנטלאָפענע זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן פונם קאָמיטעט, האָט אַריה־לייב פאַר אַלצדינג אַליין באַצאָלט און געצאָלט מיט זיין אייגענעם געלט, מיט „ניקאָלאַיעווקעס״...

דערווייל האָט אַריה־לייב ניט געטראַכט וועגן שפּעטער. וועגן איין זאַך האָט ער איצט געטראַכט: ווי אַזוי זיין מלכה זאָל איצט צוריקקומען צו אירע כחות. זי איז אינגאַנצן געווען צעשרויפט און צעבראָכן און פון דעם מינדסטן גערויש האָט זי אויפגעציטערט. און זי האָט ווייניק געגעסן און וויניק געשלאָפן און אינמיטנדערנאַכט האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי...

אַריה־לייב האָט געהערט, ווי די אַנדערע יידן האָבן כסדר גערעדט וועגן אַמעריקע. יעדער פון זיי האָט זיך געריסן אַהין. מען האָט געשריבן צו ברי־דער און שוועסטער אין אַמעריקע, צו פעטערס און מומעס אין אַמעריקע, צו נאָענטע און ווייטע אַמעריקאַנער קרובים און זיך געבעטן, מען זאָל זיי ראַטעווען און זיי אַריבערנעמען אַהין. מען האָט געשריבן צו קרובים, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געזען און צו קרובים, וואָס זיי זיינען קיינמאָל קיין קרובים ניט געווען און צו לאַנדסלייט און סתם צו מענטשן קיין אַמעריקע, וואָס מען האָט זייער אַדרעס געקראָגן...

מחמת שרעקלעך איז געווען די לאַגע פון אַט די יידן: דאָרט אין פּוילן, האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרבלייבן; זיי האָבן דאָרט נישט געקאָנט זיין זיכער, ניט מיט זייער חיונה און נישט מיט זייער לעבן... און אין אַנדערע לענדער לויפן — איז ניט געווען וואוהין. אַ חוץ אַמעריקע. מחמת אין יעדן אַנדערן לאַנד איז יענער צייט געווען אומאָרדענונג, רעוואָלוציע און כאַאָס...

אָבער צום סוף האָט אַריה־לייב אויך געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן שפּעטער.

די „ניקאָלאַיעווקעס״ וועלן זיך דאָך אַמאָל מוזן אויסשעפּן. און דאָס אַנדערע געלט, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, די „קערענקעס״ און די „לאָ־פּעטעס״, איז כמעט גאָר נישט ווערט געווען (שפּעטער האָבן מיט אָט דעם

געלט די פויערים אין אוקראַינע געקלעפּט די ווענט ביי זיך אין די שטיבער, אַזוי ווערטלאָז איז דאָס געוואָרן). האָט אריה־לייב דעמאָלט אויך געמוזט אַ טראַכט טאָן וועגן אַמעריקע...

אַמעריקע!... ער און זיין טאָכטער מלכה זיינען דאָך איצט געווען אויפן וועג קיין אַמעריקע... זיי זיינען דאָך לכתחילה געלאָפן מיט דער אומגליק־לעכער פריידלען צו איר טאַטן קיין אַמעריקע. און איצט איז דאָך גאָר אַ נאַרישקייט געווען צו טראַכטן דערפון! קומען צו יענעם טאַטן און דערציילן אים, אַז זיי זיינען געלאָפן מיט זיין טאָכטער און זי איז אַריינגעפאַלן צו די רוצחים אין די הענט אַריין... און דערציילן אים, וואָס זיי האָבן מיט איר גע־טאָן... נאָר מענטשן, וואָס זיינען אינגאַנצן פונם זינען אַרונטער, וואָלטן דאָס געקאָנט טאָן!...

סיידן פאָרן קיין אַמעריקע אָן אָן אַדרעס, ווי אַ סך אַנדערע טויזנטער יידן זיינען געפאָרן... אָבער וואָס וועט ער דאָרט טאָן? ווען ער וואָלט געווען יינגער אָדער ווען ער וואָלט געהאַט זיין פריערדיקן קאַפּיטאַל, וואָלט געווען אַנדערש. נאָר קומען אַהין מיט ליידיקע הענט, אַ ייד אין זיינע יאָרן, און ווער ווייס? — אפשר וועט ער נאָך מוזן גיין דאָרט אין פאַבריק אַרבעטן... ווערן אַ פאַבריק־אַרבעטער דאָרט... אריה־לייב גאָרדאָן וועט דאָרט זיצן ביי אַ מאַשין און דרייען אַ רעדל מיט די הענט אָדער מיט די פיס!...

אָבער דאָס איז אַ קליינינקייט היינטיקע צייטן. אין רוסלאַנד ביי די באָלשעוויקעס ווערן גרעסערע יחסנים ווי ער — אַרבעטער. ווען ער וואָלט נאָר געווען אַביסל יינגער!

און איינמאָל, ווען ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיך אין דעם קליינעם שפּיגל, וואָס איז דאָרט געהאַנגען ביי דעם פויער אויף דער וואַנט; האָט אַ קוק געטאָן און אַ טראַכט געטאָן: „ווער איז דאָס?"

ער האָט דערזען איינעם, וואָס איז ענלעך געווען צו אים, אָבער ער אַליין האָט דאָס ניט געקאָנט זיין. דאָס פּנים, וואָס ער האָט געזען אינם שפּיגל איז געווען מיט איינגעפאַלענע באַקן און מיט זעקעלעך אונטער די אויגן, און מיט אַ באָרד און אַ קאָפּ, וואָס זיינען געווען מער גרוי ווי שוואַרץ...

אַזוי געענדערט האָט ער זיך אין דער דאָזיקער קורצער צייט. מיט וויי־טאָק האָט ער אַרויסגעמורמלט:

— אַ שיינער אַרבעטער פאַר אַן אַמעריקאַנער פאַבריק!...

מיט מלכהן האָט ער ניט גערעדט דערפון. ער האָט אויסגעמידן צו ריידן מיט איר. סיידן זעלטן אַמאָל, ווען אים האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מלכה אַליין איז פאַרדאַנגהט וועגן דעם וואָס זיי זאָלן טאָן. דעמאָלט האָט ער זי געטרייסט, אַז זי דאַרף גאָר ניט מורא האָבן, מחמת כל זמן איר טאַטע לעבט דאַרף זי זיך גאָר ניט שרעקן, טאָמער וועט איר עפּעס פעלן. אויפן ערגסטן פאַל האָט ער געגוג באַקאַנטע און גוטע פריינט אין דער סוחרישער וועלט, סיי אין קעניגסבערג און סיי אין דאַנציג און אַפילו אין וואַרשע אויך, וואָס

וועלן אים העלפן זיך צוריקשטעלן אויף די פיס.

און בעת ער האט עס איר געזאגט, האט ער געוואוסט, אז אויף אט די מענטשן האט ער ניט געקאנט האפן אין אזא צייט...

און ווידער און אבער האט ער געמוזט טראכטן וועגן אמעריקע. און איצט האט ער נאכאנאנד געלייענט די בריוו פון פריידלס טאטן, דוד ראַבי־נאָוויטש און נאכאנאנד האט ער געקוקט אויף יענעמס בילד, וואס ער האט געהאט ביי זיך אינם טייסטער, צווישן די בריוו, ווי ער וואלט געוואלט אויס־געפינען וואס פאר א מענטש יענער איז געווען. און סיי די בריוו און סיי דאס בילד פון יענעם האבן געמאכט אויף אריה־לייבן יעדעס מאל דעם בעסטן איינדרוק....

— ניט באשערט — האט ער געטראכט — ווען ניט דאס לעצטע אומ־גליק מיט פריידלען, וואלטן זיי געפארן גלייך קיין ווארשע און געקומען דארט אויף דעם אדרעס, וואס איר פאטער האט אנגעגעבן אין זיין בריוו און אין זיין טעלעגראמע. און דעמאלט וואלטן זיי כאטש אויף אזוי וויט געהאלפן געווארן...

אזוי איז אוועק נאך א טאג און נאך א טאג אין אט די געדאנקען, ביז עס איז אים געווארן קלאר, אז עפעס מוז ער טאן, א ניט וועט ער חלילה, מוזן אנקומען צום קאמיטעט, צו צדקה, צו נדבות, ווי אנדערע הונדערטער יידן, וואס זיינען געשטאנען אין א לאנגער ריי ארום די קיכן און די שפייז־שטיבער פונם קאמיטעט...

און איינמאל האט ער זיך אנגערופן צו מלכהן:

— מיין טאכטער, נעם צונויף דיינע כחות. היינט אויף דער נאכט פארן מיר קיין ווארשע.

און זי מלכה, א בלייכע, א פארשלאסענע, ווי איינגעביסן אין זיך, האט בלויז ארויסגערעדט:

— יא? צו וועמען און צו וואס?

— מיר מוזן פארן, קינד. עפעס מוז איך דאך אנהויבן צו טאן. ארומ־טערלאזן די הענט און ווארטן, איז אויך קיין תכלית ניט. דארט וועל איך אנ־הויבן עפעס צו טאן. נאך אלעמען בין איך דאך אריה־לייב גארדאן. יארן לאנג האט א וועלט א גאנצע מיך געהאלטן פאר א קלוגן געשעפטסמאן. אפשר וועל איך דארט אין ווארשע....

ער האט אפגעקערט דעם קאפ פון איר און ארויסגעשלעפט פון קעשענע א טיכל און פארגנבעט א וויש געטאן די אויגן.

אבער מלכה האט עס באמערקט. זי האט עס באמערקט. און דאס האט זי פון איר פארשלאסנקייט ארויסגעריסן. זי האט א שמייכל געטאן צו אים (דער ערשטער שמייכל מלכהס פאר א לאנגער צייט), און זי האט א פרעג געטאן א סך אויפגעלעבטער ווי פריער:

— וואס ווישסטו די אויגן, טאטע?

— אַט, פאַרטרושעט, גאַרנישט, עפּעס אַ שטויבעלע, כ׳ווייס...
זי איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיין אַקסל.
— ווילסט פאָרן? לאָמיר פאָרן. און צו־שטאַרק צום האַרצן זאָלסטו זיך ניט נעמען קיין זאַך. האָב שטענדיק אין זינען, אַז ערגער ווי פריער קאָן אונדז ניט זיין.
— איך טראַכט נאָר פון דיר, מיין קינד.
— פון מיר? דאַרפסט ניט טראַכטן פון מיר, טאַטע. איך בין איצט אַזוי פאַרהאַרטעוועט — אייזן, שטאָל!...
— דו ביסט געוואוינט צו אַ היים פון זעכצן צימערן, מיין קינד...
— ווער דאַרף אַזאַ היים, טאַטע?
— איצט האָבן מיר ניט קיין דאַך איבער אונדזערע קעפּ...
— איך וועל זוכן אַרבעט, טאַטע. איך וועל געפינען עפּעס אַ באַשעפטי־קונג. אפשר פּיאַנאָ - שטונדן וועל איך געבן, אַניט איז וואָס־ניט־איז. איך בין יונג, איך בין געזונט און כּל זמן איך וועל האָבן כּח, וועסטו, טאַטע, האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אמת, ניט קיין זעכצן צימערן מיט פּערסישע טעפּיכער אָבער איין צימער, ווי אַ סך אַנדערע אָנשטענדיקע מענטשן...
אריה לייב האָט ביטער אַ לאַך געטאָן:
— ווילסטו, הייסט עס, ווערן מיין חיונה־געבערין?..
— יאָ, טאַטע, איך וועל דיר העלפן טראָגן דיין שווערן פּאַק. ווען נישט דו, עך — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.
— וואָס ווען ניט איך? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ טרויעריקן שמייכל.
— זאָלן מיר דערפון בעסער ניט ריידן, טאַטע.
— יאָ, דו ביסט גערעכט, מיין קינד. זאָלן מיר בעסער דערפון ניט ריידן.
און ער האָט פאַרטראַכט צוגעלייגט:
— איך פאַרשטיי, וואָס דו מיינסט. און דו מיינסט, אַז איך וואָלט געלעבט, ווען נישט דו? צוליב וואָס? פאַר וועמען? אָבער דו ביסט דאָ, מיין קינד. און איך וועל לעבן צוליב דיר!...
און אויף מאָרגן זיינען זיי געווען אין וואַרשע.
און ווידער זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. אין וואַרשע זיינען זיי איינגע־שטאַנען אין אַ ביליקן האָטעל, און נישט אריה - לייב און נישט מלכּה האָבן אין דער שטאָט געקאָנט געפינען וואָס צו טאָן. און ווידער און ווייטער האָט אריה־לייב געמוזט טראַכטן וועגן אַמעריקע. קיין אַנדער אויסוועג האָט ער פאַר זיך ניט געזען. די פּאָר באַקאַנטע יידישע געשעפטסלייט אין וואַרשע, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט וועגן אַן עצה, האָבן אים בלויז באַדויערט, אָבער העלפן האָבן זיי אים ניט געקאָנט. און די סוחרים פון קעניגסבערג און דאַנציג, צו וועמען ער האָט זיך געווענדעט אין זיין איצטיקער נויט, האָבן

אויך פאַר אים גאָר ניט געקאָנט טאָן. וואָלט ער שוין געפאָרן קיין אַמעריקע אָן אַן אַדרעס, האָט ער זיך אָבער דערוואוסט, אַז אָנאַן אַדרעס לאָזט מען דאָרט ניט אַריין. און זיין געלט האָט זיך שוין באַלד-באַלד אויסגעלאָזט.

אין דער דאָזיקער צייט איז אים איינמאָל איינגעפאַלן אַ געוואַגטער פּלאַן: ער וועט אַרויסגעבן זיין מלכהן פאַר פריידלען... ער מוז זי ראַטעווען! ער מוז פאַר איר געפינען אַ היים. אַניט וועט זי אומקומען!.. יאָ, זי וועט זיין פריידל חיה־שרהס, די טאָכטער פון דוד ראַבינאָוויטש, פון דעם אַמעריקאַנער טאַטן, ניט זיין מלכה!... אויף אַ ווײַלע נאָר, ביז זיי וועלן אַריבערקומען קיין אַמעריקע.. נאָכדעם.. יידן זיינען קיין גזלנים... און דער אַמעריקאַנער דוד ראַבינאָוויטש ווייזט אויס צו זיין אַן אָנשטענדיקער מענטש.. ווען מען וועט אים דערציילן דעם אמת... עס וועט אים ווי טאָן פאַר זיין טאָכטער, אָבער ער וועט רחמנות האָבן אויף מלכהן... ער וועט פאַרשטיין, אַז מען איז ניט אויסן געווען אים צו באַשווינדלען...

און אריה־לייב האָט ווידער אַרויסגענומען די בריוו און די טעלעגראַמע פון דוד ראַבינאָוויטש און ער האָט זיי נאָכאַמאָל געלייענט. סיי אין איינעם פון די בריוו און סיי אין דער טעלעגראַמע איז אָנגעגעבן געוואָרן דער זעלביקער אַדרעס פון וואַרשע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַדרעס איז געווען פון עפּעס אַן אָפיס פון אַ ניו־יאָרקער שיפסקאַרטן־אַגענטור.

און איינמאָל אויפדערנאַכט, בעת אריה־לייב איז געזעסן מיט מלכהן אין דעם אָרימען האַלב־באַלויכטענעם האָטעל־צימער, האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און איר דערציילט וועגן זיין פּלאַן.

האָט זי צוערשט אים אָנגעקוקט אַזוי, ווי איר וואָלט איינגעפאַלן, אַז ער, איר טאַטע, איז פונם זינען געריררט. אָבער ווען ער האָט ווייטער גערעדט און איר אָנגעהויבן אויפצווייזן, אַז דערמיט וועט ער, חלילה קיין שווינדל ניט באַגיין קעגן קיינעם, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ און אויב אַפילו דאָס וואָלט געווען אַ שווינדל, וואָלט ער אויף דעם אויך גרייט געווען, כדי זי צו קאָנען ראַטעווען, — דעמאָלט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז ביי אים איז דאָס געווען אַ גוט־דורכגעטראַכטער פּלאַן. און זי האָט אים געענטפערט, אַז קיינמאָל וועט זי אויף דעם ניט געבן איר הסכמה, מחמת אַחוץ אַלעמען וואָלט זי דערמיט פאַרשוועכט דעם אָנדענק פון פריידלען, וואָס איז איר געווען זייער טייער...

— אָבער פריידל אַליין וואָלט דאָך דיך צו דעם צוגערעדט, ווען זי וואָלט דיך געזען אין אַזאַ לאַגע, — האָט ער גערעדט מיט פאַרצווייפלונג, — וואָס איז, מיר ווילן חלילה, אָפּנאַרן איר טאַטן? מיר וועלן אים נאָכדעם אַלצדינג דערציילן, דעם גאַנצן אמת. און אויב מיר וועלן אים עפּעס קאָסטן וועל איך באַצאָלן. איך וועל דאָרט עפּעס אָנהויבן צו טאָן. איך בין ניט קיין קאַליקע, חלילה. איך בין נאָך אַלץ אריה־לייב גאָרדאָן, מיין קינד. און אַמעריקע איז אַ לאַנד פון געשעפט פאַר ריכטיקע געשעפטסלייט. איך בין זיכער

אַז איכל געפינען דאָרט עפּעס צו טאָן. קינד מיינס, לאָז מיך, שטער מיר נישט. איכל ריידן, איכל טאָן, איכל דאָס דורכפירן אַליין. אויב שווינדלען, וועל איך זיין דער שווינדלער. שטער מיר ניט. לאָז מיך דיך אַרויסראַטעווען. אָן אַן אַדרעס וועט מען אונדז ניט אַריינלאָזן קיין אַמעריקע.

זי האָט זיך אָנגערופן מיט געבעט אינם קול:

— ווי קאָן איך צושטימען צו דעם? פאַרשטיי דאָך טאַטע, איך האַלט עס פאַר אַ פאַרברעכן!

ער האָט אַרויסגעשריען צערייצט:

— מענטשן זיינען באַגאַנגען קעגן אונדז גרעסערע פאַרברעכנס! עס איז ניט קיין פאַרברעכן דיך צו ראַטעווען. ווען מיר פאַרבלייבן דאָ נאָך עטלעכע וואָכן, וועט פון דעם גאַנצן געלט מיינעם ניט איבערבלייבן אַפילו אַף אַ פונט ברויט! וואָס ווילסטו, אַז איך זאָל דאָ אָנקומען צו בעטל - ברויט? אַז איך זאָל אויסשטרעקן די האַנט נאָך אַ נדבה? אַז איך זאָל זיך שטעלן אין דער ריי און וואַרטן אויף אַ טעלער סופּ, אויף אַ לעפל קאַשע ביי דעם אַמעריקאַנעם האַיאַס און ביי די אַנדערע צדקה - חברות?...

מלכה האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און צוגעדעקט מיטביידע הענט דעם פּנים.

און איינמאָל, אין עטלעכע טעג שפּעטער, האָט אריה-לייב דאָס ביי איר געפּועלט. זי האָט זיך אָנגערופן צו אים אַ פאַרשלאָסענע, מיט אַ גלייכגילטיקער מינע:

— טו דאָס, וואָס איז מיר דער חילוק? סיי ווי, אַלץ איינס...

און דעם זעלביקן טאָג נאָך זיינען זיי אַוועק אין יענער אַגענטור פון די שיפסקאַרטן מיט די בריוו און דער טעלעגראַמע פון דוד ראַבינאָוויטש, און פון דאָרט האָט מען אַרויסגעשיקט אַ קייבל קיין ניו-יאָרק.

און אין צוויי טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַן אָרדער פון ניו-יאָרק, אַז מען זאָל אויסריכטן קיין אַמעריקע מיט דעם ערשטן קלאַס פרידאַ ראַבינאָוויטש און איר באַגלייטער און אַ צווייטער אָרדער אויף דריי הונדערט דאָלאַר פאַר הוצאות.

און דעמאָלט האָט אריה - לייב באַשלאָסן צו שרייבן אַ בריוו צו דוד ראַבינאָוויטש פאַר פריידלען, ריכטיקער פאַר מלכהן. און דאָ איז ער צעטומלט געוואָרן. ער האָט עס געמוזט מיט זיין אייגענער האַנט דורכפירן און ער האָט דערפילט ווי שווער דאָס איז אים געווען, אָבער טאָן האָט ער געמוזט. פריידל וואָלט דאָך איר טאַטן געשריבן, אַז זי האָט באַקומען זיין געלט און אַז זי פאָרט אַרויס....

אָבער ווי אַזוי הויבט מען דאָס אָן? ווי זאָל ער אָנהויבן דעם בריוו? וואָס זאָל ער שרייבן?

ער האָט געפּרואווט אַ שמועס טאָן וועגן דעם מיט מלכהן, האָט אים יענע געענטפערט אַלץ אַ פאַרשלאָסענע אין זיך.

— איך ווייס ניט און פרעג ביי מיר ניט!...

און צום סוף האָט אַריה-לייב זיך געזעצט ביים טישל, ביי זיך אין האָטעל - צימער און האָט אָנגעשריבן צו דוד ראַבינאָוויטש אַט דעם בריוו:

„איך שרייב דאָס פאַר אייער טאָכטער. זי האָט באַקומען דאָס געלט, און די וואָך נאָך פאַרלאָזן מיר וואַרשע. מיר פאָרן אויף שערבורג און פון דאָרט וועלן מיר אייך לאָזן וויסן, מיט וואָס פאַר אַ שיף מיר וועלן אַרויספאָרן. זי שרייבט ניט אַליין, מחמת זי איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען, וואָס זי און מיר אַלע האָבן דורכגעמאַכט. די צרות זיינען גאָרניט צו באַשרייבן. איין זאַך וויל איך אייך זאָגן, אַז זי מוז האָבן אַ טאַטן און אַ היים. מער ווי איר טאַטע איז ביי איר ניט פאַרבליבן. די אַלע אַנדערע פון איר פאַמיליע זיינען אויסגעהרגעט.... גאָט זאָל אויף איר רחמנות האָבן און אויף אונדז אַלעמען און אויף אַלע אונדזערע יידן אין דער היינטיקער צייט... איך פאַר מיט איר, ווייל ביי מיר האָט מען אויך אַלעמען אויסגעהרגעט און זי, אייערע, איז געווען די בעסטע חברטע פון מיין טאָכטער. און ביי מיר אין דער היים איז אייערע געווען מער ווי ביי איר מאַמען אין דער היים. אַז איך וועל קומען אין אַמעריקע, האָף איך, אַז איך וועל קענען אייך באַצאָלן פאַר דער שיפסקאַרטע און פאַר אַלצדינג...

„מיטן בעסטן דאַנק, אַריה - לייב גאָרדאָן”.

ווען ער האָט געענדיקט דעם דאָזיקן בריוו, האָט ער פאַרגעלייענט וואָס ער האָט געשריבן פאַר מלכהן. — זי איז יענער צייט געלעגן אויף אַ זאָפע מיט צוגעמאַכטע אויגן.

— נו? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט געענדיקט.

זי האָט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים.

— וואָס ווילסטו פון מיר? —האָט זי שטיל געפרעגט.

— כ׳מיין — האָט ער זיך דערפילט מיט אַמאָל שולדיק פאַר איר — דו האָסט דאָך געהערט, וואָס איך האָב געשריבן...

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך שטיל אַרויסגערעדט, קוקנדיק אויף אים מיט אירע פאַרטרויערטע אויגן

— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו וועסט אַליין אַלצדינג טאָן, אָן מיר.

— היינט פאַרוואָס לייענסטו דאָס פאַר מיר?

— דאָך... דו מוזט דאָך אַליין אויך וויסן...

— מיך אַליין גייט דאָס גאָרניט אָן. דו טו וואָס דו ווילסט...

און עס איז אים אויך שווער אָנגעקומען ביי איר צו פועלן, אַז זי זאָל זיך באַקליידן אויף דאָס ניי פאַר דעם געלט, וואָס דוד ראַבינאָוויטש האָט צוגעשיקט פון אַמעריקע. אָבער סוף כל סוף האָט ער דאָס ביי איר געפועלט און זי האָט זיך געקויפט אַ פאָר קליידער, וואָס זי האָט געמוזט האָבן פאַר דעם ערשטן קלאַס אויף דער שיף...

און אין יענעם אינדערפרי, ווען אַריה-לייב האָט מיט זיין טאָכטער גע-

זאָלט פאַרלאָזן וואַרשע אויפן וועג קיין אַמעריקע, האָט ער זיך איינגעוויקלט אין דעם נייעם טלית, וואָס ער האָט געהאַט ניט לאַנג געקויפט אין וואַרשע אין איינעם מיט נייע תפילין, און ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ האַרץ־ציטערניש, ווי נאָך קיינמאָל פריער, נישט אַפילו אום יום־כפור... און צו די תפילות פון דעם דאַוונען האָט זיך פון זיין האַרצן געריסן זיין אייגענע תפילה:

— גאָט, אויב דאָס איז אַ זינד, זיי מיר מוחל, שטראָף מיך ניט דערפאַר. גאָט, דו האָסט מיך גענוג געשטראָפט. און דו ווייסט דאָך פאַרוואָס איך טו דאָס. שטיי מיר ביי . שטיי ביי מיין מלכהן... אַ חוץ איר האָב איך דאָך מער קיינעם ניט!...

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

בײַ דוד ראַבינאָוויטש אין שטוב

פון יענע פּאָגראָמען אין אוקראַינע זיינען די יידן אין אַמעריקע שטאַרק צערודערט געווען. די מערסטע פון אָט די יידן האָבן געהאַט דאָרט אין אוקראַינע נאָענטע קרובים און בכלל, וועלכער ייד פילט דאָס ניט זיין נאָענטע קרובהשאַפט מיט אַ צווייטן יידן, אפילו אַ פרעמדן, אין דער צייט פון פּאָגראָמען?...

מען האָט גערופן פאַרזאַמלונגען און געגרינדעט הילפס־קאָמיטעטן און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן די יידישע פּאָגראָם - קרבנות. די ,,דזשאָינט״ און די ,,פּיפּעלס רעליף״ און ספּעציעלע לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיסיעס פאַר באַזונדערע שטעט און שטעטלעך זיינען געשאַפן געוואָרן און יידיש געלט אין די מיליאָנען איז געפלאָסן פון אַמעריקע אַהין צו די אומגליקלעכע, וואו זיי האָבן זיך ניט געפונען.

אויך דוד ראַבינאָוויטש און זיין אַלטער טאַטע נח האָבן אַ סך געגעבן סיי צום ,,פּיפּעלס רעליף״ און סיי צו אַנדערע יידיש־אַמעריקאַנישע הילף־אָרגאַניזאַציעס.

כמעט אויף יעדן מיטינג פון ,,פּיפּעלס־רעליף״ האָט מען געקאָנט זען אַ באַפּרילטן יידן מיט אַ הויכן למדנישן שטערן, אַ רונדן, ריין־ראַזירטן פּנים, מיט רויטע באַקן און אַ גרוי - בלאָנדן קאָפּ.

דער דאָזיקער ייד, אַ הויבער און ברייטער, איז שטענדיק אָנגעטאָן געווען אין שוואַרצן און קיינער וואָלט ניט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ געשעפטסמאַן און ניט אַ רעפאָרמירטער ראַבאַי. און אַזוי ווי ער האָט שטענדיק געשוויגן אויף די מיטינגען, האָבן מענטשן, וואָס האָבן אים ניט געקענט, אַ סך מאָל געוואונדערט, פאַרוואָס ער, אָט דער ראַבאַי, נעמט ניט קיין אָנטייל אין די דיסקוסיעס.

דער דאָזיקער ייד איז געווען דוד ראַבינאָוויטש.

זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, האָט ער זיך קיין רו ניט געקענט געפינען. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם לעבן פון זיין

טאַכטער פריידל און האָט געליטן אַלס ייד פאַר די פּאָגראָמירטע יידן אין אוקראַינע.

בריוו נאָך בריוו און אויך טעלעגראַמעס, האָט ער געשיקט צו זיין טאָכ־טער אויף דעם אַדרעס פון אריה ־ לייב גאָרדאָן פון די דאָזיקע אַלע בריוו און טעלעגראַמעס זיינע, האָט זי דאָרט באַקומען נאָר דעם בריוו און די טע־לעגראַמע וועגן דעם אַדרעס אין וואַרשע. און אַזוי ווי ער האָט פון איר נאָך אַלץ ניט געהערט און די צייטונגען זיינען פול געווען מיט די שרעקלעכסטע ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, איז ער אַלץ אומרואיקער געוואָרן.

און איינמאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פאַר זיין ווייב אסתר:

— דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עפּעס איז דאָרט מיט איר געשען, אַז ניט וואָלט איך ביז אַהער פון איר געהערט.

זיין ווייב אסתר, אַ פרוי, באַלד אין זיינע יאָרן, דאָס הייסט, פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון, וועלכע האָט אָבער אויסגעזען נאָך גאָר יונג, מחמת זי איז געווען קליין־געוויקסיק און מאָגער און האָט געהאַט אַ באַוועגלעך, שוואַרצ׳חנעוודיק פּנים, מיט אַ פּאָר לעבעדיקע, שוואַרצע, פייערדיקע אויגן, — זי האָט אים געגומען טרייסטן:

— און מיר, דוד, זאָגט דאָס האַרץ, אַז דו וועסט נאָך הערן פון איר. אפשר וועט זי נאָך קומען צו אונדז.

— הלוואַי, הלוואַי, — האָט ער געמורמלט צעטראָגן.

און אַז עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג און נאָך אַ וואָך און פון איר האָט ער אַלץ ניט געהערט,האָט ער דעמאָלט גענומען ריידן סיי פאַר דער ווייב,סיי פאַר זיין אַלטן טאַטן מיט פאַרצווייפלונג:

— ביי מיר איז גאָר קיין ספק ניט, אַז זי איז דאָרט אומגעקומען מיט די אַנדערע...

און אַן אַנדערש מאָל האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— טאָקע אַ בת יחידה. אָבער, אַז מען לייענט די צייטונגען, מוז מען זאָגן, אַז זי איז ניט די איינציקע בת יחידה, וואָס איז אומגעקומען דאָרט ביי יידן...

קיין אַנדערע קינדער האָט ער ניט געהאַט. אסתר, זיין צווייטע ווייב, האָט אים געהאַט אַ פּאָר קינדער, זיי האָבן זיך אָבער ניט געהאַלטן ביי זיי: געבאָרן געוואָרן אַ קינד, טאַטע־מאַמע האָבן זיך מיט דעם געפריידט איין יאָר, צוויי, און מיטן אַמאָל — אויס קינד, געשטאָרבן..

אַזוי איינס נאָכן אַנדערן, דריי ברעקלעך — צוויי יינגלעך און איין מיידל — ווי העלע ליכטלעך זיינען זיי אויסגעלאָשן געוואָרן...

פאַרשטייט זיך, אַז יעדע פון אָט די קינדער האָט מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַ שטיק געזונט, סיי פון דער מאַמען און סיי פון טאַטן, בפרט פון דער מאַמען, מחמת זי האָט באַזונדערס שטאַרק געוואָלט האָבן אַ קינד מיט איר צווייטן מאַן. עס איז איר אָבער ניט באַשערט געווען.

צום גליק, איז איר ערשטע קינד, פון איר ערשטן מאַן, אַלעקס, אַדער „סענדערקע", ווי זי האָט אים אַמאָל גערופן, לעבן געבליבן. און צו אים האָט זיך סיי די מאַמע און סיי דער שטיפטאַטע צוגעבונדן אַלץ מער און מער.

ווען מען זאָגט דוד ראַבינאָוויטש מיט אַכצן־ניינצן יאָר צוריק, ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, באַלד נאָכן גט מיט פריידלס מאַמע, חייה־שרהן, אַז ער וועט אַמאָל אַזוי ליב האָבן אַ פרעמד קינד, וואָלט ער דאָס בשום אופן נישט געגלויבט. מחמת אין יענער צייט האָט ער זייער שטאַרק געבענקט נאָך זיין עופהלע פריידל, וואָס ער האָט געמוזט איבערלאָזן ביי זיין געגטע ווייב. און אַ לאַנגע צייט האָט ער אַזוי געבענקט נאָך זיין קינד, ביז די דאגות וועגן חיונה אין דעם נייעם לאַנד האָבן אים געצוואונגען צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש.

אָט אין יענער צייט האָט ער זיך געטראָפן מיט זיינעם אַן אַמאָליקן חבר פון דער ישיבה, אברהם שאַליט, אסתרס ערשטער מאַן, וואָס איז געוואָרן דאָ, אין ניו־יאָרק, אַ צושניידער ביי פרויען - קליידער. אָט דער דאָזיקער אַמאָליקער חבר זיינער האָט אים דערמאָלט אויסגעלערנט זיין מלאכה צושניידעריי, און ער, דוד, איז דערנאָך אָנגעקומען אַרבעטן אין דער אייגענער פאַבריק, וואו יענער האָט געאַרבעט.

זיי זיינען זייער באַפריינדעט געוואָרן, דוד און אברהם און כמעט שטענדיק האָט מען זיי ביידן געזען מיט דער חנעוודיקער אסתרן אויף פאַרזאַמלונגען, צי ביי קאָנצערטן, צי ביי פאָרשטעלונגען אין אַ טעאַטער.

אברהם און דוד האָבן זיך אָפט דערמאָנט אָן דער צייט, ווען זיי ביידע האָבן געלערנט אין דער מירער ישיבה און זיי האָבן גערעדט מיט וואַרימקייט וועגן דעם ראש־ישיבה, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, און זיי האָבן זיך דערמאָנט שטיקלעך פון אַ „שיעור" זיינעם און האָבן דאָס איבערגעזאָגט, הגם זיי ביידע זיינען שוין לאַנג געווען ווייט דערפון.

זיי ביידע, און אויך אסתר, זיינען געווען אינטעליגענטע מענטשן און האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע און מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און אויך מיט ליטעראַטור. זיי זיינען געווען גאַנץ נישקשהדיק באַלעזן און זיינען באַקאַנט געווען מיט די ווערק פון יידישע און ניט־יידישע שרייבער.

דוד ראַבינאָוויטש, ווי איינער, וואָס האָט געליטן פון רעליגיעזן פאַנאַטיזם, איז געווען דער ראַדיקאַלסטער פון זיי, און אין יענער צייט האָט ער פאַרגעטערט ב. פייגענבוימען נאָך דערהפאַר, ווייל יענער האָט געקעמפט מיט אַ פאַנאַטיזם קעגן רעליגיעזן פאַנאַטיזם...

די פריינטשאַפט צווישן אים, דודן, און אברהם שאַליט און אסתרן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געזאָגט „דו".

דערוויילע האָבן די ביידע פריינט געעפנט בשותפות אַן אייגענע פאַב-

ריק פון פרויען - קליידער און דאס געשעפט איז ביי זיי באלד אוועק זייער גוט.

אין א גאנץ קורצער צייט האט ביי זיי אין דער פאבריק געארבעט נאך אמאל אזויפיל מאשינען און „הענט״, ווי אין אנהויב.

און מיטאמאל — אן אומגליק! איינמאל, ווען אברהם שאליט איז געזעסן ביי זיך אינם אפיס מיט זיין שותף דוד ראבינאוויטש און זיי ביידע האבן גערעדט וועגן א נייעם גרויסן ארדער, וואס מען האט געמוזט פארטיק מאכן פאר א שיקאגאער פירמע, האט ער זיך פלוצלונג אנגעכאפט ביים הארצן און פארווארפן דעם קאפ אויפן ווענטל פון שטול, וואו ער איז געזעסן, ניט ווייט פונם שרייב טיש, און ער האט ארויסגעקרעכצט:

— אוי, מיר איז ניט גוט...

און איידער דער דאקטאר איז געקומען, איז יענער שוין געלעגן דארט אויף א זאפע א טויטער. דער דאקטאר האט דערקלערט, אז אברהם שאליט איז געשטארבן פון א הארצשלאג...

און אסתר איז שיער פונם זינען ניט אראפ פאר פארצווייפלונג. און אויפן בית־עולם, בעת מען האט איר אברהמען ארונטערגעלאזט אין קבר, האט זי זיך געריסן פון דודס הענט און האט אליין געוואלט אריינשפרינגען צו איר מאן אין קבר, אז מען זאל זי פארשיטן אינאיינעם מיט אים. און דוד ראבינאוויטש האט אויך באוויינט מיט אויפריכטיקע טרערן דעם פריצייטיקן טויט פון זיין פריינט און שותף.

נאכדעם — קיין פולע צוויי יאר זיינען ניט אוועק — און ער האט מיט אסתרן חתונה געהאט.

ארום יענער צייט איז אלעקס אלט געווען א יאר צוועלף. א פייאיקער יינגל געווען. האט זיך געלערנט גוט אין די סקולס, גענומען פיאנא־לעקציעס און אונטער דער ווירקונג פון דעם נייעם נאציאנאלן גייסט, וואס האט דעמאלט, א דאנק דעם קישינעווער פאגראם, ארומגעכאפט די פריערדיקע יידישע ראדיקאלע קרייזן אין אמעריקע, האט ער אויך געלערנט יידיש און העברעאיש.

דוד ראבינאוויטש, וואס ארום יענער צייט איז ער, אגב, אויך פארכאפט געווארן פון אט דעם נייעם יידישן נאציאנאלן שטראם, האט ליב געהאט אלעקסן, ווי אן אייגן קינד, און אמאל נאר האט ער זיך אויך דערמאנט אן זיין פריידלען, וואס ער האט איבערגעלאזט ביי זיין ערשטער ווייב.

דעמאלט האט ער געטראכט וועגן דעם, צי זי לעבט, און וואס פאר א מין מיידל זי איז דארט אויסגעוואקסן. און וואס וואלט ער ניט געגעבן, אז ער זאל זי קאנען האבן ביי זיך און זי ריכטיק אויפברענגען, ריכטיק דערציען...

ביז ער האט אנגעהויבן מיט איר זיך דורכצושרייבן. און ווען ער

האָט באַקומען פון איר דעם ערשטן בריוו, איז ביי אים געווען דער גרעס-טער יום־טוב. און פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר און צו בענקען נאָך איר.

ער האָט זי גערופן צו זיך קיין אַמעריקע. ווען זי זאָל אים שרייבן אַז זי וויל קומען צו אים, וואָלט ער אַליין געפאָרן נאָך איר. דערווייל אָבער האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. אָבער פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער ניט אויפגעהערט צו חלומען דערפון, אַז זאָל נאָר די מלחמה זיך ענדיקן, וועט ער זיך אַרויסדרייען פון איר פאַנאַטישער היים און זי וועט זיין מיט אים.

פון דעם האָט ער נאַכאַנאַנד גערעדט, סיי ביי זיך אין דערהיים, אויף ריווערסייד־דרייוו, און סיי ביי זיין טאַטע נחן אין דער היים, אין די בראָנקס.

נח, אַ פריילעכער אַלטינקער, מיט אַ ווייסער באָרד און רויטע באַקן און מיט פריילעכע לעבעדיקע אויגן, — אַ ייד, וואָס, אַ חוץ שבת, האָט מען אים קיינמאָל ניט געקענט זען אָן זיין פּאַרצעלייענער ליולקע, וואָס אויף איר איז געווען אויסגעמאָלט די קייזערין יעקאַטערינע די ערשטע מיט רויטע באַקן און רויטע ליפּן, — ער, דער אַלטער נח, האָט יעדעס מאָל עפּעס צוגעזאָגט אויף צדקה, אויב גאָט וועט אים מזכה זיין צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן זיין אייניקל פריידעלען, זיין דודס איינציק קינד.

— אוי, ווען איך דערלעב דאָס. — האָט ער, אַן אַמאָליקער קאָנדי-טאָר, וואָס איז דאָ אין אַמעריקע געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ גרויסער בעקעריי, גערעדט מיט וואַרימקייט — איך וואָלט דעמאָלט מיט מיינע אייגענע הענט אויסגעבאַקן אַ היימישע קיטקע פאַר איר!..

און זיין ווייב, די אַלטע דאָבע, האָט דערביי אָפּגעווישט אַ טרער און אונטערגעכאַפּט:

— זעסטו דאָך, נח, וויל דאָך אָבער גאָט ניט, אַז מיר זאָלן האָבן אָט דעם נחת!

און שפּעטער, ווען די ידיעות וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט דוד ראַבינאָוויטש מיט אסתרן און מיט נחן און מיט כמעט אַלע יידן אין אַמעריקע, זיך געפרייט: אַ קאַטאָוועס, זיך באַפרייט פון יענער מכשלה, וואָס האָט אַזויפיל יאָרן, דורות און דורות לאַנג, געדריקט און געשטיקט אַזויפיל מיליאָנען נפשות, בפרט די יידן!...

און אין יענער צייט איז דוד ראַבינאָוויטש ביי זיך זיכערער געוואָרן, אַז גאָר אינגיכן וועט ער זיך זעןמיט זיין קינד. זאָל נאָר די מלחמה אינגאַנצן אויפהערן און ער זאָל קאָנען אַ פאָר טאָן קיין רוסלאַנד...

אויף אַ קורצער צייט דערנאָך איז אָט די פרייד מיט רוסלאַנדס באַ-פרייאונג און מיט דער האָפנונג, וואָס זי האָט אויפגעוועקט ביי אים, גע-שטערט געוואָרן פון אסתרס נערוועזער שטימונג. מחמת איר זון אַלעקס איז פריוויליק אַריינגעטראָטן אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי קעגן זיין מאַ-

מעם ווילן, דערקלערנדיק איר, אז ער האט קיין רעכט ניט צו זיצן אינ־דערהיים מיט פארלייגטע הענט און לייענען די צייטונגען נאך דעם, ווי אנ־דערע אמעריקאנער קעמפן אינם נאמען פון אמעריקע און פון דעמאקראטיע...

און עס האבן נישט געהאלפן נישט אסתרס טענות און נישט איר בעטן און נישט איר געוויין, אלעקס האט דערקלערט, אז ער געהערט דארט, וואו די אנדערע אמעריקאנער קעמפן...

און דוד ראבינאוויטש האט שטילערהייט מיט אים מסכים געווען. ער האט אים געזאגט:

— דו ביזט גערעכט, אלעקס, מיר, יידן, האבן איצט א געלעגנהייט צו ווייזן, ווי טייער אמעריקע איז אונדז. און מיר מוזן דאס ווייזן.

און אלעקס איז אריינגעטראטן אלס דאקטאר אין דער ארמיי. ער האט דעמאלט געהאט נאר וואס געענדיקט דאקטאר אין דעם קאלומביא אוניווערסיטעט.

די דאזיקע שטימונג אבער איז ביי אסתרן מיט דער צייט אפגעשוואכט געווארן, מחמת אלעקס איז פארבליבן דא אינם לאגער און מען האט אים ניט אוועקגעשיקט אויף יענער זייט ים, וואו די שרעקלעכע מלחמה איז אנגעגאנגען. און א חוץ דעם, האט דער אפיצערישער אוניפארם אזוי גע־פאסט אויף אלעקסן. דאס הארץ האט ביי איר אנגעקוואלן, ווען זי האט געקוקט אויף איר הויכן, זעקספוסיקן אפיצער מיט די בלאנדע וואנצעס און מיט די בלויע, שמייכלענדיקע אויגן...

און ביסלעכווייז האט אסתר זיך אינגאנצן בארואיקט. און אז זי האט זיך בארואיקט, האט דוד ווידער גענומען טראכטן וועגן זען זיך אינגיכן מיט זיין קינד און וועגן זיין פארן נאך איר קיין רוסלאנד. די מלחמה וועט זיך דאך אמאל מוזן ענדיקן...

און מיט אמאל די ידיעות וועגן די פאגראמען!.. די יידן אין אמערי־קע זיינען פארציטערט געווארן. און ער, דוד ראבינאוויטש, איז די ערשטע צייט ארומגעלאפן ווי א משוגענער. און ווען די „פיפעלס רעליף" האט זיך ארגאניזירט, איז ער, ווי אויך זיין טאטע, דער אלטער נח, געווען פון די ערשטע געלט - געבערס צו אט דער ארגאניזאציע. און א סך מאל, בעת א רעדנער אויף א פארזאמלונג פון דער „פיפעלס רעליף", האט געשילדערט בילדער פון די פאגראמען אין אוקראינע, האט פאר דודס ראבינאוויטשעס אויגן זיך געטראגן א קליין קינד מיט א שווארץ־געקרויזלטן קאפ און שוואר־צע לאכעדיקע אויגן — זיין עופהלע פריידל, ווי ער האט זי איבערגעלאזט מיט ניינצן יאר צוריק, — הגם ער האט גוט געוואוסט, אז פון דעם עופהלע איז שוין לאנג אויסגעוואקסן א גרויסע טאכטער; און עס האט זיך פאר אים געמאלן, ווי א צעווילדעוועטער היידאמאק האלט עס ביי די פיסלעך און קלאפט דאס שווארץ־געקרויזט קעפל אן א געמויערטער וואנט, און דוד ראבינאוויטש האט געפילט, ווי דער מח צינדט זיך ביי אים אן.

און אזוי האָט ער געשיקט זיינע בריוו און זיינע טעלעגראַמעס צו פּריידלען און אזוי ווי ער האָט ניט באַקומען קיין שום ענטפער פון איר, האָט ער, צום סוף, אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אויף צו זען זי אַמאָל אַ לעבעדיקע...

צווייטער קאַפּיטל

די טעלעגראַמע

אין דעם דאָזיקן אינדערפרי איז אסתר ראַבינאָוויטש געזעסן ביי איר אינם עס־צימער אויף אַ שאָקל־שטול און האָט געלייענט אַ צייטונג. עס איז געווען אַ שיינער אינדערפרי פון מאַי. אַ ליכטיקע און צאַרט - וואַרי־מע זון האָט אַריינגעקוקט דורך די פענסטער פון דעם גרויסן עס־צימער און די שטראַלן אירע האָבן זיך געשפּילט אויף דעם טעפּיך, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויפן דיל, און זיך אָפּגעטונקט מיט אַ גאָלדענעם גלאַנץ אויף די צוגעשליפענע גלעזערנע שאַפעס, וואו עס זיינען אויסגעשטעלט געווען טייערע פּאָרצעלייענע און קרישטאָלענע געשיר און כלים.

אינם צימער איז געווען שטיל, נאָר דער גרויסער וואַנט־זייגער, אַ קונסט־ווערק, וואָס אסתר האָט אַמאָל געקויפט אין אַן אַנטיק־געשעפט, האָט הילכיק געקלאַפּט זיין טיק־טאַק און פון אַ ווייטן צימער האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון אַ פּיאַנאָ...

דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. אסתר האָט אויפגעהויבן אירע אויגן פון דער צייטונג און האָט זיך צוגעהערט.

עס האָבן זיך דערהערט שווערע טריט אינם קאָרידאָר, דערנאָך אַן עפן פון אַ טיר און באַלד אַ שטאַרקער ברוסטיקער קול פון אַ פרויענצימער:

— ,,האַלאָ?'' יעס!.. נאָכדעם ווידער טריט, שווערע און איילנדיקע, און באַלד איז אין עס־צימער אַריינגעקומען איינע פון די דינסטן, ענני, אַ די־קע מיידל מיט אַ צעפלאַמטן, פאַרהאַוועטן פּנים מיט אַ ווייסן שירצל און פאַרקאַשערטע אַרבל אויף דיקע, רויטע עלנבויגנס און זי האָט אין איילע־ניש אַ זאָג געטאָן מיט אַ שטאַרקער ברוסטיקער שטים:

— מאַדאַם, מיסטער ראַבינאָוויטש רופט אייך צום טעלעפאָן!

זי האָט דאָס געזאָגט און איז אַרויסגעלאָפן.

אסתר האָט רואיק אַוועקגעלייגט די צייטונג אויפן שטול — זי איז געוואוינט געווען, אַז איר מאַן זאָל זי אָפּרופן עטלעכע מאָל אַ טאָג פון זיין אָפיס — און זי איז אַריין דערנאָך אין דעם צימער, וואו דער טעלעפאָן האָט זיך געפונען.

דוד האָט גערעדט פון זיין אָפיס, אַן אויפגערעגטער:

אסתר, פון פריידלען אַ טעלעגראַמע אָנגעקומען.. זי איז איצט אין וואַרשע.. אסתר, זי לעבט.. זי איז אויפן וועג קיין אַמעריקע.. איך גיי איר

גלייך טעלעגראפירן געלט און אז מען זאל זי אויסריכטן מיט איינעם א מאן, וואס באגלייט זי!

ביי אסתרן האט זיך דער טונקל-חנעוודיקער פנים צעלויכטן פאר פרייד, און שיער ניט מיט טרערן אינם קול האט זי ארייגעשריען אין טעלעפאן:

נו, דוד, האָ? ווער איז געוועבט געווען, האָ? האב איך דיר ניט געזאגט, אז אזוי וועט עס זיין? אז זי וועט קומען צו אונדז?.. אוי, דוד, — האט זי אונטערגעטאנצט אויף אירע פיס ווי א יונג מיידל — איך הער ווי דו וויינסט דאָרט!.. דו וויינסט!.. דו וויינסט!.. דו נאר, וואס וויינסטו? נו, נו, גוט, גוט!.. דו העהסט דוד איך בין אזוי גליקלעך פאר דיר און פאר מיר אויך... גוד־באי!...

זי האט ארונטערגעלאזט דאס טעלעפאן־טרייבל אויפן הענגער, נאכדעם איז זי צוגעגאנגען צו א פענסטער, וואס האט ארויסגעקוקט אויף דעם שיינעם האדסאן און איז דארט געבליבן שטיין א פארטראכטע מיט א צעשמייכלטן פנים און האט א ווײַלע געקוקט פארטראכט אהין אויף דעם וואונדערלעך־שיינעם טייך, וואס האט זיך איצט געשפיגלט אונטער דער זון. און מיט אמאל האט זי זיך אומגעדרייט מיטן פנים צו דער אפענער טיר פונם צימער און א רוף געטאן:

— אלעקס!...

די קלאנגען פון דער פיאנא, וואס האבן זיך געטראגן פון איינעם פון די ווייטערע צימערן, זיינען איבערגעריסן געווארן, און א יונגער, הילכיקער באריטאן - קול האט זיך דערהערט:

— דו האפסט מיך, מאמע?

און מיט דעם זעלביקן פארטראכטן קול ווי פריער, האט אסתר געענטפערט:

— קום אהער, אלעקס, א גרויסע נייס!..

אלעקס איז אריינגעקומען, — א הויכער, שלאנקער בלאנדין, מיט שמייכלדיקע אויגן, עלעגאנט אנגעטאן אין העלן. זייט מאמע האט אים קוים דערגרייכט ביזן אקסל.

— וואס איז, מאמע?

— דעם פאפאס טאכטער פון רוסלאנד קומט!

ער האט זיך פארוואונדערט:

— יא? פון וואנען ווייסטו דאס?

זי האט געשמייכלט ווארעם:

— פאפא האט מיר ערשט טעלעפאנירט. זי איז איצט אין ווארשע, אין פוילן. פאפא האט איר געקייבעלט געלט..

ער האט זיך א גלעט געטאן די בלאנדע וואנצע און געזאגט:

— עס פרייט מיך פאר פאפאן, ער האט אזויפיל געזארגט וועגן איר.

— און דו וועסט איצט האָבן אַ שוועסטער, אַלעקס, אויב נאָר — האָט זי זיך פאַרטראַכט.
— אויב נאָר וואָס, מאַמע?
— זי האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי אַ ווילדער, פאַנאַטישער מאַמען... איר מאַמע האָט זיך דאָך מיט איר פאַפאַן געגט, ווייל ער איז ניט געגנוג פרום געווען פאַר איר...
— איך ווייס, פאַפאַ האָט עס מיר אַמאָל דערציילט...
— האָב איך דערפאַר מורא, צי די טאָכטער איז אויך ניט, ווי איר מאַמע...
ער האָט אַ פרעג געטאָן:
— וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכן אירע בריוו? פאַפאַ האָט, דאַכט זיך, באַקומען פון איר בריוו.
— בלויז אַ פאַר פאַר דער גאַנצער צייט... די בריוו זיינען ניט שלעכט געשריבן. די צרות אין רוסלאַנד זיינען גאַנץ גוט באַשריבן...
אַלעקס האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר און איז זיך דורכגעגאַנגען אַי־בערן צימער אַהין און צוריק. נאָכדעם האָט ער זיך אָפגעשטעלט לעבן זיין מאַמען און זיך אָפגערופן:
— סיי ווי, ווער זי זאָל ניט זיין און ווי זי זאָל ניט זיין, אַ יידישע טאָכטער איז זי? און פון אוקראַינע קומט זי, וואו עס קומען היינט פאַר די מוראַדיקע פאָגראָמען? איז גוט. דאַרף מען זי אויפנעמען מיט אויסגע־שטרעקטע אָרעמס אונטער אַלע אומשטענדן! בפרט נאָך, ווען זי איז פאַפאַס טאָכטער און זי קומט צו אים אַהיים.
אסתר האָט אים נאָכגעהערט פאַרטראַכט:
— יאָ זי קומט צו איר היים און צו אַ טאַטן, וואָס האָט ניט אויפ־געהערט צו בענקען נאָך איר...
און מיט אַמאָל האָט זי זיך איבערגעשלאָגן:
—אַלעקס, מיין זון, זעץ זיך אָט דאָ — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ זאָפע און ווען ער האָט זי געפאָלגט, האָט זי זיך אויך אוועקגעזעצט לעבן אים אויף דער זאָפע — דו ביזט שוין גישט קיין קינד, אַלעקס, קאָן איך מיט דיר ריידן אָפן.
— גאָ אַהעד, מאַמאַ, גאָ אַהעד!
— ווען איך וואָלט מיט אים קינדער געהאַט, קאָן זיין, אַז ער וואָלט אָן איר מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרגעסן; אַזוי ווי מיר איז אָבער ניט באַ־שערט געווען צו האָבן מיט אים אַ קינד, האָט ער ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך איר. און וויפל געזונט דאָס האָט מיר געקאָסט!
— פאַרוואָס מאַמאַ?
— ווייל מיר האָט ווי געטאָן, פאַרוואָס די ליבע פון דעם מאַן, וואָס ער איז מיר אַזוי נאָענט און אַזוי טייער, איז ניט אויסגעגאָסן אויף אונד־

זערביידנס קינד... איין האָפנונג נאָר האָבן מיר ביידע איצט, און ווען זי זאָל מקוים ווערן, וואָלט איך העכסט גליקלעך געווען...

— וואָס פאַר אַ האָפנונג, מאַמאַ?

— אַז יענע זאָל זיין עפּעס אַ ריכטיק מיידל; אַז זי זאָל זיין געראָטן אין איר פּאַפּאַ און נישט אין איר מאַמען...

— וואָס דאַרפסטו טראַכטן דערפון, מאַמע? דערווייל איז דער עיקר, וואָס פּאַפּאַ וועט זיין צופרידן, און וואָס אַ יידישע טאָכטער פון אוקראַינע וועט געהאָלפן ווערן. יאָ, יאָ, מאַמע, איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איך בין נעכטן געווען מיט פּאַפּאַן אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג וועגן די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, און איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די באַריכטן, וואָס מען האָט דאָרט פאָרגעלייענט פון די שלוחים, וואָס מען האָט געשיקט קיין אוקראַינע פון דאַנען!...

דערנאָך, ווען אַלעקס איז אַוועק צו זיך אין אָפיס, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלביקן הויז, אויף דעם ערשטן שטאָק, איז זיין מאַמע נאָך לאַנג געשטאַנען אין דעם צימער, וואו זי איז מיט אים פריער געזעסן, בייס פענסטער און האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט אויף דעם ברייטן האָדסאָן און האָט געטראַכט דערפון, צי וועט איר מאַן שפּעטער ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן זיין אייגן קינד און זיין שטיפקינד...

אָ, ווען ער זאָל יאָ מאַכן, וואָלט זי זיך געפילט שרעקלעך אומגליקלעך!

פאַרנאַכט איז דוד אַהיים געקומען. ער איז געווען צעטראָגן און האָט גליקלעך געשמייכלט. ער האָט פון קיין אַנדער זאַך ניט געקענט ריידן, ווי נאָר וועגן זיין טאָכטער און וועגן דער טעלעגראַמע, און וועגן דעם, ווי לאַנג עס קאָן נעמען, ביז זי וועט קומען אַהער... פאַר אויפרעקונג האָט ער וויינינג געגעסן ביים אָוונט - ברויט און געדוּיכערט איין סיגאַר נאָך דעם אַנדערן...

— אוי, אוי, אוי, — האָט ער געערדט און געשמייכלט גוטמוטיק צו זיין ווייב און צו אַלעקסן — ווען איך קאָן אונטערטרייבן אַביסל די צייט!...

ער איז געווען אַזוי פול דערמיט, אַז ער האָט אַפילו דער דינסט, ענין, בשעת זי האָט סערווירט ביים טיש דערציילט, אַז עס קומט צו אים גאָר אַ גרויסער גאַסט, אַ טאָכטער פון איראָפּע, וואָס ער האָט זי ניט געזען פון קינדווייז אָן...

און נישט נאָר איר אַליין האָט ער וועגן דעם דערציילט; יעדן איינעם און יעדער איינער, וואָס ער האָט יענעם אויפדערנאַכט געטראָפן, האָט ער וועגן דעם דערציילט. און מיט זיין אַלטן טאַטן נחן, האָט ער דערפון גערעדט עטלעכע מאָל דורכן טעלעפאָן...

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן אין איין ריידן וועגן פריידלען און אין וואַרטן אויף איר, ביז עס איז אָנגעקומען צו דוד ראַבינאָוויטשן דער

בריוו, וואָס אריה - לייב האָט צו אים געשיקט אין פריידלס נאָמען. און אַ מוראדיקער איינדרוק האָט אָט דער בריוו געמאַכט סיי אויף דודן און סיי אויף אסתרן און אַלעקסן און סיי אויף דעם אַלטן נחן און זיין ווייבּ דאָבען.

צום סוף אָבער האָבּן זיי זיך געמוזט טרייסטן, וואָס זי פריידל, איז ניצול געוואָרן פון טויט, און דער אַלטער נח האָט זיך אָנגערופן:

— דערפאַר, וואָס גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף איר און אויף אונדז אַלעמען, שיק איך מאָרגן אַ טשעק, אַן עקסטרא טשעק צו „פּיפּעלס רעליף" פאַר וויפל?.. וואַרט.. וואַרט!.. אַנו, דוד, ווי ליינגט זיך אוים פריידל? אַנו, קאָפּ, גיב שכל! — האָט דער אַלטער נח מיט דער ווייסער באָרד און די רויטע באַקן זיך אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן — פריידל — איז פּיי, רייש, צוויי יודן, דאַלעד, אייען און לאַמעד. פּיי איז דאָך אַוודאַי אַכציק און רייש איז גאַנצע צוויי קנאַקעדיקע הונדערטער, און צוויי יודן זיינען נישט מער ווי צוויי צענערלעך, און דאַלעד איז אַ קליניקייט, נישט מער ווי פיר און אייען און לאַמעד איז נאָך אַ צאַפּלדיקער הונדערטער. אַנו דוד וויפל איז דאָס אינאיינעם?

— פיר הונדערט און פיר — האָט דוד אונטערגעזאָגט.

— קריגט מאָרגן די „פּיפּעלס רעליף" פון מיר אַ טשעק אויף אַזוי-פיל. האָט דער אַלטער נח דערקלערט.

דריטער קאַפּיטל

די שמחה ביי די ראַבּינאָוויטשעס.

יענעם טאָג, ווען פריידל האָט געזאָלט אָנקומען קיין אַמעריקע, איז אסתר אויפגעשטאַנען אַזוי פרי, אַז ווען זי האָט אַרויסגעקוקט פון די פענסטער אויפן האָדסאָן, האָט זי דאָרט אויפן וואַסער געזען די רויטע אָפּשפיגלונג פון דער אויפגייענדיקער זון. אויף ריווערסאַיד דראַיוו איז נאָך גאַנץ שטיל געווען; בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דערטראָגן צו אסתרן פון דער גאַס דער גערויש פון אַ מילך-וואָגן, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן, אָדער אַ ווייט פייפן פון אַ שיף, וואָס האָט זיך ערגעץ דאָרט איבערן האָדסאָן געטראָגן.

און אין ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט, ווי אסתר האָט געוועקט איי-נע פון אירע דינסטן:

— עני, שטיי אויף! יאָ עס איז נאָך פרי. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז היינט קומט אָן אונדזער קינד, צוליב דעם מעגסטו אויך אויפשטיין פריער. פליז, עני!.

און אַזייגער אכט, ווען זי, אסתר, איז געשטאַנען מיט ענין אינם צי-

מער, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאַר פריידלען, איז אַלעקס מיטאַמאָל אַהין אַריינגעקומען.

ער איז געווען אָן אַ רעקל, אין אַ העמד מיט פּאַרקאַשערטע אַרבל און מיט אַרונטערגעלאָזטע שלייקעס.

— גוט־מאָרגן! — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי פרי אויפגעשטאַנען, אַלעקס? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— איר האָט מיך אָנגעשטעקט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפן. פאַפּאַ האָט מיך אויפגעוועקט...

— וואָס הייסט?

— אַזייגער צוויי נאָך האַלבער נאַכט איז ער אַריין צו מיר אין צימער. די ציגאַרן זיינען אים אויסגעגאַנגען . ער האָט אַ תּל געמאַכט פון מיינע ציגאַרן. קיין איינעם מיר ניט איבערגעלאָזט. אַזוי זיין אויפגערעגט... איך וואָלט שוין וועלן, אַז זי זאָל קומען, און זאָל ער זיך באַרואיקן...

— ער זאָל נאָר ניט קראַנק ווערן פון אַזוי פיל רויכערן און אויפרעגונג — האָט אסתּר באַמערקט — די גאַנצע נאַכט האָט ער מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, איז אַרומגעגאַנגען איבערן הויז און גערויכערט.

— ווען קומט אָן היינט איר שיף?

— אַזייגער צען פאָרן מיר צו דער שיף. ווילסטו אויך פאָרן אַלעקס?

איך קאָן ניט. איך האָב היינט אַ פּאָר פּאַציענטן אין אָט דער צייט. דאָס גרייט איר צו אַ צימער פאַר איר?

— יאָ.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, כאָטש ער האָט דאָס צימער גוט געקענט: אַ גרויס צימער מיט דריי פענסטער צום האַדסאָן. איצט האָט דאָרט גע־בלאַנקט אַ ניי, ציכטיק, ווייס בעטל און אויפן דיל ביים בעטל איז געווען אויסגעשפּרייט אַ טייערער טעפּיך.

אַלעקס האָט באַמערקט:

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סאָרט מיידל עס וועט שלאָפן אויף אָט דעם בעט...

ער איז אַוועק, און דוד ראַבינאָוויטש איז האַסטיק אַריינגעקומען, מיט אַ ציגאַר אינם מויל.

— דו רויכערסט נאָך אַלץ, דוד? — האָט אסתּר זיך אָנגערופן מיט פאַרדרוס.

ער האָט ניט געענטפערט און מיט אַ פאַרהאַוועטער מינע אַרומגעקוקט דאָס צימער.

— פעלט דאָ גאָרנישט אסתּר? איז דער מאַטראַץ אַ גוטער? — האָט ער אַוועקגעלייגט דעם ציגאַר און איז צוגעלאָפן צום בעטל און האָט מיט

ביידע העגט געטאַפּט דעם מאַטראַץ — דאַכט זיך, ער איז אַביסל האַרט־לעך, האַ?

— רייד נישט קיין נאַרישקייטן, דוד...

— זי דאַרף זיך גוט אויסרוען, מיין פריידעלע.. לויפט פון אַזאַ פייער, פון אַזאַ גיהנום — האָט ער געדעדט צעטראָגן.

— און וואָו טוט מען אָהין דעם מאַן, וועלכער קומט מיט איר? — האָט אסתּר אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט וואָו? מיר האָבן פערצן צימערן. ווען עס קומט מיט איר דאָס גאַנצע שטעטל — איך גיב דיר מיין ערן־וואָרט, איך וואָלט זיי אַלעמען דאָ אַריינגענומען און — עסט און טרינקט און פאַרגעסט אָן אייערע צרות! אַז מען זאָל אין אַזאַ צייט ניט העלפן, ווען אַ גאַנצע וועלט ברענט, ווען אַזויפיל ייִדן גייען אונטער, טאָ ווען דען?...

— דו ביסט גערעכט, דוד. מיר פאָרן דאָך אַוועק אויפן זומער, וועט ער דאָ קאָנען פאַרבלייבן מיט די דינסטן. און שפּעטער, אַז מיר וועלן צוריקקומען פון ליווינגסטאָן מענאָר, וועלן מיר זען, דו וועסט אים אפשר דערמאָלט אַריינגעמען אין שאָפּ...

— געוויס, געוויס, עס איז גאָר איבעריק צו ריידן דערפון.

און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און זיך אַ פּאַטש געטאָן מיט באַגייסטערונג איבער די קני:

— גוואַלד, מיין פריידעלע קומט היינט! איז דאָס ניט אַ חלום? אָט, דאַכט זיך מיר, זע איך זי אַ קליין נפשל מיט אַ שוואַרץ געקרויזט קעפּעלע און מיט לאַכנדיקע אויגעלעך. זי זיצט אויף דער באַנק אונטערן פענסטער, און אַנטקעגן איז אַ שטוב מיט אַ פריזבע, און אויף דער פריזבע ליגט אויסגעצויגן אַ ווייסע ציג. רעדט זי צו דער ציג אויף איר קינדער־שפּראַך. זי בעט ביי איר אַ צוקערקעלע. זי האָט ליב צוקערקעס, דער קליינער ווירליק. ביי מיר בעט זי אויך צוקערקעס. „טאַטע, אַ צוקערקע! טאַטע, טאַטע, אַ צוקערקע!" און צופּט מיר דאָס בערדל — אַ ליכטיקן גן עדן זאָל עס האָבן! — מיט ביידע הענטעלעך. און היינט קומט זי אַ גרויסע טאָכטער אַ דערוואַקסענע!

ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט פרייד אַ לאַך געטאָן:

— אַז מיר גלייבט זיך דאָס גאָר ניט!...

— פאַרוואָס גלייבט זיך דאָס דיר ניט?

— מחמת אַלע מיינען יאָרן האָט זי זיך פאַר מיינע אויגן געטראָגן אַ קליין עופהלע און כמעט שטענדיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך הער איר קינדערשן קול: „טאַטע, אַ צוקערקעלע! טאַטע, אַ צוקערקעלע!"

ביי אסתּרן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— ווי דו האָסט זי ליב, דוד!

— שייך ליב? וויפל איך האָב דאָס געליטן די לעצטע צייט פאַר איר!

מיין האַרץ האָט האָך שוין קריע געריסן נאָך איר! אסתּר, דו נאָר זײַ איר אַ מאַמע...

— דוד דו ווייסט, אַז פֿאַר דיין קינד בין איך אַ מאַמע.

— איך בין פֿאַר דיין קינד אויך אַלעמאָל געווען אַ פֿאָטער...

— און איך האָף, אַז אויף ווייטער וועסטו אויך בלייבן זיין פֿאָטער.

— זיכער, אַלעקס איז מיר אַזוי טייער, ווי אַן אייגענער זון.

דוד ראַבינאָוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגער און מיט אומ־געדולד זיך איבערגעשלאָגן:

— גוואַלד, וואָס קריכט אַזוי די צייט! ערשט האַלב־אַכט!

אסתּר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— קום, קום, דוד, עסן פֿרישטיק!

נאָכן פֿרישטיק איז געקומען דער אַלטער נח. אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּעקל.

— אָ, טאַטע, גוט־מאָרגן! — האָט דוד ראַבינאָוויטש אים אויפֿגע־נומען — וואָס פֿאַר אַ פּעקל שלעפּסטו?

דער אַלטער נח מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ און אַזאַ ווייסער באָרד און מיט פֿריש-צערויטלטע באַקן, ווי ערשט פֿון אַ הייסער באָד אַרויס, האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויפֿן טיש.

— אַ קיטקע פֿאַר מיין אייניקל — האָט ער געענטפֿערט מיט התפּעלות — אָבער אַ שטיקל גוטס! אַליין געמאַכט, מיט די אייגענע הענט. ניט פֿאַרלאָזן זיך אויף מיינע אַרבעטער, נאָר פֿאַרקאַשערט די אייגענע ידים, פֿאַרשטייסטו מיך, און פֿאַרמישט דעם טייג און אַריינגעשאָטן צוקער אַזוי מיט דער ברייטער האַנט, און ראָזשינקעס אַזוי נישט געוואויגן און נישט געמאָסטן, און עס איז אַרויסגעקומען אַ שטיקעלע געבעקס, וואָס אַזוינס באַקט מען אפשר אין גן עדן פֿאַר נאָר די גרויסע צדיקים...

— דאָס איז שיין — האָט דוד באַמערקט. — דאָס ערשטע מאָל ווען זי וועט עסן אין ניו־יאָרק, וועט זי עסן איר זיידנס געבעקס.

נח האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן בוזים זיין פּאַרצעלייענע ליול־קע, וואָס אויף איר איז אויסגעמאָלט געווען יעקאַטערינע די ערשטע, אַ די־קע, מיט געפּאַרבטע באַקן און ליפּן, האָט פֿאַררויכערט און דערנאָך זיך אָנגערופֿן:

— קוקט נאָר אָן אַ שטיקעלע געבעקס־ממזר!

ער האָט אַרויסגעוויקלט די קיטקע פֿונם פּעקל און ווייטער גערעדט:

— זעט נאָר, עס לעבט! פֿון קוקן אַליין אויף דעם פּילט מען אַלע טעמים. ווי געוויקסיק! ווי שיין! עס לאַכט, דאַכט זיך. עס פֿרייט זיך, וואָס זי, פֿריידעלע וועט עס עסן! איר הערט קינדער? איך זאָל אַזוי געזונט זיין, מיר אַלע זאָלן אַזוי געזונט זיין, ווי ברכות האָב איך אין דעם טייג אַריינ־געקנאָטן. אין יעדן קנאָט אַ ברכה, מער אײַדער ראָזשינקעס, מער אײַדער

צוקער! סטייטש אַן אייניקל, מיין דודס בת-יחידקעלע! דאָס איז דאָך אַ צווייג פון מיר! און נאָך אַזאַ געראָטעוועטער צווייג! געלויבט און געדאַנקט זאָל זיין גאָטס נאָמען!

זיין זון דוד האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט.

— מען מוז גיין זיך אָנטאָן — האָט ער זיך אָנגערופן צוטראָגן און איז אַרויסגעלאָפן אין אַנאַנדער צימער.

— וואָס מאַכט די שוויגער? — האָט אסתר זיך דערנאָך אָנגערופן צו נחן.

— פרעג שוין נישט — האָט ער גוטמוטיק געענטפערט. — ביי דיין שוויגער איז די צייט איין סדרה: פריידל קומט, און ווען קומט זי? און חלילה טאָמער קומט זי ניט? איך האָב זי קוים איינגערעדט, אַז זי זאָל נאָך שלאָפן. זי האָט דאָך געוואָלט איצט פאָרן מיט מיר. איך האָב איר געמוזט צוזאָגן, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל זיך דערוויסן ווען זי קומט אָן וועל איך איר גלייך אָנזאָגן דורכן טעלעפאָן.

אַלעקס איז אַריינגעקומען אַן אָנגעטאָנענער פאַר זיין אָפּיס.

— אָ, העלאָ, זיידע! — האָט ער זיך אָנגערופן.

— העלאָ, העלאָ, שייגעץ! אַנו, גיב אַ ביסעלע פייער פאַר מיין קאַ־טערינקע(צוליב יעקאַטערינעס בילד האָט ער זיין ליולקע גערופן „קאַטע־רינקע”).

— אַפילו אַ סיגאַר, זיידע! — האָט אַלעקס געענטפערט מיט אַ האַר־ציקן שמייכל, מחמת ער האָט ליב געהאַט דעם פריילעכן אַלטן נחן.

— מוחל, איך האָב בעסער ליב מיין אַלטע קאַטערינקע (אַלעקס האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און צוגעטראָגן צו נחם ליולקע; דער אַלטער האָט פאַררויכערט און דערנאָך ווייטער גערעדט). אַ סיגאַר רויכער איך נאָר איינ-מאָל: בעפאָר יעדן עלעקשאָן, ווען דער קעפּטען פון מיין דיסטריקט זאָגט מיר: „העוו עי סיגאַר, מאַי פרענד!” ווען אַזאַ בעל דבר רופט דיך „פרענד” מוז מען דאָך זיין סיגאַר רויכערן. מען קאָן דאָך ניט זיין קיין חבר אחר! ניט אַזוי יונגאַטש?

— אַוודאי, אַוודאי! — האָט אַלעקס געלאַכט.

— שווער, איר האָט שוין געגעסן? — האָט אסתר מיט אַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איך האָב שוין געגעסן, מיין טאָכטער. ווי געפעלט דיר אָט דאָס שטיקעלע געבעקס, אַלעקס? דאָס איז מיין אַרבעט! — האָט דער אַלטער זיך ווידער אַ קער געטאָן צו אים, האַלטנדיק אין זיין האַנט די רויכערדיקע ליולקע.

— איר האָט דאָס אַליין געבאַקן, זיידע?

— אַליין. שוין אַ יאָר צען ווי איך האָב עס ניט געטאָן. נאָר לכבוד אונדזער גאַסט, פאַרשטייסטו מיך, האָט דער זיידע אַליין זיך מטריח גע־

ווען... זע נאַר! ווי די רויטע באַקן ביי אַ געראָטענער כלה...

— זיים?

— וואָס פרעגסטו, פרא אדם? ריכטיקע קאַנדיטערסקע האָב איך געמאַכט, אַן בלאָפס!...

אַלעקס האָט ארונטערגענומען אַ ראָזינקע פון דער קיטקע און זיך אָנגערופן:

— אַט איך וועל אייך באַלד זאָגן!...

נח האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ געשריי „אַי״ און אים אַ פּאַטש געטאָן איבער די הענט.

— טשעפּע ניט! איך וועל דיך פאַר אַ קאַליקע מאַכן!...

— איך וויל פּאַרזוכן, זיידע.

— הער נאַר, דו דאָקטאָר, אפשר ווילסטו אַ ריכטיקן פּאַטש מיינעם פאַרזוכן? אויף דעם בין איך אויך אַ בריה. מיינער אַ פּאַטש האָט אויך אַלע טעמים... צעגייט אויך איבער אַלע גלידער...

— זיידע, איר זייט אַלראַיט!

— איר ווייסט, אַז איך בין אַלראַיט.

ער האָט זיך צושמייכלט ווארים און האַרציק און גערעדט ווייטער:

— און דו ביסט אויך אַלראַיט, אַלעקס... אוי, איז מיר היינט אויפן האַרצן, אַלעקס! עס האָט ניט געטאָרט זיין אַזוי אין אַזאַ צייט ווען יידיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז, אָבער איך קאָן ניט העלפן: זי קומט און ביי מיר אויפן האַרצן שפּילט די שמחה אַ „דאָברי דיען״... גאָט זאָל מיר מוחל זיין!

— איר זייט אַלע מאָל פריילעך, זיידע, און דערפאַר ליב איך אייך.

— איך בין פריילעך. אודאי בין איך פריילעך. וואָס פעלט מיר, האַ? מיין בעקעריי איז איינע פון די גרעסטע. פון מיין זון און שנור האָב איך כבוד און נחת. אַ ווייס - פּרעזידענט פון איין חברה, אַ עקס-פּרעזידענט פון אַ צווייטער, אַ טראַסטן פון אַ דריטער און צדקה גיב איך אויך און אַ טובה טו איך אויך אַמאָל, טאַ פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין פריילעך? אי וואָס מען דערמאָנט זיך אַמאָל, אַז מען וועט שטאַרבן, נו, מילא, וועל איך דאָרט באַקן ניט אַזוי, יונגאַטש?

און דער אַלטער נח האָט דערנאָך צוגעגעבן מיט אַ טיפן זיפץ:

— אַי, אַי, אַי, ווען ניט די פּאָגראָמען און די אַנדערע יידישע צרות!

און מיט אַמאָל איז אַריינגעקומען זיין אַלטע דאָבע.

זי איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן, זיידענעם קלייד און אייבן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שוואַרצן שייטל און פינקלדיקע אוירינגען אין אירע אויערן, און אַ שנירל פּערל אויף איר אַלטן, צעקאַרטשעטן האַלז, און גרייסע בריליאַנטענע רינגען אויף עטלעכע פינגער.

זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָביסעלע איינגעהויקערט און האָט גע-

שורשקעט מיט איר זיידענעם קלייד און געשמייכלט ווי אַן אַלטע יידישע מחותנתטע ביי אַ חתונה.

— אָי גוואַלד, זעו נאָר! — האָט דער אַלטער נח אויסגעשריען ווען זי איז אַריינגעקומען. — דאָבע קרוין, איך האָב דאָך דיך דאָרט געלאָזן אַ שלאָפּעדיקע!

— ווי דען? דו וועסט מיר אָוועקפאָרן זען אונדזער אייניקל און איך וועל דאָרט בלייבן שלאָפן! באַלד ווי דו ביזט אַרויס האָב איך זיך גענומען אָנטאָן. אַ גוטן מאָרגן אייך, קינדערלעך! — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אסתרן און אַלעקסן. — הייסט עס, אַז זי קומט היינט?

— באַלד פאָרן מיר צו דער שיף, שוויגער — האָט אסתר געענטפערט

— נו, זאָל זיין אין אַ גליקלעכער שעה! — האָט די אַלטע זיך אָנ־גערופן וואַרעם. — אַי אַי, אַז מען דערלעבט מען עפּעס. ווי לאַנג האָב איך זי שוין ניט געזען? האַ?

— יפת תואַר מיינע, מיר זיינען שוין דאָ זיבעצן יאָר — האָט דער אַלטער נח אַרויסגעברומט פון אונטער דעם ציביק פון זיין ליולקע.

— יאָ — האָט די אַלטע דאָבע זיך געזעצט אויפן שטול וואָס אַלעקס האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן. — זיבעצן יאָר געוואָרן אין חדש שבט. און זען האָב איך זי געזען אַ יאָר פריער. אַ יאָר נאָכן גט, אַז איך בין געווען דאָרט אויפן יאַריד. אַי, אַי, אַי, שוין זיבעצן יאָר! ניין, שוין אכצן יאָר, און דאַכט זיך, אַז אָט זע איך זי!

— באָבע, עפּעס אַ פּיטש? — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן מיט אַ שטי־פעריש שמייכל.

— איך וויל ניט קיין פּיטשעס, אַ דאַנק — האָט די אַלטע געענטפערט.

— איך וויל אָבער — האָט אַלעקס אַ לאַך געטאָן.

— נו, עס געזונטערהייט.

האָט אסתר זיך אָנגעבייזערט אויף אים מיט אַ שמייכל:

—הער־אויף, אַלעקס, זיי ניט משוגע! ער מיינט שוויגער, אויב זי איז געווען שיין?

— האַ, דאָס מיינט דער יונגאַטש? דו האָסט שוין אַמאָל געזען ניט קיין שיינע קינדער? זי איז געווען קאַפּענע איר מאַמע..

פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ פּייף פון אַן אויטאָמאָביל.

אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אונדזער מאַשין. וואו איז דוד?

דוד ראַבינאָוויטש איז אַריינגעקומען. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ העלן מאַנטל און העלן הוט און אין האַנדשו און האָט אויסגעזען צוטראָגן און פאַרהאַוועט.

— העלאָ, מאַמע! — האָט ער געזאָגט. — נו, ווער פאָרט? אַלעקס

ניט, דו, אסתר און איך, און ווער נאָך?

דער אַלטער נח האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— און געווגוג, מער דאַרף קיינער ניט פֿאָרן צו דער שיף! אַ פֿריער זע זיך דו, טאַטע מיט דיין טאָכטער און נאָכדעם דער זיידע און די באָבע. אַט אַזוי־אַ פֿאָלג מיך, דוד! אַניט וועלן מיר אַלע קריכן איינער דעם אַנדערן אויף די נעזער און אויף די פּיס. עט, מיר וועלן וואַרטן דאָ אויף איר!

דאָבע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿון איר זיץ און זי האָט זיך צושריען אויפֿן אַלטן:

— דו וועסט דאָ וואַרטן אויף איר. איך קאָן ניט. ביי מיר גייט אויס דער חיות זי צו זען. איך האָב ניט אַזאַ טאָטערשע האַרץ ווי דו, גזלן!

— גוט, גוט — האָט דער אַלטער צוגעשאָקלט דעם ווייסן קאָפּ און געפּיפּקעט, און געגערעדט פֿון אונטער דעם ציביק פֿון זיין ליולקע. — דו ביזט טאַקע גערעכט. איך בין אַ טאָטער מיט אַ טאָטערשן האַרץ, אָבער צו דער שיף מיט זיי וועסטו ניט פֿאָרן, יפת תואר מיינע...

— איכל יאָ פֿאָרן, נח!

— זייער מאַשין וועט דיך ניט קאָנען פֿאַרשלעפּן, דאָבע־קרוין. צו שווער פֿאַר איר, אַז דו האָסט אָנגעטאָן דיין גאַנצע צירונג אויף זיך.

מיט אַמאָל האָט דוד זיך אָנגערופֿן:

— מאַמע, דער טאַטע איז גערעכט: בלויז איך מיט אסתרן וועלן צו דער שיף פֿאָרן. אַנטשולדיק, מאַמע.

און ער איז כמעט אַרויסגעלאָפֿן מיט אסתרן.

פערטער קאַפּיטל

ניט מלכה, נאָר פריידל

אין דער אייגענער צייט ווען דוד ראַבינאָוויטש און אסתר זיינען געפֿאָרן באַגעגענען פֿריידלען, האָבן מלכה און אריה - לייב געוואַרט אויף זיי אויף דער שיף צוטומלטע און מיט שווערע הערצער.

מען קאָן זאָגן, אַז קיינער פֿון די אימיגראַנטן און אימיגראַנטקעס וואָס האָבן דאָרט געוואַרט אויף זייערע קרובים, זיינען ניט געווען אַזוי אומרואיק און אַזוי צומישט ווי זי, מלכה און איר טאַטע.

זיי זיינען געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן, ביידע פֿאַרברוינט פֿון דער נסיעה אויפֿן ים און ביידע צוטראָגנע און צעשראָקענע, אויפֿן אויבערשטן דעק פֿון שיף, ביי דער ווייסער פֿאַרענץ, און האָבן געקוקט אויף דעם ים קעפּ פֿון די מענטשן וואָס האָבן זיך באַוועגט דאָרט אין דעם האַפֿן, וואו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט.

צווישן יענע טויזנטער מענטשן איז זיכער אויך געווען דוד ראַבינאָוויטש, פֿריידלס טאַטע. ער איז זיכער אַרויסגעקומען מיט אַ קלאַפּעדיקן

האַרצן זי צו באַגעגענען, און זי מלכּה, וועט אים אָפּנאַרן. זי וועט אים מוזן באַטריגן. ווי אַזוי וועט זי דאָס קענען טאָן? זי האָט ניט געדאַרפט דערלאָזן אַז איר טאַטע זאָל דאָס טאָן. וואָס וועט איצט זײַן? ווי קאָן זיך דאָס בײַ איר לייגן אויף דער צונג?...

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן זיך בײַ איר געוועקט אויך פריער, בשעת איר נסיעה, יעדעסמאָל אַז זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי זי פאָרט און צו וועמען. זי האָט דעמאָלט געטענהט צו איר טאַטן, אַז דאָס וועט אים נאָך פּאַרדריסן, אַז ער וועט נאָך חרטה האָבן אויף דעם. אָבער סוף כּל סוף האָט ער זי אַלעמאָל באַרואיקט, אַז דאָס איז נאָר ביז זי וועט אַריבערקומען קיין אַמעריקע, נאָכדעם וועט ער אַלצדינג דערציילן ראַבינאָוויטשן, און ער איז זיכער, אַז יענער וועט גוט פאַרשטיין זײַן לאַגע און וועט אים מוחל זײַן.

און אַנדערש מאָל האָט ער, אַריה־לייב, זיך געבייזערט אויף זײַן טאָכ־טער, און עס איז קענטיק געווען, אַז אין האַרצן בײַ אים איז ער אַליין ניט זיכער געווען צי ער האָט געדאַרפט טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט זיך געבייזערט אויף איר און פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט:

— וואָס ווילסטו, מלכּה ? אַן אַן אַדרעס קיין אַמעריקע וואָלט מען אונדז ניט אַרײַנגעלאָזט און מיר זײַנען געבליבן אַזוי ווי אין מיטן ים. מילא איך, אַ כּפּרה! אָבער דו? דו מוזט האָבן אַ היים. אַן אַ היים ביזטו און איך אָן כּחות!...

איצט ווען די שיף איז צוגעקומען צו ניו־יאָרק און איז שטיין געבליבן אין האַפן, האָט ער אַריה־לייב אַליין דערפילט אַזוי ווי זיי ביידע וואָלטן געווען פאַרברעכער וואָס ווילן זיך דורכגנבענען ערגיץ אויף אַ פרעמדן פּאַס־פּאָרט...

דאָך האָט ער צונויפגענומען אַלע זײַנע כּחות און גערעדט צו זײַן טאָכטער:

— מאַך זיך האַרץ טאָכטער מײַנע. פאַרליר זיך ניט, שרעק זיך ניט טו זיך אָן אַ כּח און קום דאָס איבער. דו מוזט. אַ ניט ביזטו אַ גע־קוילעטע!..

און זי האָט געמורמלט אַ צוטומלטע:

— פאַרוואָס האָבן מיר יענע אויך ניט דערהרגעט ווי פרײַדלען? ווי קאָן איך? מײַן פּנים וועט דאָך אויסזאָגן , אַז איך בין ניט זי. יענער וועט זיכער זוכן אַן ענלעכקייט צו זיך, צו איר מאַמען. וואָס האָסטו געטאָן טאַטע? !

און מיט אַמאָל האָט אַריה־לייב גאָרדאָן אויפגערעגט אַ קוק געטאָן אויף איר און זיך אויסגעגלייכט אין זײַן גאַנצן וואוקס און אַרויסגערעדט שאַרף:

— דו ביזט משוגע, פרײַדל! איך בין ניט דײַן טאַטע. איך בין אַריה לייב גאָרדאָן און דו ביזט דוד ראַבינאָוויטשעס טאָכטער. דו ביזט

פריידל, פריידל ביזטו, דו הערסט?! דו ביזט פריידל און ניט מלכה! און אויב דו וועסט מאכן די שטיק וועל איך זיי זאגן, אז דו ביזט משוגע גע־וואָרן, אז דו האָסט זיך פון זינען געדירט!

און ער האָט שטיל צוגעלייגט:

— איך וועל דיך ניט לאָזן זיך אוועקקוילענען!...

און אין הארצן האָט ער געדעדט איצט מיט כעס צו גאָט:

„כאָטש איצט העלף מיר, גאָט! כאָטש איצט. ווען דו האָסט מיך גע־בראַכט דערצו, רוצח!"

און ער האָט זיך א כאַפּ געטאָן א צוטומלטער:

„אוי, וועמען רוף איך רוצח?!"

מלכה וועט קיינמאָל ניט פארגעסן ווי זי האָט זיך א צאַפּל געטאָן און אין הארצן ביי איר האָט א זעץ געטאָן בעת זי האָט דערהערט ווי א פרעמ־דער קול האָט אויסגערופן דעם נאָמען „פרידא ראַבינאָוויטש".

„אָט איז דאָס!" — האָט איר א ברען געטאָן אין מח און פאר די אויגן איז איר געוואָרן פינסטער און ווי אין א חלום האָט זי דערנאָך גע־פילט ווי אימיצער האָט זי געדריקט צו זיך און געקושט, און זי האָט גע־הערט א קול בעת דעם, וואָס האָט אי געלאַכט, אי געוויינט:

— קינדס... פריידעלע... מיין גרויסע טאָכטער פרידא!

זי איז ערשט געקומען צו זיך ווען זי האָט זיך דערזען אין דעם צו־געמאַכטן אויטאָמאָביל צווישן דודן און אסתרן (איר טאַטע איז געזעסן אויף א פאָדערשטן זיץ מיטן רוקן צו זיי און מיט אַן ארונטערגעלאָזטן קאָפּ).

סיי דוד ראַבינאָוויטש און סיי אסתר האָבן ניט ארונטערגענומען די אויגן פון איר. זיי ביידע האָבן געשטראַלט פאר גליק, און מיט זייער שמייכל האָבן זיי געזוכט אויפצומונטערן די גרינע טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזען אזוי דערשלאָגן און אזוי ווי זי וואָלט זיך געשעמט.

דוד האָט זיך אָנגערופן צו זיין ווייב אויף ענגליש:

— מאי פּור טשיילד! קענטיק, אז דאָס וואָס זי האָט איבערגעלעבט האָט איר אזוי אנגעשראָקן, אז זי קאָן אפילו ניט א שמייכל טאָן צו איר טאַטן.

— אָבער שיין איז זי, דוד! שיין און זייער ליב! זי וועט שוין ביי אונדז קומען צו זיך און וועט דאָן שמייכלען. דו ווייסט, זי האָט א שטאַרקע ענלעכקייט צו דיר! — האָט אסתר אים ווי געוואָלט טרייסטן.

— יאָ?

— דיינע אויגן און דיינע האָר. און איך שטעל זיך מיר פאָר ווען זי וועט שמייכלען, וועט זי שמייכלען פונקט אזוי ווי דו.

ער האָט אָנגענומען מלכהס האַנט מיט זיינער און האָט ארויסגערעדט מיט א סך ליבע:

— מיין קינד!...

און אסתר האָט אָנגענומען איר צווייטע האַנט און זי גענומען גלעטן און גערעדט דערביי:

— פאַרוואָס שווייגסטו, קינד? דו ביזט מיר פון וועג? דו וועסט זיך אָפּרוען ביי אונדז. דיין טאַטע האָט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט געבענקט נאָך דיר. ביזט עפּעס צופרידן וואָס דו ביזט געקומען צו דיין טאַטן?

מלכה האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך ווייס ניט. איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן. איך קאָן איצט גאָר נישט ריידן...

דעמאָלט האָט אסתר אַ טראַכט געטאָן:

„אוי איך האָב מורא, אַן אַנשיקעניש, אַ שלאַק!"

זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

דערפאַר האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך אָנגערופן ווידער אויף ענגליש:

— זי איז אינגאַנצן צעטומלט. קיין וואונדער ניט. אַלצדינג איז איר אַזוי ניי. אַפילו איר טאַטע...

שפּעטער זיינען זיי אַלע אָנגעקומען אין דעם רייכן הויז אויף ריווער־סייד דרייוו.

דוד ראַבינאָוויטש איז געגאַנגען מיט זיין גרינער טאָכטער און פאַר־אױס און הינטער זיי — אסתר און אריה־לייב.

דער אַלטער נח און דאָבע זיינען זיי געלאָפן אַנטקעגן.

— און אָט זיינען דיין זיידע און באָבע אויך מיין טאָכטער — האָט דוד ראַבינאָוויטש גערעדט.

די אַלטע דאָבע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר:

— אוי, פריידעלע, ווי דו ביזט אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע ניט!

און האָט זי אַרומגעכאַפּט קושן.

און מלכה האָט ועשמייכלט צוטומלט.

און אַזוי האָט זיך מיט איר צוקושט דער זיידע נח, און אַלעקס האָט איר אויך די האַנט געדריקט און איר זייער פריינדלעך באַגריסט.

און נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אין דעם עס־צימער האָט זיך דאָבע אָנגערופן:

— פאַרוואָס איז זי אַזוי דערשלאָגן? פאַרוואָס רעדט זי ניט, פריי־דעלע?

דער אַלטער נח האָט געענטפערט:

— וואָס וווּנדערסטו זיך? געלאָפן פון שיסערייען, מלחמות, רעוואָלו־ציעס, קוים אַרויס אַ לעבעדיקע.

און דאָ איז אריה־לייב מיט אַמאָל אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנ־גערופן:

— צען מאָל געדאַרפט גומל בענטשן... צען מאָל אַ טאָג אין סכנות נפשות געווען... צען מאָל אַ טאָג שיער ניט געהרגעט געוואָרן... אין גריבער

זיך באַהאַלטן. אין וועלדער זיך באַגראָבן.. אָן ברויט און אָן וואַסער.. אין שנײ און אין פראָסט.. האָסט יעדע מינוט געמיינט, אַז אָט - אָט.. אַז אַפילו צו קבר ישראל וועט מען ניט קומען.. איז, אַ פּנים, אַ חידוש, אַז זי איז אַזוי דערהרגעט?..

דאָבע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, אַ ווייטאָק איז מיר! פּויגעלע מיינס! גזלנים, פאַרוואָס גיט איר ניט עסן דעם קינד?

מלכה האָט אַרויסגעמורמלט:

— איך וויל ניט עסן. איך דאַנק אייך.

און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ.

דוד ראַבינאָוויטש איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זיך אָנגערופן:

— פאַרוואָס האַלסטו זיך פאַרן קאָפּ, פרידאַ? אַנטשולדיקט — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו אריה-לייבן — האָט זי אויפן וועג אויך שלעכט זיך געפילט?

יענער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— חלילה! זי דאַרף נאָר קומען צו זיך — האָט אריה-לייב שטיל גע־ענטפערט און אַ קוק געטאָן אויף מלכהן מיט אויגן וואָס האָבן זיך ווי גע־בעטן בײ איר: „האָב רחמנות, קוילע זיך ניט!"

און דאָ איז צו מלכהן צוגעגאַנגען אַלעקס און זיך אָנגערופן צו איר מיט אַ שמייכל:

— איך בין דאָ דער פאַמיליען־דאָקטאָר. וועט איר אַזוי גוט זיין און מיר לאָזן פילן אייער פּולס.

און ער האָט ניט געוואַרט ביז זי וועט אים ענטפערן און אָנגענומען איר האַנט און אַ טאַפּ געטאָן איר פּולס. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— גלייך אין בעט אַריין און געלעגן רואיק און קיינער זאָל זי ניט באַאומרואיקן ביז איך וועל ניט זאָגן, אַז מען מעג!

ביידע טאַטעס האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן און ביידע האָבן אים אָנגע־קוקט אומרואיק.

דוד האָט האַסטיק אַ פרעג געטאָן:

— עפּעס ערנסטעס, אַלעקס?

— זי איז נאָר אַביסעלע אויפגערעגט, נערוועז און אַביסעלע מיד פון וועג אויך. זי דאַרף זיך נאָר אויסרוען.

אריה־לייב האָט געשוויגן, נאָר מען האָט געקאָנט זען, אַז ער איז גע-ווען שטאַרק אומרואיק וועגן דער גרינגער מיידל.

באַלד איז מלכה געווען אין דעם צימער וואָס איז צוגעגרייט געווען פאַר איר און אסתר און די אַלטע דאָבע און די דינסט ענע האָבן איר גע־האָלפן זיך אויסטאָן און זיך לייגן אין בעט און ווען אַלעקס האָט זי נאָכ-אַמאָל אויסגעהערט זיינען זיי אַרויס אַלע באַרואיקטע פון איר צימער און

איר איבערגעלאָזט דאָרט אַליין.

שפּעטער זיינען אַלע, אַ חוץ איר, געזעסן אין עס צימער אַרום דעם טיש און אריה-לייב אין אויפגערעגטער, מיט אַ ציטערנדיקן קול, האָט דערציילט וועגן דעם וואָס ער און די אַנדערע האָבן דורכגעלעבט אין דער לעצטער צייט.

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אַזוי צעוויינט, אַז ער האָט ניט געקאָנט מער ריידן. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ טיכל פון אַ קעשענע און צוגעדעקט דערמיט זיין פּנים און אויפגעציטערט מיט זיינע ברייטע אַקסלען.

סיי דוד און סיי נח זיינען צו אים צוגעלאָפן, ביידע מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַן אויסדרוק פון צער און רחמנות אויף זייערע פּנימער.

— ר׳ אריה-לייב ! — האָבן זיי אים געוואָלט באַרואיקן — הער גאָרדאָן...

אַלעקס האָט זיך אַריינגעמישט:

— רעדט ניט מער דערפון מיט אים...

און ביי אסתר האָבן זיך געקייקלט טרערן ביז איבער די באַקן.

נאָכדעם האָט אריה-לייב זיך אויפגעהויבן פון טיש און אָפּגעווישט מיטן טיכל דאָס פּנים און די אויגן.

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן — האָט ער זיך אָנגערופן הייזעריקלעך. — פריער בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין צעקראָכענע יידענע, נאָר אַז מען לעבט דורך אַזאַ גיהנום קאָן מען ווערן אַלצדינג... און איבערהויפּט נאָך ווען מען דערמאָנט זיך אָן יענער, וואָס מען האָט זי אַרויסגעריסן ביי אונדז פון די הענט ביים סאַמע גרענעץ, ווען מיר זיינען שוין געווען אָט־אָט אַריבער דעם גרענעץ. זי האָט דאָך אויך געזאָלט פאָרן אַהער מיט אונדז. די בעסטע חברטעס זיינען זיי געווען מיינע און אייערע. אייערע און מיינע. און צום סוף... דערהרגעט זי. באַפאַלן זי אויפן וועג און דערהרגעט!

אסתר האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקטן געוויין און פאַרשטאָפּט באַלד דעם מויל מיט איר טיכל, און דאָבע האָט גענומען ברעכן די הענט און טענהן:

— אוי, וויי איז מיר! דאָס איז דאָך זיין טאָכטער, נעבעך. אסתר, מען מוז אים העלפן! אַזאַ יידן, נעבעך, מוז מען העלפן!

— אוודאי וועלן מיר אים העלפן, שוויגער. וואָס דען, מיר וועלן אים ניט העלפן?

און דוד און נח און אַלעקס האָבן דערווייל דאָרט באַרואיקט אריה-לייבן.

נאָך מיטאָג זיינען זיי ווידער אַלע געזעסן צוזאַמען אין דעם ביבליאָטעק - צימער און האָבן דאָרט גערויכערט און געשמועסט וועגן דער הילף וואָס אַמעריקאַנער יידן האָבן געגעבן די יידישע פּאָגראָם - קרבנות.

אריה-לייב האָט געשוויגן און נאָר זיך צוגעהערט.

מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן, וואָס איז געזעסן

נעבן איר און ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געצוואָונגענעם שמייכל:

— דאָקטאָר, וואָלט איר מיר דערלויבט אַריינצוגיין צו אייער נייער פּאַציענטקע? איך וויל זען וואָס זי מאַכט...

— היינט ניט, הער גאָרדאָן. פרידאַ מוז זיך אויסרוען און מען מוז איר לאָזן צורו. אַגב, וועל איך גיין זען וואָס זי מאַכט — האָט זיך אַלעקס אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער.

דערמאָלט האָט זיך אסתּר געווענדעט צו אריה-לייבן:

— אַנטשולדיקט, הער גאָרדאָן, איר קענט אונדזער טאָכטער פון קליינוויז אויף און מיר קאָנען זי כמעט גאָר ניט. האָט זי זיך עפּעס געלערנט? געגאַנגען אין אַ שול? געלייענט אַ בוך?

— אריה-לייב האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— איך האָב אייך געבראַכט אייער אַ גראָטענע טאָכטער. אַ גרויסע קענערין איז זי: יידיש, רוסיש און העברעאיש, און פּיאַנאָ שפּילט זי אויך זייער שיין. אַ געראָטענע טאָכטער, אַ געראָטענע!..

און אַז די אַנדערע האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי זיך דערפרייט, און דער אַלטער נח האָט אַזש אַ לאַך געטאָן פאַר נחת און אויסגעשריען:

— העברעאיש אויך? הער נאָר, דוד, הער נאָר, אסתּר! דאָבע, הער נאָר וואָסער אייניקל איז צו אונדז געקומען!

אין אָט דער צייט האָט זיך אַלעקס צוריקגעקערט מיט די ווערטער:

— אַביסעלע נאָך אויפגערעגט, נערוועז נאָך אַביסעלע, עס וועט אָבער פאַראיבערגיין. הער גאָרדאָן, זי בעט, אַז איר זאָלט צו איר אַריינקומען. יאָ, איך ערלויב דאָס אייך.

דוד האָט זיך אָנגערופן:

— אַלעקס, און דער טאַטע קאָן זי נאָך אַלץ ניט זען?

אפשר שפּעטער אַביסעלע, פּאַפּאַ.

דערוויייל איז אריה-לייב אַוועקגעלאָפן צו איר.

זי איז געלעגן אויף אַ ווייסן, ציכטיקן בעט אין בלויע, זיידענע פּאַדזשאַמעס, מיט די שוואַרצע האָר צעשאָטן אויפן ווייסן קישן, און האָט געקוקט צו דער טיר מיט אירע גרויסע, שוואַרצע, פינקלדיקע אויגן.

— וואָס מאַכסטו? — איז אריה-לייב צוגעגאַנגען צו איר בעט.

זי האָט נערוועז געענטפערט:

— טאַטע, איך קאָן ניט... איך פיל, אַז איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן... טאַטע, איך וועל דערציילן.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ש-ש-שאַ! וואָסער טאַטע בין איך דיר? — האָט ער געפּליסטערט און געקוקט אויף איר אויפגערעגט.

ר׳ אריה-לייב, ר׳ אריה-לייב, גזלנ׳טע!..

— אָבער ווי קאָן מען דאָס?

— מען מוז קאָנען! איך האָב דיך ניט איינמאָל געזאָגט, אַז מען מוז! נויט ברעכט אייזן!.. מיר טרינקען זיך... באַלד אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה. אָן אַ באַקאַנטן אין מיטן ים דו ווילסט מ׳זאָל אונדז אַרויסשיקן? צוריק צום הונגער? צו די הײַדאַמאַקעס? צי גאָר צו די פּוילישע סאָל־דאַטן? דאָ איז דערווײַל דײַן היים. גאָט האָט אַזוי געוואָלט. און ראַבי־נאָוויטש איז דערווײַלע דײַן טאַטע. דיר וועט זײַן גוט בײַ אים. דו וועסט זיך קאָנען אויסרוען. צונויפנעמען צוריק דײַנע כּחות. ווער וועט וויסן וועגן דעם? איך און דו און איך... וואָס קען מען זיך העלפן? מיר טוען דאָך דאָס על פּי נויט. מילא. אַ גוטע כּפּרה פאַר דיר! אָבער דו. הער־אויס, איך בעט דיך — האָט ער גענומען פּליסטערן מיט געבעט אין די אויגן — האָב אַביסעלע געדולד. וואַרט־אויס, לאָז מיך זיך דאָ אַרומקוקן. לאָז מיך זיך דאָ שטעלן אַביסעלע אויף די פיס און זיכער ווערן, אַז מ׳וועט אונדז ניט אַרויסשיקן צוריק. דעמאָלט וועלן מיר אַלצדינג דערציילן און פאַר אַלצדינג באַצאָלן.

און נאָך אַ קורצן שווײַגן האָט זי זיך אָנגערופן:

— מילא, פאַרפאַלן. אָבער איך וואָרן דיר נאָך אַמאָל, טאַטע, זע אַז דו זאָלסט שפּעטער קיין חרטה ניט האָבן.

אריה־לייב האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ זײַנען אַרײַנגעקומען אַלעקס און דוד און אסתּר.

אַלעקס האָט גערעדט:

— אָבער ניט אויף לאַנג, פּאַפּאַ. אַ קוק און אַ פרעג און באַלד אַרויס!

זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו איר בעט.

אריה־לייב איז אַביסל אָפּגעטראָטן.

— וואָס מאַכסטו, מײַן טאָכטער? — האָט דוד ראַבינאָוויטש געפרעגט.

מלכּה האָט געענטפערט מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל:

— איך דאַנק אײַך.

— ווידער „אײַך“? — האָט דער טאַטע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— מיר איז שווער אַנדערש צו זאָגן.

— זי איז נאָך ניט צוגעוואוינט — האָט אסתּר באַמערקט.

— וואָס הייסט ניט צוגעוואוינט? צו אַ פּאַפּאַ׳ן דאַרף מען זיך צו־געוואוינען? — האָט דוד געזאָגט. — פאַרוואָס בין איך שוין צו איר צו־געוואוינט? זאָג מיר „דו“, מײַן קינד.

אריה־לייב האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— זאָג אים „דו“. גענוג זיך צו שעמען!

— „דו“ — האָט מלכּה אַרויסגעשטאַמלט און דער פּנים האָט זיך בײַ איר אָנגעצונדן.

— „פּאַפּאַ“! — האָט דוד ראַבינאָוויטש אונטערגעכאַפּט מיט פרייד.

— „פּאַפּאַ״ — האָט זי אים נאָכגעזאָגט.

אַלעקס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— און איצט אַלע אַרויס! גענוג גערעדט!

און ווען זיי זיינען אַרויס אינאיינעם מיט אריה-לייבן, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו זיין פּאַציענטקע מיט אַ שמייכל:

— הער נאָר פרידאַ, אפשר איז דיר ניט שווער אַרויסצורײדן „ברודער אַלעקס״ אויך?

זי האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף דעם הויכן און שלאַנקן, שיינעם יונגנ־מאַן, וואָס ער איז געווען איר דאָקטאָר, און נאָכדעם האָט זי אַ שמייכל געטאָן, אָט אַזוי ווי אַ קראַנק קינד וואָלט געשמייכלט, און זי האָט געענטפערט שטיל:

— ווי? ברודער אַלעקס? גוט, ברודער אַלעקס.

פינפטער קאַפּיטל.

אין דעם פלאַנטער.

אַ שטיקל צייט איז אַוועק. אַ גאַנצן גאַרדעראָב האָט מען אָנגעבראַכט פאַר דוד ראַבינאָוויטשעס טאָכטער פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. און ראַבינאָוויטש אַליין האָט איצט אין דערהיים פאַרבראַכט מער ווי אין פאַבריק, ווייל ער האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט זיין טאָכטער.

האָט איר געקושט און געהאַלזט און געהאַלטן זי אויף די קני, און געפונען פאַר איר די צאַרטסטע ווערטער, און איז געגאַנגען מיט איר אין סענטראַל פּאַרק, און איז געזעסן מיט איר אין ריווערסייד־דרייוו פּאַרק ביים וואַסער, און ער איז געווען אָן אַ שיעור גליקלעך.

איבערהויפּט האָט דאָס האַרץ ביי אים אָנגעקוואָלן פון דעם וואָס זי איז געווען זייער אַ געראָטענע און — ווי אַלעקס האָט געזאָגט — אַן אויסערגעוויינלעך אינטעליגענטע, אַ סך אינטעליגענטער איידער די היגע אינטעליגענטע מיידלעך וואָס ער האָט געקאָנט.

האָט דוד ראַבינאָוויטש אַמאָל געטראַכט מיט פרייד:

„אויב אַזוי קאָן דאָך נאָך זיין, אַז זי זאָל זיך דאָ צוגרייטן צו אַ קאָ־לעדזש אויך און ווערן אינגיכן מער אַמעריקאַנערין ווי איר אַמעריקאַנער טאַטע״...

און אסתר, אַז זי האָט דערזען ווי ער איז אינגאַנצן פול געווען מיט זיין גרינער טאָכטער, איז געוואָרן אַביסל נערוועז. איר האָט זיך גענומען אויסווייזן, אַז די גרינע האָט אינגאַנצן אַוועקגענומען ביי איר די אויפ־מערקזאַמקייט און די ליבע פון איר מאַן. פונדעסטוועגן, ווי יעדע אַנדערע קלוגע פרוי אין אַזאַ לאַגע, האָט זי דאָס ניט אַרויסגעוויזן ניט פאַר איר

מאַן ניט פֿאַר דער גרינער. פֿאַרקערט: זי האָט זיך באַמיט צו זײַן װאָס מער פֿרײַנטלעך און װאָס מער אױפֿמערקזאַם צו איר מאַנס אַריבער־געקומענע טאָכטער.

און דער אַלטער נח מיט זײַן װײַב דאַבע זײַנען אױך יעדן טאָג גע־קומען צו זען זײער אײניקל. און זי, מלכּה, אָדער פֿרײדל, האָט געמוזט עסן פֿון יענער קיכלעך, װאָס דער „זײדע״ האָט מיט זײַנע אײגענע הענט אױסגעבאַקן פֿאַר איר, און אָננעמען אַ מתּנה בײַ דאַבען אַ בראָשקע, װאָס זי האָט איר געבראַכט, און לאָזן אַמאָל דעם שײנעם אַלעקסן, אַז ער זאָל זי אַ קוש טאָן װי אַ ברודער זײַן שװעסטער.

אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי שטענדיק אינמיטן דערינען איבערגע־ריסן דעם שמועס, אָפּגעהאַקט די רײד און איז אַנטשװיגן געװאָרן. אָבער פֿון אירע צעטומלטע אױגן האָט דערמאָלט דער שרעק אַרױסגערעדט, דער שרעק און די פֿאַרצװײפֿלונג.

און בײַ די ראַבינאָװיטשעס אין הױז, װען זײ האָבן דאָס בײַ איר באַמערקט, האָבן זײ פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי זיך דערמאָנט אָן עפּעס שרעקלעכעס װאָס זי האָט דורכגעלעבט. און זײ אַלע האָבן געליטן פֿאַר איר און איר נאָך מער ליב געהאַט. און אַלעקס האָט אַלצדינג אָנגעװענדט זי צו צעשטרײען.

ער האָט געהאַלטן, אַז צעשטרײַאונג איז פֿאַר איר געװען זײער נױ־טיק, כּדי זי זאָל װאָס װײניקער טראַכטן פֿון דעם װאָס זי האָט איבער־געלעבט. מחמת דעם האָט ער אױך געראָטן סײ ראַבינאָװיטשן און סײ די איבעריקע אין הױז, אַז זײ זאָלן אױסמײַדן צו רײדן מיט איר װעגן פֿאַר־גראַמען און װעגן איר פֿריערדיקער הײם און װעגן אירע הײמישע װאָס מען האָט דערהרגעט. און ער אַלײן האָט אױך גערעדט מיט איר װעגן אַלצדינג אין דער װעלט, נאָר ניט װעגן איר פֿאַרגאַנגענהײט.

אָבער װעגן װאָס ער האָט גערעדט מיט איר, האָט ער באַלד דערזען, אַז ער האָט געהאַט פֿאַר זיך אַן אינטעליגענטע מײדל, מיט אַ פֿײַנעם געשמאַק און אַן אײגנאַרטיקן בליק אױף דעם לעבן און די מענטשן (ער, אַלעקס אַלײן, האָט אױך אַ סך געלײענט, געהאַט אַ גוטן געשמאַק פֿאַר קונסט און ליטעראַטור און ליב געהאַט צו באַזוכן מוזעאומס און קונסט־אױסשטעלונגען און די בעסטע קאָנצערטן).

קורץ: אַזױ האָט געפֿילט און געטראַכט מלכּה די ערשטע צײַט װען זי איז געקומען קײן אַמעריקע, און אַזױ האָבן װעגן איר געטראַכט און געפֿילט די מענטשן צו װעמען דאָס אַכזריותדיקע לעבן האָט זי און איר טאַטן פֿאַרשלײדערט.

און פֿאַר אָט דער גאַנצער צײַט האָט אריה־לײב גאָרדאָן זיך באַמיט צו האַלטן װאָס װײַטער פֿון איר. עס האָט אים גענומען װערן שװער צו זען װי אַזױ דוד ראַבינאָװיטש קושט און האַלזט זײַן מלכּה׳ן, מײנענדיק

אַז דאָס איז געווען פריידל. ער האָט גענומען פילן אַלץ מער און מער דעם שווערן פּלאַנטער וואָס ער אַליין האָט פאַרפּלאָנטערט, און ער האָט ביי זיך געטראַכט אַ נערוועזער און אַן אומרואיקער:

„איך מוז מאַכן אַ סוף צו דעם! אָבער ווען און ווי אַזוי?"...

פּאַר אָט דער צייט האָט ער בלויז איינמאָל אַריינגעכאַפּט זיך צו מלכּהן אין צימער ווען זי איז דאָרט אַליין געווען. אין אַ מיטנוואָכעדיקן נאָכמיטאָג איז דאָס געווען. ווי אַ גנב האָט ער זיך צו איר אין צימער אַריינגעגנבעט.

ער האָט איר דעמאָלט געזאָגט:

— די מענטשן זיינען זייער גוטע, זייער ליבע, זייער האַרציקע. ער אַליין, דוד ראַבינאָוויטש, איז אַ מענטש אַ דימענט. איך האָב אויף אים רחמנות ווען איך זע ווי ער האָט דיך ליב און ווי ער פרייט זיך מיט דיך. איך טראַכט ביי זיך: וואו וועל איך נעמען דאָס האַרץ אים צו זאָגן דעם גאַנצן אמת. און דאָך וועל איך מוזן. מ'טאָר נישט. צו ווייט פאַרקראָכן!...

אויף דעם האָט מלכּה בלויז באַמערקט שטיל און מיט פאַרוואורף אין קול:

— וואָס האָסטו געטאָן? וואָס האָסטו געהאַט צו זיי און וואָס האָסטו געהאַט צו מיר?

— דו ווייסט פאַרוואָס איך האָב דאָס געטאָן...

— נו, פּלאָנטער דאָס פונאַנדער. אָדער אפשר ווילסטו, אַז איך זאָל עס טאָן? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע שוואַרצע, אומעטיקע אויגן.

— איצט נאָך ניט. נאָך אַ פּאָר וואָכן. איך זוך וואָס צו טאָן. אפשר וועל איך עפּעס געפינען. דעמאָלט: אָדער מיר וועלן זיך אַרויסקלייבן אין אַן אייגענער דירה, אַניט וועלן מיר מוזן זוכן אַ היים ערגעץ אין אַן אַנדער לאַנד...

— אָבער זיי ווילן דאָך, אַז איך זאָל מיט זיי באַלד פאָרן אויף זייער דאַטשע.

— פאָר. דו ביסט געוואוינט צו דאַטשעס. וואָס מער כּחות דו וועסט זיך אָננעמען, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר דיר. איך וועל דערווייל זיך דאָ אַרומקוקן, און אויב נאָר עפּעס וועל איך דיר תּיכּף לאָזן וויסן.

זי האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— ניין, מיר האָבן דאָס ניט געטאָרט טאָן, ניט געטאָרט, ניט געטאָרט...

אריה-לייב האָט פילאָזאָפיש אַרויסגעמורמלט:

— אָבער מיר האָבן דאָך געמוזט האָבן אַן אַדרעס... מען וואָלט דאָך אונדז ניט אַריינגעלאָזט. מיר זיינען דאָך געווען אין אַזאַ לאַגע...

— און מיר ווייזט זיך אַמאָל אויס, אַז בעסער וואָלט געווען ווען

איך וואָלט געבליבן דאָרט...

— וואו?

— מיט יענע אין דעם גרויסן גרוב. אין דעם קבר מיט זיי אַלעמען.

אַריה־לייב האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט עס באַמערקט און זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַנטשולדיק, איך האָב ניט געמיינט דיך ווי צו טאָן. דו ביסט ניט שולדיק. און איך ווייס, אַז דו לײַדסט ניט ווייניקער פון מיר.

און אַז אַריה־לייב האָט זיך דערפאַר אַרויסגעגנבעט פון איר צימער איז זי אַ ווײַלע געשטאַנען פאַר ראַבינאָוויטשעס בילד, וואָס האָט זיך געפונען דאָרט בײַ איר צימער אויף אַ טישל; פאַר דעם אייגענעם בילד וואָס ראַבינאָוויטש האָט אַמאָל צוגעשיקט זײַן טאָכטער פריידלען — האָט געקוקט אויף דעם מיט אַ שולדיקער מינע און נאָכדעם האָט זי אַרויסגעפּליסטערט:

— ניין, ער איז ניט שולדיק!

אין אַ ווײַלע שפּעטער, אין דעם אייגענעם נאָכמיטאָג, זײַנען צו איר אַרײַנגעקומען דער אַלטער נח, פּיפּקענדיק זײַן „קאַטערינע״, און זײַן ווײַב דאָבע.

זי מלכּה, מיט צוויי דיקע, שוואַרצע. צעפּ אַרונטערגעלאָזט ווי אינדער־היים און אין אַ העלן קלייד, וואָס האָט שטײַף אַרומגעכאַפּט איר שלאַנקע פיגור, איז געשטאַנען בײַ אַ פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אויפן האָדסאָן, וואו שיפן, גרעסערע און קלענערע, האָבן זיך געטראָגן.

און אַז זי האָט אַ קער געטאָן צו די אַלטע איר פאַרברוינטן פּנים מיט די שוואַרצע, אומעטיק פאַרטראַכטע אויגן, האָט זי אויסגעזען אומגעווײנלעך שיין און אינטערעסאַנט.

און דאָ האָט די אַלטע דאָבע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויס־געשריען:

— אוי, נח, לעבן זאָלן מיר אַזוי ביידע, אָט־אָט קאַפּענע איר טאַטע! אָט־אָט אינגאַנצן ער! קום, טאָכטערל, קום, נחת מײַנער, צו דײַן באָבען!

און דאָבע האָט זי אַרומגעכאַפּט און איר גענומען קושן.

און עס איז איר גאָר ניט אײַנגעפאַלן, דער גוטער אַלטער, זיך צו פרעגן פאַרוואָס האָט איר אייניקל איר ניט צוריק געקושט.

זי האָט ניט געוואוסט, די אַלטע, אַז יעדעסמאָל ווען זי האָט געכאַפּט קושן די גרינע אייניקל האָט יענע זיך געפילט אומגליקלעך; געפילט אַז די דאָזיקע אַלע קושן באַלאַנגען ניט צו איר; אַז זי האָט גענבעט אָט די קושן, גענבעט די דאָזיקע אַלע גוטע, וואַרימע ווערטער סײַ בײַ איר, דער אַלטער דאָבען און סײַ בײַ דעם אַלטן נחן און סײַ בײַ זייער זון, און סײַ בײַ זייער שנור, און סײַ אַפילו בײַ אַלעקסן — געפילט, אַז זי איז געווען אַ גנבטע, אַ גנבטע, אַ גנבטע!..

וואָס וואָלט זי, מלכה, ניט געגעבן, אַז מען זאָל איר ניט אַרויסווייזן אַזוי פיל ליבע און אויפמערקזאַמקייט אין אָט דעם הויז! איר איז שווער געווען אָט די פאַלשע לאַגע אירע אין וועלכער דאָס אומגליק האָט איר אַריינגעשטויסן.

מחמת דעם האָט זי נאָך ביז אַהער קיינמאָל ניט אַ קוש געטאָן פריי און מיט וואַרימע ליפּן קיין איינעם פון אָט די אַלע מענטשן וואָס האָבן איר אַזוי פיל ליבע אַרויסגעוויזן.

זי האָט אַמאָל אַ קוש געטאָן דוד ראַבינאָוויטשן און געטראַכט דערביי: „גוואַלד, ווי קאָן איך דאָס?"

האָט צוגענומען דעם גאַרדעראָב, וואָס אסתר האָט איר געבראַכט און איר באַדאַנקט און איר געקושט, און געטראַכט בשעת דעם:

— גאָט, ווי מיאוס!"

האָט געהערט די צאַרטע, האַרציקע ווערטער פון זיי אַלעמען און מיטן האַרצן האָט זי געקרעכצעט:

„וואָס פאַר אַ פּיין!"

און אַמאָל האָט זי געטראַכט:

„ניט באַשערט געווען פריידלען. זי האָט געקאָנט זיין אַזוי גליקלעך ביי אַזאַ טאַטן און אין אַזאַ הויז און מיט אַזאַ ליבן יונגנמאַן ווי אַלעקס פאַר אַ ברודער".

און דעמאָלט איז כמעט תמיד אַלעקס פאַר איר אַרויסגעטראָטן אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט גוואַלד דורכגעקוועטשט דורך די אַלע בילדער און געפילן וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם ליכטיקן לעבן פאַר איר און ער האָט געשמייכלט צו איר און אַרויסגעוויזן האָט זיך איר דעמאָלט, אַז זי האָט געהערט זיין יונגן, הילכיקן באַריטאָן - קול:

— וואָס מאַכט מען עפּעס, שוועסטער פרידאַ?

מיט אים איז איר גרינגער געווען ווי מיט די אַלע איבעריקע אין הויז און אַ פּאָר מאָל האָט אויך געטראָפן, בעת זי האָט מיט אים פאַר-בראַכט, אַז זי האָט זיך פאַרגעסן כמעט אינגאַנצן וואו און ווער זי איז געווען...

אָבער נאָר אַ פּאָר אַמאָל. מחמת געוויינלעך איז איר שווער געווען דאָס צו פאַרגעסן די גאַנצע צייט. עס איז איר שווער געווען צו פאַרגעסן איר היינט און נאָך שווערער איר נעכטן. אינמיטן אַ שמועס, ניט דוקא מיט אַלעקסן אַליין, האָט זי זיך מיט אַמאָל אָן עפּעס דערמאָנט פון פריער, און פאַר אירע אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן איינער פון די מוראדיקע מאָמענטן וואָס זי האָט דורכגעלעבט און אַמאָל איר דערהרגעטע מאַמע, איר שוועסטער, דאָס גאַנצע בילד ביי איר אינדערהיים דעמאָלט.. און נאָך אָפטער האָט זיך פאַר אירע אויגן אַוועקגעשטעלט פריידל.

דער אַלטער נח און זיין ווייב האָבן האָבן פאַרבראַכט מיט איר אַ

ווילע אין נאָכדעם זיינען זיי אַוועק . אין הויז איז קיינער, אַחוץ די דינסטן ניט געווען. דוד ראַבינאָוויטש איז געווען ביי זיך אין שאַפּ און אסתּר איז אויך ערגעץ אַוועק און אַלעקס איז פאַרנומען געווען ביי זיך אין אָפיס.

מלכּה האָט זיך נאָכדעם ווידער אַוועקגעשטעלט ביי אַ פענסטער און אַרויסגעקוקט. אַ ווײַלע האָט איר בליק געבלאָנדזשעט איבערן האָדסאָן, וואָס איז יענעם נאָכמיטאָג גראַד שטורמדיק געווען, און דערנאָך האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט אויף אַ קליין שיפעלע, וואָס האָט דאָרט געקעמפט מיט די כוואַליעס, דאָ פאַרשווינדנדיק צווישן זיי, און באַלד אַרויסקומענדיק צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. אין איין רגע האָט זיך מלכּהן אויס־געוויזן, אַז דאָס קליין שיפל איז דאָרט אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן אין דעם וואַסערדיקן תּהום. זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

„,ווי אַ סימוואָל פון מיין לעבן!״..

נאָכדעם האָט זי אַוועקגעריסן איר בליק פון דאָרט און גענומען קוקן אויף די מאַשינען און די אָמניבוסן, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַן אימפּעט און מיט אַ געוויש איבער דעם אַספאַלט־וועג פון דעם ריווערסייד־דרייוו. און צום סוף, האָט זי גענומען קוקן אַהין, וואו די מענטשן זיינען געזעסן אויף בענק אַנטקעגן דעם פענסטער, לעבן וועלכע זי איז געשטאַנען. און מיט אַמאָל האָט זי אַ ציטער געטאָן:

אויף איינער פון די בענק אַנטקעגן, איז געזעסן אַ מאַן מיט אַן אַרונ־טערגעלאָזטן קאָפּ. און באַלד ווי איר בליק איז אויף אים געפאַלן האָט זי דערקאָנט, אַז דאָס איז געווען איר טאַטע, אריה־לייב גאַרדאָן. אַ טיפער רחמנות האָט זיך אויפגעוועקט ביי איר צו אים און זי האָט גענומען וויי־נען מיט איר האַרצן.

און געוויינט האָט איר האַרץ:

וואָס פון איר שיינעם, שטאָלצן טאַטן איז געוואָרן! פאַרוואָרפן געוואָרן פאַר טויזנטער מיילן מיט אַ צעריסענעם האַרצן און מיט אַ צעטומלטן מח... אַ מענטש אָן אַ היים און אָן מיטלען.. און אָט זיצט ער דאָרטן און ער פּייַ־ניקט זיך זיכער, וואָס ער האָט געמוזט פאַרלייקענען זיך און זיין טאָכטער און באַטריגן די מענטשן אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן און אויסנאַרן ביי זיי אַ היים און די ליבע פאַר זיין טאָכטער און אַביסל רחמנות פאַר זיך אַליין...

— אוי! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ און זיאיז אָפּגע־לאָפן פונם פענסטער און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איר בעט און אַ שטיק צייט איז זי געלעגן ווי פאַרגליווערט, מיטן פּנים איינגעגראָבן אין דעם קישן...

שפּעטער איז זי אַריין אין אַ צווייטן צימער, וואו די פּיאַנאָ איז גע־שטאַנען מיט ביוסטן פון בעטהאָווען און שוּבערט אויף איר און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט שפּילן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל פאַר אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, וואָס

זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ. פאַר מוראַדיקן אומעט האָט זי איצט געשפּילט און פאַר פאַרצווייפלונג...

און מיט אַמאָל האָט אַלעקס זיך באַוויזן אין דער טיר פונם צימער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן איבערראַשטער און אין די בלויע אויגן זיינע האָט זיך אָפּגעמאָלט סיי פאַרוואונדערונג און סיי התפּעלות.

אַזוי איז ער געשטאַנען עטלעכע מינוט און האָט זיך צוגעהערט. נאָכ־דעם האָט ער אויף די שפּיץ - פינגער זיך צוגעגנבעט צו דער פּיאַנאָ־שפּילע־רין און זיך אָפּגעשטעלט הינטער איר רוקן און געקוקט איבער איר קאָפּ אויף די פינגער אירע, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער די ווייסע קלאַווישן און אַרויסגעבראַכט וואונדערלעכע קלאַנגען.

אַ צעווייטאָקטע נשמה האָט דאָרט אירע יסורים אויסגעגאָסן. קלאַנגען, פול מיט טרויער און פאַרצווייפלונג, האָבן זיך דאָרט געטראָגן. מלכה האָט איר אייגענעם געמיט אין די דאָזיקע טענער אויסגעגאָסן...

און פּלוצלונג האָט זי אים דערפילט אַהינטער זיך און זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און די טענער זיינען איבערגעריסן געוואָרן.

אַלעקס האָט אויסגעשריען:

— פרידאַ, דאָס האָסטו אַזוי געשפּילט? דו ביסט דאָך אַ קינסטלערין! שפּילן אָט די זאַך ווי דו, דאַרף מען זיין אַן אמתע קינסטלערין.

זי האָט זיך צערויטלט און אַביסעלע פאַרשעמט זיך אָנגערופן:

—איר ווייסט דען וואָס איך האָב געשפּילט?

— אודאי ווייס איך. בראַמס אינטערמעצאָ, אָפּוס 117, נומער 3, אין סי מאַינאָר.

האָט זי אים דעמאָלט אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— איר קאָנט דען מוזיק?

— אַביסעלע.

און ער האָט צוגעלייגט:

— אויב דו וועסט מיר זאָגן „דו" און וועסט אויפהערן מיר צו זאָגן „איר", וועל איך מיט דיר שפּילן עפּעס אין פיר הענט.

— איר שפּילט פּיאַנאָ?

— איך ענטפער ניט ביז איך וועל ניט הערן פון דיר דעם „דו"!

זי האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— מוז איך דאָס? און ווען איך קאָן ניט? ווען מיר איז דאָס שווער?

— קאָן איך ניט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ — האָט ער זי איבערגעשלאָגן שטיפעריש.

— און ווען איך וועל אייך זאָגן „דו" וועט איר יאָ קאָנען?

האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— זאָג איך, אַלעקס, אייך... איך מיין דיר — האָט זי זיך פאַרכאַפּט — „דו", און ווייז וואָסער אַ פּיאַנאָ־שפּילער דו ביזט.

— אין פיר הענט, ביידע! — האָט ער זיך געזעצט לעבן איר ביי דער פּיאַנאָ. — וואָס זאָלן מיר שפּילן? קאָנסטו אפשר דאָס? — האָט ער גענומען עפּעס שפּילן.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— געוויס! דאָס איז בעטהאָווענס קוואַרטעט אין סי מאַינאָר, אָפּוס 16. איך קאָן דאָס.

— אויב אַזוי שפּילן מיר דאָס. דאָס איז ניט אַזוישוועך און פינסטער ווי די אינטערמעצאָ פון בראַמס, וואָס דו האָסט ערשט געשפּילט.

און זיי ביידע האָבן גענומען שפּילן.

און קלאַנגען, העלע און מונטערע, האָבן זיך געטראָגן פריער איינגעהאַלטן, נאָכדעם שטאַרקער און שטאַרקער.

די ביידע שפּילער זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן סיי פון דער זאַך גופא און סיי איינער פון דעם אַנדערנס שפּילן. ביידע האָבן זיך צעוואָרימט, ביי ביידן האָבן זיך די פּנימער אָנגעצונדן און די אויגן האָבן זיך צעפלאַמט, און אַ מין באַזונדערער באַזעלטער שמייכל האָט געשפּילט ביי זיי ביידן אויף די ליפּן און ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט אַלעקס זי אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, געקוקט איר אין פּנים אַריין אַ באַגייסטערטער און געשריען:

— פרידאַ, דאָס האָסטו דאָך געשפּילט נאָך בעסער ווי בראַמס אינטערמעצאָ. יעדן טאָג ווייזטו אַרויס עפּעס נייס. וואָס נאָך באַהאַלטסטו פון אונדז?

איז זי מיט אַמאָל צומישט געוואָרן, דער שמייכל איז פאַרשוואונדן פון אירע ליפּן און אין די אויגן ביי איר האָט זיך אָפּגעטונקט אַ שאָטן פון שרעק. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך וועל גיין צו זיך אין צימער. איך פיל זיך אַביסל מיד.

אַלעקס האָט אַרויסגעלאָזט אירע הענט פון זיינע און זיך אויפגעהויבן.

— דאָס וועט דיר ניט שאַרן. קום, קום, דו לייג זיך דאָרט ביי זיך אויף דער בעט, און איך, מיט דיין ערלויבעניש, וועל לעבן דיר זיצן אַ ווײַלע.

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— וועל איך קאָנען רוען ווען איך.. ווען דו וועסט דאָרט זיצן?

— איך גלויב אַזוי. מיר וועלן פּרוּאוון...

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי געלעגן אויף איר בעט, מיט די הענט פאַרלייגט הינטערן נאַקן און מיטן פּנים צו אַלעקסן.

ער איז געזעסן אויף אַ שטול לעבן איר.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— איז פון וואָס הויבן מיר אָן? הויבן מיר אָן דערפון, אַז דיין פּאַפּאַ

האָט אַ ליבע טאָכטער אַריינגעקראָגן פון רוסלאַנד. אַן עכטע ברונעטקע, פול מיט חן. אויגן — העלער שיין אין אַ טיפער, שוואַרצער נאַכט. אַ שמייכל מיט ציין, בייסט זיך איין טיף, גאַנץ טיף אין האַרצן... און האָר אַ זעלכע שוואַרצע און אַזעלכע לאַנגע. איך קען איינעם אַ בלאָנדן יונגנמאַן, וואָס אים וואָלט נאָך קיינמאָל ניט מיאוס געוואָרן זיי צו גלעטן...

און מיט אַמאָל האָט ער זיך איבערגעשלאָגן:

— און דאָס איבעריקע וועל איך דיר אַנאַנדערשמאָל זאָגן...

און זי האָט געקוקט אויף אים און געטראַכט:

„ווי ליב ער איז און ווי הויך און ווי צאַרט, און ווי שטאַרק! וואָסער אַ גליקלעכער מענטש!...

און פלוצלונג האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— אַלעקס, זיינען אַלע ביי אייך אַזוי רואיק, אַזוי געזונט און אַזוי גליקלעך?

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... דו אַלעקס, זעסט אויס אַזאַ גליקלעכער און אַזאַ רו-איקער און אַזאַ צופרידענער, זיינען ביי אייך אין אַמעריקע אַלע יונגע-לייט אַזוי?

ער האָט געענטפערט:

— עס ווענדט זיך אין וועלכער אַמעריקע. ביי אונדז, שוועסטער פרידא, זיינען פאַראַן צוויי אַמעריקעס: אַן אַמעריקע פון רייכע און אַן אַמעריקע פון אָרימע. די אַמעריקע פון די רייכע האָט אַ גאַנץ אַנדערע יוגנט ווי די אַמעריקע פון די אָרימע. און איך פרידא, בין אויך ניט אַזוי צופרידן ווי דו מיינסט.

— דו ביזט ניט צופרידן?

— ניין, ניין, ווייט ניט צופרידן.

— דו? אַ זון פון אַ רייכער פאַמיליע, אַ דאָקטאָר אין אַמעריקע?

— אמת, אַ זון בין איך פון אַ רייכער פאַמיליע אין אַמעריקע, אָבער געהערן געהער איך צו דער אַמעריקע פון די אָרימע, פון די האָרעפּאַשניקעס פון די אומצופרידענע, פאַר וועלכע די אַמעריקע פון די רייכע און פון די צופרידענע ציטערט היינט.

— דו ביסט אַ רעוואָלוציאָנער, הייסט עס?

— אַלע מאָל געווען.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און געקוקט אויף אים פאַרטראַכט. דער-נאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— און איך האָב אַלע געמיינט, אַז דו ביזט אַ נאַציאָנאַליסט.

— איך בין אַ ייד, יאָ, איך פיל ייִדיש און ליַיד פאַר יידן און מחמת דעם בין איך אַ רעוואָלוציאָנער. איך בין איבערצייגט, אַז יעדער אמתער ייד מוז דאָס זיין. וואָרום אין דער באַזונדערער לאַגע אין וועלכער יידן געפי-

נען זיך צווישן אנדערע פעלקער און כמעט אלע לענדער, קאנען דערוואַרטן שוץ און הילף נאר פון און דורך..

און ער האט זיך איבערגעשלאגן מיט וויטאָק:

— שוץ און הילף!.. גאָט, ווי די דאָזיקע צוויי ווערטער באַליידיקן מיך! „שוץ און הילף״ — האָט ער איבערגעחזרט מיט גאַל. — ווען מען טראַכט זיך אריין אין אָט די ווערטער, וויפל באַליידיקונג זיי אנטהאַלטן דאָס פאר דעם יידן! אָבער פארפאַלן, אזוי איז דאָס! פאַקטן זיינען דאָס! מיר נויטיקן זיך אין שוץ און הילף. און דאָס קאָנען מיר דערוואַרטן נאָר פון די ראַדיקאַלסטע און עקסטרעם־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. דערפאַר זיינען מיינע אַלע סימפּאַטיעס מיט רוסלאַנד, וואָס האָט אָנגעוויזן דעם ריכטיקן און דעם איינציק - מענטשלעכן וועג פאַר דער פאַרשאָלטענער יידן־פראַגע..

ביי מלכהן אין די טיף - טרויעריקע אויגן האָט אויפגעלויכטן אַ שיין פון פרייד. און מיט אַמאָל אזוי ווי זי איז געלעגן, האָט זי אויסגעשטרעקט צו אַלעקסן איר האַנט און האָט זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט גאָר ניט ווי מיך פריים דאָס צו הערן פון דיר. ווען ניט זיי, די באָלשעוויקעס, וואָלט מען אַלע יידן אין רוסלאַנד אויסגעשאָכטן.

— מיר ווייסן דאָס, פרידא, און דערפאַר איז כמעט אונדזער יידישע פרעסע פריינטלעך צו די סאָוועטן (אין יענער צייט איז אפילו דער טייל פון דער פרעסע, וואָס איז היינט דער פאַרביסענער שונא פון די באָלשעוויקעס, אויך געווען פריינטלעך צו זיי).

— איז די גאַנצע היגע יידישע פרעסע פריינטלעך צו זיי? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— כמעט די גאַנצע. און אויך דריקן אויס זייער סימפּאַטיע צו די באָלשעוויקעס אפילו אַ סך יידן, וואָס דער סאָציאַליזם איז ביי זיי טרייף און די סאָציאַליסטן זיינען ביי זיי די ערגסטע מענטשן. איך מיין, פרידא, אַז די טויזנט־יאָריקע פאַרפאָלגונגען האָבן ביי יידן אַנטוויקלט אַ חוש, איך וואָלט געזאָגט אַ „היסטאָרישן חוש״, מיט וועמען זיי דאַרפן האַלטן און מיט וועמען ניט....

זיי האָבן גערעדט וועגן דעם נאָך אַ שטיק צייט, ביז ביי מלכהן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איך האָב געדאַרפט בלייבן מיט זיי און קעמפן און ניט קומען אַהער!

און אַן אויפגערעגטע האָט זי זיך אויפגעהויבן פון בעט.

אָבער אַלעקס האָט איר געצוואונגען זיך צו לייגן צוריק.

— געלעגן און ניט אויפרעגן זיך — האָט ער געזאָגט — און דאָ קאָנסטו זיי אויך זיין נוצלעך, אויב דו וועסט וועלן. אפשר נאָך מער ווי דאָרט.איצט אָבער ניט גערעדט מער דערפון. עס רעגט דיך צופיל אויף. איכל דיר מוזן

אריינגעמען גוט אין די הענט, אַז דו זאָלסט זיך אינגאַנצן באַרואיקן. היינט אויפדערנאַכט וועסטו וועלן ערגעץ גיין?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ. מיר איז אַזוי אומעטיק. וואוהין ווילסטו גיין?

ער האָט אַ טראַכט געטאָן:

— וואוהין? ערגעץ וואו מען וועט זיך קאָנען אונטערהאַלטן אויף אַ לייכטן און נאַרישן אופן. מיר וועלן צופאָרן צום היפּאָדראָם. אַ געמיש פון צירק, גאַסן-מוזיק און נאַרישקייט. יאָ, פרידאַ?

— יאָ — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ.

— און איצט — האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אָרט — וועל איך דיר ניט שטערן מער. מאַך צו די אויגן און פּרוּוו איינשלאָפן. און אַ דאַנק פאַר דיין היינטיקן שפּילן, אַן איבערראַשונג איז דאָס געווען פאַר מיר און נאָך מער אַ געניוס!...

און ער האָט צאַרט איר אַ גלעט געטאָן די באַקן און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר.

און זי מלכה, האָט אים באַגלייט מיט אַ וואַרעמען בליק אין די אויגן. נאָך אַט דעם שמועס האָט זי דערפילט, אַז ער, אַלעקס, איז איר גע־וואָרן אַ סך נעענטער ווי פריער.

זעקסטער קאַפּיטל

אריה-לייבס דזשאָב

פון איר צימער איז אַלעקס אַריינגעגאַנגען אין עס - צימער דאָרט זיינען געזעסן אסתר מיט אריה-לייבן ביים טיש און האָבן געשמועסט.

אסתר, אַזוי ווי די אַנדערע אין דעם הויז, האָבן שוין געוואוסט ווי, רייך אַריה-לייב איז געוואָרן אינדערהיים, און מחמת דעם האָבן זיי זיך פאַר־האַלטן צו אים מיט באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט און האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אים וואָס באַקוועמער און אַנגענעמער ביי זיך אין דעם הויז.

ווען אַלעקס איז אַריינגעקומען האָט זי אסתר, מיט אריה - לייבן גע־רעדט וועגן דעם, אַז זיי קלייבן זיך אָפּצופאָרן אויפן זומער אין די בערג, וואו זיי האָבן זייער זומער־הויז, און זי האָט אים איינגערעדט, אַז ער זאָל אויך פאָרן מיט זיי אויף עטלעכע וואָכן אַהין.

— דאָס וועט אייך זייער גוט צוניץ קומען. איר נויטיקט זיך אין דעם נאָך אַלע צרות, וואָס איר האָט דורכגעלעבט, הער גאָרדאָן — האָט זי אים צוגערעדט.

אָבער אַריה־לייב האָט דערפון ניט געוואָלט הערן. ער האָט געענט־פערט:

— ניין, מאַדאַם ראַבינאָוויטש, איך שאַץ אָפּ זייער אייער גוטסקייט און פריינטשאַפט, אָבער איך מוז זיך אָפּזאָגן דערפון. נאָכמער, איך רעכן

אַז איכל זיך אַריבערקלייבן די צייטן אין אַן אייגענער דירה. איך זוך מיר עפּעס אַ שטיקל וואוינונג. איך ווייס נאָך ניט, צי אין אַ האָטעל, צי וואו איך בין געוואוינט — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אומעטיקן שמייכל — ווען איך בין ניט געווען אינדערהיים, צו וואוינען אין אַ נומער אין אַ האָטעל..

אסתר האָט אים איבערגעשלאָגן:

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן, הער גאָרדאָן, איר זייט דאָך עפּעס אַ קלוגער ייד, וואָס פעלט אייך דאָ ביי אונדז? איר וועט אַזוי לאַנג ביי אונדז וואוינען, ביז איר וועט זיך ריכטיק איינאָרדענען.

— וואָס מיינט איר „ריכטיק", מאַדאַם ראַבינאָוויטש?

— איך מיין, אַז מיין מאַן וועט עפּעס געפינען פאַר אייך.

אַלעקס וועלכער, וועלכער איז אַריינגעקומען אויף אירע לעצטע ווערטער, האָט זיך אָפּגערופן:

פּאַפּאַ האָט געזאָגט אַז ער האָט שוין עפּעס פאַר מיסטער גאָרדאָנען.

— יאָ? — האָט אסתר זיך צו אים אַ קער געטאָן מיט אַ צופרידענער מינע.

— יאָ. איך בין געווען פריער ביי אים אין שאָפּ, האָט ער עס מיר געזאָגט.

אריה־לייב האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן און געפרעגט:

— איר ווייסט ניט, וואָס?

— ניין, ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז ער וועט היינט מיט אייך ריידן דערפון.

— אויב ער האָט עפּעס פאַר מיר באמת —איז אריה־לייב געוואָרן מיט אַמאָל אויפגערעגט און האָט זיך אויפגעהויבן פון דעם אָרט — וואָס ניט איז אַבי טאָן עפּעס.. אַבי זיין פאַרנומען.. ניט טראַכטן.. און טאַקע עפּעס פאַרדינען אויך. איך זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו יענעם..

און ער האָט זיך אומגעדרייט צו אסתרן מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל און ווייטער גערעדט:

— מאַדאַם ראַבינאָוויטש, איר זייט טאַקע זייער אַ וואוילע, זייער ליבהאַרציקע מענטש, און איר זייט אַ פרוי, ווי.. מיינע.. אייך צו לאַנגע יאָר... איז געווען.. איר וואָלט אויך, אַזוי ווי מיינע, נאָר געהאָלפן יענעם אין זיין נויט... אָבער מיר איז זייער שווער צו נעמען.. איך ווערג זיך דערמיט.. אַנטשולדיקט, אָבער דאָס איז דער אמת.. און דערפאַר, ווען איך אָרדן זיך איין ווי ווייניק ניט איז און קאָן זיך מיר וואוינען אין אַ דירה וואָס איך אַליין וועל צאָלן פאַר איר, וואָלט איך זיך געפילט אַ סך, אַ סך בעסער...

— מילא, מיין מאַן וועט ריידן מיט אייך דערפון, — האָט אסתר באַמערקט, און האָט זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן — האָסט געזען פרידאַן?

—יאָ, איך גיי דאָס ערשט פון איר צימער.

און ער האָט צוגעלייגט מיט התפעלות:

— מאַמאַ, איז דאָס אַ וואונדערלעך מיידל! דו האָסט געדאַרפט הערן ווי זי שפּילט אויף דער פּיאַנאָ, איך זאָג דיר, אַ קינסטלערין, מאַמאַ!..

בײַ אסתרן האָט זיך דער פּנים צעלויכטן. זי האָט געטראַכט: „זי געפעלט אים אַלץ מער און מער. אפשר איז דאָס גאָר אַ שידוך.. גאָט, ווען דאָס זאָל מקוים ווערן!"

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— ערנסט? זי שפּילט פּיאַנאָ אויך?

אריה-לייב גאָרדאָן האָט זיך מיט אַמאָל אַ כאַפּ געטאָן:

— אויב זי שפּילט אויף דער פּיאַנאָ? בײַ אונדז אין שטאָט איז מען אויף בילעטן געגאַנגען צו הערן ווי זי שפּילט אויף דער פּיאַנאָ!

— אַזוי גאָר? פאַרוואָס האָט איר אונדז דאָס ניט דערציילט? — האָט אסתר געשמייכלט צופרידן.

אריה-לייב האָט אַ זיפץ געטאָן:

— אוי, מאַדאַם, איך האָב אייך אַ סך זאַכן ניט דערציילט. סײַ־ווי איך האָב אייך געבראַכט זייער און גראַטענע טאָכטער. יעדער פאָטער וואָלט שטאָלץ געווען און וואָלט זיך געפרייט מיט איר. ווי איז עפּעס איר געזונט, דאָקטאָר? — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ קער געטאָן צו אַלעקסן.

גאַנץ גוט. זי קומט ביסלעכווייז צו זיך.

— נו, אַ דאַנק גאָט. איצט וועל איך צופאָרן מנחה דאַווענען.

— וואוהין דאַרפט איר עס פאָרן? וואו געפינט זיך די שול וואוהין איר ווילט פאָרן דאַווענען?

— דרײַ סטאַנציעס מיט דער בראָדוויייער סאָבוויי פון דאַנען.

— וועל איך אייך צופירן מיט מיין מאַשין. איך פאָר סײַ־ווי אין יענער געגנט.

— ניין, ניין אַ דאַנק דאָקטאָר. ווי ווייט איז דאָס אינגאַנצן פון דאַנען? באַלד איז בראָדוויי און דאָרטן גיי איך אַרונטער אין דער סאָבוויי און אין עטלעכע מינוט בין איך דאָרטן.

און דערבײַ האָט ער געטראַכט:

„וואָסער אַ וואוילער יונגערמאַן ער איז! אינדערהיים פריער וואָלט ער אפשר געווען אַ גוטער שידוך פאַר מיין מלכהלען...

ער איז אַוועק און האָט זיך צוריקגעקערט צום אָונט ברויט.

און ביים אָונט-ברויט איז דוד ראַבינאָוויטש געווען זייער פריילעך און איז געזעסן לעבן מלכהן און ניט געקאָנט די אויגן פון איר אָוועקרייסן, מחמת אַלעקס האָט אים אויך דערציילט ווי גוט זי האָט אויף דער פּיאַנאָ געשפּילט און נאָכדעם האָט ער איר דערמאָנט, אַז זי זאָל עסן און האָט

איר אויך אונטערגערוקט א גלעזעלע גוטע משקה און איר כמעט געגויט צו טרינקען.

און האט זי געהאלזט און געקושט און אלץ געבעטן זיך ביי איר:

— נו, טאכטער, אפשר וואלסטו פאר דיין פאפאן אויך עפעס גע־שפילט?

און זי האט אים געענטפערט:

— ניט היינט, אן אנדערש מאל, פא.

דערוויל איז אויפדערנאכט צוגעפאלן.

נאך מעריב האט אריה־לייב אפגעהיט ווען דוד ראבינאוויטש איז געווען ביי זיך אין זיין ביבליאטעק־צימער אליין און ער איז אריין צו אים.

— שטער איך אייך ניט? האט ער געזאגט.

דוד ראבינאוויטש, וואס איז דעמאלט געזעסן ביי דעם שרייבטיש מיט א סיגאר אין מויל און האט געלייענט א צייטונג, האט זיך א כאפ געטאן:

— א, ניין, ניין, הער גארדאן! זיצט. איך האב טאקע אייך געוואלט זען און מיט אייך א שמועס טאן וועגן אן ענין.

אריה־לייב האט זיך געזעצט אויף א שטול דערביי און זיך אנגערופן מיט א שמייכל:

— אפשר וועגן דעם אייגענעם ענין וועגן וועלכן איך בין געקומען צו אייך, הער ראבינאוויטש? אייער דאקטאר האט מיר געזאגט, אז איר האט עפעס פאר מיר...

— יא, יא, אט וועגן דעם וויל איך מיט אייך א שמועס טאן. הגם, איך זאג אייך דעם אמת, מיר איז שווער דאס פארצולייגן א מענטשן ווי אייך, וואס האט אליין געפירט גרויסע געשעפטן אייגענע.

אריה־לייב האט אים העפלעך איבערגעשלאגן:

— דאס פארגעסט. איך אליין באמי זיך אויך דאס צו פארגעסן. דא וויל איך אנהויבן פון בראשית. קיין זאך וועט מיר ניט זיין צו שווער.

דוד ראבינאוויטש האט אים דערנאך דערלאנגט א סיגאר און געזאגט:

— איך האב אלץ געטראכט וואסער באשעפטיקונג קאן איך געפינען פאר אייך ביי זיך אין שאפ, אז איר זאלט ניט דארפן שווער ארבעטן און ביז איר וועט געפינען פאר זיך עפעס בעסערס זאלט איר דערוויל פארדינען גענוג אויף צו מאכן א שטיקל לעבן.

אריה־לייב האט אים ניט געלאזט ענדיקן. מיט א מינע פון אנטוישונג האט ער אים אונטערגעבראכן:

— ביי אייך אין שאפ? ניט ערגעץ אנדערש?

דוד ראבינאוויטש האט אים אנגעקוקט פארוואונדערט:

— פארוואס ניט ביי מיר אין שאפ? מיין שאפ איז איינער פון די גרעסטע און צו ארבעטן ביי מיר איז אין אלע פרטים ניט ערגער איידער וואו ניט איז, בפרט פאר אייך.

ער האָט ניט דערהערט און געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט מיט פרעגנדיקע אויגן.

אריה־לייב האָט אַראָנטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געטראַכט וואָס זאָל ער טאָן. ער האָט ווידער שאַרף געפּילט דעם פּלאָנטער אין וועלכן ער איז פאַרפּלאָנטערט געוועז. מחמת אין האַרצן ביי אים איז שוין לאַנג גע־ווען באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט קריגן אַ שטיקל באַשעפטיקונג זאָל ער קומען צו דוד ראַבינאָוויטשן און אים אַלצדינג דערציילן. נאָכדעם, וואָס גאָט וועט וועלן זאָל זיין... און ווען אַלעקס האָט אים געזאָגט, אַז ראַבינאָוויטש האָט געפונען פאַר אים עפּעס צו טאָן, איז אים ניט איינגעפאַלן, אַז ער האָט אים געוואָלט געבן אַ פּלאַץ ביי זיך אין שאַפּ.

ער האָט געטראַכט מיט אַנטוישונג: אַ פּלאַץ ביי ראַבינאָוויטשן אין שאַפּ איז ניט דאָס וואָס ער דאַרף. כדי צו דערציילן אים דעם גאַנצן אמת טאָר ער ביי אים ניט אַרבעטן אין שאַפּ און ניט וואוינען ביי אים אין הויז. ער מוז אַרבעטן ערגעץ אַנדערש און מוז וואוינען ערגעץ אַנדערש, אַז ניט וועט ער קיינמאָל ניט האָבן קיין האַרץ צו קומען צו ראַבינאָוויטשן און אים דער־ציילן ווי מיאוס ער, אריה־לייב האָט אים אָפּגענאַרט...

און דאָך — האָט ער געטראַכט ווייטער — טאָר ער זיך דערווייל פון דעם ניט אָפּזאָגן. אַרבעטנדיק ביי ראַבינאָוויטשן אין שאַפּ וועט ער זיך באַ־קענען מיט מענטשן און וועט זוכן פאַר זיך עפּעס אַנדערש.

ווען ער זאָל זיך ניט היטן פאַר לאַנדסלייט, וואָלט ער שוין אפשר ביז אַהער געקאָנט עפּעס קריגן צו טאָן, אָבער אין דער לאַגע אין וועלכער ער האָט זיך געפונען האָט ער מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר לאַנדסלייט. ער האָט דאָס אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, אויף נאָכדעם, ווען ראַבינאָוויטש וועט זיך וועגן אַלצדינג דערוויסן.

און מיט אַמאָל האָט אריה־לייב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגע־רופן צו ראַבינאָוויטשן:

— איך דאַנק אייך זייער. באמת, איר טוט אַזוי פיל פאַר מיר, אַז קיין ברודער און קיין פאָטער קאָנען ניט טאָן מער פאַר אַן אייגענעם זון אָדער ברודער. איך האָב דאָס ביי אייך גאָר ניט פאַרדינט.

— איר האָט ביי מיר שוין גאָר אַ סך פאַרדינט — האָט ראַבי־נאָוויטש געזאָגט אַ גליקלעכער. — איר האָט מיר געבראַכט מיין טאָכטער און נאָך אַזאַ געראָטענע טאָכטער.

אריה־לייב האָט זיך אַן אויפגערעגטער אויפגעהויבן פון אָרט. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אָנשטאָט דעם האָט ער זיך רחמנותדיק צע־שמייכלט און נאָכדעם פאַררויכערט דעם סיגאַר וואָס ראַבינאָוויטש האָט אים פריער געגעבן און געראויכערט נערוועז מיט אַ באַזונדערן אימפּעט.

— ווייסט איר וואָסער באַשעפטיקונג איר וועט ביי מיר האָבן? — האָט דוד ראַבינאָוויטש אים דערנאָך אַ פרעג געטאָן.

— וואָס איז דער חילוק?

— איר וועט פּאַרוואַלטן בײַ מיר אין שאַפּ דעם סילק־דעפּאַרטאַמענט דאָס הייסט דעם דעפּאַרטאַמענט וואו עס ליגט בײַ מיר דער זייד. איר וועט דאַרפן צונעמען די שטיקער זייד וואָס וועלן אַרײַנקומען אין שאַפּ און איר וועט דאַרפן אַרויסגעבן שטיקער זייד צו די קאַטערס, דאָס הייסט צו די צו־שניידער און דערפאַר וועט איר באַקומען דרייסיק דאָלאַר געהאַלט וועכנט־לעך.

— איך דאַנק אײַך, מיסטער ראַבינאָוויטש. איך בין דאָס ניט ווערט. דאָ איז אסתר אַרײַנגעקומען.

— דו בלײַבסט היינט אינדערהיים, דוד? האָט זי געפרעגט.

— ניין, היינט איז אַ וויכטיקער מיטינג פון פּיפּעלס רעליף, וואו זײַנען די קינדער?

— זיי טוען זיך אָן. אַלעקס נעמט היינט פרידאַן אין היפּאָדראָם.

— פאַרוואָס עפּעס אין היפּאָדראָם? קיין בעסערן פּלאַץ האָבן זיי ניט געפונען?

— אַזוי ווילן זיי. וואָס איז דער אונטערשייד? פרידאַ איז דאָך נאָך אין היפּאָדראָם ניט געווען, וועט פאַר איר זײַן אינטערעסאַנט.

און זי האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— אָט איך הער זיי קומען!

מלכה און אַלעקס זײַנען אַרײַנגעקומען, ביידע אין העלן אָנגעטאָן און ביידע מיט אויפגעלייגטע פּנימער. אָבער מלכה, תיכף ווי זי האָט דערזען איר טאַטן, איז זי נערוועז געוואָרן און איבער איר פּנים איז ווי אַ שאָטן דורכגעלאָפן.

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען איר אַנט־קעגן מיט אַ צעלויכטענעם פּנים.

— גייסט, טאָכטער, היינט פאַרברענגען? גוט, גוט, קינד, גיי!

ער האָט זי אַרײַנגענומען און זי אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

— גוד באַי קינד, פאַרברענג גוט!

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו אַלעקסן :

— דו פאָרסט אַהין מיט דײַן מאַשין?

— ניין, פרידאַ וויל פאָרן מיט דער סאָבוויי, מחמת זי איז נאָך קיין־מאָל מיט דער סאָבוויי ניט געפאָרן.

— אויב אַזוי וועל איך נעמען היינט דײַן מאַשין צו פאָרן דאַונטאַון און צו אַ פּיפּעלס רעליף מיטינג. מײַן מאַשין איז עפּעס קאַליע געוואָרן.

אריה־לייב איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט געזוכט צו כאַפּן מלכהס אַ בליק. זי אָבער האָט אַזוי ווי אומיסטנע געהאַלטן דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט פון אים. ערשט ביים אַרויסגיין האָט זי אַ וואָרף געטאָן צו אים אַ בליק און אַ „גוט־נאַכט״.

און אריה־לייב האָט איר נאָכגעשריען מיט אַ ציטערדיקן קול:

— גוטע נאַכט!

ווען זיי זיינען אַרונטער אונטן אין סאָבוויי אויף בראָדוויי, האָט אַלעקס ערשט דעמאָלט געזען ווי נערוועז מלכה איז געווען, ווי דאָס וואָס זי האָט איבערגעלעבט ביז איר קומען קיין אַמעריקע האָט צעשרויפט און צעטרייסלט אירע נערוון.

דער גרויסער עולם וואָס האָט זיך דאָרט געשפּאַרט פון אַלע זייטן און וואָס האָט געשטראָמט אין די וואַגאָנעס און פון די וואַגאָנעס, האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף איר. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע טויזנטער מענער און פרויען זיינען געלאָפן פון ערגעץ אָדער געלאָפן וואוהין ערגעץ, און מיט אומרואיקע אויגן האָט זי געזוכט שרעק ביי זיי אויף די פנימער.

און אַז זי איז דערנאָך אַריין אינעווייניק אין וואַגאָן, וואָס איז איבערגעפּאַקט געווען מיט מענטשן, האָט זי שטייענדיקערהייט געמוזט זיך אָנהאַלטן מיט ביידע הענט אָן אַלעקסעס אָרעמס, מחמת איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז דער דיל וועט אָט־אָט זיך אַרויסגליטשען פון אונטער אירע פיס און זי וועט פאַלן, און די אַנדערע וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איר מיט הענט איינגעקלאַמערט אין די רימענס איבער זייערע קעפּ, וועלן פאַלן אויף איר; און ווען זי האָט אַ קוק געטאָן דורך אַ פענסטער און געזען דורך וואָס פאַר אַ חושך און מיט וואָסער אימפּעט דער וואָגן האָט זיך געטראָגן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דער וואַגאָן פליט ערגעץ אין אַ טיפעניש און דאָרט וועט עפּעס מוזן פּאַסירן מיט אים...

מיט ציטערדיקע ליפּן האָט זי געפרעגט:

— דאַרפן מיר נאָך לאַנג פאָרן אַזוי?

ער האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— שרעק זיך ניט. מיר גייען באַלד אַרויס.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— וועלן מיר מוזן פאָרן צוריק אויך מיט דער סאָבוויי? דער קאָפּ האָט מיר אויפגעריסן...

— ניין. צוריק וועלן מיר פאָרן מיט אַ טאַקסי.

זיי זיינען געקומען אין היפּאָדראָם און האָבן פאַרנומען צוויי פון די בעסטע פּלעצער. און דאָס וואָס מלכה האָט דאָרט געזען האָט איר געמאַכט פאַרגעסן אָן דעם שרעק אין דער סאָבוויי. דער שוואַרצער ים מענטשן אַרום איר מיט אויפגעלעבטע פנימער, און די פאַרשיידענע בילדער דאָרט, האָבן זי באַרואיקט. מלאכים מיט פייערדיקע פליגלען האָבן דאָרט געשוועבט אונטער אַ בלויען, שיינעם הימל און געזונגען מיט שיינע שטימען; אַקראָבאַטן און קלאָאונעס מיט לאַכעדיקע מאַסקעס האָבן דאָרט געוויזן זייערע קונצן; רייטער און רייטערינס האָבן זיך געיאָגט אויף פערד איבער דער אַרענע; פערד האָבן געטאַנצט אַ קאַדריל. שלאַנקע פרויען אין לייב־קאָליר האָבן גע־

שפרונגען דורך פאפירענע רייפען, שלאנקע מענער האבן געוויזן זייערע אקראבאטישע קונצן הויך אין דער לופטן אויף א טראפעז, מוזיק און א כאר אימפעטיקע באוועגונג און פילפארביקייט — דאס אלץ האט זיך מלכהן איצט, נאך אירע אלע לעצטע איבערלעבונגען, אויסגעוויזן ווי א חלום און האט געווירקט אויף איר ווי א כישוף.

פונם היפאדראם האט אלעקס זי גענומען אין א קאבארעט אויף בראדוויי. און דארט האט זי ווידער געהערט א גוטן ארקעסטער שפילן און גוטע זינגער זינגען, און געזען גוטע טענצערס טאנצן.

אהיים זיינען זיי געקומען נאך 1. מלכה, אן אפגעפרישטע, א פריילעכע, מיט א פאר שיינענדיקע אויגן און א שיינענדיקן שמייכל, עפעס גאר א נייע פרידא האט אלעקס פאר זיך דערזען. און ווי הארציק זי האט דאס געלאכט!

— ביסטו צופרידן, פרידא? — האט אלעקס ביי איר געפרעגט, און ער אליין איז אויך געווען זייער גוט אויפגעלייגט.

— יא, זייער.

— אפשר וואלטן מיר ארונטערגעגאנגען אין פארק און זיצן דארט א ווילע ביים וואסער? ווי דענקסטו, פרידא?

זי האט א לאך געטאן:

— אבער, אלעקס, דו פארגעסט גאר, אז איך בין א פאציענטקע און אז דער דאקטאר האט מיר געארדנט צו רוען.

ער האט א קוק געטאן אויף איר מיט א שמייכל.

— הא?

— איז וועמען זאל איך פאלגן, אלעקסן צי דעם דאקטאר? — האט זי ווידער א לאך געטאן.

— הא? וויפיל איז איצט דער זייגער?

ער האט ארויסגענומען פון קעשענע זיין זייגער און א קוק געטאן.

— האלב נאך איינס. זאלסטו טאקע פאלגן דעם דאקטאר, פרידא. און באלד טאקע מארש אין בעט! — האט ער צוגעלייגט שטיפעריש.

— גוט נאכט! — האט זי געזאגט און איז אוועק צו זיך אין צימער.

זי האט אבער לאנג ניט געקענט אנטשלאפן ווערן. עס האבן זי פארפאלגט געדאנקען און בילדער און אויך א פאר בלויע אויגן און א פריינדלעכער שמייכל פון א יונגן, סימפאטישן יונגנמאן.

אבער מיטאמאל האבן זיך אנדערע בילדער א טראג געטאן פאר איר, און זי האט זיך א פרעג געטאן, ווי אזוי האט זי געקענט זיין פריילעך, און צי זי האט א רעכט געהאט צו גיין היינט האבן פארגעניגן, און זי האט זיך געענטפערט, אז ניט.

און נאכדעם איז איר גאנצע פריילעכקייט אוועק.

און זי האט זיך ווידער געפייניקט: ווי אזוי האט זי געקענט פארגעסן, ווער און וואו זי איז אויף דער וועלט? אן עגאאיסטקע איז זי, פארגעניגנס

זוכט זי, און זי האָט פאַרגעסן אַלעמען און אַלצדינג! אפילו יענערס אומגליק, וואָס זי נוצט אוים אויף אַ מיאוסן אופן...

אויף דער בעט פון יענער שלאָפט זי איצט! יענערס ברויט האָט זי היינט און נעכטן און די גאַנצע צייט געגעסן! יענערס קליידער טראָגט זי! און — אַלעקסעס פריינדלעכע בליקן געהערן אויך צו יענער!..

אַלץ באַלאַנגט צו יענער, פון איר בעסטע חברטע, בויט זי איר לעבן אין אַמעריקע, בויט זי אפשר איר גליק!...

אַזוי האָט זי זיך אָפּגעפּייניקט אַ גאַנצע נאַכט. ערשט מיטן טאָג איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן.

עס איז אָבער געווען אַן אומרואיקער שלאָף, אַ מין קאָשמאַר. משונהדי־קע בילדער האָבן זי פאַרפאָלגט. די אַלע קלאַאונען מיט די מאַסקעס, וואָס זי האָט געזען אין היפּאָדראָם, האָבן זיך געיאָגט נאָך איר. זי איז אַריינגע־לאָפן אין אַ וואַגאָן פון סאַבוויי און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אָן אַלעקסען מיט אַ געשריי: „ראַטעוועט!" ערשט מיט אַמאָל האָט זי דערזען, אַז דאָס איז ניט געווען אַלעקס, נאָר איר חברטע פריידל, וואָס זי האָט מיט כעס אָפּגעשטופּט פון זיך. איז זי דערמאָלט אַרויסגעלאָפן פון דער סאַבוויי און געוואָלט זיך באַהאַלטן ערגעץ. זי האָט דערזען אַ הויז, האָט זי געוואָלט אַריינלויפן און באַהאַלטן זיך, ערשט איר חברטע פריידל איז ווידער דאָ געווען, האָט איר דעם וועג פאַרשטעלט און פאַרקלאַפּט פאַר איר די טיר. איז זי געלאָפן וויטער. קיין הייזער זיינען מער ניט געווען, ניט געווען מער וואו צו באַהאַלטן זיך.

דאָ האָט זי דערזען פאַר זיך דעם ים, וואָס האָט געשריען און גע־געפילדערט, און געבייזערט זיך, און געוואָרפן קעגן איר זיינע בייזע כוואַ־ליעס. זי איז שטיין געבליבן, האָט געוואָלט לויפן צוריק... ערשט זי האָט דערפילט, אַז עמיצער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און זי געשלעפּט. און באַלד האָט זי דערזען, אַז דאָס האָט פריידל זי געשלעפּט אין ים אַריין. זי האָט געפילט דאָס וואַסער אין דעם מויל, די כוואַליעס איבערן קאָפּ... זי האָט גענומען שרייען מיט אַלע אירע לעצטע כחות און האָט זיך אויפגעכאַפּט...

לעבן איר איז געשטאַנען דוד ראַבינאָוויטש אין אַ שלאָף־ראָק און מיט אַ צעשראָקענעם פּנים.

— וואָס איז דער מער? וואָס האָסטו אַזוי געשריען, קינד? — האָט ער געפרעגט.

דאָס יונגע מיידל האָט געקרעכצט און געקוקט אַרום זיך צעשראָקן. דערנאָך איז זי געקומען צו זיך און געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן:

— גאָרנישט, אַ חלום.

— וואָס חלומט זיך דיר, נאַרעניו? ווען וועסטו שוין קומען צו זיך, קינד? גאָט, ווי איך האָב זיך דערשראָקן, ווי דו האָסט געשריען! דו ביסט ביי דיין פּאַפּאַן אין דער היים, ביי דיין פּאַפּאַן, און באַרויק זיך!

און ער האָט זי אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

— שלאָף איין, טאָכטער, עס איז נאָך פרי. דיוואָך גאָך וועלן מיר אוועקפאָרן אין די בערג. דאָרט וועסטו זיך אינגאַנצן דערהאָלן!..

ער איז אַרויסגעגאַנגען. מלכה איז נאָך לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן און פאַר איר האָבן זיך געטראָגן די בילדער, וואָס זי האָט געזען אין דעם חלום...

זיבעטער קאַפּיטל.

אין די קעטסקיל-בערג.

אין דריי טעג אַרום איז ביי די ראַבינאָוויטשעס אין דעם הויז געווען אַלצדינג איינגעפּאַקט פאַר זייער זומער-פּלאַץ אין די בערג. דעם אָוונט פאַר דעם, ווי מלכה און אַנדערע פון ראַבינאָוויטשעס פאַמיליע האָבן געזאָלט אַהין אָפּפאָרן, האָט אריה-לייב זיך געטראָפן מיט מלכהן אין דעם ריווערסייד דרייוו פּאַרק, וואו ער האָט אָפּגערעדט מיט איר זיך צו טרעפן נאָך אינדערפרי, איידער ער איז אוועק אין שאַפּ.

ער איז געקומען אין פּאַרק פריער פון איר און אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן אַ היבשע צייט, ביז ער האָט זי דערזען פון דערווייטנס, אַרויסקומענדיק פון אַלייע און אָנגעטאָן אין אַ העלן קלייד.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק, וואו ער איז פריער געזעסן און איז אוועק איר באַגעגענען.

— פאַרוואָס האָט דיר אַזוי לאַנג געדויערט? — האָט ער געפרעגט מיט אומגעדולד.

זי איז געווען נערוועז און צעטראָגן.

— איך האָב זיך קוים אַרויסגעגנבעט, — האָט זי געענטפערט. — דער דאָקטאָר האָט געוואָלט איך זאָל גיין מיט אים אין אַקינאַמאַטאָגראַף היינט, איידער מיר פאָרן אוועק; און זיין מאַמע האָט געוואָלט, איך זאָל אָנמעסטן אַ נייע קלייד, איידער זי פּאַקט עס איין; און ער אַליין, מיין נייער פּאַפּאַ, האָט געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן מיט אים זיך זעגענען מיט די אַלטע זיידע און באָבע. איך האָב זיי אַלעמען צוגעזאָגט, אַז באַלד וועל איך טאָן, וואָס זיי אַלע ווילן, דערפאַר זאָג מיר, וואָס דו ווילסט, און האַלט מיך ניט אויף.

— איך וועל דיר זאָגן, מיין טאָכטער, — האָט אריה-לייב געענטפערט, און ער האָט מיטאַמאָל זיך איבערגעשלאָגן, — יאָ פאַרוואָס פרעגסטו עפּעס ניט ביי מיר, ווי מיר גייט אין דעם שאַפּ? דיר דאַרף דאָך מסתמא אינטערעסירן, ווי איך טויג זיך אויס צו דעם?..

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אַוודאי, געוויס! ווי פילסטו זיך דאָרט? ווי געפעלט עס דיר?

אריה-לייב האָט שפּאַטיש אַ שמייכל געטאָן:

—פיין, אויסגעצייכנט! און קיין צו גרויסע חכמה שטעקט ניט אין דעם אויך. מיר ווייזט זיך אויס, אז יעדער קליין קינד וואָלט געקאָנט טאָן דאָס וואָס איך טו דאָרט: צונעמען שטיקער סחורה און ארויסגעבן שטיקער סחורה און פאַרשרייבן. אָבער וועגן דעם האָב איך דיך ניט גערופן — האָט ער זיך ווידער איבערגעשלאָגן — איכל דאָס מאַכן קורץ, ווייל דו איילסט זיך דאָך!...

— אודאי אייל איך זיך, און זיי זוכן מיך דאָרט מסתמא. זיי וועלן דאָרט ניט וויסן וואו איך בין אהינגעקומען.

אריה-לייב איז אויך געוואָרן נערוועז און גענומען ריידן האַסטיקער:

— נו, גוט, גוט, איך וועל דיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן. באַלד וועסטו קאָנען גיין צוריק צו זיי. איך וועל דיר נאָר וואָרנען, אז דו זאָלסט זיך היטן מיט יעדן וואָרט. וואָרום, חלילה וחס, דו קאָנסט זיך נאָך אומגליקלעך מאַכן!..

זי האָט מיט כעס א פרעג געטאָן:

— וואָס איז שוין ווידער?

— דאָס איז אזא געשיכטע: איך האָב זיך דערוואוסט פון א זיכערן מענטשן, פון א היגן אדוואָקאַט, וואָס איך בין ספּעציעל צו אים אריבער־געגאַנגען פרעגן וועגן דעם, אז מען קאָן אונדז יעדע מינוט ארעסטירן און ארויסשיקן פון דאַנען, אויב מען זאָל זיך דערוויסן ווי אזוי מיר זיינען אהער אריינגעקומען.

זי האָט א געשריי געטאָן:

— איז וואָזשע ווילסטו זאָל איך טאָן?

— וואָס בייזערסטו זיך אזוי אויף מיר, נאַרעניו? — האָט ער צומישט און החמנותדיק א שמייכל געטאָן.

זי האָט אים גלייך ניט געענטפערט נאָר האָט געקוקט א היבשע ווילע אויף אים מיט אויגן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט סיי כעס און סיי אומעט. נאָכדעם האָט זי ארויסגערעדט מיט וויטאָק:

— וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? און וואָס האָסטו געהאַט צו אָט דעם גוטן, האַרציקן מענטשן? מיט יעדן טאָג בינדט ער זיך צו אַלץ מער און מער צו מיר און איך צו אים אויך, דו הערסט? איך צו אים אויך! און ניט צו אים אַליין.. וואָס קאָן דערפון ווערן? און איבערהויפּט, וואָס האָסטו געהאַט צו אים? פריידל איז דאָך געווען דער חלום פון זיין גאַנצן לעבן.. דו פאַרשטייסט וואָס דאָס איז?..

אריה-לייב האָט א זיפץ געטאָן:

— יאָ, יאָ... וואָס קאָן איך דיר אויף דעם ענטפערן? און אז דו ווילסט מיין קינד — האָט ער נאָך א קורצן שווייגן זיך מיט אמאָל א כאַפּ געטאָן — האָב איך אים קיין שום שלעכטס ניט געטאָן, נאָר פאַרקערט! אַנשטאָט עס זאָל אָנקומען צו אים די בשורה, אז די פריידל, דער חלום פון זיין לעבן

ווי דו זאָגסט, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס דערהרגעט. האָב איך אים גע־בראַכט אַ לעבעדיקע פרײדל. נאַ טאַטע, פרײ זיך! אַט האָסטו דיר אַ פרײדל. וועגן וועלכער דו האָסט געחלומט אַ גאַנץ לעבן. נאַ, און האָב נחת! דו זעסט האָ? פרעג איך דיך, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט קעגן אים?

און ער האָט אַ לאַך געטאָן און נאָכדעם האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט:

— מילא, זײ וואַרטן דאָך דאָרט אויף דיר; זײ זוכן דאָך דיר דאָרט אודאי. קאָנסטו גײן, ווען פאָרסטו?

— מאָרגן אינדערפרי פאָרן מיר, — האָט זי געענטפערט און געביסן די נעגל פון אירע פינגער.

—טאָ זעגן זיך איצט מיט מיר און לאָמיר זיך צוקושן. מאָרגן וועל איך זײן אין שאַפּ מסתמא ווען דו וועסט אַוועקפאָרן. און צוקושן זיך מיט דיר אין הויז פּאַסט אפשר ניט. פרעמדע... און אויב דו פאַרשטייסט פאַר־וואָס און פאַר ווען איך האָב דאָס געטאָן און ווי איך האָב דערמיט באַגזלט נאָר זיך און ניט קײן אַנדערן, וועסטו ניט אַוועקפאָרן קײן ברוגזע אויף מיר און וועסט מיר אַמאָל צושיקן אַ בריוול אויך.

איז מלכּה דעמאָלט געשטאַנען נאָך אַ ווײלע און האָט געקוקט אױף אים מיט אירע שוואַרצע, אומעטיקע אויגן, אָבער שוין אָן כּעס, נאָר מיט צער. און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַרומגענומען.

— טאַטע, ווי איך האָב אויף דיר רחמנות! — האָט זיך בײ איר אַרויס געריסן פאַרשטיקט.

ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

אָבער זאָלן מיר האָפן, קינד, אַז עס וועט זיך ענדיקן גוט. סיידן איך וועל משוגע ווערן, אַניט וועל איך מיט גאָטס הילף זיך אַרויספּלאָנטערן דערפון. מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל (וואָס די צייט קאָן אויפטאָן, קאָן דער שכל ניט אויפטאָן).

מלכּה איז דערנאָך צוריק אַוועק.

אויף מאָרגן אינדערפרי ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט דוד ראַבינאָ־וויטש און מיט אסתּרן און אַלעקסן אין דער מאַשין וואָס האָט געזאָלט זײ פירן צו זייער זומער־היים אין די קעטסקיל - בערג, איז אריה־לייב דערבײ ניט געווען. ער איז דעמאָלסט געווען בײ ראַבינאָוויטשן אין שאַפּ.

ראַבינאָוויטשעס קאָטעדזש אין ליווינגסטאָן מענאָר איז געשטאַנען אויף אַ באַרג און פון מײלן ווייט האָט מען געזען זײן רויטן דאַך. צום קאָטעדזש איז געלאָפן אַ ברייטער, ווייסער וועג באַרג אַרויף און פון בײדע זייטן וועג האָבן זיך געצויגן טונקעלע אַלײען פון אַלטע, שאָטנדיקע בוימער, און אַהינטער אַט די אַלײען האָבן אַרויסגעשימערט בושעס מיט בלומען פון אַלערליי קאָלירן.

דער דאָזיקער קאָטעדזש איז אַכט חדשים אין יאָר געשלאָסן געווען. ערשט סוף מאַי האָט מען אים געעפנט און אַלצדינג אינעווייניק און אַרום

געבראַכט אין אָרדנונג. און אין יוני זיינען אַרויסגעקומען אַהין די באַלעבאַ־טים און האָבן דאָרטן פאַרבראַכט ביזן סוף סעפּטעמבער.

צוליב זיין טאָכטערס קומען האָט דוד ראַבינאָוויטש יענעם זומער גע־אָרדנט דורכן טעלעפאָן, אַז מען זאָל דעם גאַנצן קאָטעדזש איבערפאַרבן, און מחמת דעם איז ער מיט זיין פאַמיליע אַרויסגעפאָרן אַהין אַביסל שפּעטער ווי געוויינלעך.

אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, סוף יוני, האָט זיך זיין מאַשין באַוויזן אויפן וועג צום קאָטעדזש.

פון ערגעץ איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גרויסער, שוואַרצער, קודלאַטער הונט מיט אַ הייזעריקן בילן און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן דער מאַשין און גלייך צוריק פאַרשוואונדן צווישן די ביימער מיט אַ הילפלאָזן סקאַ־וואַטשען, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמיצן געקלאָגט, אַז קעגן אַזאַ אייזערנער גבורה קאָן ער זיך ניט אַנטקעגנשטעלן... באַלד האָט ער זיך צוריק באַוויזן פון אַ הינטער די ביימער שוין אַ רואיקער און האָט געדרייט מיטן עק, און הינטער אים איז געגאַנגען אַן עלטערע פרוי מיט אַ ווייסן הייבל אויפן קאָפּ.

— האַלאָ, מיסעס דזשאָנסאָן! — האָט דוד ראַבינאָוויטש אויסגעשריען און האָט אָפּגעשטעלט זיין מאַשין. — וואָס מאַכט מיסטער דזשאָנסאָן?

— אַ דאַנק, מיסטער ראַבינאָוויטש — איז די אַלטע צוגעגאַנגען צו דער מאַשין מיט אַ ברוך הבא מינע. — און וואָס מאַכט איר, מיסעס ראַבינאָ־וויטש? — האָט די אַלטע זיך אַ קער געטאָן צו אסתרן.

— אָ, זייער גוט, מיס דזשאָנסאָן! — און דאָס איז אונדזער טאָכטער פרידאַ, וואָס איז צו אונדז געקומען פון אייראָפּע.

— יאָ? זייער אָנגענעם. אַ שיין מיידל — האָט די אַלטע פאַרמערקע אַ שמייכל געטאָן צו מלכה׳ן.

די מאַשין איז געפאָרן וויטער.

— אָט די אַלטע פאַרמערקע מיט איר מאַן גיבן אַכטונג אויף אונדזער קאָטעדזש אַ גאַנץ יאָר — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן צו מלכה׳ן.

— ווי שיין דאָ איז! — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט פאַרטראַכט. — מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָ איז נאָך שענער ווי אין שווייצאַריע.

— דו ביסט געווען אין שווייצאַריע?

— יאָ. ווען איך בין געווען נאָך זייער יונג. מיט מיין טאַטע־מאַמע בין איך דאָ געווען.

— דו מיינסט מיט דיין שטיפפאָטער און דיין מאַמען?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן שיעור ניט צעשראָקן:

— יאָ, יאָ.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער אַלטער דזשאָנסאָן מיט אַ טיף געקאַרבטן פּנים, וואָס איז ברוין געווען פון דער זון, און מיט אַ ווייסן קאָפּ, אָן אַ הוט, איז אַריינגעקומען פון דעם קאָטעדזש. ער איז געווען באַוועגלעך

ווי א יונגערמאַן און האָט פון דערוויטנס געמאַכט צו זיי מיט דער האַנט און געשמייכלט.

— העלאָ, העלאָ, דזשאַנסאָן! — האָט דוד ראַבינאָוויטש צו אים גע־שריען קריכנדיק פון דער מאַשין.

דזשאַנסאָן איז צוגעגאַנגען צו זיי און האָט מיט זיין שוואַרצער האַנט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צעקאַרטשעט, טרוקן שטיקל ערד, אים געדריקט די ווייסע האַנט, און אסתרן און דעם דאָקטאָר, ד. ה. אַלעקסן. און אַז מען האָט אים פאָרגעשטעלט די טאָכטער פון „יוראָפּ", האָט ער איר באַזונדערש פריינטלעך געשאָקלט די האַנט און האָט דערביי באַמערקט, אַז זי איז זייער ענלעך צו איר טאַטן, און דערפאַר האָט ער באַקומען פון דוד ראַבינאָוויטשן עטלעכע סיגאַרן מיט אַמאָל אָנשטאָט איינעם.

זיי האָבן גענומען גיין צום קאָטעדזש.

דוד ראַבינאָוויטש, וואָס איז געגאַנגען אַפריער מיט אסתרן און מיט דזשאָנסאָנען, האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ צו מלכה'ן, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַלעקסן אַהינטער אים, און ער האָט זיך אָנגערופן צו איר:

— נו, מיין טאָכטער, ווי געפעלט דיר דאָ די געגנט? זע וואָסער אַ הימל! זע וואָסער אַ גרינקייט און ליכטיקייט! זע וואָסערע בלומען! דאָ טאָרסטו ניט זיין אומעטיק. דו הערסט, קינד? און דו מוזט זיך דאָ גוט דערהאָלן!

זי האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל און שטיל:

— גוט, איך וועל זיך באַמיען.

זיי זיינען אַרויף אויפן ברייטן גאַנעק און פון דאָרט זיינען זיי אַריין אין הויז. דזשאָנסאָן איז געגאַנגען אַפריער. זיי זיינען אַריין נאָך אים צוערשט אין אַ גרויס צימער מיט פריש געפאַרבטע, העלע ווענט און מיט העלע שטי־קער מעבל. דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ פּיאַנאָ.

נאָכדעם האָט דזשאָנסאָן זיי דורכגעפירט די אַנדערע צימערן פון דעם צווייטן שטאָק (דער קאָטעדזש איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק) און האָט זיי געוויזן וואָס ער האָט דאָרט אויפגעטאָן, און ביידע, סיי דוד ראַבינאָ־וויטש און סיי אסתר, זיינען געבליבן צופרידן פון זיין אויפטועכץ.

און באַלד איז פון דער קיך אַרויסגעקומען אַ יונגע פרוי, איינגאַנצן אין ווייסן אָנגעטאָן, מיט אַ ווייסן טשעפּיק אויפן קאָפּ, און דזשאָנסאָן האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס איז די נייע קעכין, וואָס ער האָט אָנגעשטעלט פאַר זיי.

מערי, אַ געזונטע, דאָרפישע פרוי, מיט אַ רונדן, פולן, רויטן פּנים, האָט אָנגענעם אַ שמייכל געטאָן און זיך פאַרנייגט פאַר אירע שטאָטישע באַלע־באַטים. דערנאָך האָט זי געזאָגט האַלב־פאַרשעמט:

— מיר האָבן געמיינט, אַז איר וועט קומען שפּעטער, דערפאַר האָט היינט דאָס עסן אַביסל פאַרשפּעטיקט. אָבער דעם צווייטן מאָל וועט עס זיין אין צייט.

און זי איז אַוועק צוריק אין קיך.

און אין א ווײַלע אַרום איז יעדער פון זיי געווען אין זײַן באַזונדערן צימער און האָט זיך דאָרט אײַנגעוואַשן און איבערגעטאָן.

מלכה'ס צימער איז געווען אויפן צווייטן שטאָק לעבן אַלעקסעס צימער. דרײַ פענסטער זײַנען דאָרט געווען. און זיי אַלע זײַנען געווען אָפן און דורך זיי אַלע האָט זיך געשפּאַרט אַ וואַרעמע העלקייט, אויסגעמישט מיט ריחות פון וואַלד און פעלד.

זי איז געשטאַנען ביים וואַש־שיסל אַ האַלב־נאַקעטע און האָט זיך גע־וואַשן, און אַהינטער דער וואַנט האָט זי געהערט ווי אַלעקס האָט זיך אויך געוואַשן בײַ זיך אין צימער און האָט דערבײַ פריילעך אונטערגעזונגען אויף זײַן אָנגענעמען באַריטאָן.

און אָנגענעם איז מלכהן געוואָרן סײַ פון אַלעקסעס קול און סײַ פון דעם קאַלטן וואַסער מיט וועלכן זי האָט אָפּגעפרישט איר הייס לײַב.

ווישנדיק מיט אַ האַנטוך די האַלדז און די אַקסלען און די פולע, יונגע בריסטן אירע, איז זי צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענסטער, און בײַ איר האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי פון אַנטציקונג ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם בילד וואָס האָט אַ שיין געטאָן פאַר אירע אויגן: אַ סימ־פאָניע פון פאַרבן האָט געשפּילט פאַר איר בליק; פאַרבן אַזעלכע ווייכע, צאַרטע און לאַשטשענדיקע. הימל, באַרג און לאָנקע האָבן געשפּילט מיט אַט די פאַרבן, האָט זיך מלכהן אויסגעוויזן; העלע, וואַרעמע און גאָלדיקע, און בלויע צאַרטע־גרינע.

און ווי שיין האָבן אויסגעזען די בערגלעך וואָס האָבן זיך דאָרט גע־צויגן איינע העכער, און די אַנדערע נידעריקער, גאָר נידעריקער, ווי זיי וואָלטן געלעגן אין אַ טאָל.

אויף איינעם פון אַט די בערגלעך איז געשטאַנען אַ ווײַסע הויז און אויף אַן אַנדערן האָבן זיך געפּאַשעט קי און אַ ווײַסער פערד איז דאָרט אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און האָט דאָרט געשציפּעט גראָז.

מלכהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלצדינג איז געווען גאָר נאָענט, ממש אונטערן סאַמע פענסטער פון איר צימער. אַזעלכע בילדער האָט זי שטענדיק ליב געהאַט. זי האָט זיך דערמאָנט ווי אַנטציקט זי איז געווען פון אַן ענלעכן בילד וואָס זי האָט געזען אַמאָל אין שווייצאַריע.

איר בליק איז מיט אַמאָל געפאַלן אויף אַן אַנדער בילד אונטער איר פענסטער: צוויי פויגעלעך מיט בלויע, גלאַנציקע קעפּלעך, רויטע הערצע־לעך און מיט גאָלדענע שנעבעלעך, זײַנען געשטאַנען דאָרט ניט ווײַט, אויף דער גרינער לאָנקע און האָבן זיך געזשובעט.

בײַ מלכהן האָט זיך אַרויסגעריסן אויף רוסיש:

— שטאָ זאַ פּרעליעסט! (ווי שיין).

און זי האָט זיך צולאַכט האַרציק, הויך אויפן קול.

און דאָ האָט זי דערהערט, אַז אימיצער קלאַפּט אין איר טיר. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן האַלב צושראָקן:

— איין מינוט! איך טו זיך אָן!

דוד ראַבינאָוויטשעס קול האָט זיך דערהערט:

— דאָס בין איך, קינד.

זי האָט געענטפערט האַסטיק:

— אָט באַלד בין איך פאַרטיק!

און זי האָט מיט אַן אימפּעט זיך גענומען אָנטאָן.

זי האָט אָנגעטאָן אַ ווייסע קלייד מיט אַ ווייסן סוועטער און צעלאָזט איבער אירע אַקסלען די לאַנגע, שוואַרצע האָר און האָט זיי גענומען פלעכטן, און פלעכטנדיק זיי אין צעפּ האָט זי געעפנט די טיר.

דוד ראַבינאָוויטש איז אַריינגעקומען אויך אַן אַרומגעוואַשענער און אַ שיינענדיקער, אין אַ ווייסן אָנצוג און אין ווייסע שיך.

— נו, טאָכטער, ווי געפעלט דיר דיין זומער־היים, דיין דאַטשע?

— זייער!

— דאָ וועסטו מוזן זיך ביי מיר דערהאָלן. געדענק! — האָט ער גוט־מוטיק איר אַ סטראַשע געטאָן מיט אַ פינגער.

און ער האָט אונטערגעבראָכן:

— ווי שיין דו ביסט, מיין קינד!

און ער האָט זי אַרומגענומען און איר אַ קוש געטאָן.

און דאָס מאָל איז זי געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז זי האָט אים אויך וואַרים און האַרציק אַ קוש געטאָן.

— און דאָס צימער געפעלט דיר, קינד? — האָט ער דערנאָך זיך אַרומגעקוקט אין איר צימער. — אפשר ווילסטו דאָ נאָך אַ טישל?

— ניין, צו וואָס? איך וועל דאָך זיין מער אין דרויסן ווי אין דעם צימער.

דאָס צימער איז געווען אַ גרויס, די ווענט און דער סופיט העל גע־פאַרבט, דער דיל פון פאַרקעט. קיין סך מעבל איז דאָרט ניט געווען: אַ טיש, אַ פּאָר שטולן און אַ בעט, וואָס האָט געבלאַנקט פון זויבערקייט און ווייסקייט.

אין אַ ווייל אַרום זיינען אַריין צו איר אין צימער אויך אסתּר און אַלעקס און זיי זיינען אויך געווען אָפּגעפרישטע און איבערגעטאָנענע.

אסתּר האָט זיך אָפּגערופן:

— נו, וואָס האָט איר זיך דאָ אָוועקגעשטעלט? קומט אַרויס אין דרויסן.

און דערנאָך, ווען זיי זיינען אַרויס אויפן גאַנעק, האָט אַלעקס זיך אָנ־גערופן שטיל און מיט אַ שמייכל צו אסתּרן:

— דו ווייסט, מאַמע? פרידאַ געפעלט מיר אַזוי מיט אירע לאַנגע צעפּ. אפשר דערפאַר, ווייל די אַנדערע מיידלעך גייען אַרום איצט מיט געשאָ

רענע קעפּ?

אסתּר האָט אים געענטפערט און בשעת דעם געקוקט מיט א ווארימען שמייכל אויף מלכהן, וועלכע איז געזעסן לעבן ראַבינאָוויטשן און מיט אים עפּעס גערעדט:

— יאָ, אַלעקס, עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף איר.

און דערנאָך איז אַלעקס צוגעגאַנגען צו מלכהן און זיך אָנגערופן צו איר:

— דו ווייסט, פּרידאָ? אויב דו ביזט ניט מיד וועלן מיר אַ שפּאַציר טאָן צו יענעם באַרג — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ באַרג וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקע, שפּיציקע יאַרמולקע. — מיר וועלן אויסגלייכן אַביסל אונדזערע ביינער פון דעם זיצן פיר שעה אין דער מאַשין.

— גוט! — האָט זי געזאָגט. — איז יענער באַרג ווייט פון דאַנען?

— אַ, אַ היפּשער מהלך.

זי האָט זיך פאַרוואונדערט:

— און ער זעט־אויס אַזוי נאָענט. דאַכט זיך עטלעכע טריט פון דאַנען.

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך אַריינגעמישט:

— אַפּריער עסט־אָפּ, קינדער, נאָכדעם וועט איר גיין.

— מיר קומען גלייך צוריק, פּאַפּאַ! — האָט אַלעקס געזאָגט.

מלכה האָט זיך אַ קער געטאָן צו דוד ראַבינאָוויטשן און האָט שטיל ארויסגערעדט מיט אַ שמייכל:

— מעג איך? זאָל איך? וועסטו ניט זיין בייז?

ער האָט האַרציק אַ לאַך געטאָן:

— נו, וואָס קאָן איך העלפן, מיין טאָכטער? — און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן: — גייט, גייט, קינדער, אָבער זאַמט זיך ניט.

זיינען אַלעקס און מלכה דערנאָך אַוועק צו יענעם באַרג.

זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ שמאָלן וועג וואָס האָט געפירט דורך אַ וואַלד.

אַלעקס האָט דערציילט מלכהן אַז דער דאָזיקער באַרג איז דער העכסטער אין דער גאַנצער געגנט און אַז פון צענדליקער מיילן אַרום קומען אַמאָל אַהער מענטשן צו זען אַ זון־אונטערגאַנג.

דער הימל איבער אָט דעם באַרג איז געווען פון אַלערליי פאַרבן און קאָלירן, ווי מיט פּערלמוטער אויסגעפּלאַסטערט און געקוקט האָט ער אַזוי שטרענג און אַזוי מעכטיק צווישן זיינע שכנים, די קלענערע בערג, ווי ער וואָלט צווישן זיי געווען דער געקרוינטער הערשער.

אין דעם וואַלד דורך וועלכן זיי זיינען געגאַנגען האָבן זיך געפּאַשעט קי און אין דער קלאָרער לופט האָט אָפּגעהילכט דאָס קלינג־קלאַנג פון די גלעקער וואָס זיינען געהאַנגען ביי זיי אויף די העלזער. אַ הונט האָט

דאָרט ערגעץ געבילט און אַ פערד האָט ערגעץ דאָרט געפּאַרשקעט.

אַלעקס האָט מיט אַמאָל גענומען מלכהן אונטערן אָרעם און גייענדיק מיט איר פוס אין פוס, האָט ער איר אַביסעלע אַ צי געטאָן צו זיך און זיך אָנגערופן:

—איז דאָ ניט שיין, שוועסטער פרידא?

— זייער!

—וואַרט, דו וועסט ערשט זיין דאָרט אויבן, אויפן שפּיץ באַרג. אָבער דאָס וועלן מיר טאָן מאָרגן, שוועסטער פרידא.

— פאַרוואָס ניט היינט?

— היינט איז שוין צושפּעט. דו ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט אונדז גענומען דאָס דערגיין אַהין און דאָס אַרויפגיין און צוריק? אַ שעה און אַ האַלב זיכער.

— ערנסט? — האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף אים און האָט באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן. — יאָ, יאָ, עס קאָן זיין. איך דערמאָן זיך אָן די בערג אין שווייצאַריע. זיי האָבן אויך אויסגעזען אַזוי נאָענט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. נאָכדעם אָבער האָט גענומען צייט ביז מען האָט דערגרייכט צו אַזאַ באַרג.

און דערפאַר? — האָט ער אונטערגעכאַפּט.

מלכה האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט אים אין טאָן:

— דערפאַר מוזן מיר דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל.

— אויף מאָרגן?

— זאָל זיין אויף מאָרגן.

— און איצט?

— איצט וועלן מיר באַלד גיין צוריק.

— ווייל דו ביסט הונגעריק?

— ווייל איך בין אַביסעלע הונגעריק און ווייל זיי וואַרטן דאָרט אויף אונדז.

— ביזט אַ וואויל קינד!

— אַ דאַנק!

— און אַ שילערין וועסטו אויך זיין אַ גוטע?

— אַ שילערין? וואָס מיינסטו?

— איך מיין, איך האָב באַשטעלט זיך אַליין צו זיין דיין ענגלישער לערער. געפעלט דיר אַזאַ לערער?

— זייער! — האָט זי צו אים אַ שמייכל געטאָן.

— און מיר געפעלט זייער אַזאַ שילערין אויך.

— איך וועל זיך באַמיען, אַז דיין שילערין זאָל דיר נאָך מער געפעלן.

— פיין! און ווען ווילסטו זאָלן מיר אָנהויבן?

— באַטש פון מאָרגן אָן.

— אָפּגעמאַכט. פון מאָרגן אָן הויבן מיר אָן צו ריידן ענגליש ,יוניי־טערסטייטס און ניט קיין אַנדער שפּראַך, פאַרשטאַנען?

— איך קאָן דאָך אָבער ניט קיין ענגליש.

— וועסטו דאָס מיר זאָגן אין ענגליש, אַז דו קאָנסט ניט קיין ענגליש.

— וועסטו דאָך לאַכן פון מיר!

— וואָס אַרט דיך, אַז איך וועל לאַכן? שטעל זיך פאָר, אַז איך לאַך, טאָ וואָס־זשע פאַרגינסטו עס מיר ניט? דער עיקר איז, אַז ווי איך זאָל פון דיין ריידן ניט לאַכן, וועל איך דיך אַלע מאָל לערנען ווי מען דאַרף ריכטיק זאָגן אין ענגליש. פאַרשטאַנען?

— יאָ — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ.

— און צופרידן אויך?

— אויך — האָט זי אַ לאַך געטאָן אַ סך פריילעך ווי ביז אַהער, זינט ער האָט זי געקענט.

— בין איך אויך צופרידן און דערפאַר...

ער האָט זי אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן.

זי איז רויט געוואָרן, האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרשעמט און גלייך אַרונטערגעלאָזט די אויגן, און מיט אַ האַנט אָנגעטאַפּט פון הינטן איינעם פון אירע צעפּ, וואָס זיינען געהאַנגען ביי איר אויפן רוקן ווי צוויי שלאַנגען און דערביי האָט איר פולער בוזעם זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ אונטער דעם ווייסן סוועטער.

און פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַהינטער זיך דאָס קלינגען פון אַ גלעקל.

ביידע האָבן זיך גלייך אומגעקוקט: ערשט דוד ראַבינאָוויטש, אָן אַ הוט, איז געלאָפן מיטן וועג הינטער זיי מיט אַ גלעקל אין דער האַנט און און האָט צו זיי געשריען פריילעך:

— קינדער, עסן! גוואַלד, איך בין הונגעריק!

האָבן זיי זיך אומגעקערט און זיינען אַוועק מיט אים צוריק צו דעם קאַטעדזש.

אַכטער קאַפּיטל

מלכה און אַלעקס דערקענען זיך בעסער

ביי דעם טיש זיינען זיי אַלע געזעסן לוסטיקע און פריילעכע. דאָס עסן פון דער נייער קעכין איז געווען געשמאַק און די באַרגיקע זון האָט אַזוי ליכטיק זיך געגאָסן אין אַלע פיר פענסטער פון עס־צימער און איבערהויפּט האָט ,,פרידאַ'' אַזוי פריילעך און אָנשטענדיק געלאַכט, אַז זי האָט זיי אַלעמען אָנגעשטעקט מיט איר פריילעכקייט.

— ווי מחיהדיק זי לאַכט דאָס! — האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך אָנגעגערופן צו אסתרן, וואָס איז געזעסן לעבן אים ביים טיש. — ווער וואָלט דאָס געזאָגט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, אַז זי קאָן אַזוי לאַכן, מיין טאָכטער!

ביסלעכווייז קומט זי צו זיך. פאַרגעסט זיך, און זי וועט אינגאַנצן פאַר־געסן — האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פול מיט ליבע אויף מלכהן, וועלכע איז געזעסן אויף דעם אַנדערן עק טיש לעבן אַלעקסן.

אַלעקס האָט אויך האַרציק געלאַכט הויך אויפן קול און זיך געוויצלט און אַריינגעקוקט מלכהן אין די אויגן פון צייט צו צייט אויף אַ באַזונדער שטיפערישן אופן, פון וואָס זי האָט זיך אַמאָל געשטיקט מיט איר ביסן. ביז דוד ראַבינאָוויטש האָט אויף אים גוטמוטיק אָנגעשריען:

— גענוג זיך צו חכמהנען דאָרט. לאָז איר עסן! דו זעסט ניט, דאָקטאָר אַז זי שטיקט זיך דאָרט?

און דערביי האָט ער, דוד ראַבינאָוויטש, און אויך אסתר, זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

נאָכן עסן איז דוד ראַבינאָוויטש מיט אסתרן אַוועק אין זייער צימער זיך אָפּצורוען און אַלעקס מיט מלכהן זיינען אַריין אין דעם צימער וואו די פּיאַנאָ איז געשטאַנען און האָבן אַ ווילע מוזיצירט. אַפּריער האָט זי גע־שפּילט און דערנאָך אַלעקס. נאָכדעם זיינען זיי אַוועק שפּאַצירן.

אַלעקס האָט איר געוואָלט ווייזן די געגנט, האָט ער זי צוערשט גע־בראַכט צו דזשאָנסאָנען אויפן פאַרם.

דזשאָנסאָנס פאַרם איז געווען נאָענט דערביי. אויף דער רעכטער האַנט פון דעם וועג וואָס איז געלאָפן פון קאַטעדזש באַרג־אַרונטער, האָט זיך גע־פונען יענע פאַרם.

אַ גרויסע הויז מיט אַ רויטן דאַך און מיט ווייסע פענסטער און אַ גאַנעק מיט ווייסע סלופּעס איז דאָרט געשטאַנען ביי אַ טייך מיט אַ רויש־נדיקן וואַסערפאַל.

אויפן טייך, וואָס איז פון ביידע זייטן איינגעראַמט געווען אין גרינעם וואַלד, זיינען געפאַלן גרינע שאָטנס פון די ביימער. דאָ און דאָרט האָבן זיך די דאָזיקע שאָטנס געמישט מיטן וואַרעמען, גאָלדיקן שיין פון דער זון. דאָ און דאָרט האָבן די טייך־ברעגן אָפּגעשפּיגלט ביימער, וואָס האָבן אויס־געזען ווי זיי וואָלטן דאָרט געוואַקסן קאַפּויער, מיט די קעפּ אַרונטער און מיט די שטאַמען אַרויף.

ווייטער אַביסל פון ברעג זיינען אַרומגעשוואוּמען ווייסע ענטלעך, באַ־וועגנדיק מיט זייערע ווייסע קעפּלעך דאָ אונטערן וואַסער און דאָ אַרויף.

הינטערן הויז איז געשטאַנען אַ שייער און דערביי אַ שטאַל מיט אָפענע טירן און הינער זיינען דאָרט אַרומגעגאַנגען און האָבן געפּיקעט פון דער ערד און געשאַרט מיט זייערע פיסלעך.

און אַהינטער אָט די בנינים זיינען געווען צוימען פון צונויפגעלייגטע שטיינער, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן ווייט און באַרג אַרויף גרינע פעלדער מיט תבואה און לאַנקעס מיט גראָז.

אויף איין לאַנקע וואָס האָט זיך געצויגן אַרויף ביז צו די גאַנץ הויכע

בערג, האָבן זיך געפּאַשעט קי, הינער, גרעסערע און קלענערע, נאָר אַלע ווייסע, מיט בלוט־רויטע קאַמען, זיינען צושאָטן געווען אין די הונדערטער אויף אַ דערביייאיקן פעלד אין פון דערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי ווייסע קייקלעך שניי, וואָס אַנדערע פון זיי האָבן זיך געקייקלט האַסטיק און אַנדערע פּאַמעלעך.

אַרום איז געווען שטיל. דזשאַנסאָן און זיין ווייב זיינען, משמעות, פאַרנומען ערגעץ אויפן פעלד. אפילו זייער קודלאַטער הונט, שעפּ, איז ניט געווען אַרום הויז. דער גערויש פון דער וואַסער־פאַל האָט זיך בלויז געהערט און פון צייט צו צייט דער כאַרכלדיקער טווא־טווא פון די ענטלעך אויפן טייך.

די בערגיקע זון האָט מחיהדיק געוואַרעמט.

— גאָט, ווי שיין! וואָסער אַ שיינעוועלט! — האָט זיך ביי מלכהן אַרויסגעריסן און זי האָט אָנגעכאַפּט אַלעקסן מיט אַ האַנט פאַר אַן אָרעם און אָנגעקוקט אים מיט שיינענדיקע, שוואַרצע אויגן.

— איאָ שיין? — האָט אַלעקס אויך אונטערגעכאַפּט מיט התפּעלות.

דאָס דערמאָנט מיך אין דער היים, אין אַ דאַטשע, וואו מיר האָבן אַמאָל געוואוינט אַ זומער. עס פעלן נאָר די מיל, דער סאָד מיט די פּרוכט־ביי־מער און... און...

איבער איר פּנים איז אַ שאָטן דורכגעלאָפן, דער שיין ביי איר אין די אויגן האָט זיך אויסגעלאָשן זי האָט אַרויסגעלאָזט אַלעקסעס אָרעם, איז אָפּגעטראָטן פון אים, האָט זיך אומגעדרייט צו אים מיטן רוקן און איז געבליבן שטיין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ.

אַלעקס האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט זיך דערמאָנט אין די איריקע, מיט וועלכע זי איז דעמאָלט געווען אויף דער „דאַטשע", און ער איז צו־געגאַנגען צו איר און האָט שטיל און ווייך זי גענומען בארואיקן.

— מען דאַרף ניט, קינד. פאַרפאַלן. דערהמיט וואָס דו וועסט פאַרסמען יעדע מינוט פון דיין לעבן, וועלן יענע ניט געהאָלפן ווערן.

זי האָט אַרויסגעבליפּעט:

— ווי אַזוי אָבער קאָן מען זיי פאַרגעסן? ניין, אַלעקס, קיינמאָל וועל איך זיי ניט קאָנען פאַרגעסן. ווען דו וואָלסט געקענט מיין מאַמען... ווען דו וואָלסט געקענט מיין שוועסטער, מיינע ברידער און זיי אַלעמען, אַלעמען.

ביי אַלעקסן איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען, אַז זי האָט דאָס געמיינט איר שטיף־שוועסטער און שטיף־ברידער.

אין אַ ווײַלע אַרום אָבער איז זי געקומען צו זיך. זי האָט זיך צע־שמייכלט און זיך אָנגערופן אין אַנדער טאָן:

— אָבער וואָס, נעבעך, ביזטו שולדיק? פאַרוואָס פאַראומער איך דיר דיין פאַרגעניגן? דו אַנטשולדיק מיר, אַלעקס.

און דאָ האָט זיך דערהערט דאָס בילן פון דעם פאַרמערס הונט. און

באַלד האָבן זיי ביידע דערזען פֿון אַהינטער דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן דעם שוואַרצן, קודלאַטן קאָפּ מיט די רויטע, פּאַרוואַקסענע אויגן פֿון שעפּן, וועל־כער האָט מיט רציחה געבילן אויף זיי.

אַלעקס האָט אַ פּייף געטאָן און אַ רוף געטאָן שעפּן, און תיכף איז דער הונט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט צו אַלעקסן און האָט געדרייט מיטן וויידל. און פּלוצלונג האָט ער, ווי גרויס ער איז געווען, מיט אַ באַזונדער פֿלינקייט זיך אַריבערגעוואָרפֿן מיט אַלע זיינע פֿיר פֿיס איבערן שטיינערנעם פּאַרקאַן און איז צוגעפֿלויגן מיט אַ פֿריילעכן סקאָוואוטשען צו אַלעקסן, געדרייט זיך פֿאַר אים און געלעקט דאָ איין האַנט און דאָ די אַנדערע און נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפֿן בויך און גלייך זיך איבערגעדרייט אויפֿן רוקן און גענומען מאַכן צו אַלעקסן מיט אַלע זיינע פֿיר לאַפּעס.

דאָס האָט ער געוואָלט, אַז אַלעקס זאָל זיך מיט אים שפּילן, ווי ער האָט זיך מיט אים געשפּילט לעצטן זומער.

אַלעקס האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אַ קיצל געטאָן אים מיט אַ פֿינגער אונטערן האַלז. דער הונט האָט פֿאַר פֿאַרגעניגן אַזש געעפּנט ווייט דעם פּיסק מיט די ווייסע, שפּיציקע ציין, געוואָרפֿן מיטן קאָפּ און גע־דרייט זיך אויפֿן רוקן און געקלאַפּט מיטן עק אָן דר'ערד.

אַלעקס האָט זיך צולאַכט:

— קוק אָן פֿרידאַ, ווי ער פֿרייט זיך דאָס אַביסל מיט מיר!

דזשאָנסאָן האָט זיך באַוויזן. ער איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד מיט אַ ליי־דיקן בלעכענעם עמער.

ער האָט די געסט דערזען, האָט ער זיי נאָך פֿון דערווייטנס באַגריסט מיט אַ פֿריינדלעכן „העלאָ" און געמאַכט צו זיי דערביי מיט אַ האַנט. דערנאָך איז ער אַראָפּגעקראָכן דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן און איז צוגעגאַנגען צו זיי מיטן עמער.

שעפּ האָט אים דערזען, האָט ער זיך צוריק איבערגעדרייט אויפֿן בויך אַריינגענורעט דעם קאָפּ צווישן זיינע פֿאָדערשטע לאַפּעס און געקוקט אויף אים זשמורענדיק מיט די אויגן.

— דאָס ווייז איך מיין שוועסטער די געגנט — האָט אַלעקס זיך אָנ־גערופֿן צו דזשאָנסאָנען.

— נו, געפֿעלט איר? — האָט דזשאָנסאָן אַ פֿרעג געטאָן.

— זייער. וואו איז מיסעס דזשאָנסאָן?

— אַרבעט דאָרט אויפֿן פֿעלד — האָט דער אַלטער פֿאַרמער געענט־פֿערט, אַ קוק געטאָן אויפֿן הונט און זיך אָנגעבייזערט אויף אים. — פֿוילע ביינער דיינע, וואָס ליגסטו דאָ און פֿוילענצסט? גיי, דאָרט זיינען פֿרעמדע קי אויף אונדזער פֿעלד. זיי געהערן ניט צו אונדז. גיי, פֿאַרטרייב זיי אַהין וואו זיי געהערן!

שעפּ איז שוין געשטאַנען אויף די פּיס און האָט אריינגעקוקט זיין באַ־לעבאָס אין די אויגן.

— וואָס שטייסטו? איך האָב דאָך דיר עפּעס געזאָגט! — האָט דזשאָנ־סאָן אַ מאַך געטאָן אויף אים מיטן בלעכענעם עמער, און דער הונט האָט זיך דעמאָלט אַ לאָז געטאָן מיט אַן אימפּעט צום פעלד, איז אַריבערגעשפּרונ־גען דעם שטיינערנעם פּאַרקאַן און באַלד האָט מען דערהערט זיין בילן פון ערגעץ אויפן פעלד.

דזשאָנסאָן האָט אַ לאַך געטאָן:

— ער פאַרשטייט אַלדינג וואָס איך זאָג אים. אַ קלוגער הונט. אָבער ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פוילן. פוילט ער זיך אַמאָל אַפילו צו ברענגען די קי אַהיים.

מלכה האָט אַ צי געטאָן אַלעקסן פאַר אַן אָרעם.

— וואָס זאָגט ער, אַלעקס?

— ער זאָגט, אַז דער הונט איז אַ חכם, נאָר ער האָט זיך גענומען פוילן אויף דער עלטער. פוילט זיך אַמאָל צו ברענגען די קי פון פעלד.

— וואָס הייסט? — האָט מלכה ניט פאַרשטאַנען.

— פּשוט, ער טוט ניט דאָס וואָס מען דאַרף טאָן. די הויפּט עבודה פון אַט דעם סאָרט הונט, איז אַכטונג צו געבן אויף די פי. ער פאַרטרייבט זיי אויף פּאַשע און ברענגט זיי צוריק פון דער פּאַשע. דערפאַר רופט מען דאָך אים „שעפּ‟, פון דעם ענגלישן וואָרט „שעפּאַרד‟, פּאַסטוך.

— אויב אַזוי, איז ער דאָך טאַקע אַ קלוגער הונט — האָט מלכה אַ שמייכל געטאָן.

— אַליין הייסט אַ קלוגער! אַ חכם עתיק! — האָט אַלעקס אַ לאַך גע־טאָן.

דזשאָנסאָן האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערופן:

— דאַק, וועט איר און אייער שוועסטער אפשר פאַרזוכן מיין האָניק?

— אַ דאַנק, מיסטער דזשאָנסאָן. אַן אַנדערש מאָל. מיר האָבן ערשט געגעסן מיטאָג.

— ווי איז עפּעס דאָס געקעכץ פון דער נייער קעכין, דאַק?

— אויסגעצייכנט, מיסטער דזשאָנסאָן. יאָ, זאָגט מיר נאָר, מיסטער דזשאָנסאָן: איז מיסעס עפּשטיין שוין געקומען פון שטאָט?

— אָ, שוין איבער אַ וואָך. איך האָב זי דאָ ניט לאַנג געזען. זי האָט דאָ געשפּאַצירט מיט אירע קינדער.

— איז איר שוועגערין, מיס רובין, שוין אויך דאָ?

— ניין, יענער האָב איך נאָך ניט געזען.

דער אַלטער דזשאָנסאָן האָט אַוועקגעשטעלט דעם בלעכענעם עמער אויף דער ערד, האָט פאַרדרייכערט אַ פּיפּקע און אַ פּיר געטאָן מיט אַ האַנט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ צוקאָרטשעט שטיקל ערד, אַרום זיין מויל און

דערנאָך גערעדט ווייטער מיט א שמייכל:

— אָ, מען ווארט דאָ אויף יענער מיט אומגעדולד. זיי ווילן זען ווי זי באַדט זיך אַ נאַקעטע אין טייך. אָבער דאָס מאָל, מיין איך, וועט מען דאָס איר ניט לאָזן טאָן. דער שעריף וועט איר שוין היטן, און זאָל זי נאָר פּרוּוון, וועט ער זי גלייך ארעסטירן. ער האָט מיר אליין געזאָגט.

— אַ שיין מיידל, מיסטער דזשאָנסאָן, ניין? — האָט אַלעקס גע־שפּאַסט.

— אַ מיידל ווי אַלע. ניט מיט גאָלדענע הערנער. האָט דאָס זעלבע ווי אַלע מיידלעך.

און דער אַלטער דזשאָנסאָן האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קוויטש.

מלכּה האָט אַ פרעג געטאָן ביי אַלעקסן וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט און פון וואָס דער אַלטער האָט געלאַכט.

— מיר ריידן דאָ וועגן איינער אַ מיס רובין, אַן עקסטרעם־מאָדערנע. ווען נאָר און וואו נאָר זי קומט, אַטאַקירט זי די „בורזשואַזיע פּאָראורטיילן" און מאַניפעסטירט איר רעוואָלוציאָנערישקייט. זי וואוינט דאָ ביי אירע אַ שוועסטער, אַ געוויסע מיסעס עפּשטיין, אַ מענטש אינגאַנצן דער היפּוך פון איר. קומט יענע יעדן זומער צו איר צו גאַסט. טומלט זי דעמאָלט דאָ אַ וועלט...

— דהיינו?

— ערשטנס, שינדט זי פּאַסן פון דעם פאַמיליען־לעבן...

— נו, דאָס איז ניט קיין גרויסע נייס — האָט מלכּה באַמערקט.

— צווייטנס, האָט זי ליב מאַנסבילן...

— אויך ניט קיין נייס.

— און כאַפּט זי איינעם, האַלט זי זיך ניט לאַנג מיט אים....

— וואָס מיינסטו?

— פאַרשטייסטו מיך, זי האַלט ניט פון ליבע. און דערמיט וואָס זי בייט כּסדר די מענער, מיינט זי, אַז זי וועט זיך ראַטעווען פון צו פאַר־ליבן זיך אין איינעם.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן :

— אָבער קום. וואָס האָבן מיר זיך דאָ אָוועקגעשטעלט? מיר שטערן דעם אַלטן. איך וועל דיר דערציילן אויפן וועג. קום. מיר וועלן אַ שפּאַציר טאָן צום הויכן באַרג.

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דעם אַלטן פאַרמער:

— גודבאַי, מיסטער דזשאָנסאָן!

— גודבאַי, דאַק!

מלכּה האָט אויך פריינדלעך אַ מאַך געטאָן צו דזשאָנסאָנען מיטן קאָפּ.

דערנאָך איז זי אַוועק מיט אַלעקסן.

זיי זיינען אַוועק צוריק מיטן וועג מיט וועלכן זיי זיינען געקומען צו דזשאַנסאָנס פאַרם, פאַרבייגעגאַנגען זייער קאַטעדזש און האָבן זיך געלאָזט גיין צום וואַלד אונטער דעם הויכן באַרג, וואָס האָט זיך געזען פון דער־ווייטנס.

אַרום איז געווען שטיל און רואיק אַזוי שטיל, אַז דער קלענסטער פּיפּס דער קלענסטער שאָרך פון אַ פויגעלע, וואָס איז דורכגעפלויגן, צי פון אַ וועווערקע, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען פון צווישן די שטיינער, וועלכע זיי־נען דאָרט אַרום וועג געלעגן, און איז אַוועק טאַנצן העפּ־העפּ אַרויף אַ דער־בייאיקן בוים, האָט געשטערט די דאָזיקע שטילקייט, די דאָזיקע רואיקייט.

דער הויכער באַרג אַנטקעגן, איבערן וואַלד, האָט געקוקט פאַר זיך מיט געוואַלדיקער רואיקייט, אַזוי מעכטיק־שטרענג און אַזוי סודות־פול.

אַלעקס איז מיט יעדער מינוט פריילעכער געוואָרן. שוין לאַנג האָט די נאַטור ניט אויסגעזען ביי אים אין די אויגן אַזוי וואונדערלעך שיין, און שוין לאַנג האָט ער זיך ניט געפילט אַזוי לעבנסלוסטיק און אַזוי יינגליש־פריילעך.

און אים איז גאָרניט איינגעפאַלן, אַז אין דעם איז אַ היבש ביסל שול־דיק געווען זיין גרינע ,,שוועסטער" אויך. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ קעסטעלע סיגאַרעטן, פאַררויכערט און באַהאַלטן צוריק דאָס קעסטעלע אין אַ קעשענע.

מלכּה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו אים.

— וואָס? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

— אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אויף איר:

— וואָס וואונדערסטו זיך? — האָט זי אַ שמייכל געטאָן, און געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין.

— כ'מיין, איך האָב דיר פריער קיינמאָל ניט געזען רויכערן...

— אַמאָל, ווען מיר פאַרגלוסט זיך, רויכער איך. איך וויל זיך ניט צו־געוואוינען צו דעם, דערפאַר רויכער איך נאָר זעלטן. זע, אַלעקס, — האָט זי זיך מיט אַמאָל איבערגעשלאָגן.

פון אַ בוים, וואָס זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָט אַרונטערגעקוקט צו זיי אַ וועווערקע. זי איז געשטאַנען דאָרט אויף אַ צווייגל און האָט געדרייט מיט איר פאַרריסענעם, פּוכאָווען עק און געסווישצערט, ווי אַ פויגל. זיי ביידע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. און פּלוצים האָט מלכּה גענומען פּייפן צו דער ווע־ווערקע, געפּאַטשט מיט די הענט און אונטערגעשפּרונגען אויף די פיס אויף אַ שטיפעריש אופן.

— אָט אַזוי־אָ, — האָט אַלעקס פריילעך זיך אָנגערופן — אָט אַזוי וויל איך דיר שטענדיק זען. דערפאַר נאַ דיר אַ סיגאַרעט!

זי האָט פאַררויכערט און זיך צעהוסט.

— נו, וואַרף שוין אַוועק. קענסט ניט און דו דאַרפסט ניט רויכערן.

קאַנטיק ניט קיין מאָדערנע...

— בין איך דווקא אַ מאָדערנע שבמאָדערנע, און איך קאָן יאָ רויכערן, און אויב איך קען ניט, וועל איך זיך אויסלערנען! — האָט זי גערעדט אין אַ שפּילעוודיקן טאָן.

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— טאַקע?

— יאָ, יאָ...

און זי האָט ווידער אַ צי געטאָן דעם סיגאַרעט און זיך ווידער צעהוסט.

— מיס רובין הוסט ניט פון רויכערן אַ סיגאַרעט, און איך גלויב ניט, אַז זי וואָלט זיך צעהוסט, ווען זי וואָלט אַפילו אַ סיגאַר גערויכערט. ניין, פרידאַ, קיין מאָדערנע ביסטו ניט, אויב דאָס רויכערן איז אַ סימן פון מאָדערניזם — האָט אַלעקס געשפּאַסט, גייענדיק ווייטער מיט איר צום וועלדל.

זי האָט אַוועקגעוואָרפן דעם סיגאַרעט און אָפּגעווישט מיט אַ פינגער אַ שטיקל טאַבאַק, וואָס איז פאַרבליבן ביי איר אויף דער צונג, נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— מילא, כ׳וועל שוין מוזן זיין אַ מאָדערנע ניט רויכערנדיק.

ער האָט ווידער אַ לאַך געטאָן:

— אַ מאָדערנע מיידל מיט אַזעלכע צעפּ ווי דיינע?

זי האָט שטיפעריש אַ קוק געטאָן אויף אים.

— דאָס איז אַ קלייניקייט. וועל איך גיין און זיי אַרונטערנעמען.

— ניט דערלעבן זאָל דאָס דער מאָדערניזם!...

— וואָס איז, פאַרוואָס נישט? די בינעזער האָבן דאָך שוין אויך לאַנג אַרונטערגענומען זייערע צעפּ. און דו מיינסט, אַז מיר וואָלט ניט געפּאַסט אַן אָפּגעשאָרענער קאָפּ, ווי ביי אַ יינגל?

— זאָל איך דאָס בעסער ניט זען. עס איז דאָך דערפאַר אַזוי אַנגענעם צו קוקן אויף דיר, ווייל מיט דיינע שיינע, לאַנגע צעפּ זעסטו אויס אַזוי אַנדערש פון די אַלע אַנדערע מיידלעך מיט די אָפּגעשאָרענע קעפּ. זאָג מיר, גייען די פרויען אין רוסלאַנד אויך אַזוי אַרום?

— ווי מיינסטו?

— אָט אַזוי אויף אַ יינגלשן שטייגער געשאָרן?..

— דו פרעגסט אַ נאַאיווע פראַגע, אַלעקס. ביי דער היינטיקער פרוי רוסלאַנד איז דאָס אַזאַ קלייניקייט, אַז דאָס איז ביי איר אינגאַנצן ניט קיין פּראָבלעם. יאָ אָפּגעשאָרן, ניט אָפּגעשאָרן, זיי זיינען דאָרט פאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן. פאַרגעס ניט, אַז די רוסישע פרוי קעמפט דאָרט זייט ביי זייט מיט דעם מאַן פאַר אַ נייער וועלט...

— ווען מען זאָל גלויבן די קענגנער פון סאָוועט רוסלאַנד, האָט מען דאָך די פרויען דאָרט אינגאַנצן נאַציאָנאַליזירט....

— אידיאָטסטווא! — האָט מלכה זיך אַ כאַפּ געטאָן — וואָס טראַכט

מען ניט אויס אויף סאָוועט־רוסלאַנד! אָ, אין דעם זין איז די פֿרוי נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי פֿריי ווי זי איז היינט אין סאָוועט־רוסלאַנד. קיינער און קיין זאַך קענען זי ניט צווינגען צו לעבן, אָדער ניט צו לעבן מיט איין מאַן, אָדער מיט אַן אַנדערן. דאָס איז אַן ענין, וואָס איז דורכאויס נוגע איר אַליין און מער קיינעם ניט.

אַלעקס איז געוואָרן ערנסט. און נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— און ווי קוקסטו אַליין אויף די באַציאונגען צווישן מאַן און פֿרוי, פֿרידאַ?

— ווי איך קוק? איך בין אַ קינד פֿון מיין צייט, אַלעקס, און מיטן געדאַנק בין איך אַלע מאָל געווען אַ רעוואָלוציאָנערקע. איך גלויב, אַז די באַציאונגען צווישן מאַן און פֿרוי דאַרפֿן זיין גאַנץ פֿרייע...

אַלעקס האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער איז געגאַנגען לעבן מלכה'ן און האָט געפּייפֿט פֿאַרטראַכט עפּעס אַ לידל. נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אָנגערופֿן:

— איז דאָס אמת, פֿרידאַ, וואָס איך האָב ניט לאַנג געלייענט, אַז באַלד נאָך דער רעוואָלוציע, האָט אַ וואַקכאַנאַליע פֿון אויסגעלאַסנקייט אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד?

— יאָ, ביי אַ געוויסן טייל פֿון דער יוגנט פֿון ביידע געשלעכטער. דערמיט האָבן זיי געזאָלט אויסדריקן זייער רעוואָלוציאָנערישקייט און זייער פּראָטעסט קעגן דער מאָראַל פֿון דער אַלטער וועלט. איך, און אַנדערע ווי איך, וואָלטן דאָס ניט געקענט טאָן. יענע אָבער האָבן דאָס יאָ געקענט טאָן...

ביי אַלעקסן האָט זיך דער פּנים צעלויכטן, ווען ער האָט דערהערט אירע לעצטע ווערטער. ער האָט געזאָגט:

— איך האַלט עס פֿאַר ווילד.

— דו מיינסט יענע וואַקכאַנאַליעס? אַלצדינג, וואָס איז איבערטריבן, איז ווילד — האָט מלכה באַמערקט — אגב — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן

— דו, אַלעקס, האַלטסט עפּעס אַ סך פֿון דער אַלטער מאָראַל?

— עס ווענדט זיך וואָס דו רופֿסט „אַלטע מאָראַל”. די אַלטע מאָראַל פֿאַרמאָגט אַ סך וואָס איז געזונט און קלוג, און אַ סך וואָס איז נאַריש, אָפּגעלעבט און אומגעזונט. דאַרף מען אָפּטיילן דאָס נאַרישע פֿון דאָס קלוגע און דאָס געזונטע פֿון דאָס אומגעזונטע. אַזוי טו איך.

— למשל? האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף אים.

— למשל? ווען איך זאָל זיך פֿאַרליבן אין אַ מיידל און זאָל וועלן מיט איר חתונה האָבן, וואָלט איך ביי איר ניט געפֿרעגט, צי זי האָט פֿריער געשלאָפֿן מיט אַן אַנדער מאַן. ווען אָבער זי איז מיט מיר, וואָלט איך גאַנץ באַשטימט ניט געוואָלט, אַז זי זאָל האָבן אינם זינען אַן אַנדער מאַן. און נאָך עפּעס: איך האַלט, אַז אין געוויסע פֿאַלן מעגן און דאַרפֿן מיידלעך פֿירן אַ פֿריי געשלעכטלעך לעבן. דאָס איז אַ סך מאָראַלישער און געזינטער, איידער חתונה

צו האָבן מיט אַ מאַן, וואָס מען האָט אים ניט ליב און מיט וועמען מען ווייס אַפריער, אַז מען וועט פירן אַן אומגליקלעך פאַמיליען־לעבן.

מלכה האָט אַ לאַך געטאָן:

— נאָך אַביסעלע וואָלטן מיר געהאַט כמעט די זעלביקע מיינונג.

— נאָך אַביסעלע? וואָס מיינסטו? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר.

— דאָס ביסעלע וואָס איך מיין, באַשטייט אין דעם, אַז ווען עס קומט צו אַט דער פראַגע איז בכלל קיינעמס עסק ניט...

— בין איך אין דעם מיט דיר אויך מסכים, פרידאַ.

— פרייט דאָס מיך, אַלעקס.

זיי זיינען אַריין אין וואַלד. אַ האַלב טונקלקייט האָט זיך דאָרט צעשפרייט. די ביימער האָבן, ווי אין טונקעלער פאַרטראַכטקייט, זיך צו עפּעס צוגעהערט. פון צווישן זייערע שפּיצן האָבן זיך געגנבעט גאָלדענע זונען־שטראַלן. יעדע ווילע האָט אַ פויגל ערגעץ אַ סוויטשער געטאָן און אַמאָל האָט אַ וועווערקע, צי אַ האָז אַ פייף געטאָן. און אויך איצט האָבן זיך קי דאָרט געפּאַשעט, און פון צייט צו צייט האָבן זיך איבערן וואַלד אָפּגעהילכט דאָס קלינג־קלאַנג פון די גלעקלעך, וואָס זיינען ביי זיי אויף די העלדזער געהאַנגען. אויפן וועג האָבן זיך געדרייט פאַרשיידן קאָלירטע מיאַטלעס, איינציקווייז צי פּאָרווייז, ווי לעבעדיקע בלומען...

— ווי גוט דאָ איז, ווי גוט דאָ איז, ווי גוט! — האָט ביי מלכהן זיך אַרויסגעריסן — מען פילט זיך ווי אַ קינד, און מען פאַרגעסט גאָר, אַז ערגעץ...

זי האָט ניט דערהערט און אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון אַלעקסן.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— שוין ווידער?

זי האָט געשוויגן און ניט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און גערעדט ווייטער ווייך, ווי מען רעדט צו אַ קראַנקן, אָדער צו אַן אומגליקלעכן:

— טראַכט ניט דערפון, פרידאַ, פאַרגעס. דו ביסט נאָך יונג, אַ גאַנץ לעבן איז נאָך פאַר דיר. דיין פּאַפּאַ האָט דיך ליב און מיר אַלע האָבן דיך ליב.

זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— יאָ, מיין פּאַפּאַ האָט מיך ליב, זייער און זייער ליב...

און זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס האָסטו אַרונטערגעלאָזט אַזוי אומגליקלעך דעם קאָפּ, ווייל דיין פּאַפּאַ האָט דיך אַזוי ליב? — האָט אַלעקס זיך ווידער אָנגערופן און געגלעט איר האַנט מיט זיינע.

ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— ווי פאַרסמט איך בין, אַלעקס, ווי פאַרסמט! אויף אַ מינוט פאַר־

געם איך זיך און מיט אמאל: אזוי ווי איך וואלט זיך מיט א וואונד אנגע־שלאגן אן עפעס!..

און דא האט זי זיך פלוצים מיט אמאל א כאפ געטאן און געזאגט:

— אבער וואס ביסטו שולדיק? וואס זייט איר אלע שולדיק? אזא אנ־שיקעניש אויף אייערע קעפ! — האט זי נערוועז א לאך געטאן — אבער געטוג. נישט טרוימען, פרוון פארגעסן און לאזן זיך שווימען אין אט דער זון, אין אט דער שיינקייט אריין! אלעקס, דו קאנסט עפעס לויפן? פרוווי מיך כאפן!...

און זי האט זיך אוועקגעטראגן איבערן וואלד, האלטנדיק מיט איין האנט איר קלייד און ארויסווייזנדיק אירע שלאנקע פיס.

אלעקס איז לכתחילה געבליבן שטיין פארוואונדערט. באלד אבער האט ער זיך מיטן גאנצן אימפעט א לאז געטאן נאך איר..

און זי איז געלאפן לייכט און פלינק איבער בושעס און געפאלענע בוי־מער, איז געלאפן און האט געלאכט מיט א העלן, ווארעמען, הילכיקן קול און אלעקס נאך איר, אויך לאכנדיק מיט זיין באריטאן.

נאכדעם, פארביילויפנדיק א לאנקע, האט זי זיך א זעץ געטאן דארטן אויפן הויכן און ווייכן גראז און האט זיך צעלאכט נאך העכער און הילכיקער.

אלעקס האט זיך ראפטאם אפגעשטעלט לעבן איר.

פון לויפן האט ביי מלכה'ן דער פנים געפלאמט און פון אירע הייסע אויגן האט זיך געריסן א שטיפערישע פרייל עכקייט. די דאזיקע שטיפעריש־קייט האט זיך אויך געפילט אין איר הילכיקן געלעכטער. דערביי האט איר בוזים זיך באוועגט ארויף און אראפ אונטער דעם ווייסן סוועטער.

אלעקס האט זיך א וואַרף געטאן אויפן גראז לעבן איר און זיך אנגע־רופן פארסאפעט, מיט לאכנדיקע אויגן:

— איך האב דאך גארניט געוואוסט, אז דו ביסט אזוי פלינק אויף די פיס!

— איא, דו האסט מיך ניט געקענט כאפן?

— איך האב זיך אויף דעם ניט גערעכנט. איך בין ניט געווען צוגעגרייט צו דעם. אז דו ווילסט, קאנען מיר פרוון ווידער און לאמיר זיך וועטן, אז איך וועל דיר אריבעריאגן.

אן אנדערש מאל, אלעקס. זע נאר דארט די ווייסע בלימעלעך!

און זי איז אויפגעשפרונגען און צוגעלאפן צו א בוש ווייסע בלימעלעך און האט ארויסגעריסן עטלעכע פון זיי און איינס אריינגעשטעקט צו אלעקסן אין א לאץ פון זיין רעקל און די איבעריקע צו זיך אין די צעפ. נאכדעם האט זי זיך ווידער אוועקגעזעצט לעבן אלעקסן אויפן גראז. און אין מיטן דערינען האט זי א פרעג געטאן:

— איז זי עפעס א שיינע, יענע?

זי האט דאס געפרעגט אין א טאן, ווי דאס וואלט געווען א פארזעצונג

פון אַ שמועס, וואָס זיי האָבן נאָר וואָס געהאַט, און דערביי האָט זי אים נייגעריק אַריינגעקוקט אין די אויגן.

ער האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט:

— וועגן וועמען רעדסטו?

— איך מיין יענע. מיס רובין, דאַכט זיך?

— אַ, זי? אויב זי איז שיין? ניט מיין געשמאַק!

— יונג?

— ניט אַלט.

— און אַנדערע האַלטן זי פאַר שיין?

— ווי ווער. דערפאַלג האָט זי. מענער פעלן איר קיינמאָל ניט אויס. דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ יידישער האָטעל „פריילעך" (אַזוי הייסט דער האָטעל), קומט אַהינצו אַ געוויסער קלאַס באַהעמער: יידישע פּראָפעסיאָנאַלן געשעפטסלייט, קינסטלער און צייטונגס-שרייבער, — אָט ביי זיי האָט זי דערפאָלג.

— עפּעס אַן אינטעליגענטנער מענטש?

— איך דענק אַזוי. זי אַרבעט אין אַ לאַבאָראַטאָריע. האָט געלערנט כעמיע און ווייס איר זאַך.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז און פאַרלייגט ביידע הענט הינ-טער זיין נאַקן.

— ווי גוט — האָט ער געזאָגט — צו ליגן אַזוי אונטער דער באַר־גיקער זון. ניט אמת, פרידאַ?

זי האָט אים ניט געענטפערט, זי האָט געקוקט פאַר זיך פאַרטראַכט און געצופּט מיט אַ האַנט די גראָז אַרום זיך. נאָכדעם האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— איז יענע אַן אַמעריקאַנערין?

— ווער?

— מיס רובין.

אַלעקס האָט זיך אויפגעזעצט און פאַרוואונדערט זי אָנגעקוקט.

— וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך אויף איר? מיט וואָס האָט זי דיך אַזוי פאַראינטערעסירט?

— איך ווייס ניט. איך פיל אָבער, אַז זי איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש.

— אַ מענטש אַ היינטיקער. אַזעלכע ווי זיי זיינען היינט דאָ אַ סך אַ פּראָדוקט פון אונדזער צייט, פון דער נאָך-מלחמה-צייט. ווי מיר אַלע און קיין אַמעריקע איז זי געקומען, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר עלף, האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט.

— און ווי לאַנג איז זי אין אַמעריקע?

— פערצן יאָר —האָט זי מיר געזאָגט—נו, צופרידן? ווילסט נאָך עפּעס וויסן וועגן איר?

זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דערווייל געַנוג. גייען מיר צוריק?

— דו ווילסט ניט גיין אויפֿן באַרג?

— אַן אַנדערש מאָל. איך בין איצט אַ ביסעלע מיד.

— טאָ לייג זיך אויפֿן גראָז אַזוי ווי איך — האָט ער זיך אויסגעצויגן ווידער אויפֿן רוקן און פֿאַרלייגט די הענט הינטערן נאַקן — און מאַך צו די אויגן און לאָז דער זון דיך גלעטן די באַקן. אָט אַזוי־אָ ווי איך! — האָט ער צוגעמאַכט די אויגן.

— פֿאָלג איך דיך — האָט זי זיך אויך אַ צי געטאָן אויפֿן גראָז מיטן פּנים צו דעם זוניקן הימל און פֿאַרמאַכט אירע אויגן — אוי, גוט! — אַ שאָד אָבער וואָס מיר מאַכן־צו די אויגן פֿאַר אַזאַ שיינקייט, פֿאַר אַזאַ הימל...

— פֿילאָזאָפֿיר ניט און פּאָעטיזיר ניט און טו וואָס איך הייס דיך, אויב דו ביסט מיד.

— אַ באַפֿעל?

— אַן אָרדער פֿון דיין דאָקטאָר. דו פֿאַרגעס נאָר ניט, אַז דו ביסט מיין פּאַציענטקע.

— און מיין ענגלישער לערער אויך.

— דאָס איז פֿון מאָרגן אָן. איך געדענק דאָס.

נאָכדעם האָבן זיי אַ היפּשע צייט געשוויגן, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי ביידע זיינען אַנטשלאָפֿן געוואָרן. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אלעקס ווידער אָנגערופֿן:

— פֿרידאַ, וואָס טוסטו דאָרט?

— איך ליג מיט צוגעמאַכטע אויגן.

— פֿילסט גוט?

— זייער גוט.

— איך וויל דיר עפּעס פֿרעגן. מעג איך?

— וואָס הייסט, דו מעגסט? — האָט זי געעפֿנט די אויגן און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט מיטן פּנים צו אים — פֿרעג!

— ביסטו שוין אַמאָל פֿאַרליבט געווען?

— נישט איינמאָל. אין מיינע לערערס פֿון גימנאַזיע, אין די יינגלעך און אין די בחורים. און עס האָט געטראָפֿן — אין עטלעכע מיטאַמאָל.

— אַזאַ ברייט האַרץ האָסטו?

— אַזוי ווי דו זעסט. פֿון קינדוויַיז אויף, זינט איך געדענק זיך, בין איך אין עמיצן געווען פֿאַרליבט. געבענקט נאָך עמיצן, געטראַכט פֿון עמיצן...

— און ערנסט פֿאַרליבט אין איינעם?

אויף דער פֿראַגע האָט זי אים ניט געענטפֿערט באַלד, און ער האָט געמוזט איבערפֿרעגן.

ערשט דעמאָלט האָט זי אים געענטפערט, אָבער אין אַ גאַנץ אַנדערן טאָן:

יאָ, געווען פאַרליבט ערנסט, זייער ערנסט, אין איינעם...

און זי האָט צוגעלייגט שטיל, גאַנץ שטיל, ווי זי וואָלט גערעדט צו זיך אַליין:

— אין אַ מערדער...

האָט אַלעקס דעמאָלט געעפנט די אויגן, זיך אַרויפגעזעצט און אַ קוק געטאָן אויף איר.

און זי איז געלעגן און געהאַלטן אירע ביידע הענט אויף די אויגן, און ער האָט געזען, ווי זי האָט געביסן די ליפּן.

ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער מער, פרידאַ?

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעהויבן פונם גראָז און שטיל געזאָגט:

— קום, מיר וועלן גיין צוריק!

האָט ער זיך אויך אויפגעהויבן און איז אַוועק מיט איר צוריק צום קאַטעדזש און ביי איר מער קיין זאַך ניט געפרעגט. אָבער זי אַליין האָט אין אַ ווײַלע אַרום זיך אַליין אָנגערופן:

— דו ווייסט גאָר ניט, אַלעקס, וואָס פאַר אַ טיפע וואונד דו האָסט ביי מיר אינעם האַרצן אָנגערירט מיט דיין פראַגע.

— איך? איך האָב דאָס זיכער ניט געמיינט. אויב אַזוי באַדויער איך דאָס זייער און זייער.

— אָבער דו האָסט שוין געפרעגט וועל איך דיר דערציילן.

און זי האָט אים דערציילט וועגן איר ליבע מיט וואַסיאַ זעליאָני, און ווער ער איז געווען, און וואָס עס איז דערנאָך פון אים געוואָרן, און ווי ער האָט חרוב געמאַכט יידישע לעבנס און איר היים און איר לעבן אינגאַנצן...

ביי אַלעקסן זיינען די אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן און ער האָט מיט רחמנות אַרויסגערעדט:

— וויפל דו האָסט דאָס געליטן פרידאַ!

און ער האָט איר גענומען גלעטן איבערן קאָפּ.

— און קיינמאָל וועל איך ניט אויפהערן צו ליידן. אַזוי פיל איך, אַלעקס, באַרואיקט וואָלט איך זיך, אַזוי ווייזט זיך מיר אויס, נאָר דעמאָלט, ווען איך פאַרבלייב אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב אַ מוראַדיקע לײַדנשאַפטלעכע באַדערפעניש נקמה צו נעמען אין אים און אין אַזעלכע ווי ער... שיעור ניט אַ קרענקלעכע באַדערפעניש איז דאָס ביי מיר, וואָס לאָזט מיך ניט רוען. אפשר פאַרשטייסטו מיך ניט, אַלעקס. נאָר יענע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך, וואָלטן דאָס געקאָנט פילן און פאַרשטיין...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן באַוועגט:

— איך פֿאַרשטיי דאָס. און איצט, ווען איך הער דיך, פֿאַרשטיי איך אַפֿילו, ווי אַזוי יידישע טעכטער צווישן זיי אויך טעכטער פֿון רבנים און יידישע מיידלעך פֿון קליינע שטעטלעך, קאָנען געהערן צו דער טשעקאַ און קאָנען מיט זייערע אייגענע הענט דערשיסן קעגנער פֿון די באָלשעוויקעס. אַזאַ זאַך, ווי דערשיסן מיט די אייגענע הענט, צושטעלן צו דער וואַנט מענטשן און... פֿאַר יידישע טעכטער, דאַכט זיך, אַזאַ ווילדע זאַך — ווי קאָנען דאָס יידישע טעכטער? זיי זיינען אָבער צו דעם געטריבן געוואָרן פֿון דער מוראַדיקער פֿאַרצווייפֿלונג און פֿון דעם נקמה־געפֿיל, וואָס די אומ־מענטשלעכע מעשים האָבן ביי זיי אויפֿגעוועקט...

מלכה האָט געמורמלט:

— דו ווייסט גאָר ניט, דו קאָנסט זיך גאָר ניט פֿאַרשטעלן וואָס פֿאַר אַ מעשים!... די ווילדסטע פֿאַנטאַזיע וואָלט עס גאָר ניט געקאָנט אויס־טראַכטן. און פֿאַרגעסן קאָן מען דאָס ניט. מען קאָן ניט. מען קאָן ניט...

— באַרואיק זיך. ס׳פֿאַרדריסט מיר. איך האָב ניט געדאַרפֿט פֿרעגן ביי דיר. איך באַדויער דאָס זייער. און ניט גערעדט מער דערפֿון, קינד!...

און ער האָט איר אַ קוש געטאָן אויפֿן שטערן.

זיי זיינען צוגעקומען צום קאַטעדזש. דוד ראַבינאָוויטש און אסתר זיי־נען נאָך געווען ביי זיך אין צימער. מלכה איז אַוועק אין איר צימער און אַלעקס אין זיינעם.

ניינטער קאַפּיטל

נייע פֿאַרשווינען

אַ שטיק צייט האָט זיך מלכה ניט געקאָנט באַרואיקן — צערודערט פֿונם שמועס מיט אַלעקסן. זי איז געלעגן אויפֿן בעט און זיך דערמאָנט אַלץ מער און מער. און וואָס מער זי האָט זיך דערמאָנט, אַלץ מער האָט זי געפֿילט אַז זי וואָלט אונטער די בעסטע און אַפֿילו די נאָרמאַלסטע אומשטענדן ניט געקאָנט דאָ זיין רואיק און גליקלעך. איר פּלאַץ איז געווען אין רוסלאַנד— און טאַקע שטאַרבן אינם קאַמף מיט די וויים־גוואַרדייער און מיט די אַנדערע וואָס ווילן דאָרט דערטרינקען די רעוואָלוציע אין טייכן יידיש בלוט...

און זי האָט זיך געזען אין דער פֿאַנטאַזיע דאָרט, אין רוסלאַנד; און מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייער זי האָט דאָרט געקעמפֿט. און מיטאַמאָל האָט זי דער־זען פֿאַר זיך וואַסיאַ זעליאַני, און זי איז אויפֿגעציטערט געוואָרן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט איר פֿיסטאָלעט...

און דאָ איז מלכה געקומען צו זיך. ניין, זי איז געווען וויים פֿון דאָרט. זי איז געווען אין אַמעריקע, געלעגן אין אַ שיינעם צימער אויף אַ העלן בעט, וואו עס איז אַזוי רואיק און וואו אַזאַ שיינע זון גיסט וואַרעמע, גאָלדענע כוואַליעס דורך די פֿענסטער אין צימער אַריין.

זי האָט געקלערט: ווען זי קאָן יענעם נאָך אַמאָל טרעפן.. אַפּצורעכענען זיך פאַר איר מאַמען.. פאַר אירע ברידער, שוועסטער.. פאַר אַלעמען, אַלע־מען... פאַר אַלע יידן און פאַר איר אייגענעם לעבן אַליין.. זי וועט אָבער פאָרן צוריק. זאָל נאָר איר טאַטע זיך איינאָרדענען דאָ אַ ביסל.. און זיך אַרויסשלעפּן פון אָט דעם פּלאָנטער, אין וועלכן ער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט צוליב איר... דעמאָלט וועט זי פאָרן צוריק..

זי האָט דערהערט אַלעקס קול, ער האָט צו עמיצן דאָרט גערעדט, און זיין קול האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען זי האָט זיך צוגעהערט אַ ווײַלע. דאָס האָט ער גערעדט צו זיין מאַמען .

וואָס פאַר אַ ליבער און וואָס פאַר אַ האַרציקער ער איז — האָט זי אַרויסגעמורמלט.

און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַמאָל: עס וואָלט איר מער ניט געפעלט, אַז זי זאָל זיך אין אים פאַרליבן!...

און זי האָט צוגעלייגט אין איר געדאַנק:

און ווי אַזוי קאָן מען זיך באַשיצן קעגן דעם?

שפּעטער איז זי אַרונטער פון בעט און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר טאַטן.

אין איר בריוו האָט זי אים גערופן טאַטע און האָט אים געשריבן ווי שיין דער פּלאַץ איז וואו ראַבינאָוויטשעס זומער־וואוינונג האָט זיך געפונען און אַז זי באַדויערט זייער וואָס ער האָט געמוזט דאָרטן פאַרבלייבן אין אַזאַ היץ אין שטאָט און נאָך אַרבעטן אין אַ פאַבריק. זי האָט אים אויך גע־בעטן, אַז ער זאָל ניט זאָרגן וועגן איר. און פאַרענדיקט האָט זי דעם בריוו מיט די ווערטער:

„דיין טאָכטער, וואָס בענקט נאָך דיר, — מלכה".

אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט און אָנגעשריבן אויף אים דעם אדרעס פון אריה־לייב גאָרדאָן, איז זי אַרונטערגעגאַנגען אונטן כדי צו פרעגן ווי אַזוי מען שיקט אַוועק דעם בריוו.

אונטן, אין דעם עס־צימער, האָט זי געטראָפן דוד ראַבינאָוויטשן מיט אסתרן און אַלעקסן. זיי זיינען געזעסן ביים טיש און האָבן געטרונקען טיי.

— קום, טאָכטער, וועסט טרינקען טיי! — האָט ראַבינאָוויטש איר גערופן.

זי האָט זיך געזעצט צום טיש און די דינסט מערי האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז טיי פאַר איר.

— וואָס איז דאָס ביי דיר פאַר אַ בריוו, פרידאַ? האָט דוד ראַבינאָ־וויטש נאָכדעם אַ פרעג געטאָן ביי איר.

מלכה האָט גענומען מישן מיט אַ לעפעלע אין איר גלאָז טיי און אַרונטערגעלאָזט איבער דעם די אויגן.

— אַ בריוו צו אריה־לייב גאָרדאָן. ער איז דאָרט אַליין. ער מוז דאָרט

בענקען. ער וועט באקומען דעם בריוו וועט אים פריילעכער ווערן — האָט זי שטיל געענטפערט קוקנדיק איבער דער גלאָז טיי.

—גערעכט, מיין טאַכטער. דו האָסט אים גערארפט גריסן פון אונדז אַלעמען. אָבער מאַנטיק וועל איך אים סיי-ווי זען.

— ווי אַזוי שיקט מען אָפּ דעם בריוו? — האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן.

ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר זיין האַנט:

— גיב אַהער. איך פאָר אין ווילעדזש, וועל איך אים אָפּשיקן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַלעקס אוועקגעפאָרן אין ראַבינאָוויטשעס אויטאָמאָביל איינער אַליין, און דעם שאָפער, אונדי איבעריקע מיט מלכהן זיינען אַרויף אויף דעם קליין בערגל קעגן קאַטעדזש און האָבן זיך געזעצט דאָרט אויפן גראָז.

דוד ראַבינאָוויטש האָט אַרויסגעבראַכט אַ בוך צו לייענען און עס געהאַלטן אין אַ האַנט.

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אין דער קלאָרער לופט אַ געזאַנג פון פון אַ ווייבערישן קול.

אַ וואַרעמע, ברוסטיקע אַלטאַ־שטים האָט דאָרט ערגעץ געזונגען אַ רוסיש ליד, איינס פון די בייסטע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביי די באַלשעוויקעס.

מלכה האָט פאַרריסן דעם קאָפּ און זיך צוגעהערט אַ פאַרוואונדערטע. זי האָט אָט דאָס ליד געקענט.

— ווער זינגט עס? האָט זי געפרעגט.

אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט צעשמייכלטע אויגן:

— דאַכט זיך, אַז דאָס איז מיס רובין. זי איז שוין דאָ און מוז דאָ ערגעץ שפּאַצירן.

— און אפשר איז דאָס אימיצער פון דעם האָטעל „פריילעך" — האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך אָנגערופן. — און אויב דאָס איז מיס רובין וועל איך האָבן מיט וועמען צו דעבאַטירן.

— דו מיינסט אַרומקריגן זיך, דוד?

ער האָט אַ לאַך געטאָן:

— זי קריגט זיך דאָך מיט מיר. נישקשה, ווען איך וואָלט געווען יינגער וואָלט זי זיך מיט מיר ניט געקריגט.

אסתר האָט זיך אַ קער געטאָן צו מלכה'ן מיט לאַכעדיקע אויגן און געזאָגט:

— דיין פּאַפּאַ וויל אַרויספירן אַ שיינע מיידל אויפן גלייכן וועג. איז ווען זיי טרעפן זיך האַלט ער זי אין איין מוסרן און זי לאַכט זיך אויס פון אים. איך טענה צו אים: „וואָס גייט דיר אָן איר מאָראַל?" ער אָבער טוט זיך זיינס.

דוד ראַבינאָוויטש איז געוואָרן ערנסט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— און איך זאָג דיר, אַז מיר טוט ווי ווען איך זע ווי אַ מיידל, אַזאַ פּייאיקע און אַזאַ אינטעליגענטע, און אַזאַ שיינע, פירט זיך אויף אַזוי. און כ'זאָג דיר דעם אמת: איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך דאָ טרעפן מיט פרידאַן.

מלכה האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— מיך קאָן זי שוין ניט איבערפירן. איך בין אַן איבערגעפירטע.

— דו ביזט שוין גאָר ניט קיין איבערגעפירטע, מיין טאָכטער. הלואי אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

דער געזאַנג האָט אויפגעהערט. פון ערגעץ האָבן זיך דערהערט מאָנ־סבילישע שטימען.

— איך גלויב, אַז דאָס איז ניט מיס רובין. גיכער איז עס אימיצער פון האָטעל „פריילעך" — האָט אסתר געזאָגט. — אפשר זאָלן מיר צוגיין אַהין אויפדערנאָכט?

און זי האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צו מלכהן:

— אין יענעם האָטעל, אַ מייל פון דאַנען, טרעפט מען אַמאָל אינטע־רעסאַנטע מענטשן, און דאָרט איז טאַקע פריילעך אויך. מיר טאַנצן דאָרט אַמאָל אין דער קאַסינאָ.

דוד ראַבינאָוויטש האָט באַמערקט:

— מיר וועלן גיין אַהין מאָרגן. פרידאַ איז היינט צופיל מיד. בעסער אַז זי זאָל גיין היינט פרי שלאָפן.

פרידאַ האָט שטיל באַמערקט:

— אויב מען טאַנצט דאָרט, וועל איך אַהין ניט גיין.

— נו, ווערסטו ניט טאַנצן — האָט אסתר געזאָגט.

דערוויייל האָט דוד ראַבינאָוויטש געעפנט דאָס בוך וואָס ער האָט גע־האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיך פון הויז און גענומען אים לייענען. און באַלד האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט התפעלות:

— הער נאָר, הער, פרידאַ, ווי שיין און וואָס פאַר אַ גרויסער דיכטער ביאַליק איז!

און ער האָט פאַרגעלייענט אויפן קול אַ העברעאיש ליד פון ביאַליקן.

זי האָט זיך אָנגערופן:

— יאָ, אַ שיין ליד. איך קען עס. ניט איינמאָל האָב איך עס פאַר־געלייענט אויף פאַרזאַמלונגען.

און זי האָט גענומען לייענען אויף אויסווייניק יענעם ליד און דוד ראַבינאָוויטש האָט מיט אַ צעלויכטענעם פנים און ווינקענדיק מיט די אויגן צו אסתרן, זיך צוגעהערט צו דעם ווי אַזוי זי האָט עס געלייענט, האָט גע־ריבן בשעת דעם די הענט פאַר נחת און האָט געאוויקעט פאַר מתיקות און ווען זי האָט געענדיקט איז ער טיף גערירט געוואָרן און אין די אויגן ביי

אים זיינען געשטאַנען טרערן, און זיין רונדער, ריין־ראַזירטער פּנים האָט אינגאַנצן געפלאַמט און געשמייכלט.

— טאָכטער, קיין ווערטער האָב איך גאָר ניט! טאָכטער, דאָס איז אַזוי, אַזוי... פּערל שיטן זיך פון דיין מויל, און גאָר! — האָט ער גע־מורמלט.

אסתר האָט אַפּלאָדירט. דערביי אָבער האָט זי אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט:

— עס איז גוט, טייער. פאַר מיר אָבער איז עס, לײַדער טערקיש, קיין איין וואָרט פאַרשטיי איך ניט העברעאיש.

נאָכדעם איז אַלעקס געקומען צוריק פון ווילעדזש און האָט זיי דער־ציילט, אַז ער האָט געטראָפן אויפן וועג מיסעס עפּשטיין און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט היינט אויפדערנאַכט קומען צו זיי, אַליין אָדער מיט איר שוועסטער מיס רובין.

אסתר האָט זיך צעלאַכט.

— אויב זי וועט קומען מיט איר שוועסטער וועט שוין היינט זיין ביי אונדז פריילעך...

*

מיסעס עפּשטיין, וואָס האָט געזאָלט יענעם אָוונט קומען צו גאַסט צו זיי, איז געווען אסתרס אַ לאַנדספרוי און אַ ווייטע קרובה. פאַר די לעצטע פינף יאָר איז זי מיט אירע צוויי קינדער געקומען צו דעם זעלבן פאַרמער אין אַט דער געגנט צו פאַרברענגען דעם זומער.

איר מאַן, זעליג עפּשטיין איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער כּלל־טוער, דאָס הייסט זיין גאַנצע חיונה האָט ער געצויגן פון כּלל־טועריי. מען האָט אים געזען אויף אַלע מיטינגען און אויף אַלע פאַרזאַמלונגען וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט מיט קהלשע ענינים. און אומעטום האָט ער גענומען דאָס וואָרט. האָט גערעדט, געקאָכט זיך, און אַז עס האָט געטראָפן אַ ייִדישער אומגליק האָט ער אויך געוויינט און געמאַכט אַנדערע צו וויינען דורך זיין געוויין. און האָט מען אויסגעוויילט אויף אַזאַ מיטינג אַ קאָמיסיע צי אַ דע־לעגאַציע צו גיין צו אימיצן, צו ריידן מיט אימיצן און בכלל צו אַרבעטן איז ער געווען איינער פון די אויסגעוויילטע.

און אַלע מאָל האָט ער געאַרבעט טיכטיקער איידער די אַנדערע ביי אַזעלכע געלעגנהייטן, מחמת דעם האָט ער שטענדיק געהאַט אַ קהלשע שטעלע און געהאַט פּרנסה. אַזוי איז ער אַ פּאָר יאָר געווען סעקרעטאַר פון איין פאַראיין, פון אַן אַנדערן און אין דער צייט פון דער מלחמה איז ער געווען אַ פאַרשטייער פון דער „דזשואיש וועלפער באָרד'', איז ארומגעגאַנ־גען אָנגעטאָן מעשה אַמעריקאַנער אָפיצער און האָט טיכטיק געאַרבעט צווישן די ייִדיש־אַמעריקאַנישע סאָלדאַטן. איצט איז ער געווען אין פּוילן, געשיקט פון דעם „פּיפּעלס רעליף'' אַהין, צו העלפן די קרבנות פון די

פּאָגראָמען.

צווישן די פּראָפעסיאָנעלע כּלל־טוער זיינען שטענדיק פאַראַן גענוג פּאַראַזיטן, מענטשן וואָס לעבן אויף די צרות און די אומגליקן פון אַנדערע, ווי געוויסע אינזעקטן אויף אייטערדיקע וואונדן. ביי אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע כּלל־טוער זיינען די ליידן פון אַנדערע אַ געשעפט, אַ קוואַל פון פּרנסה. אָבער ער, זעליג עפּשטיין, איז ניט געווען איינער פון זיי. ער האָט געאַרבעט לשמה. אים זיינען דוקא אָנגעגאַנגען די יידישע צרות. ער האָט געוויטיקט פאַר זיי און וואָלט נאָך צען מאָל מער געאַרבעט כּדי אויפצוטאָן וואָס מער פאַר די געליטענע.

ער איז געווען ערלעך און אויפריכטיק, אַזוי האָט ער געמיינט און אַזוי האָט זיין ווייב געמיינט, און אַזוי האָבן געמיינט די מערסטע וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים. הגם, זייענדיק אַ פּראָפעסיאָנעלער כּלל־טוער, האָט ער געמוזט זיין אַמאָל ניט אויפריכטיק מיט אַנדערע, האָט געמוזט האַנדלען אַמאָל ווי אַ כיטרער פּאָליטיקער.

זיין ווייב חנה, מיסעס עפּשטיין, הייסט עס, איז שטאָלץ געווען מיט אים. זי האָט געהאַלטן, אַז ער איז מקריב זיין לעבן פאַרן יידישן פאָלק.

סיי זי און סיי איר מאַן זיינען געווען אינטעליגענטע מענטשן מיט אַ געוויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן אַמאָל באַלאַנגט אין רוסלאַנד צום „בונד", און מיט צוועלף יאָר צוריק, ווען זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, זיינען זיי באַלד צוגעשטאַנען צו דער היגער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די ערשטע פאַר יאָר האָט חנה דאָ געאַרבעט ביי פרויען - קליידער. זי האָט אָנגעפירט שטרייקן אין די שעפּער, באַזוכט יידישע סאָציאַליסטישע מיטינגען, אויף וועלכע זי האָט שטענדיק שאַרף קריטיקירט די היגע יידישע סאָציאַליסטישע פירער און זייער פּרעסע. אַליין געלייענט און פאַר אַנדערע געלייענט די בעסערע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור (זי איז געווען אַ הייסע „יידישיסטקע", איינע פון די ערשטע אין יענער צייט) און זי האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין אונטערנעמונג וואָס האָט אַ שייכות געהאַט צו דער יידישער ליטעראַטור און יידישע שרייבער.

און האָט זי זיך אָנגעשטויסן אַמאָל אויף אימיצן, וואָס האָט אין אַ שמועס מיט איר אַוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט די ווערק פון יידישע שרייבער, האָט זי זיך געפילט ווי מען וואָלט זי אַליין בלוטיק באַליידיקט.

— איר זאָגט דאָך עס נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען יידישע שרייבער און ווייל זיי שרייבן אויף יידיש — איז זי יענעם באַפאַלן מיט היץ. — אַזאַ שיינע טבע האָבן שוין אונדזערע יידן: וויבאַלד אַ יידישער שרייבער און ער שרייבט אויף יידיש, איז דאָס גאָרנישט מיט גאָרנישט! אַ שמירער אָן אַ פונק טאַלאַנט איז ביי אייך באַרימט נאָר דערפאַר, ווייל ער שמירט אין אַן אַנדער שפּראַך. און ווען אַזאַ רעדט איר מיט גרויס דרך־ארץ. און אַז

אמתן טאַלאַנט, ווײַבאַלד אַז ער שרײַבט אויף ייִדיש, פּטרט איר אָפּ מיט אַ שפּאַטיש שמייכעלע. מיינט איר דאָך, אַז דערמיט ווייזט איר אַרויס ווי גרויס אײַער אינטעליגענץ איז. זאָג איך אײַך, אַז איר האָט אַ טעות. דווקא פאַרקערט; איר ווייזט דערמיט אַרויס פּונקט דעם היפּך פון אמתער אינטע־ליגענץ....

און געענדיקט האָט זי אַלע מאָל מיט די ווערטער:

— קומט, אדרבה, צו מיר אַהיים. איך וועל פאַר אײַך פאַרלייענען זאַכן פון ייִדישע שרײַבער, וואָס זײַ וואָלטן געווען אַ שטאָלץ אין יעדער אַנ־דערער ליטעראַטור.

מיט אַזאַ ליבע האָט זי זיך אויך באַצויגן צו דער בעסערער דראַמע אין דעם ייִדישן טעאַטער און צו דעם בעסערן ייִדישן אַקטיאָר.

זי האָט געהאַט צוויי קינדער, ביידע ייִנגלעך, האָט זי זיי געשיקט אין אַ ייִדישער שולע און גערעדט מיט זיי ייִדיש. און דעם קלענערן האָט זי שטענדיק געלייענט קינדערשע מעשהלעך פון אַ ייִדישן ביכל.

אויף די ערשטע מיטינגען פון דעם „פּיפּעלס רעליף" האָט זי אַ סך געאַרבעט, און ווי אַנדערע ייִדישע מענער און פרויען האָט זי אַוועק־געגעבן דאָס איינציקע שטיקל צירונג וואָס זי האָט פאַרמאָגט — אַ גאָלדן זייגערל — פאַר אָט דער אָרגאַניזאַציע. און אַ חוץ דעם איז זי מיט נאָך אַנדערע ייִדישע פרויען נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען צווישן באַקאַנטע און גע־קליבן געלט פאַר דעם „פּיפּעלס רעליף".

זי איז נאָך באַזונדערס געטראָפן געוואָרן פון די פּאָגראָמען, מחמת סײַ זי און סײַ איר מאַן זײַנען געקומען פון אוקראַינע און זיי האָבן דאָרטן גע־האַט נאָענטע קרובים.

זי און אסתר האָבן זיך איינע די אַנדערע ליב געהאַט. הגם אָפּט האָט חנה זיך מיט איר אַרומגעקריגט פאַרוואָס זי, אסתר, אינטערעסירט זיך ניט געגנוג מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און מיט דער ייִדישער שפּראַך.

געקומען איז מרס. עפּשטיין צו יענעם אָוונט אַ זייגער ניין און זי האָט זיך צוקושט מיט אסתרן און האַרציק באַגריסט דוד ראַבינאָוויטשן. מלכה און אַלעקס זײַנען אין הויז ניט געווען.

אַ פרוי אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק האָט זי אויסגעזען. אַ הויכע אַ דיקלעכע, מיט אַ פולן, רונדן פּנים, שמייכלענדיקע ליפּן, מיט אַ קליין פאַר־ריסן נעזל, בלויע אויגן און בלאָנדע האָר. קיינער וואָלט ניט געזאָגט, אַז זי איז געווען אַ ייִדישע פרוי. זי האָט אויסגעזען אינגאַנצן ווי אַ סקאַנדי־נאַווערין אָדער מען וואָלט הײַנט געזאָגט אין היטלערס מדינה, ווי אַן „אַריערין".

— נו, וואו איז עפּעס אײַער גאַסט? — האָט זי געפרעגט מיט אַן אָנגעגנעמען קול.

— אַוועק שפּאַצירן מיט אַלעקסן — האָט אסתר געענטפערט און גע־

שמייכלט פריינטלעך.
— עפעס א היפשע טאָכטער?
— א גאָלד! — האָט זיך א כאַפּ געטאָן דוד ראַבינאָוויטש מיט פרייד. — איינמאָל א טאָכטער!
— אַלעקס האָט מיר דערציילט. ער אויך האָלט פון איר זייער.
— מען מוז פון איר האַלטן, חנה — האָט אסתר זיך אריינגעמישט, — זעלטן געבילדעט און שיין אויך. איך וועט דיך, אז אין עטלעכע חדשים ארום וועט זי קאָנען ענגליש אפשר בעסער פון אונדז ביידן.
— און וועט מסתמא פארגעסן יידיש — האָט מיסעס עפּשטיין באַמערקט מיט א שפּאָטישן שמייכל.
— זי וועט נישט פארגעסן. זי האָט א גוטן זכרון. זי קאָן העברעאיש אויך, מיין טאָכטער — האָט דוד ראַבינאָוויטש געזאָגט.
דערנאָך, אז זיי אַלע האָבן זיך געזעצט, האָט ער זיך אָנגערופן צו מרס. עפּשטיין:
— וואָס שרייבט דיר דיין מאַן, חנה?
— וואָס ער שרייבט? מוראדיקע זאַכן שרייבט ער וועגן דער לאַגע פון פּאָגראָמירטע יידן. מיר טוען נישט גענוג פאַר זיי.
— וואָס הייסט מיר טוען נישט גענוג פאַר זיי? — האָט דוד ראַבינאָוויטש געפרעגט.
— מער עפּנטלעכע פּראָטעסטן מוזן מיר האָבן און מער געבן. געבן געבן און געבן און געבן! דאָס לעצטע מוזן מיר אָפּגעבן! זיי קומען דאָרט אום, אונדזערע יידן. זיי גייען דאָרט אונטער. גוואַלד, פארוואָס שווייגט מען?
— האָט זי גערעדט מיט וויטאָק.
— מיר טוען דאָ אַלץ וואָס מיר קאָנען — האָט דוד ראַבינאָוויטש געענטפערט פארטראַכט און אויפגעהויבן זיך פון אָרט, און מיט פארלייגטע הענט אהינטערן רוקן האָט ער גענומען שפּרייזן איבערן צימער אהין און צוריק. — נאָך מער ווי מיר קאָנען. איך קען יידן וואָס גיבן אוועק זייערע לעצטע פּענים פאַרן „פּיפּעלס רעליף“.
מיסעס עפּשטיין האָט זיך א כאַפּ געטאָן:
— יאָ, איך קען אויך אַזעלכע. די אָרימע לייט גיבן גענוג. אַנדערע פון זיי מער ווי זיי קאָנען! גיבן אָבער די רייכע אויך גענוג?
— מען גיט, מען גיט, מען גיט! אַלע גיבן, אַלע, אַלע! מיליאָנען, צענדליקער מיליאָנען! און מען וועט געבן נאָך און נאָך! מען קאָן נישט באַשולדיקן די אַמעריקאַנער יידן. ניין, נישט דאָס מאָל! — האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך צעוואָרימט.
— און איך זאָג, אַז נישט גענוג — האָט מיסעס עפּשטיין געזאָגט פאַרעקשנט. — איך האָב באַקומען נעכטן א בריוו פון מיין מאַן. ער איז איצטער דאָרט אין א שטעטל ביים פּוילישן גרעניץ, שרייבט ער מיר פון דאָרט

א בריוו. זאג איך אייך, ווען איך האב אים געליענט הלמאי איך גיב אוים געלט אויף „קאנטרי", ווען מיט דעם געלט וואלט איך אפשר געקאנט ראַ־טעווען א צענדליק יידישע נפשות פון הונגערטויט. אך, עס גייט ניט איין דאָס לעבן ווען מען טראַכט דערפון.

פון גאנעק האבן זיך דערהערט די שטימען פון מלכהן און אלעקסן. דוד ראבינאוויטש האט זיך א כאפּ געטאן:

— ש־ש! ניט גערעדט מער דערפון... חלילה וחס... קיין איין וואָרט ניט... מיין פרידא קומט... ניט אויפרייסן איר די וואונדן! קוים וואָס זי הויבט אָן צו פארגעסן...

מלכה מיט אלעקסן זיינען אריינגעקומען.

דוד ראבינאוויטש האט פארגעשטעלט מלכהן פאר מיסעס עפּשטיין און זיי האבן זיך פריינדלעך באגריסט.

מיסעס עפּשטיין האט באמערקט:

— א חנעוודיקע טאָכטער האט איר מיסטער ראבינאוויטש.

— טשארמינג! — האט אונטערגעכאפט אלעקס.

— און אַז מען זאָגט עס אויף יידיש לוינט עס אייך ניט, דאָק־טאָר? — האט מיסעס עפּשטיין זיך אָנגערופן מיט א לייכטן שפּאָט.

— איז „טשארמינג" ניט חנעוודיק? ווי חנעוודיקער זאָגט אַליין, מיסעס עפּשטיין? — האט אלעקס גוטמוטיק א לאַך געטאָן.

— ניין, ניט ביי מיר, דאָקטאָר. דעם ענגלישן וואָרט „טשארמינג" פעלט דער יידישער חן.

— זאָל זיין אזוי ווי איר זאָגט, אייער שוועסטער איז גאָר ניט גע־קומען מיט אייך?

— ניין. זי איז אוועק אין האָטעל „פריילעך". איר האט זיך פאר־גלוסט טאנצן — האט מיסעס עפּשטיין געענטפערט און זיך א קער געטאָן צו מלכהן: — ווי געפעלט אייך עפּעס אמעריקע, מיס ראבינאוויטש?

מלכה האט זיך א כאפּ געטאָן:

— אָ, איר מיינט מיך? ווי מיר געפעלט אמעריקע? די אמעריקע וואָס איך האָב דערקענט געפעלט מיר זייער.

שפּעטער, ווען זיי האבן געטרונקען טיי זיינען אָנגעקומען נייע געסט. דאָס זיינען געווען זייערע זומער־שכנים, וואָס האבן געוואוינט אין א קאטעדזש ארום א מייל פון זיי, מיסטער און מיסעס דובאווסקי מיט זייע־טאָכטער רושין.

מיסטער דובאווסקי, זיין ווייב האט אים גערופן איזי, א קליינינקער און א מאגערער, מיט א שמאָלער ברוסט און שמאָלע אקסלען, אָנגעטאָן אינגאנצן אין ווייסן און אָן א הוט, איז אריינגעקומען מיט א ליארם. דער פנים זיינער א טונקעלער, מיט איינגעצויגענע באקן און מיט שווארצע פאסן אונטער די אויגן, האט אינגאנצן געשמייכלט און אין איין האנט האט ער

געהאלטן צווישן זיינע פינגער א גרויסן, גראָבן סיגאַר, וואָס האָט זיך געדרויערט. ער האָט געריידט האַסטיק און זיך באַוועגט פלינק. ער האָט געזאָלט זיין אַ מאַן אין די פערציקער, הגם ער האָט אויסגעזען אַ סך יינגער.

ער איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט פון פרויען - קליידער און האָט זיך מיט קיין זאַך ניט פאַראינטערעסירט אַ חוץ מיט זיין געשעפט און זיין פינאָקל. צו דוד ראַבינאָוויטשן איז ער געקומען גאַנץ אָפט, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן מיט אים אין פינאָקל; ליב געהאַט דערפאַר, ווייל ראַבינאָוויטש האָט שטענדיק פאַרשפּילט, און דערפאַר נאָך איז ער געקומען צו ראַבינאָוויטשן, מחמת ער האָט געהאַט אַ טאָכטער און ראַבינאָוויטש אַ זון אַ דאָקטאָר....

זיין ווייב — דאַרלינג ענן האָט ער זי גערופן — איז פּונקט דער היפּוך פון אים סיי אין אויסזען און סיי אין כאַראַקטער. זי איז געווען אַ הויכע און אַ דיקע, מיט אַ ווייסן, געצערטלטן פּנים און מיט פעך-שוואַרצע, אַביסל צוגעפאַרבעטע האָר, און מיט יונגע, קאַרע אויגן.

מיט איר מאַנס געשעפט האָט זי זיך ווייניק - וואָס אינטערעסירט, האָט ליב געהאַט צו גיין אין טעאַטער און צו קאָנצערטן און האָט געלייענט ביכער פון לייכטן זשאַנר. זי איז אויך געגאַנגען צו „פּאַרטיס", האָט ליב געהאַט צו שפּילן אין „פּאָקער" און האָט זיך, בכלל, געיאָגט נאָך פאַרגעניגנס.

דזשין, די טאָכטער, איז געווען אַ דורכשניטלעכע יידיש-אַמעריקאַנער מיידל, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז פון אויפגעקומענע האַלב-אַמעריקאַניזירטע יידישע עלטערן, פריערדיקע אימיגראַנטן.

זי איז געווען אַזוי הויך ווי איר מאַמע, אָבער אַזוי דין ווי איר פאָטער, מיט לאַנגע הענט און פיס און מיט אַ לאַנגן, פאַרשפּיצן פּנים. נאָר די האָר ביי איר, קורץ-געשאָרענע ווי ביי אַ יינגל, זיינען געווען פעך-שוואַרץ און האָבן געגלאַנצט ווי ביי איר מאַמען. אויך האָט זי געהאַט איר מאַמעס קאַרע און לעבעדיקע אויגן. זי האָט געהאַט אַ דיפּלאָם פון האַנטער-קאָלעדזש.

מיר האָבן געהערט, אַז איר זייט שוין דאָ, זיינען מיר געקומען — האָט מיסטער דובאָווסקי געליאַרעמט. — מיר זיינען נייגעריק צו זען אייער אייראָפּייאישע טאָכטער.

און סיי ער און סיי זיין ווייב און סיי זייער טאָכטער האָבן געגעבן קאָמפּלימענטן מלכהן ווען מען האָט זי פאַר זיי פאַרגעשטעלט. דערביי האָבן זיי אַלע גערעדט צו איר ענגליש, און זי, פאַרשטייט זיך, האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן צו איר גערעדט. זי האָט נאָר געקוקט אויף זיי און געשמייכלט מיט איר חנעוודיקן שמייכל.

האָט מיסעס עפּשטיין זיך דערמאָנט פּלוצלונג אָנגערופן צו דער מיסעס דובאָווסקי, וואָס זי האָט גערעדט ענגליש שלעכט און מיט אַ שלעכטן אַקצענט:

— מיסעס דובאָווסקי, פאַרוואָס רעדט איר צו איר ענגליש? זי פאַר־

שטייט דאָך אייך ניט. פאַרוואָס רעדט איר ניט צו איר יידיש און פאַרוואָס רעדט ניט אייער טאָכטער צו איר יידיש?

— מיין טאָכטער קען ניטריידן קיין יידיש.

— פאַרוואָס קאָן זי ניט?

— אויף וואָס דאַרף זי דאָס? — האָט מיסעס דובאָווסקי געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— אויף וואָס זי דאַרף דאָס? אויף וואָס זי דאַרף דאָס? אויף צו ריידן, כדי צו קאָנען ריידן די אייגענע שפּראַך און כדי צו לייענען גוטע יידישע ביכער.

מיסטער דובאָווסקי האָט אַ ציִ געטאָן זיין סיגאַר און זיך צעלאַכט:

— אַהאַ, שוין אַ יאָר ניט געהערט אָט די רייד פון מיסעס עפּשטיין! און איך האָב געמיינט, אַז איר זייט שוין קליגער געוואָרן. פאַר גאַרד'ס סייק, יידישער ביכער לייענען ווען עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל ענגלישע און טויזנט מאָל בעסערע ביכער!

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט מיסעס עפּשטיין זיך אָנ־גערופן רואיק און מיט אַ שמייכל. — פון וואַנען ווייסט איר, אַז יענע ביכער זיינען טויזנט מאָל בעסערע ביכער ווען און אפילו אַזוי, טאָר ווער זאָל לייענען די גוטע יידישע ביכער, אויב ניט די יידישע קינדער?

אסתר האָט פאַר'גנבעט אַ ציִ געטאָן מיט דובאָווסקין פאַר אַן אָרעם און ארויסגעפּליסטערט:

— זאָגט, אַז זי איז גערעכט. יידיש און יידישע ביכער זיינען איר קראַנקייט...

האָט מיסעס דובאָווסקי זיך באַלד אַ כאַפּ געטאָן:

— דעם אמת געזאָגט, מיסעס עפּשטיין, בין איך זיך מודה, אַז איר זייט גערעכט. עס איז טאַקע אַן עוולה פאַרוואָס מיר לערנען ניט אונדזערע קינדער קיין יידיש.

איר מאַן האָט זיך צעליאַרעמט:

— באָש! באָש! יידיש! זשאַרגאָן! ווער דאַרף עס? סיידן אַלטע פּעדלער אויף העסטער סטריט! היר איז ע סיגאַר, מיסטער ראַבינאָוויטש!

— האָט ער דערלאַנגט ראַבינאָוויטשן איינעם פון זיינע לאַנגע, שוואַרצע האַוואַנאַ סיגאַרן און אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אים אוועקגע־שלעפּט צום אָפענעם פענסטער אין דעם אַנדער עק צימער און זיי האָבן זיך ביידע אוועקגעזעצט.

מיסעס עפּשטיין האָט אים נאָכגעשריען:

— און מיינע קינדער וועלן יאָ קענען יידיש. און פון מיין שלעכטן ענגליש וועלן זיי אויך ניט לאַכן ביי מיר אין הויז!

— פאַרוואָס זאָלן זיי עפּעס לאַכן פון אייער ענגליש? — האָט מי־סעס דובאָווסקי איר געגעבן אַ קאָמפּלימענט. — אייער ענגליש איז פּער־

פעקט.

— מיסעס עפשטיין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מאָלט זיך אויס, אַז עס פעלט אַביסל צו פּערפעקט. אָבער לגבי אייער ענגליש איז מיינער איי נאָמבער וואַן. און איר זייט ניט קיין אויס־נאַם. איך קען אַנדערע רייכע יידענעס פון פלאַטבוש און בראָנקס, וואָס אין זייערע הייזער קום איך אַמאָל אַריין. יענטעס, אַז נאָר גאָט אַליין זאָל זיך מרחם זיין, און ווילן דווקא ווייזן, אַז זיי זיינען אינטעליגענטע לײדיס. איז יידיש קיין וואָרט ניט, נאָר דווקא ענגליש. איר האָט גע־דאַרפט הערן אַ מין ענ-גע-ליש! און איר האָט געדאַרפט זען ווי זייערע אַמעריקאַנער קינדער לאַכן פון זיי און שעמען זיך מיט זיי! טענה איך אַמאָל צו די דאָזיקע יידענעס: „גוואַלד, נאַרישע ווייבער וואָס איר זייט! איר רעדט דאָך אַזאַ גוטן, זאַפטיקן יידיש, וואָס איר האָט געבראַכט מיט זיך פון אייער קליין שטעטל, טאָ פאַרוואָס באַנוצט איר זיך ניט מיט אים ווען איר רעדט מיט אייערע קינדער? הלמאַי ווייזט איר זיי וואָס איר קענט ניט. ווייזט זיי בעסער וואָס איר קענט יאָ. לאַכט איר בעסע' פון זייער שלעכטן יידיש, איידער זיי, אייערע קינדער, זאָלן לאַכן פון אייער שלעכטן ענגליש". פאַרשטייען זיי דאָס ניט, די דאָזיקע יידענעס פון פלאַטבוש און פון בראָנקס.

ביי מיסעס דובאָווסקין האָט דער פּנים געפלאַמט. זי האָט זיך גע־פילט שטאַרק געטראָפן פון מיסעס עפשטיינס טאָן און פון אירע ווערטער, בפרט נאָך ווען זי האָט געוואוסט, אַז גאָר אומגערעכט איז מיסעס עפ־שטיין ניט: האָבן אירע אייגענע קינדער ניט אָפט געלאַכט פון איר ענגליש?

זי האָט אָבער געשוויגן און געצוואונגען געשמייכלט.

אַלעקס האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון מיסעס עפשטיין. איבערהויפט דער־פון וואָס זי האָט פאַרגעבן אַ גאָב דער מיסעס דובאָווסקי און אירס גלייכן; מחמת ער אַליין האָט זיי אויך פיינט געהאַט. און מלכּה האָט זיך אָנגע־רופן צו אים אין דער שטיל:

— זי געפעלט מיר. אַן אינטערעסאַנטער מענטש.

און אסתּר האָט ביי זיך געטראַכט:

„אוי וויי, וואָס טוט מען? ווי פאַרגלעט מען דאָס?"

און זי האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערופן:

— אָבער וואָס ווילסטו פון מיסעס דובאָווסקי? וואָס איז זי שולדיק?

מיסעס עפשטיין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— איך זאָג דען, אַז זי איז שולדיק? חלילה וחס! איך רייד סתם אַזוי.

האָט אסתּר ווידער געזאָגט:

— גענוג וועגן דעם. לאָמיר ריידן וועגן פריילעכערע זאַכן!

אַלעקס האָט זיך אַריינגעמישט:

— פאַרוואָס זאָל זי ניט ריידן? אַ פראַגע וואָס דאַרף אונדז אַלעמען אַנרירן. אַט בין איך דאָ ניט לאַנג געווען אין דעם יידישן טעאַטער. זייער אַ גוטע פּיעסע האָט מען דאָרט געשפּילט, און געשפּילט האָט מען די פּיעסע אמת - קינסטלעריש, און דער טעאַטער איז געווען יידיק!

האָט מיסעס עפּשטיין זיך ווידער דערמאָלט אָנגערופן:

— אַט - אַ - דאָס באַווייזט ווי גערעכט איך בין! די יידן און די יידענעס פון דעם סאָרט וואָס איך האָב ערשט דערמאָנט, האַלטן דאָך פאַר אונטער זייער ווירדע צו גיין אין אַ יידיש טעאַטער. גייט אַמאָל אַריין אין די ענגלישע טעאַטערס, וואו מען שפּילט די ביליקסטע און נאַרישסטע פּיעסן, וועט איר זען, אַז גוטע דריי-פערטל פון דעם עולם אין אַזאַ טעאַ-טער באַשטייט פון אַזעלכע יידענעס און זייערע מענער וואָס זיי פאַר-שלעפּן אַהין.

אסתּר האָט באַמערקט:

— און צו די בעסטע ענגלישע פּיעסן קומט דען ניט אַ יידישער עולם?

— ניין, אסתּר, ניט די יידענעס פון דעם קלאַס — האָט מיסעס עפּ-שטיין געענטפערט. — יענער יידישער עולם וואָס באַזוכט אַ גוטע ענגלישע פּיעסע, קומט צו אַ גוטער יידישער פּיעסע אויך אַמאָל. און יענע שעמען זיך ניט מיט יידיש, און אַנדערע פון זיי לייענען אַ יידישן בוך אויך. און איך וויל דיך נאָך עפּעס זאָגן: דווקא אַט די וואָס לייענען די בע-סערע יידישע ביכער, באַזוכן דעם בעסערן ענגלישן טעאַטער און לייענען די בעסערע ענגלישע ביכער אויך. דו פאַרשטייסט, אסתּר, איך זאָג ניט, אַז נאָר יידיש און נאָר דאָס יידיש בוך, און נאָר דאָס יידישע טעאַטער. איך זאָג נאָר: יידיש און אויך ענגליש, און אויך דייטש, און אויך פראַנצויזיש! פאַרוואָס ניט? הלוואי קאָן איך לערנען מיינע קינדער אַלע שבעים לשונות. אָבער צוערשט יידיש, ווייל דאָס איז מיין שפּראַך, די שפּראַך פון מיין טאַטע-מאַמע און פון מיין פאָלק, דורך וועלכער איך קאָן נאַטירלעכער אויסדריקן מיין „איך”.

— אויף דעם איז דאָך אויך באַזירט דאָס, וואָס מען רופט היינט „זעלבסטבאַשטימונג” — האָט אַלעקס אונטערגעכאַפּט. — יעדעס פאָלק זאָל האָבן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט פריי צו אַנטוויקלען זיין באַזונ-דערע שפּראַך און זיין באַזונדערע קולטור. מעג עס זיין די קלענסטע מינאָ-ריטעט אין לאַנד...

— אַך, מיין זון — האָט אסתּר געזאָגט. — ווער דאַרף דאָס האָבן אַזוי פיל באַזונדערע שפּראַכן אויף דער וועלט!

— וואָס מער שפּראַכן, מאַמע, אַלץ אינטערעסאַנטער און פאַרשיידנ-אַרטיקער איז דאָס לעבן און די קולטור פון דער וועלט — האָט ער גע-ענטפערט. — עס איז ווי אין אַ גאָרטן: וואָס מער בלומען עס זיינען דאָרטן און וואָס מער פאַרשיידן זיי זיינען, אַלץ מער גאָרטן איז דער

גאָרטן.

מלכּה האָט אים אָפּלאַדירט מיט שײנענדיקע אויגן.

און דזשין האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר מאַמען און אַרויסגע־פּליסטערט:

— קום. איך פאַרשטײ ניט קײן אײן װאָרט װאָס זי רײדן!

— און מיר האָט דער קאָפּ אױפגעריסן — האָט מיסעס דובאָװסקי שטיל געענטפערט. — װען איך װײס, אַז מיסעס עפּשטײן איז דאָ, װאָלט איך גאָר ניט געגאַנגען. זי װײס אַלײן ניט װאָס זי רעדט. גײ־צו צום דאָקטאָר און רײד מיט אים.

— ער איז פאַרנומען מיט זײן שװעסטער, און מיט איר רײדן קאָן איך ניט. קום, מיר װעלן צופאָרן צום האָטעל „פרײלעך״. דאָרט װעלן מיר כאָטש קאָנען טאַנצן.

און מיסעס דובאָװסקי האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר מאַן, װאָס איז נאָך דאָרט געזעסן בײם פענסטער מיט דוד ראַבינאָװיטשן:

— איזי, מיר זײנען דאָך געקומען אַהער בלױז אױף אַ פּאָר מינוט. דו װײסט דאָך, אַז מיר דאַרפן הײנט נאָך ערגעץ זײן.

— יאָ, יאָ, באַלד, באַלד, ען - דאַרלינג.

— מיר װעלן װאַרטן דאָרטן אױף דיר אין דרױסן, איזי.

און זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיסעס עפּשטײן מיט גאָר, גאָר אַ פרײנטלעכן שמײכל:

— אַנטשולדיקט, מיסעס עפּשטײן, עס איז געװען זײער אינטערע־סאַנט אײך צו הערן. עס איז טאַקע אַן עװלה פאַרװאָס איך האָב ניט גע־לערנט מײנע קינדער יידיש. איך פאַרזיכער אײך אָבער, אַז דאָס איז ניט די גרעסטע עװלה װאָס איך בין אין מײן לעבן באַגאַנגען. אָבער װאָט קען יו מאַך? — האָט זי אַ לאַך געטאָן. — גוטע נאַכט.

און זי האָט זיך אַקער געטאָן צו אַלעקסן, װאָס איז דערבײ געשטאַ־נען מיט מלכּהן:

— קומט, דאָקטאָר, אױף אַ װײלע אין דרױסן אַרױס. מיר האָבן דאָך אײך שױן אַזױ לאַנג ניט געזען.

— אָט באַלד, מיסעס דובאָװסקי. איך װעל באַלד אַרױסקומען.

און װען מיסעס דובאָװסקי מיט איר טאָכטער זײנען אַרױסגעגאַנגען האָט ער, אַלעקס, גלײך אַ קלאַפּ געטאָן מיסעס עפּשטײן אין אַקסל און איר אײנגערױמט אױפן אױער:

— פײן! אַי לאַיק יו פאָר דהאַט!

און ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מלכּהן אונטערן אָרעם און געזאָגט מיט אַ שמײכל:

— קום, זײ װאַרטן דאָרט. איך מוז זײן העפלעך. מײן פּראַקטיס איז אַזאַ!..

און ער האָט זי אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך.
דעמאָלט האָט אסתּר זיך אָנגערופן צו מיסעס עפּשטיין:
— ניט געדאַרפטריידן צו איר אַזוי, חנה. נאָך אַלעמען איז זי דאָך געקומען צו גאַסט צו מיר.
— זי איז ניט געקומען צו דיר צו גאַסט. זי איז געקומען צו אַלעקסן און האָב ניט מורא, זי וועט ווייטער קומען. און מיר אַליין איז צוגעקומען אַ שטיק געזונט פון דעם וואָס איך האָב איר געזאָגט. איך האָב זי פיינט. אין מיינע אויגן זיינען זיי ניט מער ווי קאַריקאַטורן. אָבער, מילא, כאַפּט זיי דער טייוול. וואָס הערט זיך בעסער מיט איר מיסטער מאַנעלע?
— איך האָף, חנה, אַז אים וועסטו לאָזן צורו.
— מיש זיך ניט, איך בעט דיך, אסתּר, אין מיינע זאַכן. ווייסטו גאָר וואָס? גיי אַרויס צו זיי אויף אַ ווײַלע ביז איך וועל מיט אים פאַרטיק ווערן.
— וואָס ווילסטו טאָן?
— איכ'ל אים, חלילה, ניט דער'הרגענען. איך וועל נאָר אַרויסרייסן ביי אים געלט פאַרן פּיפּעלס רעליף.
— דו מיינסט, אַז ער וועט דיר געבן?
— מיט די ציין וועל איך דאָס ביי אים אַרויסרייסן!..
— זעסטו — האָט אסתּר געזאָגט — דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך. אָבער דערביי זיין וויל איך ניט. איך גיי בעסער אַרויס.
און אסתּר איז אַרויסגעגאַנגען.
מיסטער דובאָווסקי איז נאָך געזעסן ביים אָפענעם פענסטער אויפן אַנדער עק צימער מיט ראַבינאָוויטשן און האָט מיט אים וועגן עפּעס גערעדט.
מיסעס עפּשטיין איז צו זיי צוגעקומען און האָט זיך אָנגערופן:
— אַנטשולדיקט, וואָס איך שלאָג אייך איבער. אַזוי ווי איך מוז באַלד אַוועקגיין און מיסטער דובאָווסקי מסתּמא, אויך, וויל איך דאָס אָפּפטרן וואָס גיכער.
— וואָס איז דער מער? — האָט דובאָווסקי אַ קוק געטאָן אויף איר, האַלטנדיק דעם סיגאַר אין אַ ווינקל צווישן זיינע ליפּן.
— איך בין געשיקט געוואָרן צו אייך.
— צו מיר?
— יאָ, פונם פּיפּעלס רעליף.
— אָ? — האָט דובאָווסקי זיך אָנגערופן, איבערגערוקט דעם סיגאַר פון איין ווינקל אין דעם אַנדערן צווישן די ליפּן און געוואָלט אָנקניפּן ווייטער זיין שמועס מיט ראַבינאָוויטשן. אָבער מיסעס עפּשטיין האָט אים ניט געלאָזט:
— האָט איר געהערט וואָס איך האָב אייך געזאָגט, מיסטער דו־

באוואָסקי?

— אַן אַנדערש מאָל, אַן אַנדערש מאָל! — איז ער געוואָרן נערוועז און גענומען רויכערן מיט אַן אימפּעט זיין סיגאַר. — איך גיב גענוג. איך גיב גענוג. אַזוי פיל דאָ וועמען צו געבן, און איך גיב נאָכאַנאַנד. מען רייסט פון די ציין!..

— האָט איר געגעבן אויך פאַר די יידן וואָס ליידן דאָרט אַזוי פיל אין אוקראַינע און אין פוילן?

— טשאַריטי בעגינס עט האום, מעדעם! צוערשט דאַרף מען העלפן זיי אייגענע, די היימישע.

— איר זייט דאָך ניט קיין געבאָרענער אַמעריקאַנער, מיסטער דו־באָוסקי.

— פון פּאָדאָליער גובערניע בין איך. איז וואָס? אָבער איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז איך בין געקומען פון אַן אַנדער לאַנד. איך בין אַן אַמע־ריקאַנער, אַן אַמעריקאַנער, אַן אַמעריקאַנער, גאָד בלעס אַמעריקאַ, מאַי קאַונטרי!

— מעג אַמעריקע טאַקע געבענטשט זיין, מעגן געבענטשט זיין אַלע לענ־דער פון דער וועלט, אָבער געלט פאַרן פּיפּעלס רעליף וועט איר פונדע־סטוועגן געבן. איר דאַרפט נאָר אַ טראַכט טאָן, מיסטער דובאָווסקי, אַז איר, אַ פּאָדאָליער ייד, האָט געקאָנט איצט ליגן דאָרט ערגעץ אין אייער שטעטל מיט אַן אויפגעריסענעם בויך, מיט די קישקעס אַרויס, אָט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן, אַזעלכע פיינע לייט ווי איר, מיט זייער ווייבער און טעכטער. אייער ווייב האָט דאָרט אויך געקאָנט זיין און אייער טאָכטער...

— שטיל! — איז דובאָווסקי אויפגעשפּרונגען אַ פאַרציטערטער און ער האָט אַזש אַרויסגעוואָרפן דעם סיגאַר דורך דעם אָפענעם פענסטער. — וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר?

— איך וויל קיין זאַך ניט, נאָר אייערן אַ טשעק פאַר דעם פּיפּלס רעליף.

און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט מיט כעס איר דערלאַנגט אַ שטעק אויף פופציק דאָלער.

זי האָט גענומען דעם טשעק ביי אים און באַמערקט מיט אַ שמייכל:

— אָט איצט ווייס איך, אַז איך האָב אייך געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון דעם פּיפּעלס רעליף. איך וועל אייך שוין געפינען אין ניו יאָרק אויך...

* *

*

די געסט זיינען אַוועק.

דוד ראַבינאָוויטש און אסתר זיינען דערנאָך געזעסן אויפן גאַניק און האָבן גערעדט וועגן די דובאָווסקיס און מרס. עפּשטיין און האָבן געלאַכט

און אַלעקסם מיט מלכהן זיינען אוועק שפּאַצירן.

די נאַכט איז געווען איינע פון יענע העלע, לופטיקע נעכט, וואָס אזעל־כע קאָן מען נאָר זען אין די בערג.

די לבנה איז געשטאַנען איבערן הויכן באַרג, ווי זי וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט צווישן די פעלזן און בוימער וואָס האָבן זיך געטובלט אין אַ כישופ־דיקער העלקייט.

אין דער דאָזיקער כישופדיקער העלקייט האָט זיך געטובלט די גאַנצע אַרומיקע געגנט — פעלד און לאַנקע, הויז און שייער, שטיינער־נער צוים וואָס האָט אָפּגעצוימט די לאַנקעס פון דעם ווייסן דורכפאָר־וועג און די אַלייען בוימער וואָס האָבן זיך געצויגן באַרג־אַרונטער פון ראַבינאָוויטשעס קאַטעדזש — אַלצדינג האָט זיך געטובלט און געחלומט האָט זיך געדאַכט.

און פאַרחלומט האָט אויך געקלונגען דער שטאַלענער דזשרדזש פון גרילן וואָס האָט זיך געצויגן פון די פעלדער, און דאָס קוואַקען פון די זשאַבעס וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פון דזשאַנסאַנס טייך.

מלכה האָט געשפּאַצירט מיט אַלעקסן איבער דעם וועג צו דזשאַנסאַנס־פאַרם. זי איז געגאַנגען און האָט געשוויגן, פאַרכאַפּט פון דער כישופדיקער נאַכט.

אַלעקס האָט איר געהאַלטן אונטערן אָרעם און ער האָט אויך גערעדט זייער ווייניק. און וואָס ער האָט אַפילו גערעדט איז געווען אין קורצע, אָפּ־געהאַקטע, פאַרטראַכטע פראַזן. אָבער נאָכאַנאַנד האָט ער איר געדריקט. און פון צייט צו צייט האָבן אירע פינגער זיך אויך אַריינגעפלאָכטן אין זיינע און זיך געדריקט צו זיי.

זיי זיינען צוגעקומען צום טייך. די לבנה — אַ רונדער, ליכטיקער קאָפּ — האָט זיך דאָרט געטובלט און אַלצדינג אַרום איר, איבערן וואַסער, איז ווי מיט אַ ליכטיקער זילבער־שטויב באַשאָטן געווען. דער וואַלד פון ביידע זייטן האָט אויך אויסגעזען ווי פאַרחלומט. אויך דער וואַסערפאַל האָט דאָרט פאַרחלומט גערוישט.

און מיטאַמאָל האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן מיט פאַרטראַכטע אויגן און דערנאָך אים האַסטיק אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און אַרויסגעריסן פון אים איר אָרעם.

— קום אַהיים! — האָט זי געזאָגט.

— זע ווי שיין דאָ איז! — האָט ער זיך אָנגערופן — זאָלן מיר דאָ נאָך אַ ווײַלע בלייבן. אָן דאָרט איז אַ שיפל. אפשר ווילסטו זיך דורכפאָרן איבערן טייך?

— ניין, אַן אַנדערש מאָל. קום, איך בין מיד..

איז ער דערנאָך מיט איר צוריק אַוועק. און אויפן וועג האָט ער זי ווי־דער גענומען אונטערן אָרעם און ווידער געשפּילט מיט איר האַנט און מיט

אירע פינגער, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— דו ווייסט, עס איז אַזוי מאָדנע וואָס דו ביסט מיין שוועסטער. איך טראַכט ביי זיך אַמאָל: „וואָלט מיר געוועז אָנגענעמער צו גיין מיט דיר ווען דו וואָלסט אינגאַנצן געווען א פרעמדע?“...

— און ווי דענקסטו? — האָט זי א פרעג געטאָן שטיל. — וואָלט דיר געווען אָנגענעמער?

— איך ווייס ניט. ניין. איך ווייס יאָ — האָט ער זיך פאַרכאַפּט. — מיר איז אָנגענעמער אַזוי, ווען דו ביסט מיין שוועסטער. איך קאָן דיך אַרומנעמען. איך קאָן דיך א לאַסטשע טאָן, איך קאָן דיך א קוש טאָן ווען איך וויל.

און ער האָט א לאַך געטאָן און צוגעלייגט:

— ווען איך וויל? און ווען איך וויל ניט? איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב! פאַר דער קורצער צייט ביסטו מיר אַזוי טייער און נאָענט געוואָרן..

ער האָט ניט דערערדט און איז צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו אירע און האָט זי אַזוי געקושט, אַז דער אָטעם האָט איר פאַרכאַפּט.

— אָבער אַלעקס! — האָט זי דערנאָך קוים ארויסגערעדט אָפּציענדיק דעם אָטעם און אין קאָפּ האָט איר געדרייט. — א שוועסטער קושט מען ניט אַזוי..

— ניט גוט גענוג?

— ניין, צו גוט! — האָט זי שטיל און פאַרשטיקט א לאַך געטאָן.

זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים און מלכּה איז גלייך ארויף צו איר אין צימער.

און נאָכדעם, ווען זי איז געלעגן ביי זיך אין בעט, האָט זי לאַנג געטראַכט וועגן אַלעקסן און געפילט אויף אירע ליפּן דעם ברען פון זיין קוש...

צענטער קאַפּיטל.

מיס רובין, איינע פון די נייע פרויען אין יענער צייט

אויף מאָרגן גאַנץ פרי האָט זיך מלכּה אויפגעכאַפּט. דער געזאַנג פון די פייגעלעך הינטער די פענסטער האָט זי אויפגעוועקט. איר צימער האָט זיך געבאָדן אין וואַרימער, זוניקער ליכטיקייט. זי האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און איז ארויס אויפן גאַנעק.

די בערג אַנטקעגן זיינען געווען ווי מיט גאָלד באַגאָסן פון דער אינדערפריערדיקער זון, די גרינקייט אויף זיי און אויף די לאָנקעס און פעלדער אונטער זיי איז געווען גרינער און האָט אָפּגעשלאָגן מיט א מין שפּיגלדיקער, פרישער זאַפטיקייט.

מלכּה איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך אין גרינקייט און אין העלקייט און אין גאָלדענער זוניקייט פאַר אירע

אויגן געשפּריַיט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם הויכן באַרג און איר איז איינגעפאַלן מיט אַמאָל צו איבעררײַשן אַלעקסן מיט אַ שפּאַציר צו דעם באַרג איינע אַליין אָן אים.

און דער דאָזיקער געדאַנק איז איר געפעלן געוואָרן. יאָ, יאָ, זי וועט עס טאָן. עס איז נאָך פרי. דער זייגער איז ערשט פּאַר זיבן. ביז די אַנדערע וועלן אויפשטיין און ביז פרישטיק, וועט זי קאָנען זיין אויפן באַרג און צוריק, דערנאָך וועט זי קאָנען דערציילן אַלעקסן וועגן דעם.

און זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלעקסעס פּנים און ווי פאַרוואונדערט ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע בלויע אויגן און זי האָט אַ לאַך געטאָן.

דערנאָך איז זי אַוועק מיטן וועג אַהין.

און זי איז געגאַנגען און געגאַנגען, און וואָס ווייטער זי געווען פונם קאַטעדזש, אַלץ פרייליכער און ליכטיקער איז איר געוואָרן אויפן האַרצן, און אַלץ הייסער און קאָכעדיקער האָט זיך די יוגנט אין איר געוועקט.

פון יעגער זייט, וואו די קי האָבן זיך געפּיטערט, האָבן זיך געטראָגן אַ קלינגען פון גלעקלעך, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אַ טרילעריי און סוויסטשעריי פון פייגל, און מלכהן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע געגנט אַרום און דער גאַנצער וואַלד דורך וועלכן זי איז געגאַנגען, האָט גע־סוויסטשעט און געטרילט און געקלונגען אַזוי פרייליך און אַז די דאָזיקע קלאַנגען האָט זי אויך געהערט אין איר אייגענעם האַרצן.

און שפּעטער האָט זי פאַר זיך דערזען גאָר נאָענט דעם הויכן באַרג און ביי זיין צופוסן בוימער, געדיכטע און טונקעלע, וואָס האָבן אויסגעזען פאַרסודעט.

האָט זי זיך צוגעזעצט אָפּרוען צווישן די בוימער. נאָכדעם האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן טיפן גראָז אינמיטן צווישן די טונקעלע שאָטנס, וואָס די בוימער האָבן געוואָרפן און זיך אויסגעצויגן אויפן רוקן און געקוקט אַרויף אין דער טיפער בלויקייט פונם הימל, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער די שפּיצן פון די טונקעלע בוימער, ווי אַ דעק פון בלויען זייד געשטיקט.

קיין איין וואָלקנדל איז אויפן הימל ניט געווען. נישט ווייט ערגעץ האָט פאַרחלומט געמורמלט אַ שטראָם, צי אַ טייכל, און דאָס קלינגען פון די גלעקלעך האָט זיך דאָ געהערט העלער און נעענטער, צונויפגעגאָסן מיטן פייגל־געזאַנג.

און מיט אַמאָל האָט מלכה דערהערט אַ באַסאָוון קול פון אַ מאַן, וואָס האָט זיך איבערגעשריען מיט אַ צווייטן.

זי האָט זיך דערשראָקן אויפגעזעצט. איר איז מוראדיק געוואָרן. די שרעק, וואָס איז אין איר געלעגן איינגעגעסן פון די איבערלעבונגען אין דער היים און מיט וועלכער איר יוגנטלעכקייט און איר נאַטירלעכע לעבנסלו־סטיקייט האָט זיך די לעצטע צייט אַלץ מער און מער געראַנגלט און זיך

גערייסן צו באפרייען פון דעם, האט איצט זי ווידער איבערוועלטיקט....

די שטימען, וואס האבן זי אזוי געשראקן, האבן זיך דערהערט נעענטער, פון דער זייט, וואו דער בארג האט זיך געפונען.

זי האט זיך אויפגעהויבן פונם גראז, מיט צושראקענע אויגן א קוק געטאן צום בארג און האט זיך געלאזט לויפן צוריק צום קאטעדזש.

פלוצלונג האט זי דערהערט, אז עמיצער האט זי גערופן פון הינטן:

— פרידא!

זי האט זיך צושראקן אומגעקוקט. ערשט זי האט דערזען אלעקסן.

ער איז געשטאנען לעבן א בוים און האט מיט א מעסער געשניטן א צווייג.

איז זי שטיין געבליבן מיט צופלאמטע באקן און א פארשעמטע. מחמת איצט, ווען זי האט אים דערזען, האט זי זיך געשעמט פאר איר שרעק, פאר איר פחדנות.

ער איז צוגעגאנגען צו איר מיט א שמייכל און מיט דעם אפגעשניטענעם צווייג אין דער האנט און זיך אנגערופן צו איר:

— גוד מארנינג, פרידא! איך האב געזען ווען דו ביסט אוועק און איך בין דיר נאכגעלאפן, פארוואס אזוי גיך צוריק? און פארוואס איז דער פנים ביי דיר אזוי צופלאמט? און פארוואס קוקסטו אויף מיר אזוי מאדנע?

זי האט ניט פארשטאנען, וואס ער האט גערעדט צו איר, מחמת גערעדט האט ער צו איר איצט ענגליש. זי האט פארשטאנען בלויז, אז ער האט איר אויך געזאגט „גוט מארגן". האט זי אים געענטפערט „גוט מארגן" און ווייטער האט זי געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואס וואלטן ווי געפרעגט וואס רעדט ער.

און מיט אמאל האט זי זיך צולאכט. זי האט זיך דערמאנט, אז היינט האט ער געזאלט אנהויבן צו לערנען מיט איר ענגליש און אז איצט האט ער איר געגעבן זיין ערשטע ענגלישע לעקציע און ביי איר האט זיך ארויסגעריסן:

— איז דא הויבן מיר אן אונדזער ענגליש צו לערנען?

— יעס מעם. קום צוריק — האט ער זי א שלעפ געטאן.

— וואוהין? — האט זי געפרעגט.

— ווה־ע־ר טו? — האט ער איר פארריכט. ענגליש, ענגליש, ענגליש!

— האט ער שטיפעריש געקלאפט מיט א פינגער איבער די ליפן.

זי האט א לאך געטאן.

— אבער אלעקס, זיי א לערער מיט רחמנות. איך וויל דיר זאגן, אז אהינצו וויל איך ניט גיין. דארף מען דאך עס קאנען זאגן.

— הא? האט ער א קוק געטאן אויף איר — גוט. מיר וועלן אונדזער ענגלישע לעקציע אנהויבן נאך פרישטיק. זעסטו, אז איך בין א לערער מיט רחמנות? און פארוואס ווילסטו ניט גיין אהינצו?

— איך בין שוין דאָרטן געווען — האָט זי אים ניט געוואָלט זאָגן דעם אמת — קום אויף דער אַנדער זייט.

און זיי זיינען אַוועק. און גייענדיק האָבן זיי זיך ביידע נאָכאַנאַנד אָנגעקוקט און ביידע האָבן געשמייכלט איינע צום אַנדערן וואַרעם און האַרציק. ער האָט דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, פאַר דעם האַלבן טאָג זעט מען שוין אַן ענדערונג אין דיר.

— יאָ? למשל?

— די אויגן ביי דיר זיינען עפּעס ווי מיט זון אָנגעטרונקען און דער גאַנצער פּנים ביי דיר איז עפּעס גאָר אַנדערש...

זי האָט שטיל געענטפערט:

— יאָ, טאַקע?

— זיכער. דו ווייסט, וואָס איך וואָלט געוואָלט איצט אַ בעלן צו טאָן?

— וואָס אַזוינס?

— דורכפאָרן זיך אויף אַ שיפל. עס איז נאָך ניט הייס און אפשר וועל איך זיך דאָרט אַ באָד טאָן אויך.

— אַ באָד טאָן? דו האָסט דאָך ניט קיין באָד-קאָסטיום?

— איז אָן דעם. דו וועסט זיך ערגעץ דאָרט זיצן אויפן שיפל און איך וועל זיך ערגעץ ווייטער באָדן.

און ער האָט אַ לאַך געטאָן און צוגעלייגט:

— און אויב דו וועסט שטאַרק וועלן, וועסטו קאָנען זיצן אויסגעדרייט צו מיר מיטן רוקן.

— פונמיינטוועגן. אָבער דענקסטו ניט, אַלעקס, אַז עס נאָך צו־פרי זיך צו באָדן?

— ניין. יעדן זומער באָד איך זיך שוין אין אָט דער צייט.

צוגייענדיק צום טייך האָבן זיי דאָרט קיינעם ניט געזען, אַ חוץ שעפּן, וואָס איז זיי נאָכגעלאָפן אַנטקעגן, דרייענדיק מיט זיין עק. אַרום איז געווען שטיל. דזשאָנסאָן מיט זיין ווייב זיינען שוין לאַנג געווען ערגעץ אויפן פעלד עס האָט זיך געהערט דער איינטאָניקער רוישן פון דעם וואַסערפאַל און פון צייט צו צייט דער קהאַ־קהאַ פון די ענטלעך, וואָס זיינען געווען ערגעץ אויפן טייך. אין דעם קלאָרן וואַסער האָט זיך דער וואַלד פון ביידע זייטן אָפּגעשפּיגלט, די ביימער מיט די שפּיצן אַרונטער און מיט די שטאַמען אַרויף.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו אַ הילצערנעם בריקל, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פונם וואַסערפאַל, און דאָרט זיינען צוגעבונדן געווען צוויי שיפּלעך, וואָס זיינען פריש־אויסגעפאַרבט געווען מיט גרינער פאַרב. אויף איינער פון זיי זיינען געלעגן וויאָסלעס. האָבן זיי זיך אַוועקגעשיפט אין אָט דעם שיפל...

ווען זיי זיינען געווען אינמיטן טייך, האָט אַלעקס אין מיטן דערינען אַוועקגעלייגט די וויאָסלעס אינם שיפל און געגומען זיך אויסטאָן. מלכה, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן אים פּנים צו פּנים, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר־שעמט:

— טו זיך ניט אויס אינגאַנצן, אַלעקס! פאָר צו צום ברעג, דאָרט אַהינ־טער די ביימער...

ער האָט אַרונטערגעשלעפּט פון זיך דעם סוועטער און עס אַ וואָרף געטאָן אין שיפל אַריין. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַליין קאָנסטו זיך שיפלען? דו ווייסט, ווי צו פּראַווען מיט וויאָ־סלעס?

— איך ווייס, נו, איז וואָס?

— איז גוט. וועל איך זיך אויסטאָן און אַרונטערשפּרינגען פונם שיפל אין וואַסער אַריין און דו וועסט זיך קאָנען אַוועקשיפלען ווייטער...

— טו דאָס ניט, אַלעקס. אפשר איז דאָס טאַקע גאָרנישט, **אָבער איך** וועל זיך פילן ניט באַקוועם. מען דאַרף ניט, איך בעט דיך. איכל זיך שע־מען...

— אַז דו ביסט אַ שעמעוודיקע, איז דאָך ניט שייך. אָבער סיי ווי וואָלט איך דאָס ניט געטאָן. איך טו דאָס קיינמאָל ניט. איך האָב נאָר שפּאַס געמאַכט. אָבער ביזן גאַרטל מעג איך דאָך?

און ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דאָס העמד און איז געבליבן זיצן נאַקעט ביזן גאַרטל. זיין נאַקעטער, שטאַרקער, יונגער קערפּער האָט היים אַ בליאַסק געטאָן פאַר אירע אויגן. זי האָט געוואָלט אָפּקערן דעם קאָפּ און דאָס איז איר שווער געווען, צום סוף אָבער האָט זי דאָך אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געגומען קוקן אַ הינטער זיך: אויפן טייך, און אויף דעם וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן פון ביידע זייטן טייך און אויף די ווייסע ענטלעך, וואָס האָבן זיך געטונקט מיט זייערע קעפּלעך אויף דער אַנדער זייט אַרום ברעג — אָבער ניט אויף לאַנג. מחמת עפּעס האָט זי געצויגן אַ קוק צו טאָן אויף זיין קערפּער. און דאָ האָט זי דערהערט זיין קול:

— פרידאַ!

דעמאָלט האָט זי זיך צוריק אומגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף אים. און תיכף איז זי עפּעס אומרואיק געוואָרן און האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן. מיט אַ לייכטן ציטער אין איר קול האָט זי געפרעגט:

— וואָס ווילסטו, אַלעקס?

—טו דאָס אויך אַמאָל. אַ זון־באָד איז געזונט פאַרן קערפּער.

— איך ווייס דאָס.

— נו?

— איך וועל דאָס טאָן ווען איך וועל זיין אַליין.

— אָן מיר מיינסטו?

זי האָט געשוויגן.

— פאַרוואָס שווייגסטו, פרידאַ?

— איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט דערפון אויך ניט ריידן — האָט זי געענטפערט און איר פּנים האָט זיך צערויטלט.

האָט ער זיך צעלאַכט.

— שעמסט זיך דאָך טאַקע!

און אַז זי האָט ווידער געשוויגן, האָט ער גערעדט ווייטער:

— דו זעסט דען צום ערשטן מאָל אַן אַנטבלויזטן מאַנספּאַרשוין? אַז אַ מאַן זאָל זיך אַזוי ווייזן אין דער קעגנוואַרט פון פרויען, איז ביי אונדז אין אַמעריקע, אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. אודאי, עס ווענדט זיך, ווען און וואו. און אַ חוץ דעם איז דער גאַנצער ענין פון שעמען זיך, ווען מען זעט נאַקעטקייט, נאַריש און קינדיש. ביזטו געווען אַמאָל אין אַ קונסט-גאַלעריי? האָסטו זיך דאָרט אויך געשעמט, ווען דו האָסט געזען אַ נאַקעטע פיגור פון אַ מאַנספּאַרשוין?

זי האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין געווען אין קונסט-גאַלערייען און אין מוזעאומס און איך האָב געזען נאַקעטע פיגורן פון מאַנספּאַרשוינען און איך האָב געזען אַ סך מאָל ווי נאַקעטע מאַנספּאַרשוינען האָבן זיך געבאָדן אין טייכן, און איך האָב זיך ניט געשעמט; ווען אָבער איך זע דיך אַזוי, פיל איך זיך נישט באַקוועם און מיר איז אומאַנגענעם...

— פאַרוואָס?

— איך ווייס ניט פאַרוואָס, אודאי, איך ווייס אויך, אַז דאָס איז נאַריש און קינדיש און עס דאַרף ניט זיין אַזוי. איך קאָן אָבער ניט העלפן. אַזוי פיל איך....

— ווייסט, פרידאַ, אַז איבער דער גאַנצער וועלט גייט איצט אַן אַ שטאַרקע באַוועגונג פאַר נאַקעטקייט?

— איך ווייס דאָס אויך. און אפשר איז דאָס אַ גוטע זאַך, אָבער...

— וואָס „אָבער"?

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט. רייד ניט מער דערפון!

— האָט זי געזאָגט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן אַקסל.

האָט ער דעמאָלט מער ניט גערעדט און גענומען ווידער די וויאָסלעס און זיך אָוועקגעשיפלט צום אַנדערן ברעג טייך, וואו דער וואַלד איז געווען געדיכטער און האָט מער געטונקלט.

דאָס שיפל איז צוגעפאָרן צום ברעג. אַלעקס איז אַרויסגעשפּרונגען פון שיפל און איז פאַרשוואונדן צווישן די ביימער, און באַלד האָט זי דערהערט פון דאָרט זיין קול:

— דו קאָנסט פאָרן צוריק. איך וועל זיך דאָ אויסבאָדן.

איז זי אָפּגעפאָרן פון ברעג און האָט זיך אָוועקגעשיפלט צוריקוועגס,

אָבער אין אַ װײַלע אַרום, אַזױ װי זי האָט זיך געשפּילט װיצנדיק מיטן פּנים צו דער זײַט װוּ אַלעקס האָט זיך געזאָלט באָדן, האָט זי אים מיט אַמאָל דערזען אינגאַנצן אַ נאַקעטן און בײַ איר האָט זיך אַרויסגעריסן:

— גאָט, װי שײן ער איז! װאָס פֿאַר אַ װוּנדערלעכער קערפּער!..

און זי האָט באַשעת דעם געפֿילט װי פֿאַר אירע אױגן איז הײס געװאָרן. דערנאָך אָבער האָט זי פֿאַרקירעװעט דאָס שיפֿל אין אַ זײַט, פֿון װאַנען זי האָט אים ניט געקאָנט מער זען.

זי האָט פֿאַרמאַכט די אױגן און זי האָט אים װידער דערזען. אַ שײנע, שלאַנקע געשטאַלט, װי פֿון מאַרבל אױסגעהאַקט און פֿון הײסן, קאַכעדיקן בלוט באַלעבט. װי אין אַ חלום האָט זי זיך װײַטער געשפּילט.

אױף מלכה'ס באַזונדערן צושטאַנד, אױף אירע צערודערטע נערװן און אױף איר כּמעט שטענדיק אױפֿגערעגטן געמיט, האָט עס באַזונדערש שטאַרק געװירקט...

און נאָך אין אַ װײַלע אַרום האָט זי גענומען ציִען צוריק צו יענעם פּלאַץ װוּ אַלעקס האָט זיך געבאָדן: בלױז אַ קוק טאָן װי ער באָדט זיך דאָרטן און װי ער שװימט. זי האָט זיך אָבער איבערװעלטיקט און איז געפֿאָרן װײַטער.

און דעמאָלט איז איר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק: דאַכט זיך, אַז זי פֿאַר־ליבט זיך אין אים אַלץ מער און מער. און זי האָט אַרױסגעמורמלט:

— אױ, דאָס װאָלט געװען אַן אומגליק! דאָס גרעסטע אומגליק!

און שפּעטער אַ װײַלע האָט זי גאָר געטראַכט, אַז זי װעט זיך אַמאָל מיט אים פֿאַרװעטן, װער פֿון זײ בײדן קאָן בעסער שװימען... אַװדאי װעלן זײ בײדע טראָגן באָד־קאָסטיומען.

פּלוצים האָט זי, װי דורך אַ חלום, דערהערט אַלעקסעס קול. ער האָט דאָרט צו עמיצן גערעדט. זײַן באַריטאָן־קול האָט זיך דײַטלעך געטראָגן אי־בערן טײַך. װאָס האָט ער דאָרט גערעדט און צו װעמען?

זי האָט אָפּגעשטעלט דאָס שיפֿל און זיך אײַנגעהערט.

ער האָט דאָרט גערעדט:

— דזשאָנסאָן האָט מיר געזאָגט, אַז דער שעריף האָט אױף אײַך אַן אױג און אַז ער װעט אײַך אַרעסטירן.

און גלײַך האָט מלכה זיך דערמאָנט אָן דעם װאָס דזשאָנסאָן האָט נעכטן געזאָגט װעגן אַלעקסן װעגן דער מיס רובינס באָדן זיך נאַקעטערהײט, און עפּעס האָט איר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן, און איר איז הײס געװאָרן אין פּנים, און זי האָט אױסגעקירעװעט איר שיפֿל צוריק, און באַלד האָט זי דער־זען װי אין טײַך, ניט װײַט דאָרט פֿון יענעם ברעג, איז געשטאַנען אַלעקס אין װאַסער ביזן האַלדז און האָט גערעדט מיט עפּעס אַ ייִנגל װאָס איז דערבײַ געשטאַנען ביז צו די אַקסלען אין װאַסער.

דער קאָפּ בײַ דעם ייִנגל, אַ בלאָנדער און קורץ געשאָרן, האָט אונטער דער זון גאָלדיק געשימערט.

און גלייך האָט זיך מלכה באַרואיקט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן:
ווער איז דאָס דער יינגל? אפשר אַ ברודער אירער? צי גאָר מיסעס עפּשטיינס אַ יינגל?

און זי האָט זיך געלאָזט פאָרן צו אַלעקסן־צו, מחמת מער ווי זיין קאָפּ האָט זיך ניט אַרויסגעזען פון וואַסער. זי האָט אים געוואָלט דערמאָנען, אַז מען וואַרט אפשר אין דער היים אויף זיי צו עסן פרישטיק.

אָבער ווען זי איז צוגעפאָרן נענטער צו אַלעקסן האָט זי דערזען, אַז דאָס יינגל מיט די שמאָלע אַקסלען און מיטן בלאָנדן, קורץ־געשאָרענעם קאָפּ — אַז דאָס דאָזיק יינגל, וואָס האָט אויסגעזען פון דערווייטנס אין אירע אויגן אַ יאָר צוועלף־דרייצן אַלט, איז באמת געווען אַ מיידל מיט אַ רונדן פּנים און מיט חן־גריבלעך אין די באַקן און מיט שטיפערישע לאַכעדיקע, בלויע אויגן. און ווידער האָט זי דערפילט ווי איר איז היים געוואָרן פאַר די אויגן.

— דאָס איז מיס רובין, פרידאַ! — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן.

די בלאָנדע מיס רובין האָט געקוקט מלכה׳ן אין פּנים אַריין מיט צע־שמייכלטע, בלויע אויגן און מיט חן־גריבלעך אויף די באַקן. זי האָט זיך אָנגערופן מיט אַ וואַרעמער ברוסט־שטים:

— מיין שוועסטער האָט מיר נעכטן דערציילט וועגן אייך, מיס ראַבי־נאָוויטש. איך האָף, אַז מיר וועלן זיך אָפט טרעפן און מיר וועלן זיך נענטער באַקענען.

און זי איז צוגעשוואומען צו מלכה׳ס שיפל האַלטנדיק זיך האַלב אונ־טערן וואַסער, און האָט זיך דאָרט אָנגעקגעשטעלט אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט אָן שיפל און האָט דערלאַנגט מלכה׳ן די אַנדערע האַנט, אַ קליינע, אַ נאַסע, מיט די ווערטער:

— מיין נאָמען איז מינאַ און אַזוי רופט מיך. איר הערט, פרידאַ?...
מלכה האָט געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ, יאָ, איך הער.

אין דער אייגענער צייט האָט זי באַמערקט ווי אַלעקס האָט זיך דאָרט אַרויסגעכאַפּט פון וואַסער און איז האַסטיק אַוועקגעלאָפן, אַ האַלב־איינגעבויגענער, צו די בוימער און איז דאָרט פאַרשוואונדן.

מיס רובין, אָדער מינאַ, האָט עס ניט באַמערקט, מחמת זי איז געשטאַ־נען מיטן פּנים צו מלכהן און מיטן רוקן צו יענעם פּלאַץ וואו אַלעקס האָט זיך געבאָדן, זי האָט ווייטער גערעדט צו מלכהן:

— איך האָב זיך געקליבן היינט סיי־ווי צו קומען צו אייך, כדי זיך מיט אייך צו באַקענען. איך הער, אַז איר זייט אַן אינטערעסאַנטער מענטש.
מלכה האָט מיטן געצוואונגענעם שמייכל געענטפערט:

— גלויבט ניט. ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— מיין שוועסטער און איבערהויפּט אַלעקס.

— וואָס מיינט איר מיטן „איבערהויפּט אַלעקס״?

— ער איז גאָר באַגייסטערט פון אייך. איר האָט געדאַרפט הערן וואָס ער האָט מיר איצט געזאָגט וועגן אייך. מען קאָן מיינען, אַז ער איז זייער פאַרליבט אין אייך.

איצט האָט שוין מלכה פריער געשמייכלט.

— איר מיינט עס אויף אַן אמת? — און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן — נאַרישקייטן, עס ווייזט זיך אייך אויס.

— מיר ווייזט שוין גאָר ניט אויס. און איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אייך מקנא געווען.

— „מקנא געווען״? איר גלויבט דען אין ליבע?

— אַוודאי.

— איך האָב געהערט, אַז איר גלויבט גאָר ניט אין דעם.

— פון וועמען?

— אויך פון אַלעקסן. וועגן אייך האָט ער מיר אויך דערציילט.

— קיין גוטס ניט, האָ? האָט מיס רובין שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף איר מיט די בלויע, שטיפערישע אויגן.

— ניט קיין שלעכטס. איך פאַרזיכער אייך.

— אָבער אַז איך גלויב ניט אין ליבע, דאָס האָט ער אייך דערציילט?

— יאָ.

— האָט ער אייך ניט ריכטיק דערציילט. איך גלויב יאָ אין ליבע, דאָס הייסט אין דעם כח פון ליבע, און איך האָב פאַר איר מורא. וואָרום איך וויל ניט זיין פון איר געבונדן, פאַרשקלאַפט צו איר. ווענד איך אָן באַשטימטע מיטלען קעגן דעם. מיינען דערפאַר מענטשן, אַז איך גלויב ניט אין ליבע. אָבער — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — מיר וועלן נאָך האָבן גענוג צייט צו ריידן דערפון.

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין טייך און איז פאַרשוואונדן אונ־טערן וואַסער. און ערשט אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך באַוויזן איר בלאָנדער קאָפּ אַ היבש שטיק ווייטער פון מלכהס שיפל, און זי, מינע רובין האָט זיך געלאָזט שווימען איבערן לענג פון טייך, און שווימענדיק האָט זי פון צייט צו צייט אַ טונק געטאָן דעם בלאָנדן קאָפּ טיף אין וואַסער אריין און נאָכדעם שטיפעריש אַרויסגעשפּריצט וואַסער-שפּריצלעך מיט די פולע ליפּן.

מלכה זיצנדיק אין שיפל האָט איר נאָכגעקוקט.

„ווי גליקלעך און ווי לוסטיק — האָט זי אַ טראַכט געטאָן מיט קנאה — זי איז ניט געווען אין אונדזער גיהנום״. .

דערווייל האָט זי דערהערט אַלעקס קול פון יענעם ברעג. ער האָט זי גערופן.זי זאָל צופאָרן מיטן שיפל צו אים. און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געפאָרן צוריק אַהיים. פון ווייטן האָט זיך נאָך געזען איבערן וואַסער

מינאַס בלאָנדער קאָפּ. אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— נו, האָסט זיך באַקענט מיט איר?

— יאָ, איך האָב זי געזען און געהערט איר ריידן.

— וואָס האָט זי גערעדט?

— קיין באַזונדערע חכמות ניט.

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— עפּעס ביסטו מיר ווידער אומעטיק. וואָס איז דער מער, פרידאַ?

— איך בין ניט אומעטיק — האָט זי שטיל געענטפערט און גענומען האַסטיק פּראַווען מיט די וויאָסלעס. — מיר איז גלאַט ניט פריילעך...

— פאַרוואָס?

— אָן אַ פאַרוואָס, אַלעקס. און טו מיר אַ טובה, רייד מער אינגאַנצן ניט דערפון.

— איך זע פרידאַ, אַז עפּעס איז געשען. איך ווייס אָבער ניט וואָס.

און ער האָט זי גענומען בעטן:

— זאָג פרידאַ, דערצייל פאַרוואָס ביזטו מיט אַמאָל אין אַזאַ שטימונג?

מלכה האָט געשוויגן און געאַרבעט מיט די וויאָסלעס.

— איך וויל, דו זאָלסט מיר ענטפערן. פרידאַ, איך בין דיין דאָקטאָר און איך מוז וויסן וועגן אַלע דיינע שטימונגען.

האָט זי דעמאָלט אומעטיק אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— אוי, מיין דאָקטאָר, וואָס ווילסטו פון מיין לעבן האָבן?

— איך וואַרט אויף אַן ענטפער. דאָס איז ניט קיין ענטפער...

— נו, גוט, איך וועל דיר ענטפערן. מיר איז ניט גוט. מיר איז שלעכט, מיר איז ביטער. איך בין אינגאַנצן צעוואָונדעט. גייסטיק צעוואָונדעט, דו פאַרשטייסט, גייסטיק!.. דאָס איז טויזנט מאָל ערגער, ווי צו זיין פיזיש צעוואָונדעט. איך בין ניט נאָרמאַל. און מיין פאָטער איז ניט נאָרמאַל. דו הערסט, אַלעקס? מיר זיינען אַן אָנשיקעניש אויף אייערע אַלעמענס קעפּ!..

אַלעקס האָט זי אָנגעקוקט פאַרוואָונדערט. איר פּנים האָט געפלאַמט און אירע שוואַרצע אויגן האָבן קרענקלעך געפינקלט. ער האָט אַרויסגע־מורמלט:

— אָבער פרידאַ, גאָט איז מיט דיר. הער נאָר וואָס דו רעדסט. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דאָס, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, לאָזט איבער טיפע שפּורן; אָבער איצט וואָס האָט דאָס ביי דיר אויפגעוועקט? און וואָס האָסטו צום פּאַפּאַ? פאַרוואָס איז ער ניט נאָרמאַל?

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— האַ? האָב איך אַזוי געזאָגט? נו, בין איך ניט משוגע? אָבער גע־נוג איך בעט דיך, אַלעקס, גענוג. עס איז אַ מאָמענט, עס וועט פאַרבייגיין. איך וועל קומען אַהיים אויפגעלייגט. פאַרוואָס זאָלן זיי, נעבעך ליידן? דער־צייל, אַלעקס, עפּעס אַ קאָמישע מעשה, עפּעס אַ וויץ, איך וועל לאַכן...

נאָכדעם האָט אַלעקס איר דערציילט וויציקע אַנעקדאָטן, איינעם נאָכן אַנדערן, און זי האָט געלאַכט.

און אַ היים האָבן זיי זיך ביידע צוריקגעקערט גוט אויפגעלייגטע און פריילעכע.

דוד ראַבינאָוויטש און אסתר זיינען שוין געזעסן ביים טיש און אַ דינסט האָט דערלאַנגט פרישטיק.

דוד ראַבינאָוויטש האָט געפרעגט:

— עפּעס אַ פיינעם שפּאַציר געהאַט?

— יאָ, זייער אַ פיינעם. — האָבן געענטפערט סיי מלכה און סיי אַלעקס.

— עפּעס גוט געשלאָפן, מיין טאָכטער?

— יאָ. אַ דאַנק פּאַפּאַ.

— אָ, אין אַ וואָך אַרום וועסטו זיך אַליין ניט דערקענען, מיין קינד. אַט אַזעלכע וועסטו האָבן — האָט מיט די הענט געוויזן אויף זיינע אייגענע פולע, רויטע באַקן...

אסתר האָט זיך אַריינגעמישט:

— זי האָט זיך שוין אַ ביסל דערהאָלט, דוד. און זאָגן דיר נאָך וואָס? אַז איצט ערשט ווערט זי שטאַרק ענלעך צו דיר. דו וועסט זעען, אַז ווען זי וועט זיך אינגאַנצן דערהאָלן, וועט זי זיין אַ קאָפּיע פון דיר!

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך מיט הנאה צולאַכט.

— אוי, גיי שוין גיי, אסתר, איך בין קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי שיין ווי זי...

זיי אַלע האָבן האָבן זיך געזעצט עסן.

עלפטער קאַפּיטל

קלאַנגען פון דער צייט

דעם זעלביקן אויפדערנאַכט איז מלכה געזעסן ביי זיך אינם צימער און האָט געשריבן אַ בריוו צו איר טאַטן. (זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שרייבן צו אים יעדן טאָג בריוו). דוד ראַבינאָוויטש האָט געשפּילט אין עס - צימער פּינאַקל מיט מיסטער דובאָווסקי און מיט נאָך אַ פּאָר „הענט" און אַלעקס מיט אסתרן זיינען געזעסן אויפן גאַניק.

די פענסטער ביי מלכהן אין צימער זיינען געווען אָפן און פון גאַניק האָבן זיך דערטראָגן די שטימען פון אַלעקסן און זיין מאַמען.

מיט אַמאָל האָט מלכה אויפגעהערט צו שרייבן, אויפגעהויבן די אויגן פון דעם בריוו, וואָס זי האָט געשריבן, און זיך גענומען צוהערן אַלעקס האָט דאָרט דערמאָנט איר נאָמען. ער האָט גערעדט וועגן איר. זי האָט קלאָר געהערט זיינע ווערטער:

— איך מוז, מאַמע, אַרויספּאַמפּען פון איר דעם חושך, אַ ניט וועט זי קיינמאָל ניט קאָנען זיין גליקלעך. איך האָב אויף איר זייער רחמנות. דו קאָנסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, ווי ליב זי איז אין די מאָמענטן, ווען זי פאַרגעסט זיך...

ביי מלכהן אינם האַרצן האָט זיך וואַרעם אַ ריר געטאָן און זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— ליבער...

עס האָט זיך דערהערט אסתרס קול:

— איך האָב אויך אויף איר רחמנות, אַלעקס, און איך קריג זי ליב אַלץ מער און מער. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: איך האָב אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט זיין טאַכטער זיין עפּעס אַן אַנשיקעניש און וועט צושטערן די רו אין אונדזער הויז...

מלכה איז נערוועז געוואָרן, ווען זי האָט דאָס דערהערט. זי האָט אַ טראַכט געטאָן אויפגערעגט:

„ווען זי וואָלט געוואוסט דעם אמת, וואָס פאַר אַן אַנשיקעניש איך בין און ווי לייכט איך קאָן צושטערן די רו ביי זיי אינם הויז!...

און פאַר אויפרעקונג האָט זי זיך אויפגעהויבן פונם שטול און איז אַוועק שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק.

זי האָט געטראַכט ווייטער:

פון דעם חושך וויל ער, אַלעקס, זי באַפרייען. קיינמאָל וועט ער עס ניט קאָנען. זי פילט דעם חושך אַלץ מער אין זיך, וואָס טייערער זיי ווערן איר...

זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צום טיש און געשריבן דעם בריוו ווייטער צו איר טאַטן. און איצט איז דאָס איר שווערער געווען צו טאָן, מחמת זי האָט געדאַרפט געפינען מונטערע ווערטער כדי איר פאָטער זאָל דאַרט זיין רואיק. אָבער צום סוף האָט זי דעם בריוו פאַרענדיקט און אים פאַרטיק געמאַכט צום אַוועקשיקן.

און דאַ האָט זי ווידער דערהערט אַלעקס קול. ער האָט דאָרט גערעדט:

— אַמאָל ווען זי פאַרגעסט זיך, דאַכט זיך, אַז קיין פריילעכערע פון איר איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. און נאָך דעם—פּלוצלונג—וואָלקנס, חושך!... היינט אין דער פרי האָב איך דאָס באַזונדערס ביי איר באַמערקט זי דערמאָנט מיך די לבנה, וואָס ראַנגלט זיך אַמאָל מיט די וואָלקנס אויפן הימל. אַרויסגעריסן זיך פון די וואָלקנס און ווידער פון זיי פאַרשלונגען, אַרויסגעריסן זיך און צוריק... אָבער, זי וועט זיך ביי מיר אַרויסרייסן! איך וועל איר העלפן זיך אַרויסצורייסן! מען מוז איר העלפן! מען מוז!...

מלכה האָט אַרויסגעמורמלט אויף רוסיש:

— דאָראָגאָי, כאַראָשי!.. (טייערער, גוטער!).

אסתרס קול האָט זיך ווידער דערהערט:

— די צייט, אַלעקס, וועט זי אויסהיילן. זי איז יונג, און יונגע פאַר־געסן סוף כּל סוף. נעם זי היינט אין קאַסינאָ פון האָטעל „פרייליעך".

אַלעקס האָט געענטפערט:

— איך גיי סיי ווי אַהין. היינט אין דער פרי האָב איך געטראָפן מי־נע רובין און איך האָב איר צוגעזאָגט צו קומען היינט אין קאַסינאָ טאַנצן.

— איך גיי אויך אַהין — האָט זיך דערטראָגן זיין מאַמעס קול.

פאַר מלכהן האָט זיך אַ טראַג געטאָן די קליינע מינע מיטן ייִנגלשן קאָפּ און שעלמישן שמייכל און מיט די בלויע, שטיפערישע אויגן, און עפּעס איז זי געוואָרן אומרואיק. זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

„ניט קיין סימפּאַטיש מיידל!"

און אין די געדאַנקען זיך איבערגעשלאָגן:

— אָבער וואָס גייט זי מיך אָן?

נאָכדעם איז זי אַרונטערגעגאַנגען אויפן גאַניק. אַלעקס און זיין מאַמע זיינען נאָך דאָרט געזעסן, ביידע אין העלן אָנגעטאָן. מלכה האָט זיך אָנ־גערופן:

— איך דאַרף אָפּשיקן אַ בריוו. ווי אַזוי קאָן איך דאָס טאָן?

— קום, מיר גייען איצט אין האָטעל „פרייליעך", דאָרט איז פאַראַן אַ פּאָסט־קעסטל. קום, מיר גייען טאַקע גלייך.

און ער האָט גענומען אונטער איין אָרעם זיין מאַמען און אונטער דעם אַנדערן — מלכהן און איז אַוועק מיט זיי. און די נאַכט איז געווען אַזאַ שיינע און אַזאַ ליכטיקע, ווי די נעכטיקע. מען האָט געקאָנט לייענען אַ צייטונג, אָדער אַ בוך, אונטער דעם לבנה־שיין. אַזוי ליכטיק איז די נאַכט געווען.

מלכה האָט זיך מיט אַמאָל אָנגערופן:

— אָבער וואָס גיי איך מיט אייך אַהין? איכ'ל דאָך ניט טאַנצן?

אסתר האָט איר געענטפערט:

— קום, וועסטו ניט טאַנצן. דו וועסט דאָרט טרעפן אינטערעסאַנטע מענטשן...

*

דער האָטעל „פרייליעך", וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ פּלאַץ פאַר מענטשן־באָהעמיער, איז געווען באמת אַ מין קיביצאַרניע־פּלאַץ אין די בערג. אין קיין האָטעל האָט מען אַזויפיל ניט דעבאַטירט און ניט דיסקו־סירט, ווי דאָרט. אמת, מען האָט דאָרט ראָמאַנסירט אויך גענוג, אָבער נישט אַזוי פיל, ווי מען האָט זיך אַרומגעקריגט אינם נאָמען פון אידייען און אי־דעאַלן...

מחמת געווען איז דאָס אינם יאָר ניינצן ניינצן, ווען מענטשן פאַר־כאַפּט פונם גייסט פון דער נייער, נאָך דער מלחמהדיקער און רעוואָלוצי־אָנערער צייט, האָבן דערקלערט אַ קאַמף קעגן אַלצדינג, וואָס האָט אַ שייכות

געהאט צו דער אלטער וועלט און צו אירע מנהגים און טראדיציעס און צו איר לעבנס-שטייגער, סיי אינם לעבן, סיי אין דער ליטעראטור און סיי אינם טעאטער אויף דער בינע...

פאר אלט און פארשימלט און שעדלעך האט מען אלצדינג דערקלערט און עס האט געמוזט באקעמפט ווערן. נייע פארמען אין אלצדינג — האט מען גענומען פאדערן — נייע פארמען און נייעם אינהאלט...

אט וועגן דעם אלעם האט מען געקאנט הערן, דיסקוסירן צווישן די געסט פונם האטעל „פריילעך", יונגע מיידלעך און יונגע בחורים, וואס האבן זיך ארומגעטראגן מיטן לעצטן רעוואלוציאנערן ווארט. האט מען דארט גע־קאנט טרעפן. אנדערע פון זיי האבן אויפריכטיק געגלויבט אין דעם, וואס זיי האבן גערעדט, באזונדערס יענע, וואס האבן באלאנגט צו די רעוואלו־ציאנערע ארבעטער־פארטייען; און ווידער אנדערע, אפשר ס'רוב פון זיי, האבן אזוי גערעדט און געהאנדלט פאר מאדע־וועגן. ווי זיי האבן פאר מאדע־וועגן אנגעהויבן צו רויכערן סיגארעטלעך, געטרונקען וויין, ווען זיי האבן דאס אפילו ניט געקאנט פארטראגן, געשוירן די האר מעשה יינגלעך און געהאלטן זיך מיט א באזונדערע בראוואדע

בעצם זיינען די מערסטע טענות, וואס מען האט פון זיי געהערט, ניט געווען קיין נייס; אויף דער יידישער גאס האט מען זיי שוין לאנג געהערט פון איינציקע רעוואלוציאנערן און רעוואלוציאנערקעס. דער אונטערשייד איז נאר געווען, וואס איצט האט מען דאס געהערט ניט פון איינציקע, נאר פון מאסן...

די קאסינא איז געשטאנען אן א זייט פון א האטעל, אהינטער א גרויס גארטן. דאס איז געווען א גרויסער הילצערנער בנין מיט א סך פענסטער, וואס זיי זיינען אלע איצט פארגאסן געווען מיט עלעקטרישן שיין, ביים ארייננגאנג איז געווען א גאניק, וואס איז אויך באלויכטן געווען פון עלעק־טרישע לאמפן.

איצט, ווען אסתר און מלכה און אלעקס זיינען געגאנגען אהין דורכן גארטן, וואס האט זיך געטובלט אין לבנה־שיין , האט זיך פון קאסינא גע־טראגן א טומל פון מענטשישע שטימען, אויסגעמישט מיט די טענער פון א קלארנעט און א פידל און פון א פיאנא און מיט דעם גוואלדן פון א פויק.

צווישן די ביימער האבן זיך באוועגט פארלעך און האבן זיך פארסודעט געשושקעט. יעדע ווייַלע האט זיך פון ערגעץ דערהערט א קול, צי א גע־לעכטער, צי גאר עטלעכע שטימען מיט אמאל פון מענטשן, וואס האבן דעבאטירט וועגן עפעס מיט א היץ...

סיי אלעקס און סיי אסתר האבן זיך נאכאנאנד אומגעקוקט. זיי האבן געזוכט מיט די אויגן באקאנטע און כסדר דערקענט מענטשן, וואס זיי האבן דארט געטראפן פאראיארן און פאר צוויי יארן.

— זע נאר, מאמע, דארט איז דאך דער דיכטער ריוולין, און, דאכט

זיך, אַז ער האַלט די זעלביקע פּיפּקע אינם מויל, וואָס פֿאַראַיאָרן — האָט אַלעקס אַ לאַך געטאָן. — מיט זיין פּיפּקע צעשיידט ער זיך קיינמאָל ניט. מיט זיינע לידער האָט ער זיך געקאָנט שיידן, אָבער נישט מיט דער פּיפּקע.

— וואָס מיינסטו? — האָט מלכה אַ פרעג געטאָן.

— ער פֿאַרלייקנט אַלצדינג, וואָס ער האָט ביז אַהער געשריבן, ווייל אין די פֿריערדיקע לידער זיינע האָט ער ניט באַזונגען דעם קלאַסן-קאַמף און דעם קאָמוניזם.

— און אין זיינע איצטיקע לידער?

— זיינע איצטיקע לידער זיינען דורכאויס פּראָפּאַגאַנדע, כמעט קאָמוניסטישע פּלאַקאַטן.

מלכה האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטער.

— וועלכער איז דאָס? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, קוקנדיק אַהינטער זיך.

— אָט יענער, מיט דער קורצער פּיפּקע אינם מויל. אָט דער, וואָס זיצט דאָרט אויף דער באַנק אונטערן בוים מיט דער ליידי אין דעם רויטן סוועטער. מסתּמא אַ פֿאַרערערין זיינע...

— יאָ, יאָ. איך זע. איך וואָלט וועלן לייענען זיינע לידער.

— זיינע איצטיקע?

— יאָ. אפשר וואָלט איך דעמאָלט אויך געוואָרן זיינע אַ פֿאַרערערין — חוץ איך האַלט אויך, אַז איצט איז ניט די צייט פֿאַר לידער, וואָס זאָלן באַזינגען די טרעלן פון נאַכטיגאַל. איצט איז אַ צייט פון קאַמף און פון וועקן צום קאַמף.

— מסכּים מיט דיר. עס ווענדט זיך אָבער ווי אַזוי מען וועקט...

— אַזוי הויך, ווי מען קען נאָר. גיט געפּליסטערט און ניט פֿאַרחלומט. דער געשריי פון דער צייט מוז זיך הערן, פון אונדזער רעוואָלוציאָנערער צייט!...

— גוטן אָוונט! — האָט זיי איבערגעשלאָגן אַ באַקאַנט קול.

דאָס איז געווען הנה עפּשטיין. זי איז אָנגעקומען פון הינטן אַ פֿאַרהאַוועטע. זיי אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— פון וואַנען לויפסטו אַזוי? — האָט אסתּר ביי איר געפרעגט.

— געווען דאָרט אין באָנגאַלאָ. זיי שפּילן דאָרט אין קאָרטן, האָב איך ביי זיי געפּועלט, אַז 25 פּראָצענט פון דעם געווינס זאָל גיין פֿאַרן „פּיפּעלס רעליף". און איצט לויף איך צום האָטעל. אויפן גאַנעק דאָרט שפּילט מען אויך אין קאָרטן, מוז איך לויפן אַהין אום יענע אויך צו דערמאָנען וועגן „פּיפּעלס רעליף". יעדן אָוונט טו איך דאָס. זיי גיבן, צי זיי ווילן צי ניט. איך וועל אייך נאָך שפּעטער זען — האָט זי פֿאַרהאַוועט זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— איז מינע דאָ? — האָט אַלעקס געפרעגט.

— יאָ. זי איז פריער געקומען מיט מיר. זי איז אין דער קאַסינאָ, אָדער זי שפּילט דאָרט ערגעץ אַ שאַך אויפן גאַנעק — האָט מיסעס עפּשטיין האַסטיק געענטפערט און געוואָלט לויפן ווייטער, און זיך אָנגעשטויסן אויף אַ דיקער פרוי מיט אַ שטאַרק געשמינקטן פּנים און ברילינטענע אויערינגען. יענע איז איר אַנגעקומען אַנטקעגן. זי איז געבליבן שטיין.

— אוי, מיסעס ברוין! איך האָב דאָך נאָר־וואָס געטראַכט פון אייך. אַ גוטן אָוונט אייך און אַ שלום עליכם אייך! — האָט מיסעס עפּשטיין איר באַגריסט.

די דיקע פרוי, וואָס מיסעס עפּשטיין האָט זי גערופן „מיסעס בראַון", האָט מיט אַ רואיקן שמייכל געענטפערט:

— גוטן אָוונט און שלום עליכם אייך אויך. ווען זייט איר געקומען?

— אָ, שוין עטלעכע טעג. נו, וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, מיסעס בראַון?

— וואָס זאָל זיך הערן? איך זע שוין מיין סוף, מיסעס עפּשטיין — האָט מיסעס בראַון גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן.

— ווייס איך וואָס! — איר זייט נאָך אַ יונגע פרוי. וואָס דאַרפט איר טראַכטן וועגן אייער סוף?

— איך מיין ניט, חלילה, דעם סוף וואָס איר מיינט. ווער וויל דאָס טראַכטן וועגן אַזוינע זאַכן אין אַזעלכע שיינע נעכט! איך מיין, איך זע שוין דעם סוף פון מיינע פּאָר דאָלער וואָס איר וועט פּרוּאוון אַרויסרייסן ביי מיר...

מיסעס עפּשטיין האָט זיך צעלאַכט:

— געטראָפן. אויף אַן אמת, וואָס טוט איר פאַרן „פּיפּעלס רעליף"?

— וואָס איך טו? וואָס אַלע יידישע טעכטער טוען. איך גיב אַמאָל עטלעכע דאָלער.

— מיסעס בראַון, דאָס איז ניט גענוג. איר קאָנט טאָן אַ סך. איר האָט אַזוי פיל באַקאַנטע, וואָס איר גייט צו זיי אויף „פּאַרטיס" און וואָס זיי קומען צו אייך אויף „פּאַרטיס", און איר שפּילט מיט זיי אין קאָרטן. מיט זיי און צווישן זיי וואָלט איר געקאָנט אַ סך אויפטאָן פאַר דעם „פּיפּעלס רעליף". פאַראַיאָרן האָט איר מיר דאָס צוגעזאָגט צו טאָן און איר האָט גאָרנישט געטאָן.

מיסעס בראַון האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מיר וועלן נאָך דערפון ריידן. איך פאָר נאָך נישט אַוועק. אַנטשולדיקט. אימיצער וואַרט דאָרט אויף מיר.

און זי איז האַסטיק אַוועק.

מיסעס עפּשטיין האָט זיך דערנאָך האַלב אַ קער געטאָן צו אסתּרן מיט

אַ שמייכל און געזאָגט:

— דאָס מאָל וועט זי זיך ביי מיר נישט אַזוי לייכט אַרויסדרייען. קראַנק צו געבן. איר מאַן איז אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד.

און זי איז אַוועקגעלאָפן צו דעם גאַנעק.

ביי אסתּרן האָט זיך אַרויסגעריסן:

— אוי, לעבן זאָל זי, אונדזער חנה. זי דערעסט טאַקע אַמאָל, און אַמאָל איז זי ניט טאַקטיש אויך, אָבער אַ טייערע נשמה...

נאָכדעם זיינען זיי צוגעקומען נענטער צו דער קאַסינאָ. דער געפּיל־דער האָט זיך איצט געהערט שטאַרקער פון דאָרט.

איידער זיי זיינען אַריין אין דער קאַסינאָ זיינען זיי צוגעגאַנגען צו אַ פענסטער און האָבן אַריינגעקוקט.

די קאַפּעליע האָט געשפּילט אַ וואַלץ. אַ יונגערמאַן מיט אַ צעוואָר־פענער שוואַרצער טשופּרינע אויפן שטערן, האָט געהאַלטן אַ פידל אונטער זיין גאָמבע, שטאַרק געאַרבעט מיט זיין סמיטשיק און אַרומגעטאַנצט איבער דער פּלאַטפאָרם אַהין און צוריק מיטן פּנים צו די טענצער, און גע־דרייט מיט דאַרע פּיס אונטער ווייסע, צעקנייטשטע פּאַנטאַלאָנעס רעכטס — לינקס, רעכטס — לינקס. אַהינטער אים איז געזעסן נאָך גאָר אַ יונגער בחור מיט אויפגעבלאָזענע באַקן און האָט געשפּילט אויף אַ קלאַרנעט און געדרייט בשעת מעשה מיט די ווייסלען פון זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט. אַנטקעגן אים האָט אַ דריטער יונגערמאַן מיט אַן אָפענעם מויל און אַ פאַרשלאָפענעם פּנים, געפּויקט אין אַ גרויסער פּויק, און אַ פערטער, אַ קיילעכדיקער און גראָבינקער בחור מיט אַ בלאָנדן קאָפּ, איז געזעסן ביי אַ פּיאַנאָ און האָט געשפּילט און דערביי זיך אונ־טערגעהאָטשקעט מיט זיין הינטער־חלק אויף דעם שטול וואו ער איז גע־זעסן, ווי אַ גרויסע גומענע פּילקע.

באַלד האָבן אַלעקס און זיין מאַמע דערזען דורכן פענסטער באַקאַנ־טע פּאָרלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אין דער קאַסינאָ.

אָט האָט זיך פאַרביי־געטראָגן דער אַקטיאָר לעווין מיט זיינע ווייסע פּאַנטאַלאָנעס, מיטן געפּערלעכן לאָקנדל אויפן שטערן. דער דאָזיקער לאָקנדל, ווי ער, דער אַקטיאָר לעווין, איז זיכער געווען, איז אַ מלאך־המות געווען פאַר ווייבערשע הערצער. בפרט נאָך ווען אים האָבן אַרויסגע־האָלפן אַ פּאָר שמאַכטנדיקע אויגן מיט אַ רוח׳ל אין זיי...

טאַנצנדיק האָט ער גערעדט צו זיין דאַמע, מיט אַ שמייכל, וואָס ער האָט שטענדיק באַנוצט אויף דער בינע אין זיינע ראָמאַנטישע סצע־נעס. זיין פּאַרטנערין מיט געשאָרענע, בלאָנדע האָר און אין אַ טונקעלן קלייד, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף שמאָלע בענדלעך ביי די אַקסלען, און אָן אַרבל — האָט טאַנצנדיק געקוקט אים אין די אויגן אַריין און פון צייט צו צייט האָט זי אַ לאַך געטאָן און געשאָקלט דעם קאָפּ.

אלעקס האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל צו זיין מאמען:

— איך קאן וועטן, מאמע, אז דער אקטיאר לעווין פרוווט דארט איינריידן זיין דאמע, אז זי זאל ווערן אן אקטריסע.

— דער עיקר, זי זאל אנהויבן מיט אים שטודירן א ראלע — האט אסתר מיט א שמייכל באמערקט.

— צו אלע פרויען קומט ער מיט דעם אייגענעם פארשלאג. אזא פערד! — האט אלעקס באמערקט. — און א סך זייערע געווינט ער דער־מיט. וואָרום וועלכע מיידל אדער ווייבל וויל דאס ניט ווערן קיין אקטריסע?

— וועגן וועמען רעדט איר דא רכילות? — האט מלכה זיך אנגערופן.

— וועגן איינעם, אן אקטיאר. ער טאנצט דארט. אז דיר וועט באַ־שערט זיין, וועסטו זיך מיט אים אויך באקענען — האט אלעקס געענט־פערט.

אסתר האט אים איבערגעשלאגן:

— זע נאר, דארט איז דאך מיין קאוואליער אין דער קאסינא. איך גיי טאקע צו אים גלייך, ער שטייט דארט אליין, אן א דאמע, און מען שפילט דארט מיין וואלץ — האט אסתר זיך האסטיק א לאז געטאן צו דער קאסינא.

דעמאלט האט מלכה א צי געטאן אלעקסן פאר אן ארים און געזאגט:

— קום איצט ארייננוואַרפן דעם בריוו.

— קום, מיין דאמע צום טאנצן איז דארט סיי־ווי ניטא.

און זיי האבן זיך געלאזט גיין צום האטעל.

פון דער קאסינא ביז צום האטעל איז געווען א היבשער מהלך. דער וועג האט זיך געצויגן בארג־ארויף. דער האטעל איז געשטאנען אויף א שפיץ בארג און פון דער ווייטנס האט ער, מיט זיין גרויסן באלויכטענעם גאניק און מיט זיינע אלע באלויכטענע פענסטער אויסגעזען, ווי א פארכּישופטער שלאס אונטער דער לבנה־שיין.

מלכה האט ארויסגעמורמלט:

— וואס פאר א שיינער האטעל און ווי גרויס!

— פארמאגט פלאץ פאר עטלעכע הונדערט געסט — האט אלעקס געזאגט.

פארבייגייענדיק האבן זיי דערוויילע באמערקט קלענערע און גרעסערע גרופעס מענטשן, וואס זיינען דארטן געשטאנען צווישן די ביימער, אדער געזעסן דארטן אויף שטולן און גערעדט און געשריען, און געקאכט זיך. דא און דארט האט זיך געטוליעט אויף א באנק א פארל אונטער א בוים, אפגע־רוקט פון דעם דאזיקן טומל. א מיידל מיט א געשארענעם שווארצן קאפ און מיט א סיגארעטל אין מויל, האט זיך געיאגט נאך א יונגן מאן אין א ווייסן סוועטער, און מיט אמאל האט זיך דער יונגערמאן, ווי ער איז דארט געלאפן, זיך ראפטאם געטאן א שטעל און דריי אויס מיט א לאכעדיקן פנים צו דער

מיידל און זי אריינגעכאפט אין זיינע ביידע ארעמס, און זי גענומען אזוי דריקן, אז זי האט זיך צעקוויטשעט.

מלכה האט באמערקט צו אלעקסן:

— וואס פאר א יוגנט עס איז ביי אייך אין אמעריקע. מקנא צו זיין!..

ער האט איר געענטפערט:

— די היינטיקע יוגנט איז גאר אן אנדערע ווי די יוגנט פון פאר דער מלחמה, ממש ניט צו דערקענען. אנדערע געדאנקען, אן אנדער האלטונג. מען הערט איצט ווערטער פון א היינטיקער מיידל, אדער יונגנמאן, וואס פאר דער מלחמה וואלט מען געהאלטן פאר אוממאראליש, פאר אומאנשטענדיק, פאר אנארכיסטיש, און פאר וואס נישט..

— דאס קען מען זען נישט נאר אין אמעריקע אליין, נאר אין דער גאנצער וועלט — האט מלכה זיך אנגערופן פארטראכט — די קאנאנען פון דער מלחמה האבן געטראפן אויך אין די גייסטיקע וועלטן..

— א, יא, און נאך ווי!..

— נאר א רעאקציאנער קען אזוי ריידן — האט זיך מיט אמאל דערטראגן א צערייצטער קול פון ערגעץ און אנדער קול האט אים באלד געענטפערט:

— איך האבן אין דר׳ערד לענינען מיט טראצקין און מיט אייך אינאיינעם!..

און — בא־א־אך! — האבן אפגעהילכט פעטש איינער נאכן אנדערן אין דער ריינער בייגאכטיקער לופט. און א מיידלשער קוויטש האט זיך אין דער אייגענער צייט דערהערט: „גארילא, ווי וואגט איר!״

פון אלע זייטן האט מען גענומען לויפן און עס איז געווארן נאך מער טומל. אלעקס האט א כאפ געטאן מלכהן אונטערן ארעם און זי א צי געטאן נאך זיך.

— קום דא האלט שוין ביי א מלחמה! אפט קומט עס דא פאר, פון ווערטער גייט מען דא אריבער צו מעשים. „רעכטע״, „לינקע״ באלשעוויקעס, אנטי־באלשעוויקעס... מען וועט דא אויסקומען אן אונדז!...

און זיי זיינען אוועק וויטער צום האטעל צו.

און אין א ווײלע ארום איז דער טומל אהינטער זיי שטיל געווארן די מלחמה איז פאריבער; אבער אויף גרופן קלענערע און גרעסערע, האבן זיי מלכה מיט אלעקסן, גייענדיק צום האטעל, זיך יעדע ווײלע אנגעשטויסן. און יעדע גרופע האט דיסקוטירט און דעבאטירט איבער אלצדינג אין דער וועלט: איבער רעליגיע און מאראל און איבער „רעכטע״ און „לינקע״ און וועלט־רעוואלוציע און קאנטער־רעוואלוציע און איבערן „פארווערטס״ און איבער די שרייבער פון אט דער צייטונג...

צו מלכהן און אלעקסן האבן זיך דערטראגן אפגעריסענע פראזן פון אט די אלע דעבאטן וואס זיינען געווען קלאנגען פון יענער צייט...

צום סוף זיינען זיי ארויף אויף דעם העל־באלויכטענעם גאניק פון האטעל און תיכף האבן זיי דערהערט א באקאנטן קול:

— האלא, דאקטאר!

דאס איז געווען מינע רובין. זי איז דארט געזעסן ביי א טישל מיט אן עלטערן מענטשן און האט געשפילט מיט אים שאך.

אלעקס מיט מלכהן זיינען צוגעגאנגען צו איר טיש.

— האלא, מיס ראבינאוויטש! — האט מינע רובין א ווארף געטאן אויך צו מלכהן. — אט, איך בין באלד פארטיק!

און זי האט געשפילט ווייטער.

מלכה האט געקוקט אויף איר און איר גאר ניט דערקענט. זי איז אזוי ניט ענדלעך געווען צו יענער וואס זי האט היינט אינדערפרי געטראפן אויפן טייך. יענע האט אויסגעזען כמעט א קינד, און די וואס איז דארט געזעסן און געשפילט שאך מיט דעם עלטערן מענטשן, האט אין איר שווארצן קלייד אויסגעזען שטארק ווייבעריש, רייצנד און עלעגאנט.

זי האט א טראכט געטאן:

„איך האב גאר ניט באמערקט, אז זי איז אזוי שיין".

נאכדעם האט זי זיך מיט אמאל א כאפ געטאן:

— אלעקס, דו האסט געזאגט, אז דא קאן מען ארייגווארפן דעם בריוו.

— יא, קום. די פאסטקעסטל איז דארט אין דער לאבי פון דעם האטעל — האט ער געענטפערט און זיך א קער געטאן צו מינע רובין: — וועט איר זיין באלד פארטיק?

— גלייך. איך בין שוין מיט אים פארטיק, נאר ער האפט נאך אלץ — האט זי א לאך געטאן.

און אין עטלעכע מינוטן ארום, ווען אלעקס מיט מלכהן האבן זיך צוריקגעקערט פון דער לאבי, האט מינע רובין שוין געווארט אויף זיי מיט א מינע פון א זיגערין. ווארום דער עלטערער ייד, וואס מען האט אים געהאלטן אין דעם האטעל פאר דעם בעסטן שאך־שפילער, האט קיין איין מאל ניט געקאנט ביי איר געווינען.

— גוד באי, מיסטער אראנטשיק! — האט זי זיך אנגערופן צו יענעם, וואס האט געקוקט אויף איר מיט אזא מינע, אז מען האט געקאנט גלייך זען, אז אים איז ניט שטארק אנגעשטאנען פארוואס ער האט איר פארשפילט.

— גוד באי, גוד באי! — האט יענער געענטפערט מיט א הייזעריקלעכן קול פון אויפרעקונג און האט אירא שטראשע געטאן מיט א פינגער. — ווארט, ווארט, איך וועל זיך נאך מיט אייך אפרעכענען אן אנדערש מאל!

— אויב איך וועל זיך לאזן — האט זי א לאך געטאן און גענומען אלעקסן אונטערן ארעם.

און אזוי, מיט איר האנט אונטער אלעקסעס ארעם, איז זי ארונטערגעגאנגען מיט אים די טרעפ פון גאניק און מלכה איז זיי נאכגעגאנגען אהינ־

טער מיט אַן אומאַנגענעמען געפיל.

זי האָט געטראַכט:

„זע נאַר! אַ כאַפּ געטאָן אים, ווי ער וואָלט געווען מיט איר אַ גאַנצער מחותן!"...

און אין דער אייגענער רגע ווען זי האָט אַזוי געטראַכט, האָט מינע אומ־געדרייט צו איר דעם פּנים אירן מיט די שמייכלענדיקע חן-גריבלעך און שטיפעריש, בלויע אויגן און זיך אָנגערופן:

— איר טאַנצט אונדזערע טענץ?

— איך טאַנץ גאָר ניט.

— און איך האָב זייער ליב צו טאַנצן און איבערהויפּט האָב איך ליב צו טאַנצן מיט אייער ברודער. אמת, דאָקטאָר?

אַלעקס האָט איר ניט געענטפערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און גע־נומען מיט זיין פרייער האַנט מלכהן אונטערן אָרעם און זי אַ צי געטאָן צו זיך.

מינע רובין, וואָס האָט דאָס געזען, האָט באַמערקט:

— ווי אייער ברודער האָט אייך ליב!

מלכה האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט זי שטיל און פאַרטראַכט געענטפערט:

— יאָ, ער האָט מיך ליב און איך האָב אים אויך ליב.

און אַ שווערער אומעט איז איר באַפאַלן.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין קאַסינאַ האָט מען דאָרט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ נייעם טאַנץ (אויך אסתּר האָט דאָרט געטאַנצט מיט דאָקטאָר פינען, אַ קורצזיכטיקער ייד מיט אַ שוואַרץ בערדל און מיט איינגע־הויקערטע אַקסלען) און גלייך האָט מען דאָרט באַמערקט מינע רובין.

פון אַלע זייטן האָט מען זי גערופן:

— מינע! מינע! מיס רובין!

פון אַלע זייטן זיינען צוגעלאָפן צו איר מיידלעך, יונגע פרויען, כמעט אַלע מיט שטאַרק אָנגעפאַרבטע ליפּן און מיט קורץ אָפּגעשאָרענע קעפּ און דאָס רוב פון זיי מיט סיגאַרעטלעך אין מויל און צווישן די פינגער און זיי אַלע האָבן געפּילדערט:

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

— וואו זייט איר געווען?

— אַז איר זייט ניטאָ פעלט דער ברען. איז ניט אַזוי פריילעך אין קאַסינאַ.

דער פידל־שפּילער האָט פון דערווייטנס אַ וואונק געטאָן צו איר מיט אַן אויג און לכבוד איר גענומען דרייען זיינע דאַרע פיס מיט מער אימפּעט אונטער די ווייסע, צוקנייטשטע פּאַנטאַלאָנעס, טאַנצנדיק איבער דער פּלאַט־פאָרם מיטן פידל אונטער דער גאָמבע.

דער אַקטיאָר לעווין, מיטן לאָקנדל איבערן שטערן, האָט צוגעטאַנצט צו איר מיט זיין דאַמע און צוגעוואָרפן צו איר אַ „גוד איווענינג", מיט אַ ראָמאַנטישן גלאָץ פון די אויגן, און נאָכדעם האָט ער מיט זיין דאַמע אַוועקגע־טאַנצט ווייטער.

זי, מינע רובין, איז אינגאַנצן געווען איין שמייכל. זי האָט ממש גע־אָטעמט מיט לעבנס־פרייד און געזונטער לוסטיקייט און פון אירע אויגן האָבן זיך ווי בלויע שטראַלן געצויגן.

מלכה האָט אַ טראַכט געטאָן:

„וואָס עס טוט זיך דאָ מיט איר"..

און אין אַט דער צייט האָט מינע רובין אַ צי געטאָן אַלעקסן און זיי זיינען אַוועק טאַנצן.

און טאַנצן האָט זי געקאָנט. יעדער ריר אירער האָט געטאַנצט. יעדער זשעסט, יעדע פּאָזע. זי האָט ממש געשוועבט, האַלטנדיק גראַציעז איר קאָפּ מיט די קורץ געשאָרענע, בלאָנדע האָר.

מלכה האָט זיי נאָכגעקוקט און אַ שווערער אומעט איז איר ווידער באַ־פאַלן.

און מיט אַמאָל האָט זי זיך צו זיך געזאָגט:

„וואָס טוט זי דאָ, וואו מענטשן טאַנצן און זיינען גליקלעך? ניין, זי האָט ניט געטאָרט גאָר קומען אַהער — און אַריינגיין אין דער קאַסינאָ אוודאי ניט!"

און זי האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין דרויסן און דאָרט וואַרטן אויף אַלעקסן און אסתרן ביז זיי וועלן גיין אַהיים.

און זי איז אַרויס אויפן גאַניק, געשטאַנען דאָרט אַ ווײַלע און האָט זיך מיישב געווען וואו צו וואַרטן אויף זיי.

דערנאָך האָט זי פון דערווייטנס דערזען אונטער אַ בוים אַ ליידיקן שאָקל־שטול איז זי אַרונטער פון גאַניק און אַוועק אַהין.

דאָרט האָט זי אויך געהערט דעם טומל פון דער קאַסינאָ. האָט מלכה גענומען דעם שטול און איז דערמיט אַוועק וואָס־ווייטער פון דער קאַסינאָ.

און וואו זי האָט זיך נאָכדעם אַוועקגעזעצט האָט זי די מוזיק פון קאַ־סינאָ ניט געהערט, דערפאַר האָט זי נאָכאַנאַנד געהערט שטימען פון אַלע זייטן. די דעבאַטן און די דיסקוסיעס זיינען דאָרט אָנגעגאַנגען נאָך הייסער איידער פריער. האָט זיך איר געדאַכט, ווען זי האָט געהערט ווי צערייצט די שטימען זיינען געווען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן צו איר.

זי האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהערט: ווידער וועגן לענינען און ווידער וועגן טראָצקין און ווידער וועגן רעכטע און לינקע און רעאַקציע און וועלט־רעוואָלוציע. און זי האָט קיין געדולד איצט ניט געהאַט צו הערן נאָך וועגן דעם און זי איז געוואָרן אַלץ מער נערוועז.

„וועל איך דאַרפן לאַנג וואַרטן?" — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

צום סוף האָט זי זיך אויפגעהויבן און איז אוועק מיטן וועג וואָס האָט געפירט פון האָטעל צו ראַבינאָוויטשעס קאַטעדזש.

זי איז ניט אויסן געווען צו גיין אַליין אַהיים. זי האָט נאָר געטראַכט, אַז זי וועט אַרומשפּאַצירן ביז אסתר און אַלעקס וועלן זיך דאָרט כאַפּן, אַז זי איז ניטאָ אין דער קאַסינאָ און זיי וועלן אַרויסקומען זי זוכן. דערפאַר האָט זי אויך שפּאַצירט ניט ווייט פון דער קאַסינאָ, אַזוי, אַז זי האָט שטענדיק געקאָנט זען ווער עס איז אַרויסגעקומען פון דאָרט אויפן גאַניק.

עס איז אָבער אַוועק אַ שטיק צייט — איר אַליין האָט זיך אויסגעוויזן אַז שעהן גאַנצע — און ניט אַלעקס און ניט אסתר האָבן זיך געוויזן.

אפשר זיינען זיי אַרויס און זי האָט זיי ניט באַמערקט און זיי זוכן איר ערגעץ?

איז זי אַוועק צוריק צו דער קאַסינאָ און אויפן גאַניק אַרויף און האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק צו די טענצער.

אירע אויגן האָבן גלייך דערזען אַלעקסן. ער האָט נאָך דאָרט געטאַנצט מיט מינע רובין. און ווי ער האָט געליכטן פאַר פאַרגעניגן!

אין פּנים איז איר היים געוואָרן און זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צוריק און איז אַ צעטראָגענע ווידער אַרונטער פון גאַניק און איז אַוועק צום שטול וואו זי איז פריער געזעסן.

און דאָרט איז איצט געזעסן דער אַקטיאָר מיטן ראָמאַנטישן לאָקנדל, לעווין. ער איז דאָרט געזעסן אַליין און האָט גערויכערט אַ סיגאַר.

ווען זי איז צוגעקומען האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון שטול אין זיין גאַנצן הויכן, שלאַנקן וואוקס, האָט העפלעך זיך פאַרנייגט פאַר איר און זיך אָנגערופן:

— איר זוכט אַ פּלאַץ? איר קאָנט קאָנט קריגן מיינעם, יאָנג ליידי.

— אַ דאַנק! — האָט זי געענטפערט צומישט און זי האָט געוואָלט גיין צוריק.

ער האָט זי אָפּגעשטעלט.

— אַנטשולדיקט, איר זייט דאָך די ליידי וואָס איז געקומען מיטן דאָקטאָר, דאַכט זיך?

— יאָ.

— אַ שוועסטער זיינע האָב איך געהערט.

— יאָ.

האָט ער דעמאָלט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ מיטן לאָקנדל, דעם מלאך־המות פון די ווייבערשע הערצער, און אויף אַ באַזונדער אופן אַ גלאָץ געטאָן מיט די אויגן און געזאָגט זייער ווייך און זייער העפלעך.

— ערלויבט מיר זיך אייך פאָרצושטעלן: איך בין דער אַרטיסט מאָרים לעווין. אפשר האָט איר מיך געזען שפּילן?

— ניין. איך בין ניט לאַנג אין לאַנד. אין יידישן טעאַטער בין איך

נאָך ניט געווען.

— אָבער מיין נאָמען האָט איר דאָך געוויס געהערט?

האָט זי געוואָלט אים צוליב טאָן און געענטפערט:

— נו, אוודאי.

— און ווי אַזוי איז אייער נאָמען?

— פרידאַ ראַבינאָוויטש.

האָט ער איר דעמאָלט וואַרים די האַנט געדריקט און געזאָגט:

— פרייט מיך די באַקאַנטשאַפט.

און ער האָט צוגעלייגט:

— איך הערט, מיס ראַבינאָוויטש, ווי נאָר איך האָב אייך דערזען אין דער קאַסינאָ האָט איר מיר גלייך פאַראינטערעסירט.

— איך האָב אייך פאַראינטערעסירט? — האָט זי אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. — מיט וואָס?

— מיט אייער גאַנצן אויסזען... מיט אייער געשטאַלט... מיט דעם באַזונדערן בליק פון אייערע אויגן...

זי האָט אַ טראַכט געטאָן:

„אוי וויי, הער נאַר!”

און באַלד אַ פרעג געטאָן:

— איר שפּילט פאַר עפּעס פון אייערער אַ פּיעסע פאַר מיר?..

— אָך, גאָט באַוואַר! איך האָב ניט געענדיקט וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז פּונקט ווי איר האָט אויסגעזען איינע אַן אַרטיסטין, וואָס איז געווען אפשר די גרעסטע אין דער וועלט. אין מיינע אויגן ווייניקסטנס...

— ווער איז זי געווען? אַ ייִדישע?

— ניין, אַ רוסישע. קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ. און אין איין ראָלע האָט זי אויסגעזען פּונקט ווי איר. אין „דיקאַרקאַ”. אָך, גאָט! איך האָב שוין געזען אַקטיאָרן און אַקטריסעס. איך אַליין בין אויך ניט קיין שלעכטער אַקטיאָר — האָט ער פאַרחלומט־ראָמאַנטיש אַ שמייכל געטאָן צו איר. — אָבער אַזוינס, אַזאַ פּנים, אַזוינע אויגן, אַזאַ שטילע, טיפע פאַרחלומטקייט און צאַרטקייט. אָן אַ שיעור צאַרטקייט... אַ ים...

— און אַזוי זע איך אויס? — האָט זי אַ לאַך געטאָן

— יאָ, יאָ, אָן קאָמפּלימענטן! ווען איר זייט אַריינגעקומען מיט אייער ברודער און מיט מיס רובין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ אין איר ראָל פון „דיקאַרקאַ” איז אַריינגעקומען

— זייער אַנגענעם דאָס צו הערן. איך האָב איר ניט געזען אין דער ראָלע, אָבער אַז איר זאָגט...

— איר האָט עפּעס ליב טעאַטער?

— גוטן טעאַטער, זייער.

וועגן שלעכטן רייד איך ניט — האָט ער באַמערקט. — ווייסט איר וואָס? מיר ווייזט זיך אויס, אַז אין אייך איז עפּעס דאָ פון אַן אַרטיסטין.

און תּיכּף האָט מלכּה זיך דערמאָנט וואָס זי האָט געהערט וועגן אים פריער, דאָס הייסט וועגן דעם ווי אַזוי ער זוכט אײַנצורייידן די ווײַבער און מיידלעך, אַז ער וועט זיי מאַכן פאַר אַקטריסעס. און זי האָט דערשטיקט אין זיך דעם געלעכטער וואָס האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איר.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— איר מיינט אַזוי?

— זיכער. און איך וואָלט אייך געראַטן צו פּרואוון.

— וואָס פּרואוון?

— איך מיין... איך וואָלט געפּרואווט מיט אייך דאָ איינשטודירן אַ ראָל.

ער האָט ניט דערענדיקט, ווײַל אַ הילכיקער געלעכטער פון מלכּהן האָט אים צעטומלט. ער האָט עפּעס נאָך געוואָלט זאָגן, אָבער מלכּה איז שוין אַוועק צוריק צו דער קאַסינאָ.

צוועלפטער קאַפּיטל

מלכּה'ן ווערט קלאָר איר געפיל צו אַלעקסן.

אַזייגער עלף האָבן אַלעקס מיט אסתרן פאַרלאָזן די קאַסינאָ.

מלכּה האָט געוואַרט אויף זיי אין דרויסן. זי איז געזעסן דאָרט אויפן גאַניק מיט חנה עפּשטיין און האָט מיט איר גערעדט.

אַלעקס איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו מלכּהן און איר אויפגעהויבן פון שטול.

— קום, מיר גייען — האָט ער געזאָגט דערנאָך ווען ער האָט זי אַרונטערגעלאָזט אויף דר'ערד.

און זיי זיינען אַוועק — ער מיט מלכּהן אַפריער און אַהינטער זיי אסתר מיט חנה עפּשטיין.

— איך האָף, אַז דיר איז דאָ ניט געווען לאַנגווייליק צו וואַרטן אויף אונדז — האָט ער אַ דריק געטאָן איר אָרעם.

— אָ, ניין. איך האָב גאַנץ גוט פאַרבראַכט: געשפּאַצירט, געזעסן און אונטערגעהערט זיך די דעבאַטן און אונטערהאַלטן זיך מיט דעם אַקטיאָר. ווי הייסט ער דאָרט?... יאָ, לעווין! און ער — האָט זי אַ לאַך געטאָן — האָט אויסגעפונען, אַז די באַרימטע רוסישע אַקטריסע קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ האָט אויסגעזען אין אַ געוויסער ראָל פּונקט ווי איך, און אַז איך אַליין, פילט ער, האָב אויך טאַלאַנט פאַר דער בינע און דערפאַר...

— האָט ער דיר פאָרגעלייגט צו מאַכן דיך פאַר אַן אַקטריסע, אַ יאָ?

— יאָ.

—וואָסער אַן אייזל, וואָסער אַ אידיאָט! — האָט אַלעקס זיך צעלאַכט.
— דו זעסט, אַז איך האָב גוט פאַרבראַכט אָן דיר?
— איז דאָס אַ פאַרוואָורף, פרידאַ?
— חלילה. וואָס פאַלט דיר איין?
— זיי רואיק — האָט ער זיך דערנאָך אָנגערופן. — איך האָב די גאַנ־צע צייט געהאַט דיך אין זינען. סיי איך און סיי די מאַמע האָבן דיך אין זינען געהאַט. יעדע ווײַלע האָבן מיר זיך נאָכגעפרעגט אויף דיר וואו דו ביסט, און מען האָט אונדז געזאָגט וואו. איך האָב אַפילו געוואוסט, אַז דו זיצסט דאָרט מיט דעם אידיאָטישן אַקטיאָר.
— אויף אַן אמת?
— אודאי. און גלויב מיר, ווען דו וואָלסט געטאַנצט, וואָלט איך מיט דיר בעסער געטאַנצט איידער מיט וועמען אַנדערש.
זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים.
— אָן שפּאָס? פאַרוואָס? מײַנע רובין איז אַ שיינע, אַן אינטערעסאַנטע און טאַנצט שיין אויך.
— און דאָך וואָלט מיר אַנגענעמער געווען, ווען איך טאַנץ מיט דיר.
— אוי, אַלעקס, פאַרוואָס זאָלסטו אַזוי ריידן? איך האָב גאַנץ גוט באַמערקט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן דו האָסט מיר איר געטאַנצט..
— יאָ? ווי אַזוי האָסטו דאָס באַמערקט?
— דיין פּנים האָט געלויכטן פאַר פאַרגעניגן און אין דיינע אויגן האָט מען דאָס אויך געקענט זען.
האָט אַלעקס זיך דעמאָלט פריילעך צולאַכט.
— היינט שטעל זיך פאָר, פרידאַ, ווי מיין פּנים וואָלט געלויכטן און מיינע אויגן וואָלטן געשיינט, ווען איך טאַנץ מיט דיר...
אוי גיי שוין, דו לאַכסט פון מיר, אַלעקס! זאָלן מיר מער ניט ריידן דערפון. דו זע בעסער, וואָס אַ וואונדערלעכע נאַכט.
— יאָ, אַ מערקווירדיק שיינע נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז גוט צו הערן שיינע לידער, געזונגען פון גוטע זינגער...
און ער האָט גענומען זינגען אַן ענגליש ליד, און זיך באַלד אונטער־בראָכן:
— אוי, וואָס איך האָב פאַרגעסן און דו האָסט מיך ניט דערמאָנט אויך!
— וואָס האָב איך דיר ניט דערמאָנט?
— היינט נאָך פרישטיק האָט זיך דאָך געזאָלט אָנהויבן אונדזער ענגליש לערנען. אויב דאָס זאָל אַזוי אָנגיין ווייטער, וועט זיין ניט גוט מיט דיין ענגליש.
— איך וועל דיך מאָרגן דערמאָנען, אַלעקס. איך בין אַליין שולדיק, פאַרוואָס דו האָסט היינט מיט מיר ניט געלערנט.
זיי האָבן דערזען פון דערווייטנס דעם קאַטעדזש און זיי האָבן זיך אָפּ-

געשטעלט און גענומען וואַרטן אויף אסתרן און מיסעס עפּשטיין, וואָס זיינען דאָרט געגאַנגען פון הינטן, מחמת דאָ האָט דורכגעקרייצט דער וועג, אויף וועלכן חנה עפּשטיין האָט זיך געזאָלט פאַרקירעווען, כדי צו גיין צו איר באַנגעלאָ און זיי האָבן איר געוואָלט זאָגן גוט נאַכט.

אסתר איז דערנאָך צו זיי צוגעשטאַנען, ווען זיי האָבן זיך געזעגנט מיט חנה עפּשטיין. און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי געווען אין דער היים. דוד ראַבינאָוויטש מיט דובאָווסקין און די אַנדערע האָבן נאָך געשפּילט זייער פינאָקל. מלכה איז צוגעגאַנגען צו אים, צו זאָגן אים גוט נאַכט. ער האָט זי אַ קוש געטאָן אין שטערן און זי האָט דערנאָך געזאָגט גוט־נאַכט צו אסתרן און אַלעקסן און איז דערנאָך אַוועק צו זיך אינם צימער.

זי איז אָבער ניט אַוועק גלייך שלאָפן. זי איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענסטער אין איר צימער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. דעם עלעקטרישן לאָמפּ האָט זי ניט אָנגעצונדן. אינם צימער איז אָן דעם געווען ליכטיק פון דער העלער נאַכט, וואָס האָט אַרייַנגעקוקט דורך די אָפענע פענסטער.

מלכה האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם פאַרכישופטן לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך געטובלט פאַר אירע אויגן אין לבנה־שיין. אַ קיל, מחיהדיקן ווינטל האָט זי געשפירט אויף אירע באַקן און ריחות פון בלומען, באַטויעט פון דער נאַכט, האָבן זיך דערטראָגן צו איר פון די אַרומיקע פעלדער און לאָנקעס. באַלד אָבער איז זי אַוועקגעריסן געוואָרן פון דעם אַלעם, און זי האָט דערזען פאַר זיך נאָר אַלעקסן און מינען, ווי זיי האָבן געטאַנצט און ווי זי האָט געקוקט אויף אים און ווי זי האָט געשמייכלט צו אים מיט אירע שטיפערישע אויגן און אירע חן־גריבלעך און ווי ער, טאַנצנדיק מיט איר, האָט גע־שמייכלט און געלויכטן....

זי האָט אַרויסגעמורמלט:

— און ער האָט נאָך געזאָגט, אַז זי איז ניט זיין געשמאַק... דאָס איז נאָר געזאָגט.

מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס מיט איר?!

פאַר כעס האָט זי אַרונטערגעצויגן די טונקעלע שטאָרעס איבער אַלע פענסטער און אינם צימער איז געוואָרן פינסטער האָט זי דערנאָך אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן לאָמפּ און גענומען זיך אויסטאָן. און אַז זי האָט אָנגעטאָן איר פּאַדזשאַמעס און צעלאָזט אירע ביידע שוואַרצע צעפּ, איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט. און זי האָט געקוקט און געקוקט אויף זיך, אַ פיר געטאָן מיט אַ האַנט איבער איר פאַרברוינטן פּנים, געשטעלט זיך פאַרן שפּיגל מיט איין זייט, מיט דער אַנדערער אָנגענומען זיך ביי דער טאַליע און דערנאָך מיט אַ האַנט אויפגעשאָקלט אירע האָר אַזוי, אַז זיי האָבן זי פון הינטן צוגעדעקט אינגאַנצן ווי מיט אַ געדיכטן, שוואַרצן פלעך. און

נאָך אַ קוק אין שפּיגל און נאָך אַ קוק און מיטאַמאָל האָט זיך בײַ איר אַרויס־געריסן:

— איך בין שענער פון איר!...

און טאַקע באַלד אויפן אָרט זיך אַ כאַפּ געטאָן שיעור ניט אַ פאַר־שעמטע: וואָס איז דאָס מיט איר? זי דערקענט זיך גאָרניט. ווי מיאוס, פוי!..

זי האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

— ווער איז דאָרט?

— איך, פרידאַ. קאָן איך אַרײַנקומען? — האָט זי דערהערט אַלעקסעס קול.

דער פּנים בײַ איר האָט אַ פלאַם געטאָן און מיט אַ פאַרשטיקטער אויפרעקונג האָט זי געענטפערט:

— יאָ, יאָ, קום אַרײַן, אַוודאי.

ער איז אַרײַנגעקומען אַ שמייכלענדיקער מיט די ווערטער:

— איך וויל דיר נאָר זאָגן, אַז דו זאָלסט מיר מאָרגן אומבאַדינגט דער־מאָנען וועגן אונדזער ענגליש.

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— ווי שיין דו ביסט מיט די האָר אַזוי צולאָזן!...

— דיר געפעלט מײַנע האָר? — האָט זי זיך אָנגערופן, און געפילט, ווי דער פּנים ברענט בײַ איר.

ער האָט איר ניט געענטפערט. נאָר איז צוגעגאַנגען צו איר גאַנץ נאָענט. און אַזוי ווי ער איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון איר, האָט ער זיך אונ־טערגעבויגן אַזויפיל, אַז ער איז אויסגעקומען ניט העכער פון איר. נאָכדעם האָט ער אײַנגעהילט זײַן קאָפּ אויך מיט אירע האָר און אַ קוק געטאָן איר אין פּנים אַרײַן מיט אַ שטיפערישן שמייכל און געפרעגט:

— נו, ווי פּאַסן דײַנע שוואַרצע האָר צו מײַן בלאָנדן וועזן?..

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר געקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן מיט אַ גאַנץ באַזונדערן פאַרסודעטן בליק.

אַזוי זײַנען זיי אַ ווײַלע געשטאַנען נאָענט איינער קעגן אַנדערן, ער מיט אירע האָר אײַנגעהילט זײַן קאָפּ, און זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן. און פּלוצים איז ער צוגעפאַלן מיט זײַנע ליפּן צו אירע און זי אַ קוש געטאָן. און אירע ליפּן האָבן אים ניט געענטפערט. זיי האָבן זיך ניט אַ ריר געטאָן. זיי זײַנען געבליבן ווי פאַרחלשטע. און אַפילו ווען ער האָט זיך דערנאָך אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט איר „גוט נאַכט", זײַנען אירע ליפּן נאָך אַלץ געבליבן שטום. ערשט שפּעטער, ווען זי האָט דערהערט, ווי ער איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אינעם צימער, האָבן זיי זיך אַ ריר געטאָן. זי האָט אַרויסגעפּליסטערט שטיל:

— גאָט ווי איך האָב אים ליב!...

זי האָט אויסגעדרייט די עלעקטרי און זיך געלייגט אין בעט. זי האָט

אָבער ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט געטראַכט פון אַלעקסן. און טראַכטנ־דיק וועגן אים, האָט זיך עפּעס אין איר געוועקט און זי געצונדן און פאַר־שיכורט.

און דאָ האָט ער פּלוצים פאַר איר אַ שוועב געטאָן, ווי זי האָט אים גע־זען היינט אינדערפרי ביים באָדן זיך, און זי האָט זיך אין איר פאַנטאַזיע צוגעדריקט צו זיין נאַקעטן קערפּער און געפּליסטערט:

— אַלעקס, ליבער...

דרייצנטער קאַפּיטל.

ווידער מינע רובין.

אויף מאָרגן האָט אַלעקס אָנגעהויבן מיט איר צו לערנען ענגליש, און דעם גאַנצן פאַרמיטאָג האָט קיינער ניט גערעדט מיט איר אויסריידן קיין וואָרט אין אַן אַנדער שפּראַך, ווי נאָר אין ענגליש. אומזיסט האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך געבעטן ביי אַלעקסן: „גזלן לאָז ריידן אַ יידיש וואָרט מיט איר! דו וועסט דאָך זי פאַרמוטשען אַזוי!" אַלעקס אָבער האָט אויף דעם געענטפערט:

— ענגליש. ענגליש, פּאַפּאַ! ניט געשטערט מיר. נאָכמיטאָג וועסטו קע־נען ריידן מיט איר אויף וועלכער שפּראַך דו וועסט וועלן.

איז מלכה'ן דאָס דווקא געפעלן געווען, און זי האָט אפילו נאָכמיטאָג כסדר זיך נאָכגעפרעגט, ווען מען האָט גערעדט מיט איר, ווי מען האָט געדאַרפט דאָס און דאָס זאָגן אויף ענגליש...

די איבעריקע צייט פונם טאָג איז זי געווען מיט אַלעקסן אויפן הויכן באַרג, האָט זיך געשפּילט מיט אים ביי דזשאָנסאָנען אויפן טייך, געשפּילט מיט אים אויף דער פּיאַנאָ אין פיר הענט, האָט זיך אונטערהאַלטן מיט ראַבינאָוויטשן, און האָט זיך געלאָזט קושן פון אים און אים אַליין אויך גע־קושט, און זי האָט אָנגעשריבן דעם בריוו צו איר טאַטן קיין ניו־יאָרק, וואָס זי האָט יעדן טאָג געשריבן, און איז זיך דורכגעפאָרן מיט דער מאַשין מיט אַלעקסן און אסתרן.

צום האָטעל פריילעך זיינען זיי יענעם אָוונט ניט געגאַנגען, נאָר זיי האָבן פאַרבראַכט אינדערהיים, און מלכה האָט פאַרגעלייענט פון רוסישע און העברעאישע דיכטער אויף אויסווייניק. און דוד ראַבינאָוויטש מיט אַ צע־פלאַמטן פּנים פאַר באַגייסטערונג, האָט פאַרטייטשט פאַר אסתרן און אַלעקסן דאָס, וואָס זי האָט געלייענט, און ער האָט זיך יעדע ווילע אונטערגעבראָכן מיט דער גרעסטער התפעלות:

— ווי זי לייענט דאָס אַביסל! זייט איר מבינים אויף דעם?

אַלעקס האָט אויף דעם געענטפערט:

— זי דאַרף נאָר שטודירן אַ ראָלע מיט דעם אַקטיאָר לעווין, אמת, פרידאַ?

און זיי אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

זונטיק נאָכמיטאָג, ווען אַלעקס מיט מלכה׳ן האָבן זיך צוריקגעקערט פון א שפּאַציר, האָבן זיי אויפן גאַנעק געטראָפן דוד ראַבינאָוויטשן אין א היי־ציקער דעבאַטע מיט מינע רובין און מיט נאָך איינעם א מאַן, וואָס איז גע־קומען מיט איר.

דער דאָזיקער מאַן אין א פּאַנאַמע־הוט און א באַברילטער, מיט א שוואַרץ בערדל און בלייכע באַקן, אָנגעטאָן אין א ליוסטרינענעם אָנצוג, איז געזעסן מיט א שפּיציקן שמייכל און האָט געקוקט איראָניש אויף ראַבינאָ־וויטשן, בעת יענער האָט זיך געקאָכט.

ווען אַלעקס מיט מלכה׳ן זיינען אָנגעקומען, האָט מינע רובין, וועלכע איז געזעסן צווישן דעם מאַן מיטן בערדל און אסתרן, זיך אופגעהויבן און, איבערשלאָגנדיק ראַבינאָוויטשן, האָט זי זיך אָנגערופן:

— קומט אהער, דאָקטאָר, איך וועל אייך פאָרשטעלן מיינעם א פריינט. דאָקטאָר כאַוּוקין!

דער מאַן מיטן בערדל איז אויך אויפגעשטאַנען און האָט זיך באַגריסט מיט אַלעקסן און מיט מלכה׳ן.

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— מיר האָבן דיין קול געהערט פּאַפּאַ, פון דערווייטנס. וועגן וואָס דע־באַטירט איר דאָ?

מינע רובין האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— אָ, דאָקטאָר, אַלץ די אַלטע טענות. די זעלביקע, וואָס מיר האָבן געהערט פון אים פאַראַיאָרן. און שולדיק אין דעם איז, וואָס איך בין א שטיקל קרובה און ער וויל מיך אַביסל אויסמוסרן...

— נישט אמת, מינע, איך זאָג דאָס ניט, ווייל דו ביסט אונדזערע א קרובה און ווייל איך וויל דיר אויסמוסרן. — האָט דוד ראַבינאָוויטש געזאָגט מיט היץ — דו גייסט מיר נישט אָן מער ווי די אַנדערע. קיינע פון די היינטיקע יידישע פרויען געפעלן מיר ניט. נישטאָ ביי זיי דער אידעאַליזם און די צניעות פון אונדזערע מאַמעס און באָבעס, און דאָס איז א שלעכטער סימן פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק. אָט דאָס, וואָס איך וויל אַרויס־ברענגען...

וואָס פאַר אַן אידעאַליזם האָבן אונדזערע באָבעס געהאַט? — האָט דאָקטאָר כאַוּוקין מיט דעם שפּיציקן שמייכל זיך אַריינגעמישט. ער האָט אַרויסגענומען א טיכל און געווישן זיינע ברילן און געקוקט דערביי איראָניש מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אויף דוד ראַבינאָוויטשן — וואָס פאַר א מין אידעאַליזם, וויל איך וויסן, האָבן זיי, אונדזערע באָבעס, געהאַט?

— זיי האָבן געוואָלט דערציען זייערע קינדער אין תורה און מעשים טובים, ווי זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען — האָט ראַבינאָוויטש געענטפערט — געבן זייערע קינדער אַן אידעאַל, ווי זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען, דאָקטאָר כאַוּוקין. פון דעם נאָר האָבן געטראַכט אונזערעמאַמעס און באָבעס. זיי האָבן

אוועקגעגעבן זייער לעבן אויף אַרויסצוּבּרענגען אַ יידישן דור, אַ גייסטיק און מאָראַליש געזונטן...

— און אַרויסגעבּראַכט האָבּן זיי בּטלנים און קרעמערלעך — האָט דאָקטאָר כאַווקין באַמערקט מיט זיין שפּיציקן שמייכל און צוריק אָנגעטאָן די ברילן.

— אָבער יענע בטלנים און קרעמערלעך האָבּן געהאַט אַ נשמה יתירה און וואָס פאַר אַ נשמה וועלן האָבּן די קרעמער, און אַפילו די אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, וואָס די אַלע דאַזיקע היינטיקע מאַמעס וועלן אַרויסברענגען? איך זאָג אייך דעם אמת — האָט ראַבּינאָוויטש גערעדט ווייטער — איך קוק אויף אָט די פּרויען, קוק זיך צו צו זיי, און אַ שרעק כאַפּט מיר אָן פאַר דעם קיום פון אונדזער פאָלק.

מינע רובין האָט אַ לאַך געטאָן:

— איר וועט הונדערט מאָל קוקן אויף די היינטיקע פּרויען און איר וועט זיי אַלץ ניט קענען.

אָבער ראַבינאָוויטש האָט איר ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט און האָט גערעדט ווייטער צו דאָקטאָר כאַווקינען:

— ווער פון זייערע קינדער וויים אַ יידיש וואָרט? וואָס בינדט זיי צו צום יידישן עבר? וואָס פאַר אַ שייכות, איך מיין אַ לעבעדיקע שייכות, האָבּן זיי צום יידישן פאָלק?

דאָקטאָר כאַווקין האָט זיך אָנגערופן:

— און מיר ווייזט זיך אויס, פאַרקערט, אַז ליידער, ליידער האָט זיך די יידישקייט ביי אונדז דאָ די לעצטע יאָרן צופיל פאַרשטאַרקט. זעט נאָר, וויפל גוטע יידן קומען צו אונדז אַרונטער פון אייראָפּע!...

— ביי מיר זיינען די גוטע יידן די ערגסטע יידן! הלוואַי וואָלט דער־סאָרט שוואַרצע יידישקייט אינגאַנצן ניט געווען אויף דער וועלט — האָט דוד ראַבּינאָוויטש זיך צעשריען — יאָ, דאָקטאָר, די יידישקייט פון גוטע יידן איז ניט מיין יידישקייט. איך בין געווען שטענדיק אַ געגנער פון אָבערגלויבן, פון יעדן סאָרט אָבערגלויבן!...

— מיין יידישקייט, דאָקטאָר, איז צו זיין אַ ייד. צו פילן זיך געבונדן צום יידישן עבר, צו דער יידישער פאַרגאַנגנהייט. גלויבט מיר, אַז עס איז דאָ אַ סך שיינעס, ליבטיקעס אין דעם יידישן אַמאָל. אמת, אויך געגוג חושך, גענוג פאַסקודסטווע — איז אָפּגעוואָרפן זיך פון דעם, אָבער ניט אינגאַנצן זיך אוועקרייסן! ניט פאַרלייקענען אונדזער יידישן מהות, אונדזער יידישן פּנים. און פאַרוואָס, גוואַלד פאַרוואָס? — האָט ער זיך ווידער צעהיצט — אַז איך טו אַמאָל אַ טראַכט: דער קאַטאָליק פאַרלייקנט זיך ניט, דער פּראָ־טעסטאַנט פאַרלייקנט זיך ניט. און מיר, יידן.... ביי אונדז איז דאָך דער גרעסטער קאָמפּלימענט, ווען מען הערט, אַז מען זעט ניט אויס ווי אַ ייד!..

— אמת, אמת. — האט דאקטאר כאוקין געזאגט — אבער וואס קענט איר טאן צו דעם?

— דערציען, דערציען אונדזערע קינדער, אונדזער דור! טאקע אמעריקאנער און גוטע אמעריקאנער, אבער יידן אוי! די קאטאליקן און פראטעסטאנטן ריידן אזויפיל פון דער ביבל, דארפן אונדזערע קינדער וויסן, אז די ביבל האבן מיר זיי געגעבן! זיי ריידן אזויפיל פון די פראפעטען, דארפן יידישע קינדער וויסן, אז די פראפעטען זיינען אונדזערע. ווען זיי וועלן דאס וויסן און נישט נאר וויסן, נאר טאקע פילן דאס אין זייער בלוט, וועלן זיי דעמאלט ניט שעמען זיך מיט זייער פאלק און וועלן ניט ליידן פון דעם „אינפעריאריטי קאמפלעקס". מיר איז דאך אזוי קלאר, אז איך קען גאר ניט פארשטיין, ווי מענטשן באגרייפן דאס ניט!

מלכה האט ארויסגעפליסטערט צו אלעקסען:

— וואס פאר א ווארעמער ייד ער איז!

— ער איז דאס אלעמאל געווען.

און ער האט זיך א קער געטאן צו דוד ראבינאוויטשן.

— אבער פאפא, דו פארגעסט, וויפיל צוגעבונדנקייט עס וויזן ארויס די יידן דא אין אמעריקע צו זייערע יידישע ברידער פון די אנדערע לענדער אין די איצטיקע ביטערע צייטן. וויפיל פון זיי רייסן ארויס דעם לעצטן ביסן פון מויל כדי צושטיצן דערמיט יענע יידן, וואס האבן דארט געליטן פון פאגראמען...

— יא, יא, איך וויים — האט דוד ראבינאוויטש זיך א הויב געטאן פון זיין שטול — דאס איז אמת. אבער וועגן דעם רייד איך טאקע, וואס עס מוז קומען צו א פאגראם, אז די יידן זאלן דערפילן, אז זיי זיינען יידן און אז זיי האבן פליכטן צו אנדערע יידן! אבער איך וויל, אז יידן זאלן פילן אז זיי זיינען יידן אפילו אין רואיקע צייטן...

— אין סאוועט־רוסלאנד וועט איר דאס פילן — האט דאקטאר כאוקין מיט אמאל זיך אנגערופן און ער האט ווידער ארונטערגענומען די ברילן און האט מיט א פינגער גענומען רייבן אן אויג. מלכה, וואס האט געקוקט אויף אים, האט דערביי באמערקט, ווי דאס שווארץ שפיציק בערדל האט זיך ביי אים געשאקלט, ווי ביי א ציג, בעת זי ווארפט מיטן קאפ.

— אין סאוועט־רוסלאנד? פארוואס? — האט דוד ראבינאוויטש א קוק געטאן אויף אים.

— ווייל דארט וועט דער ייד זיך ניט דארפן פילן נידעריקער איידער די אנדערע; ווייל דארט וועט ניט זיין קיין אנטיסעמיטיזם, וואס וועט אים לאזן פילן, אז ער איז א ייד. און בכלל וועט דער ייד אליין דארט ווערן אן אנדערער. אמת, ניט קיין שאוויניסט, ניט מיט אזא שאוויניסטישער טעמפעראטור ווי איר האט ערשט געוויזן, מיסטער ראבינאוויטש, אבער ער וועט זיך ניט שעמען וואס ער איז א ייד. איך זע דארט דעם יידן אינגאנצן אן

אנדערן. ניט קיין לײדיקגײער, ניט קיין װינט־מענטש, נאָר אַ מענטש אַ פּראָדוקטיװער, אַן אַרבעטזאַמער. ער אַרבעט גלײַך מיט אַלעמען און איז שטאָלץ מיט זײַן אַרבעט; ער לײַדט און קעמפט גלײַך מיט אַלעמען און װעט געניסן גלײַך מיט אַלעמען. און אַזאַ װעט שױן פון קײן „אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס״ ניט לײַדן...

מלכּה און אַלעקס האָבן אים װאַרעם אַפּלאָדירט.

דוד ראַבינאָװיטש האָט אַ קוק געטאָן אויף זײ און דערנאָך געזאָגט מיט אַ שמײכל:

— װי איך זע, איז די פאַרזאַמלונג אויף אײַער זײַט, דאָקטאָר כּאַװוּקין. בײַ מיר אָבער האָט איר ניט געװאונען. אײַער ענטפער האָט נאָך ניט פאַרענטפערט מײַן פראַגע װעגן די ייִדן דאָ.

— די װעלט - רעװאָלוציע װעט פאַרענטפערן אײַער פראַגע, די װעלט־רעװאָלוציע, װאָס אירע טריט הערט יעדער אײנער װאָס איז נאָר ניט טויב — האָט דאָקטאָר כּאַװוּקין געענטפערט און די באַקן האָבן זיך בײַ אים צע־רויטלט.

און װידער האָבן אַלעקס און מלכּה אַפּלאָדירט, און מינע רובין האָט בשעת דעם געקוקט אויף זײ מיט אַ מינע, װי מען קוקט אויף קינדער װאָס מאַכן זיך נאַריש.

דוד ראַבינאָװיטש האָט פאַררויכערט אַ סיגאַר, אַ צװײטן דערלאַנגט דאָקטאָר כּאַװוּקינען און באַמערקט:

— לײדער, דאָקטאָר כּאַװוּקין, האָב איך ניט אַזאַ שאַרפן געהער װי איר. איך הער נאָך ניט דערװײַלע די טריט פון דער װעלט־רעװאָלוציע, און בײַ מיר בלײַבט די ייִדישע פראַגע נאָך אַלץ אַ ניט קײן פאַרענטפערטע פראַגע!

— אָבער װאָס האָט דאָס אַלצדינג צו טאָן מיט אונדז, „ניסטשאַסטנע״ װײַבער? — האָט מינע רובין זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— אַ, אַ סך, אַ סך, מינע...

אסתּר האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— אפשר געננוג פאַר הײַנט צו דעבאַטירן? קומט בעסער, מיר װעלן טרינקען טײ.

— יאָ, מאַדאַם ראַבינאָװיטש, דאָס איז גאָר אַ גוטער פּלאַן. און מיט אײַער מאַן װעלן מיר נאָך ניט אײן מאָל דעבאַטירן? קומט בעסער, מיר װעלן אים נאָך מאַכן פאַר אַ באָלשעװיק אויך.

דוד ראַבינאָװיטש האָט אַ לאַך געטאָן:

— דאָקטאָר, דאָס װעט אײַך שװער אָנקומען. ניט פריער ביז איר װעט מיר דערװײַזן, אַז די באָלשעװיקעס ברענגען די גאולה פאַר דער גאַנצער װעלט און פאַר אונדז ייִדן אויך.

— איך האָף, אַז איך װעל אײַך דאָס קענען דערװײַזן.

— הלװאַי. און איצט קומט טרינקען טײ.

און ערשט שפעטער ביים טיי האט זיך צעברענט די דעבאטע צווישן מינע רובין און דוד ראבינאָוויטשן.

אָבער ניט אויף לאַנג. מחמת ווען מינע רובין האט אויף איר שטייגער גענומען ריידן צו פריי וועגן דער היינטיקער פרוי (זי האט גערעדט אמאָל אין יידיש און אמאָל אין ענגליש) האט דוד ראבינאָוויטש איר מיט אמאָל אונטערגעבראָכן אין ענגליש:

— גענוג! איך וויל ניט ריידן מער דערפון ווען מיין טאָכטער איז דערביי!...

— אזוי נאאיוו איז זי? — האט מינע א לאַך געטאָן.

— יאָ, אזוי ריין איז זי פון אט די אַלע מיאוסע רייד...

און דערביי האט ער א קוק געטאָן מיט א סך ליבע אויף מלכה׳ן, וועלכע איז געזעסן לעבן אַלעקסן ביים טיש און האט זיך צוגעהערט פארטראַכט צו דער דעבאטע, און אז זי האט עפּעס ניט פארשטאַנען האט זי געפרעגט ביי אים.

איצט האט זי זיך גלייך אָנגעשטויסן פון דעם ווי ראבינאָוויטש האט אויף איר א קוק געטאָן, אז מען האט עפּעס גערעדט וועגן איר. און אז עס איז דערנאָך שטיל געוואָרן האט זי געפרעגט אַלעקסן וועגן דעם, און ער האט איר איבערזעצט וואס ראבינאָוויטש האט געזאָגט אין ענגליש וועגן איר.

איז איר דעמאָלט שווער געוואָרן אויפן האַרצן און זי האט אַרונטער־געלאָזט די אויגן און גענומען נערוועז מישן מיטן לעפעלע אין איר גלאָז טיי.

זי האט געטראַכט: ווען ער ווייס...

— וואס איז דער מער פרידאַ? — האט אַלעקס א פרעג געטאָן

— גאָרנישט.

און זי האט גענומען טרינקען איר קאַלטן טיי פון דער גלאָז. א זופּ גע־טאָן איין מאָל, צוויי מאָל און דערנאָך צוריק אוועקגעשטעלט די גלאָז אויף דעם טעצל.

„וואָסער בייזער שפּאַס! דוקא מיט אזא ריינעם מענטשן דאַרף דאָס פּאַסירן! — האט זי ווייטער געטראַכט און האט זיך אויפגעהויבן.

— אַנטשולדיק, אַלעקס, עס איז מיר הייס געוואָרן. איך קום באַלד צוריק — האט זי אַרויסגערעדט האסטיק און פאַרלאָזן דעם עס־צימער.

זי איז אַרוים אויפן גאַנעק די נאַכט איז געווען א העלע ווי נעכטן און אייערנעכטן.

מלכה האט קוק געטאָן צום הויכן באַרג, וועלכער איז אינגאַנצן פאַר־גאָסן געווען פון לבנה־שיין און אַרויסגעמורמלט:

— וואָס קאָן ווערן דערפון?...

זי איז נערוועז אַריבער אויף דעם אַנדערן עק פון גאַנעק.

„וועט ער זיך דאָס דערוויסן אמאָל? — האט זי ווידער געטראַכט און זי האט א שוידער געטאָן. — זאָל איך דאָס ניט דערלעבן!״

אלעקס איז ארויסגעקומען.

— וואס איז, פרידא? — איז ער צוגעגאנגען צו איר. — איז דיר היים אדער די דעבאטן האבן דיר דערעסן?

— מיר טוט וויי א ביסל דער קאפ. וויל איך דערפאר זיצן א ווײלע אויף דער פרישער לופט.

— זיי גייען באלד אויך אוועק. ווי געפעלט זי דיר, פרידא?

— ווי מינע רובין געפעלט מיר? עס איז מיר שווער צו זאגן א באַ־שטימטע מיינונג וועגן איר. דאס וואס זי האט גערעדט איז א טייל געווען אינטערעסאנט און דאס גרעסטע טייל ניט קיין נייס.

זי איז אויף א רגע אנטשוויגן געווארן און נאכדעם האט זי ווידער זיך אנגערופן:

— דו קענסט זי דאך בעסער, וואס איז דיין מיינונג וועגן איר?

— איך האב דאך דיר שוין אמאל געזאגט וואסער סארט מיידל זי איז.

— דו האסט מיר געזאגט, אז זי זוכט א סך מענער, ווייל זי האט מורא פאר איינעם...

— אומגעפער — האט ער צוגעשאקלט מיטן קאפ.

— און ווייטער? — האט מלכה זיך ווידער אנגערופן.

— ווייטער? א עגאאיסטקע. זי האט איין אידעאל און דאס איז מינע רובין. קיינער און קיין זאך גייט איר מער ניט אן. זי און זי און זי, און נאר זי און בלויז זי! דערפאר רייסט זיך ארום מיט איר אזוי דער פאפא. זי און איר שוועסטער חנה עפשטיין זיינען טאג און נאכט...

נאך א קורצן שווייגן האט מלכה פארטראכט ארויסגערעדט:

— אינטערעסאנט. דו ווייסט? פון דעם וואס דו דערציילסט מיר וועגן איר און פון דעם וואס איך האב היינט געהערט פון איר אליין, שטויס איך זיך אן, אז עס איז ווערט זיך צו באקענען מיט איר נענטער. און א חוץ דעם קאן זי ניט זיין אזוי ווי דו מאלסט זי, ווען אזא פערזאן ווי דאקטאר באווקין, ווי עס שיינט אן אויפריכטיקער רעוואלוציאנער, איז באפריינדעט מיט איר.

— דאס באווייזט, אז דאקטאר באווקין איז ניט קיין מלאך, און אפשר האפט ער צו מאכן זי פאר א קאמוניסטקע. און א חוץ דעם, וואלט זי גע־קאנט פארדרייען דעם קאפ אפילו לענינען אליין. אט אין דעם טוט זי אריין אירע אלע כוחות. דאס גרעסטע פארגעניגן איז ביי איר צו פארדרייען קעפ און צו אומגליקלעך מאכן מענטשן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם און גארנישט, ווי נאר מיט איר אייגענעם פארגעניגן און אייגענער באפרידיקונג.

מלכה האט נערוועז א לאך געטאן און געזאגט:

— דו רעדסט מיט אזא כעס וועגן איר, אז מען קאן מיינען, אז דו אליין ביזט געווען איינער פון אירע קרבנות.

— אביסל האסטו געטראפן דאס הייסט איך אליין ניט. מיר איז זי קיין מאל ניט געווען געפעלן, אבער א פריינט, זייער א נאענטער פריינט, איז נאך ביז היינט א צעבראכענער מענטש א דאנק איר....

— יא?

— אן אוניווערסיטעט - חבר מיינער געווען. געענדיקט אין איין צייט מיט מיר. ער האט זיך געטראפן מיט איר און זיך פארליבט אין איר. ער האט געוואלט מיט איר חתונה האבן. מאטעריעל איז ער געווען גוט פאר־זארגט. א זון פון רייכע עלטערן. און ער האט א פיינע פראקטיק אויך גע־האט. א פיינער שידוך פאר א מיידל, ניין? איז זי דאך אבער מינע, די סופער־מאדערנע פרוי. האט זי מיט אים אינטימע באציאונגען געהאט ביז זי האט דערפילט, אז זי הויבט־אן זיך צו פארליבן אין אים. און האט זיך דע־מאלט מיט אמאל געמאכט א סוף: איבערגעריסן מיט אים!

— וואס הייסט? ווי מיינסטו?

— אט אזוי ווי דו הערסט. ניט געוואלט אים טרעפן מער. און ווען איך בין צו איר דערנאך געקומען און געפרואווט ווירקן אויף איר, זיינען אלע מיינע רייד ווי אויף א שטיין געפאלן. קאלט ווי א גזלן האט זי מיר געענט־פערט, אז זי קלייבט זיך ניט צו הייראטן און ניט צו פארליבן זיך. זי וויל ניט זיין קיין שקלאף. אפילו ניט ביי אירע אייגענע געפילן!...

מלכה האט שטיל זיך אנגערופן:

— אינטערעסאנט זיך צו באקענען מיט איר.

ער האט געענטפערט:

— איך האב פאר איר קיין געדולד ניט.

— ערנסט?

— איך פארזיכער דיר. און איך וועל דיר זאגן נאך עפעס — האט ער צוגעלייגט מיט א פארסודעטער מינע — אז שוין א יאר דריי ווי זי זוכט מיך. זי האט מיך געזוכט נאך איידער זי האט פארקניפט באציאונגען מיט מיין פריינט. אבער ביז היינט איז זי געבליבן ביים זוכן...

איז דעמאלט מלכה מיט אמאל פריילעך געווארן און זי האט זיך אנ־גערופן מיט א צעשמייכלטן פנים:

— אויב אזוי, ביזטו דאך שטארקער פון לענינען אליין..

— הער נאר דו, לאך ניט פון מיר!

— אויף אן אמת, אלעקס. עס וואונדערט מיך טאקע, ווי אזוי דו האסט זיך ניט אריינגעדרייט צו איר אין די הענט. זי איז דאך שיין און אינטע־רעסאנט און בעת זי טאנצט איז זי דאך איין שטיק פייער!..

— זעסט דאך! — און ער האט זי א כאפ געטאן אונטערן ארעם. — קום, מיר וועלן נאך כאפן א שטיקל שפאציר . די נאכט איז אזוי שיין!

מלכה האט א פרעג געטאן:

— זאלן מיר זיך אפריער געזעגענען מיט זיי?

— וואָס זעגענען זיך? מיר ווועלן זיי זען מאָרגן — און ער האָט זי אוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

זיי זיינען געגאַנגען צו דזשאַנסאָנס טייך. אָבער אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן פעלז און האָבן זיך געזעצט אויף דעם. פון דער וויטנס האָט זיך געזען דער טייך, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין דעם לבנה־שיין.

אַלעקס האָט זיך אַ רוק געטאָן נענטער צו מלכהן און אַוועקגעלייגט איר קאָפּ צו זיך אויפן שויס.

— ליג אַזוי און ווען דו ווילסט קאָנסטו אַפילו כאַפּן אַ דרימל.

— וועט דיר ניט זיין שווער?

— ניין, קינד — האָט ער איר אַ גלעט געטאָן די באַקן.

— דו רופסט מיך אויך ,,קינד״? — האָט זי נערוועז אַ לאַך געטאָן.

און זי האָט צוגעלייגט:

— וואָס זאָגסטו, אַלעקס, אויף דעם ווי פּאַפּאַ קוקט אויף מיר? און אין זיינע אויגן בין איך אַ נאַאיוו קינד וואָס מען מוז אָפּהיטן, אַז עס זאָל חלילה, ניט פאַרקריכן מיט אַ פיסעלע אין אַ בלאָטע...

— יאָ, פּאַפּאַ קוקט אויף דיר אַזוי. ער מיינט, אַז קיין ריינערע ווי דו און קיין שענערע און קיין קליגערע און קיין געראָטענערע איז אויף דער וועלט ניטאָ. און איך אַליין מיין אויך כמעט ווי ער...

האָט מלכה טיף אַ זיפץ גטאָן:

— יאָ, יאָ, הלואי וואָלט אירביידע גערעכט געווען!

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און צוגעטוליעט איר קאָפּ מער צו אים. און נאָכדעם האָט זי דערפילט זיינע הענט אויף איר קאָפּ. ער האָט איר גע־גלעט די האָר און מיט זיינע פינגער זיי געקרייזלט. און איר איז געוואָרן אַזוי גוט, אַזוי לייכט און אַזוי וואַרעם אויפן האַרצן...

און מיט אַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

ווען זי וואָלט געקאָנט אַלצדינג פאַרגעסן... פאַרקלאַפּן דאָס גאַנצע פרי־ערדיקע מיט אַ דיקער וואַנט... פאַרקלאַפּן און באַגראָבן און פאַרשיטן אַלצ־דינג אין אַ טיפן קבר און אָנהויבן דאָס לעבן פון דאנען, פון אַמעריקע, אַי ווען זי וואָלט דאָס געקאָנט!...

אַ צאַרטער קוש אין איר קאָפּ האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען. זי האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? — האָט אַלעקס געפרעגט שטיל. — דו האָסט געשלאָפן און איך האָב דיך אויפגעוועקט?

— יאָ, דו האָסט מיך אויפגעוועקט.

— וועל איך דיך ניט וועקן מער. שלאָף ווייטער.

אָרום האַלבער נאַכט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט אַהיים.

פערצנטער קאַפּיטל
אריה - לייב גאָרדאָן פאַרלירט גאָט.

אַ פּאָר וואָכן זיינען אַוועק און כמעט די גאַנצע צייט זיינען מלכה און אַלעקס געווען צוזאַמען. דורך דער צייט איז ער בלויז אַ פּאָר מאָל געווען אין ניו־יאָרק צו זען אַ פּאַציענט זיינעם. די איבעריקע צייט איז ער געווען מיט דער פאַמיליע אין זייער זומער־היים.

ער האָט געלערנט מיט מלכהן ענגליש, זיך געבאָדן מיט איר אין דער בערגיקער זון און אין דזשאָנסאָנס טייכל, געקלעטערט מיט איר אויף די בערג און געשפּאַצירט מיט איר אין וואַלד, און טענים געשפּילט מיט איר און נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אָפּמאַך זייערן צו ריידן בלויז ענגליש, ווייל דאָס וואָס זיי ביידע האָבן גערעדט, און נאָך מער וואָס זיי ביידע האָבן ניט דערעדט, איז געווען פאַר זיי אַ סך וויכטיקער איידער אַלע שפּראַכן פון דער וועלט.

די טעג זיינען געווען וואונדערלעכע און אַזוי די נעכט. אַ וואַרימע העלקייט און בלויקייט האָט דאָרט געשלאָגן פון הימל און באַרג און פון טאָל און פעלז אין די טעג און אין די נעכט האָט די לבנה געבשופט און באַרג און טאָל זיינען געלעגן אונטער איר פאַרבענקט און פאַרשמאַכט.

מלכה און אַלעקס זיינען געוואָרן אַלץ נעענטער איינער צו דעם אַנדערן. ער, אַלעקס, האָט געפילט, ווי זי ווערט אים מיט יעדן טאָג אַלץ טייערער. ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אים זאָל אַזוי טייער זיין אַפילו אַ לייבלעכע שוועסטער.

נאָך מער איידער ראַבינאָוויטש און נאָך מער איידער אסתר, איז ער פון דער הויט געקראָכן, אַז איר, מלכהן, אָדער פרידאַן, זאָל זיין אָנגענעם; אַז זי זאָל זיך פילן גוט.

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן איז ביי אים געווען צו שפּילן מיט איר אַ־פיר הענט אויף דער פּיאַנאָ, אָדער טענים שפּילן מיט איר און זען ווי האַסטיק זי לויפט אין איר ווייסן סוועטער און ווי פלינק און בריהש זי שלאָגט צוריק די פּילקע מיטן רעקאָרד און ווי צורויטלט זי איז, און ווי די שוואַרצע, שיינע אויגן אירע זיינען צופינקלט פריידיק בשעת דעם; צי גאָר ריידן מיט איר וועגן אַן ענין זיצנדיק אויפן גראָז, אָדער אויף אַ פעלז ערגעץ; צי אינגאַנצן ניט ריידן, גאַרניט ריידן, גאָרניט טאָן, ווי נאָר קוקן אין די שוואַרצע, פאַרטראַכטע אויגן; קוקן אין זיי און טראַכטן אַליין...

און געטראַכט האָט ער דעמאָלט: ווי שיין און ווי ליב זי איז געווען! און וויפל גליק זי האָט אַריינגעבראַכט אין זייער הויז.

און אויך נאָך דערפון האָט ער געטראַכט, אַז ער רייסט זי אַרויס אַלץ מער און מער פון איר אינעווייניקסטן חושך; אַז ער האָט זי כמעט שוין באַלד אינגאַנצן אַרויסגעריסן דערפון...

און בשעת ער האָט געטראַכט אַזוי, האָט זיין האַרץ געקוואָלן און גע־

בענקט. אים איז אָבער דערוויילּ ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געפילט צו איר, איז ניט געווען בלויז די ליבע פון אַ ברודער...

און אַמאָל, ווען ער איז געזעסן מיט איר אויף אַ באַנק און האָט גערעדט מיט איר וועגן שרייבער און ביכער, צי וועגן דער יידן־פראַגע, צי וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, צי גאָר סתם אין דער וועלט אַריין, איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר און פון זיין וואַרימקייט צו איר, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז די וואַרימע העלקייט און בלויקייט, וואָס האָט געשלאָגן פון אַרום, האָט אַרויסגעקוואָלן פון זיין אייגענער נשמה און פון אירער...

און זי, מלכה? זי האָט זיך אַלץ מער מיטגעריסן מיט אים און אַמאָל אַזוי, אַז זי האָט זיך פאַרגעסן אָן אַלצדינג. דעמאָלט האָט די פריערדיקע מלכה ווי איינגאַנצן אַרויסגעשוואומען פון דעם חושך, אין וועלכן די איצטיקע מלכה האָט זיך געשטיקט, און געזונגען האָט אין איר און געלאַכט האָט זי אַזוי האַרציק און מיט אַזוי פיל פרייד, ווי גאָר אַמאָל...

אָבער אינמיטן דערינען האָט זי זיך דעמאָלט ווידער אַ פרעג געטאָן: וואָס וואָלט ער געזאָגט, ווען ער דערוויסט זיך דעם אמת?

און אוים פרייד! ווידער דער פיינלעכער געדאַנק, אַז זי באַטריגט אים, באַטריגט ראַבינאָוויטשן, זיי אַלעמען...

און עס איז שוין געווען אַ מאָמענט, ווען זי איז גרייט געווען צו דערציילן אַלעקסן אַלצדינג; אָבער, צום סוף, האָט זי אים גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט קיין מוט ניט געהאַט פאַר דעם. זי האָט קיין כח ניט געהאַט צו חרוב מאַכן דאָס, וואָס איז איר געווען איצט אַזוי ליב און טייער...

מחמת ער, אַלעקס, האָט זיך איר אָן אַנדערשמאָל אויסגעוויזן, איז איר געווען דער טייערסטער און נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט. ער איז געווען איר אַזוי נאָענט און אַזוי טייער, אַז זי האָט אַמאָל אַפילו פאַרגעסן אָן איר טאַטן אין ניו־יאָרק און ניט געשריבן אים קיין בריוו. אודאי האָט זי דערנאָך זיך דאָס ניט געקענט מוחל זיין, און דער בריוו, וואָס זי האָט אים נאָכדעם געשריבן, איז געווען אַ באַזונדער הייסער...

אין אַזאַ צייט האָט זי רחמנות געהאַט אויף איר טאַטן מער ווי געווייגלעך און זי האָט זיך געפרעגט, ווי אַזוי איבערהויפּט, האָט זי געקאָנט זיין אַזוי גליקלעך דאָ, ווען ער איר טאַטע, ליידט דאָרט אַזאַ עלנטער...

צום האָטעל פרייגלעך זיינען זיי געגאַנגען זייער זעלטן. סיידן ווען אסתר איז צוגעשטאַנען צו זיי, אַז זיי זאָלן אַהין גיין, מחמת זי האָט געוואָלט טאַנצן. האָט דעמאָלט אַלעקס געטאַנצט נאָר מיט זיין מאַמען, מחמת זי, מלכה, האָט ניט געוואָלט טאַנצן, און מינע רובין האָט איצט געהאַט אירע שטענדיקע צוויי קאַוואַליערן — דעם דאָקטאָר לעווין און דאָקטאָר כאַווקינען. ווען־נאָר אַלעקס איז איצט אין קאַסינאָ געווען, האָט זי געטאַנצט אָדער מיט איינעם אָדער מיטן אַנדערן פון אָט די ביידע קאַוואַליערן אירע...

מיט איינעם, צי מיטן אנדערן פון זיי האָט מלכה און אַלעקס זיך אויך נאָכאַנאַנד געטראָפן אויפן טייך, אָדער אויפן שפּאַציר, און מער ווי „העלאָו" האָבן זיי איינע די אַנדערע ניט געזאָגט. איז שוין במילא אויסגעקומען, אַז מלכה און אַלעקס זיינען שטענדיק געווען צוזאַמען און זיינען פון קיינעם ניט געשטערט געווען.

דוד ראַבינאָוויטש און אסתּר האָבן געזען, ווי די פריינטשאַפט צווישן אַלעקסן און מלכהן איז געוואַקסן און זיי ביידע האָבן זיך געפריידט, — דוד ראַבינאָוויטש דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען ווי לייבלעכע ברידער און שוועסטער, און אסתּר, — ווייל טיף ביי זיך אינם האַרצן האָט זי איצט נאָך מער געהאָפט, אַז צווישן זייביידן וועט זיך אַנטוויקלען מער ווי צווישן אַ ברודער און אַ שוועסטער...

און איינמאָל האָט זי דאָס אַרויסגערעדט פאַר איר מאַן אויך. זי איז געזעסן דעמאָלט מיט אים אויף אַ בערגל קעגן קאַטערזש און זיי האָבן זיך געוואַרימט אויף דער זון. פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט אַ הילכעדיקן געלעכטער פון מלכהן און אַלעקסן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער לאַנקע דערביי, וואו זיי האָבן געשפּילט טעניס. זי, אסתּר, האָט זיך דעמאָלט אָנגערופן צו איר מאַן:

— ווי פריילעך זיי לאַכן דאָרט, דוד, און ווי דיין טאָכטער האָט זיך געביטן פאַר די פּאָר וואָכן. מיר וואָלט קיינמאָל גאָרניט געקאָנט איינפאַלן, אַז זי זאָל קאָנען אַזוי לאַכן. הער, דוד, ווי זי לאַכט! ווי געזונטט און ווי האַרציק און ווי פריילעך!..

— די באַרגיקע לופט און די באַרגיקע זון האָבן דאָס אויפגעטאָן — האָט דוד באַמערקט.

אסתּר האָט שעלמיש אַ קוק געטאָן אויף אים און זיך אָנגערופן:

— און אפשר דוד, איז שולדיק אין דעם, אַ חוץ דער באַרגיקער זון, אַן אַנדער זון?

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין אַ זון וואָס הייסט אַלעקס?!

האָט דוד ראַבינאָוויטש אָנגעקוקט זיין ווייב צוערשט אַ ביסעלע איבערראַשט, נאָכדעם האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן:

— האַ?.. און אפשר?.. און פאַרוואָס ניט, האַ?

און אסתּר האָט באַמערקט:

— מיר דאַכט זיך די גאַנצע צייט, אַז צווישן זיי איז נישט דאָס, וואָס דו האָסט געמיינט, ברודער און שוועסטער קוקן זיך ניט אַריין אַזוי אין די אויגן און זוכן ניט אַזוי צו פאַרבלייבן אַליין איינער מיטן אַנדערן, ווי זיי ביידע...

דוד ראַבינאָוויטש האָט מיטאַמאָל אַרויסגעזונגען:

— טאַם-טירעראַם-טאַם — טאַם! — איך בין אַ פערד, אסתּר! דער

גרעסטער פערד, וואָס איז דאָ אויף גאָטס ערד! דו מעגסט זיך שעמען מיט אזא מאַן, אַ חיה... אוי — האָט ער זיך פאַרכאַפּט — שיעור ניט אַרויס־געדערדט אַ פּאַסקודנעם וואָרט!...

אסתר האָט זיך צולאַכט:

— נו, וואָס, וואָס ווילסטו זאָגן?

— וואָס וויל איך זאָגן? סטייטש, איך דערמאָן זיך איצט אויך, אַז איך האָב דאָס באַמערקט. פאַרוואָס איז דאָס מיר פריער ניט איינגעפאַלן?

און ער האָט מיט התפעלות אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט:

— אוי, גוואַלד, ווען גאָט פירט דורך דעם שידוך, וואָס פאַר אַ טייערער שדכן ער וואָלט דאָס געווען.

און פון דעמאָלט אָן האָט ער מיט אַנדערע אויגן זיך צוגעקוקט צו מלכהן מיט אַלעקסן.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען אין שטאָט. פרייטיק איז ער געקומען אויף זיין זומער־פּלאַץ אין ליווינגסטאָן-מענאָר און האָט פאַרבראַכט דאָרט ביז מאָנטיק אין דער פרי. האָט ער, ווי נאָר ער איז פרייטיק געקומען אַהין די ערשטע זאַך געפרעגט ביי אסתרן:

— נו, מאַמע, וואָס הערט זיך דאָ ביי די קינדער? ווי ווייט האַלט עס ביי זיי?

און שטענדיק האָט ער געהערט פון איר דעם אייגענעם ענטפער:

— דוד, דער שדכן אַרבעט!

*

פון איר טאַטן האָט מלכה באַקומען וויניק בריוו, איין מאָל אין וואָך און אַמאָל איין מאָל אין צוויי וואָכן, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס זי האָט אים געשריבן אַזוי אָפט. מחמת ער האָט זיך געהיט געהיט איר צו שרייבן צו אָפט. ער האָט זיך געהיט אַפילו צו שיקן איר גרוסן מיט ראַבינאָוויטשן צו אָפט, און אין זיינע בריוו, וואָס ער האָט צו איר יאָ געשריבן, האָט ער זיך אויך אַלעמאָל געהיט. און וואָס ער האָט געשריבן איז אַלץ געווען אויף אַ פאַרשטעלטן אופן. אַנשטאָט מלכה האָט ער זי גערופן סתם „דו" און קיינמאָל ניט אונטערגעשריבן „דיין טאַטע", נאָר אַלעמאָל „אריה־לייב גאָרדאָן".

קורץ: אין זיינע בריוו האָט ער זיך געהאַלטן פּונקט דער היפוך פון מלכהן. אין אירע בריוו האָט זי אים גערופן „פּאָטער" און געבעטן זיך ביי אים, ער זאָל ניט בענקען און זאָל האָפן, אַז אַלצדינג וועט נאָך ווערן ווידער גוט. און אירע לעצטע בריוו האָט זי כסדר דערמאָנט אַלעקסן, האָט געשריבן, וואָס פאַר אַ ליבער און וואָס פאַר אַ טייער מענטש ער, אַלעקס איז, און ווי איר טוט וויי, וואָס זי קען ניט זיין אָפנהאַרציק מיט אים. אויך האָט זי אים געשריבן, אַז זי לערנט זיך ענגליש און קען שוין אַביסל סיי לייענען און סיי ריידן.

אַט אונטער דער צייט האָט זי איינמאָל באַקומען פון איר טאַטן אַ בריוו, וואָס אין אים האָט ער אויסגערעדט זיין האַרץ אָפן, ניט אַזוי פאַר־שטעלט, ווי אין די פריערדיקע בריוו.

ער האָט איר געשריבן, אַז ער בענקט נאָך איר; אַז ער געפינט זיך פשוט קיין אָרט ניט פאַר בענקעניש; ער וואָלט זיך ניט איינגעהאַלטן און וואָלט געקומען צו איר פאַר אַ טאָג, כדי אויסצורײדן כאָטש אַ פּאָר ווערטער מיט איר, כדי אַ קוק צו טאָן, ווי זי זעט דאָרט אויס. מוז ער אָבער זיין אין דעם שאַפּ און היטן די סחורה, וואָס קומט אַריין און וואָס מען גיט אַרויס צו די שניידער...

איבערהויפּט געפינט ער זיך ניט קיין אָרט זונטיק, ווען ער איז ניט פאַרנומען אין דעם שאַפּ. פרואווט ער דעמאָלט גיין אין פּאַרק, גייט מיט אים מיט דער אומעט. צו אַ קאָנצערט געפּרוווט גיין, ווערט אים דערנאָך אומעטיקער.

אין דעם בית המדרש, וואו ער איז פריער געגאַנגען, האָט ער אויפ־געהערט צו גיין. טראַכטנדיק איצט כסדר, סיי ווען ער איז אין דעם שאַפּ און סיי ווען ער איז אין דער היים, און סיי ווען ער איז אין גאַס, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער ענין בית־מדרש און די אַלע אַנדערע פרומע ענינים, זיינען איין שטיק נאַרישקייט...

פאַר אומעט און בענקעניש איז ער איינמאָל געגאַנגען מיט דעם אַלטן נח ראַבינאָוויטש אויף אַן אסיפה צו דעם „פּיפּעלס רעליף״, האָט ער דאָרט געהאַט אַ גרויסן שרעק. דהיינו! בעת ער איז געזעסן דאָרטן נעבן נחן און זיך צוגעהערט צו איינעם פון די רעדנער, איז צו אים מיט אַמאָל צוגע־גאַנגען אַ לאַנדסמאַן און אים דערלאַנגט די האַנט מיט די ווערטער: „שלום עליכם, רעב אריה לייב!״ און זיך גענומען ביי אים נאָכפרעגן, וואָס ער מאַכט און ווי לאַנג ער איז אין אַמעריקע, און וואָס ער טוט, און וואו ער געפינט זיך...

און ער, אריה לייב, איז אַזוי צעטומלט געוואָרן דערפון, ווי אַ פאַר־ברעכער, וואָס מען וואָלט געכאַפּט ביי דער האַנט, בעת ער איז באַגאַנגען דעם פאַרברעכן.

קורץ, קוים זיך אַרויסגעדרייט פון דעם לאַנדסמאַן, ניט אָנגעבנדיק זיין אַדרעס. און טאַקע תיכף אַוועק פון דער אסיפה אויך, איבערלאָזנדיק דאָרט דעם אַלטן נחן.

און פון דעמאָלט אָן היט ער זיך נאָך מער צו ווייזן זיך פאַר לייט. מחמת, ווי אַזוי קען ער זיין זיכער, אַז ער וועט דאָ, אָדער דאָרט, נישט אָנטרעפן אימיצן פון זיין שטעטל, וואָס וועט אים דערקענען? אפשר וואָלט אַזוי געוועזן בעסער, מחמת, סוף כל סוף, ווערט אים אַלץ שווערער און שווערער אָט דער גאַנצער פּלאָנטער... שלעכט אָדער גוט, — אַ סוף! ער האָט שוין מער קיין כח ניט.

„מיט איין וואָרט, — האָט ער פאַרענדיקט דעם בריוו, — עס איז ניט גוט, און איך ווער ממש משוגע פאַר אומעט און בענקעניש. ווען דו וואָלסט זיך געקענט אריבערכאַפּן אויף אַ טאָג, אָדער צוויי, אין שטאָט, וואָלסטו מיר פּשוט מחיה געווען"...

נאָך אָט דעם בריוו איז מלכּה אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ דער־שלאָגענע און ניט אַלעקס און ניט אסתּר האָבן ביי איר געקאָנט דער־גיין, וואָס איר איז געווען; פאַרוואָס זי איז אַזוי אומעטיק און צעטראָגן. אויף אַלע זייערע פראַגן האָט זי געענטפערט:

— איך ווייס ניט, מיר איז שווער אויפן האַרצן...

און נאָכדעם האָט זי געבעטן, מען זאָל זי איצט צורו לאָזן און איז אוועק צו זיך אין צימער און איז דאָרט געזעסן ביז פאַרנאַכט דערנאָך האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר טאַטן, אַז זי וועט זיין אין ניו־יאָרק די וואָך נאָך...

און תּיכּף, ווי זי האָט דעם בריוו אָנגעשריבן, האָט זי דערפילט, ווי זי וואָלט פון זיך אַ שווערע משׂא אַרונטערגעוואָרפן. און דעם גאַנצן אָוונט דערנאָך איז זי געווען ווידער פריילעך און האָט געשפּאַצירט מיט אסתּרן און אַלעקסן און איז געגאַנגען אַפילו מיט זיי צו דער קאַסינאָ פון „האָטעל פריילעך".

ערשט אַרום האַלבער נאַכט, ווען זיי זיינען געגאַנגען צוריק אַהיים פון דער קאַסינאָ, אַלע גוט אויפגעלייגט (מחמת אַלעקס און זיין מאַמע האָבן אַ סך געטאַנצט יענעם אויפדערנאַכט און מלכּה איז פול געווען מיט דעם געדאַנק, אַז זי וועט באַלד קאָנען זען איר טאַטן), האָט זי זיך מיט אַמאָל אָנגערופן:

— איך וויל פאָרן די וואָך קיין ניו־יאָרק. ווען קען איך פאָרן?

— פאַרוואָס עפּעס מיט אַמאָל ניו־יאָרק? — האָט זיך אסתּר פאַר־וואונדערט אָנגערופן.

— איך האָב באַקומען אַ בריוו פון דעם אַלטן גאַרדאָן. ער בענקט שרעקלעך. ער וואָלט וועלן כאָטש מיך זען. האָב איך אים היינט אוועק־געשיקט אַ בריוו, אַז די וואָך וועל איך זיין אין ניו־יאָרק.

— יאָ, אַ רחמנות איז אויף אים אַ גרויסער — האָט אסתּר געזאָגט.

— דיין פּאַפּאַ האָט מיר ניט איינמאָל דערציילט, אַז ער זעט דאָרט אויס די גאַנצע צייט ווי אַ דער׳הרגעטער, צי ער איז אין שאָפּ צי אין דער היים. איך האָב אים געבעטן ער זאָל קומען אַהער אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אָפּרוען, האָט ער ניט געוואָלט.

מלכּה האָט אַ זיפץ געטאָן.

אַלעקס האָט פאַרטראַכט אַרויסגערעדט:

— יאָ, יאָ, עס איז אַ רחמנות. און איז ער דען דער איינציקער ביי אונדז? איר האָט געהערט אַמאָל זיין אויף אַ מיטינג ביי דער פּיפּעלס

רעליף, וואָלט איר עפּעס געהערט...

— איז וועז, דענקט איר, קען איך פאָרן? — האָט מלכּה אים איבער־געשלאָגן.

— ווען דו ווילסט. פון מיינטוועגן אפילו מאָרגן. איך קאָן מיט דיר צופאָרן קיין ניו־יאָרק — האָט אַלעקס געענטפערט.

— הלמאַי זאָלסטו פאָרן? איך קאָן פאָרן אַליין.

— איך האָב זיך אויך פאַרבענקט אַביסל נאָך ניו־יאָרק, און אגב וויל איך זען וואָס הערט זיך דאָרט ביי מיר אין אין אָפיס.

— ווי דו ווילסט — האָט מלכּה אַ שמייכל געטאָן צו אים.

— פאַרוואָס זאָלט איר ניט וואַרטן אויפן קומענדיקן מאָנטיק, ווען איר קאָנען פאָרן מיט פּאַפּאַ'ן אין זיין מאַשין? — האָט אסתר אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב אים געשריבן, אַז איך קום די וואָך און ער וועט זיך ריכטן אויף מיר. וויל איך אים ניט אַנטוישן.

— פאַרגעס אָבער ניט, פרידאַ, אַז מאָרגן איז פרייטיק און פּאַפּאַ וועט ניט טרעפן ניט דיר און ניט אַלעקסן.

אַלעקס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

יאָ, אַזוי בלייבט עס; מאָרגן אינדערפרי פאָרן מיר מיט דער באַן. מיר וועלן נאָך פּאַפּאַן טרעפן אין ניו־יאָרק און מיר וועלן זיך זען מיט אים.

* * *

אויף מאָרגן מיטאָגצייט זיינען זיי געווען אין ניו־יאָרק, און באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין הויז האָט אַלעקס אָנגעקלונגען צו דוד ראַבינאָ־וויטשן אין שאָפּ און אים געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען דאָ, און דערביי האָט ער אים דערקלערט פאַרוואָס זיי זיינען פּלוצים געקומען אין שטאָט.

האָט דוד ראַבינאָוויטש זיי באַשטעלט זיך צו טרעפן מיט אים אויף בראָדוויי אין אַ געוויסן רעסטאָראַן און עסן מיט אים מיטאָג. פון דאָרט — האָט ער געזאָגט — וועט ער פאָרן גלייך קיין ליווינגסטאָן מענאָר מיט זיין מאַשין.

און אין אַ ווײַלע אַרום זיינען זיי אַלע דריי זאַלבעדריט געזעסן אין יענעם רעסטאָראַן ביי אַ טישל און ראַבינאָוויטש האָט דערציילט מלכּה'ן ווי אַזוי איר לאַנדסמאַן, מיסטער גאָרדאָן, האָט זיך דערפרייט ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז זי איז דאָ און אַז זי איז געקומען ספּעציעל צו זען זיך מיט אים.

—דו האָסט געדאַרפט זען, מיין טאָכטער. הענט און פיס האָבן ביי אים געגומען ציטערן. די אויגן ביי אים פאַרלאָפן מיט טרערן און ער האָט געזאָגט עפּעס מיט די ליפּן. און וואָס ער האָט געזאָגט האָב איך נישט געקאָנט הערן. יאָ, מיין טאָכטער, דו פאַרדינסט טאַקע אַ מצוה וואָס דו

קומסט זיך זען מיט אים. ער קען דאָ קיינעם נישט, וויל קיינעם נישט קענען, האַלט זיך פון אַלעמען פונדערווייטנס. דו ביסט דאָך דער איינ־ציקער נפש מיט וועמען ער האַלט זיך אַנדערש. איך האָב אים געוואָלט נעמען מיט זיך אַהער, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט. ער וועט היינט גיין פריער אַהיים צוליב דיין קומען.

און נאָכדעם איז ראַבינאָוויטשן אין מיטן דערינען איינגעפאַלן: אפשר זאָל ער וואַרטן אויף איר? ער וועט איר ברענגען אין שאַפּ צו איר לאַנדס־מאַן און זי וועט מיט אים אַוויילע פאַרברענגען און נאָכדעם וועט זי פאָרן צוריק מיט אים און אַלעקסן אַהיים אין די בערג.

זי אָבער האָט געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין, אַז זי איז שוין דאָ וועט זי שוין פאַרבלייבן אַ פּאָר טעג.

און אַלעקס האָט איר אויך אונטערשטיצט. אַז זיי זיינען שוין דאָ ווילן זיי גיין צו אַ קאָנצערט און צו אַ פאָרשטעלונג. זיך אָפּפרישן אַביסל מיט דער שטאָט...

און אַזוי איז געבליבן.

דוד ראַבינאָוויטש האָט זי אָפּגעפירט מיט דער מאַשין אַהיים אויף ריווערסייד דראַייוו. פון דאָרט איז ער אַוועקגעפאָרן צו זיין ווייב אין ליווינגסטאָן מענאָר.

אינדערהיים איז מלכּה געוואָרן נערוועז: איר טאַטע האָט יעדע מינוט געקאָנט קומען, און עס איז איר קלאָר געווען, אַז זי האָט זיך געמוזט איצט טרעפן מיט אים אַליין, אויג אויף אויג. באַזונדערש דאָס מאָל, נאָך אַזוי פיל וואָכן ניט זען זיך און נאָך דעם נעכטיקן בריוו זיינעם. און צום סוף האָט זי זיך אָנגערופן צו אַלעקסן:

— דו ווילסט מיר טאָן אַ טובה?

— וואָס איז עס?

— ער וועט מסתּמא באַלד קומען. רעכן איך, אַז דו וואָלסט אונדז געדאַרפט לאָזן אויף אַ וויילע אַליין.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ טובה? איך קאָן עס טאָן.

— דו פאַרשטייסט? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן און מיטן האַרצן זיך געשעמט פאַרוואָס זי מוז אים נאַרן. — ער איז אומגליקלעך, ער וועט זיך וועלן אויסריידן פאַר מיר, און אַז דו וועסט זיין דערביי וועט ער ניט קאָנען אַזוי...

— אַלרייט, אַלרייט. איך דאַרף סיי ווי סיי אַרונטערגיין צו זיך אין אָפּיס און אָנקלינגען צו עטלעכע מענטשן, לאָזן זיי וויסן, אַז איך בין דאָ. און אפשר וועל איך נאָך דאַרפן צופאָרן צו אימיצן. און אַחוץ דעם וויל איך אַרויסנעמען מיין מאַשין פון גאַראַזש. אַלרייט, איך וועל טאַקע גלייך גיין.

ער האָט געוואָלט אַרויסגיין און דאָ האָט אים מלכּה אָפּגעשטעלט:

— **ביסט דאָך ניט בייז אויף מיר, אַלעקס, ניין?**

— פאַרוואָס זאָל איך זיין ברוגז אויף דיר? וואָס פאַלט דיר איין?
איז זי צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַ קוש געטאָן.
— אָט דערפאַר האָב איך דיך ליב — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ ווארימקייט אין קול און די אויגן האָבן ביי איר זיך צעשיינט.
און באַלד ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען איז אריה ליב אַריינגעקומען. זי איז געווען דעמאָלט אין דעם עס־צימער אַליין.
ווען אריה־לייב האָט זי דערזען איז ער שטיין געבליבן, האָט זי זיך צע־שמייכלט און דער פּנים ביי אים האָט זיך צעפלאַמט, און די אויגן ביי אים זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ פּאָר רגע׳ס און האָט געקוקט אויף איר, און מיט אַמאָל האָבן די ליפּן ביי אים אַ ציטער געטאָן, און ווי פון איין שטוים האָט ער זיך דערנאָך אַ וואָרף געטאָן צו מלכּה׳ן און זי צו אים, און זיי זיינען געבליבן איינגעקלאַמערט איינער אין דעם אַנדערנס אָרעמס.
— מיין קינד!
— טאַטע!
— דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע ווידער אָנגעקוקט מיט טרערן אין די אויגן און זי האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און איז אַוועק מיט אים צו איר אין צימער.
— דו זעעסט־אויס זייער גוט, מיין קינד — האָט ער גערעדט הייזע־ריקלעך פאַר אויפרעקונג. — כּמעט די אַלטע מלכּה, ווען זי איז געקומען פון דער דאַטשע. — נו, ווי פילסטו אין געזונט, מיין טאָכטער?
זי האָט ניט געענטפערט און געקוקט אויף אים. זי האָט געקוקט אויף אים מיט וויייטאָג. ער איז גרויער געוואָרן. די באָרד זיינע איז אין מיטן געוואָרן ווייס, און אַ באַזונדערער חושך האָט זיך אויף אים אָוועקגעלייגט פון די בייזע טראַכטענישן און פון דער בענקעניש וואָס האָבן אים רוען ניט געלאָזט. און זיין אַמאָליקע הויכע, ברייטע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געבויגן אין דער צייט פון די פּאָגראָמען, איז איצט נאָך מער געבויגן געוועזן.
— איז וואָס, וואָס־זשע פאַרט מאַכסטו? — האָט ער ווידער גע־פרעגט.
דעמאָלט האָט זי געענטפערט מיט אַ טרער אינעם קול:
— איך קוק אויף דיר, טאַטע, און איך שעם זיך פאַרוואָס איך בין אַזוי געזונט און פאַרוואָס מיר איז אַזוי גוט, און פאַרוואָס איך זע אויס אַזוי גוט...
— דיר איז גוט. דו ביסט געזונט. נו, אַ דאַנק גאָט דערפאַר! „אַ דאַנק גאָט!“ — האָט ער שפּאָטיש אַ לאַך געטאָן. — איך קען זיך נאָך אַליין ניט אָפּגעוואוינען פון דאַנקען אַ גאָט!..
מלכּה האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— וואָס מיינסטו, טאַטע?

— וואָס איך מיין? — האָט ער ווידער אַ לאַך געטאָן, און איז צו־געגאַנגען צום פענסטער און האָט אַ קוק געטאָן פּאָרטראַכט אויפן האָר־סאָן. — וואָס איז דער חילוק וואָס איך מיין? מיט אַ יאָר צוריק וואָלט איך דאָס ניט געגלויבט אויף זיך. און וואָלסטו דאָס געגלויבט — האָט ער זיך ווידער אַ קער געטאָן צו איר — אַז דיין טאַטע וועט אויפהערן צו דאַווענען און וועט רויכערן אום שבת און וועט... אָבער וועגן וואָס רייד איך מיט דיר? — האָט ער זיך איבערגעשלאָגן און אַ קוק געטאָן אויף איר ווידער מיט ליבע און צוגעלייגט — נו, אַבי איך זע דיך, מיין קינד! ווי איך האָב דאָס געבענקט נאָך דיר! ווי איך האָב דאָס געבענקט!..

— זעץ זיך, טאַטע, און דערצייל מיר אַלצדינג, ווי דו פילסט זיך דאָ אין שטוב, און ווי מען באַהאַנדלט דיך דאָ.

זי האָט אים אַוועקגעזעצט אויף אַ שאָקל־שטול און אַליין זיך גע־זעצט קעגן אים אויף אַ שטול.

קעגן זייער באַהאַנדלען מיך קאָן איך ניט האָבן צו זיי קיין טענות. זייער גוט. מען דאַרף גאָרניט בעסער און אין שאַפּ אויך אַזוי. און דאָך... דו ווייסט, מיין קינד, עס איז ביי מיר געבליבן, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן פון דאַנען אין אַן אַנדער שטאָט. עס וועט מיר אַלץ שווערער צו שפּילן די קאָמעדיע. ווידער וועל איך אפשר קאָנען קומען צו עפּעס אַ געשעפט אין אַן אַנדער שטאָט. אמת, קיין קאַפּיטאַל האָב איך ניט פאַר אַ געשעפט. מען וועט דאַרפן אָנהויבן מיט הוילע פינגער, אָבער פּרואוון עפּעס טאָן אַנדערעס, וואָס ניט־איז, מוז איך. ווארום דאָס וואָס איך טו איצט איז ניט אַן אַרבעט פאַר מיר. איך וועל אַמאָל משוגע ווערן דערביי. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ צען־יאָריק יינגל אָדער מיידל...

זי האָט זיך אָנגערופן:

— צוליב דעם דאַרפסטו נישט פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. אפשר וואָלסטו אין ניו־יאָרק געפרואווט זוכן זיך עפּעס אַנדערש.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מיר איז שווער דאָ צו זיין אין דער לאַגע ווי מיר זיינען איצט. ווען דאָס אַלצדינג וואָלט געווען אַריבער און זיי וואָלטן אַלץ געוואוסט, און מיר וואָלטן זיך נישט געדאַרפט מער היטן און זיך שטיקן, וואָלט דעמאָלט אוודאי געווען בעסער צו זוכן דאָ עפּעס צו טאָן. אַזוי אָבער, ווי עס איז איצט, איז שווער, זייער שווער. איך בענק נאָך דיר און איך טאָר דאָס ניט זאָגן. איך דאַרף זיך היטן צו רופן דיך „מלכה'לע”, צו הערן אַז דו רופסט מיך טאַטע, דיך אַ גלעט צו טאָן ווי אַ טאַטע. חוץ דעם בין איך ניט זיכער פון אונדזערע לאַנדסלייט. אַט האָט מיר איינער געטראָפן דאָרט אויף דער אסיפה. ווי אַזוי קאָן איך זיכער זיין, אַז מיר וועלן ניט טרעפן אַ לאַנדסמאַן, וואָס קען אונדז ביידן, און וואָס קען דוד ראַבינאָוויטשן אויך, צי דעם אַלטן נחן? דוד ראַבי־

נאָוויטש און זיין טאַטע גייען שטענדיק אויף די אַסיפות פון פּיפּעלס רעליף...

מלפּה האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— דו האָסט געדאַרפט פריער דערפון אַ טראַכט טאָן.

און זי האָט זיך אונטערבראָכן נערוועז:

— הלוואַי וואָלט עס שוין געקומען, און אַ סוף!

— אין דער משונהדיקער לאַגע, אין וועלכער מיר זיינען דעמאָלט געווען, איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דעם. און ווי אַזוי, איבערהויפּט, האָב איך דעמאָלט געקאָנט טראַכטן? איך האָב דעמאָלט געהאַט נאָר איין זאַך אין זינען: ווי צו ראַטעווען דאָס איינציק שטיקל קינד, וואָס מיר איז פאַרבליבן...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, און קוקנדיק מלפּה'ן אין פּנים אַריין האָט ער געדערט ווייטער אין אַ טאָן ווי ער וואָלט גערעדט אימיצן אויף צו-להכעיס:

— און איך האָב דיך געראַטעוועט! ווען ניט דאָס, ווער ווייס וואָס מיט דיר וואָלט ביז אַהער געווען, צי דו וואָלסט אינגאַנצן גאָר געלעבט! יאָ, איך האָב דיך געראַטעוועט, און איך וועל דיך אינגאַנצן ראַטעווען. יאָ, יאָ, איך וועל דיך אַרויסרייסן פון דאַנען, דו וועסט זען. איך וועל ערגעץ אַוועקפאָרן, אַנהויבן עפּעס צו טאָן אונטער אַ אַנדער נאָמען. אין אַמע-ריקע בייטן אַ סך מענטשן זייערע נעמען. נאָכדעם, אַז אַלצדינג וועט גיין ביי מיר אַביסעלע אויף אַ וועג, וועל איך קומען נאָך דיר אַהער און וועל דיך אַוועקנעמען פון דאַנען. און ערשט דעמאָלט וועל איך אָנשרייבן אַ בריוו צו ראַבינאָוויטשן און אַלצדינג אים דערציילן אין דעם בריוו. און אויב אַפילו מען וועט אונדז דעמאָלט וועלן שלעכטס טאָן, וועט זיין שווער אונדז צו געפינען, ווייל מיר וועלן דאָך זיין אונטער אַן אַנדער נאָמען...

מלפּה האָט געקוקט אויף אים מיט שרעק. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אַלעקסן און אַפילו אָן ראַבינאָוויטשן און אסתּרן, צו וועלכע זי האָט זיך אין דעם מאָמענט דערפילט באַזונדערש צוגעבונדן, און זי האָט אַרויסגע-מורמלט צעמישט:

— וואָס רעדסטו? וואָס פעלט דיר איין? נאָך מער זיך פאַרבלאָנ-טערן? נאָך ווייניק זיך אַריינגעפּלאָנטערט?

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר אַקסל און געזאָגט ווייך:

— מיין קינד, גאַנצע טעג און נעכט האָב איך געטראַכט דערפון און דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. קיין אַנדער מיטל איז ניטאָ. ווען דו וועסט רואיק וועגן דעם אַ טראַכט טאָן, וועסטו אויך מוזן איינזען, אַז איך בין גערעכט.

זי האָט זיך אויך אויפגעהויבן און מיטאַמאָל האָט זי דערקלערט:

— גענוג וועגן דעם! איך בין געקומען צו פאָרן זיך זען מיט דיר.

איך האָב געבענקט נאָך דיר נישט ווייניקער ווי דו נאָך מיר. זאָלן מיר דערפאַר ניט ריידן איצט וועגן נאַרישקייטן. דו זאָג מיר בעסער — האָט זי אָנגעשלאָגן אַן אַנדער טאָן און זיך צעשמייכלט, — ווי קומט עס עפּעס וואָס דו האָסט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו רויכערן אום שבת און אויפגעהערט צו דאַווענען, ווי דו דערציילסט?

— איז דאָס דיר אַזוי וויכטיק? — האָט ער ביטער אַ שמייכל געטאָן און פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

— זייער וויכטיק — האָט זי אַ לאַך געטאָן, מחמת זי האָט געוואָלט דעם שמועס אַריבערפירן אויף אַן אַנדער טעמע. — איך וויל וויסן ווי אַזוי מיין פרומער טאַטע איז געוואָרן אַזאַ אפיקורוס.

— אַז מען האַלט אין איין טראַכטן דערטראַכט מען זיך צו עפּעס — האָט אריה־לייב גאָרדאָן געענטפערט און צעטראָגן גענומען שפּרייזן איבערן צימער, רויכערנדיק נערוועז. און אין דער אמתן — האָט ער צוגעלייגט שטיל, אָפּשטעלנדיק זיך ווידער נעבן מלכהן, — וואָלט געקאָנט געמאָלט זיין אַז דאָס אַלצדינג, ווען עס וואָלט געווען אַ גאָט? ניין, נישטאָ, מיין טאָכטער, נישטאָ! אַ פּוסטער הימל, אַ פּוסטער! — האָט ער געערדט ווייטער שטיל, ווי צו זיך אַליין.

ער האָט גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק, רויכערנדיק נערוועז.

אַלעקס איז אַריינגעקומען. אריה־לייב האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, דאָקטאָר, שלום עליכם!

זיי האָבן זיך געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט, און אַלעקס האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אים וואָס ער מאַכט און צי וויל ער זיך נישט דורכפאָרן אַביסל אין פּאַרק אין זיין מאַשין.

— ניין, אַ דאַנק, דאָקטאָר. און אַחוץ דעם זייט איר דאָך מסתמא מיד פונם וועג.

— מיד? ניין. ביסטו מיד, פרידאַ?

— אַ האָר ניט. יאָ, מיסטער גאָרדאָן וועט זיך מיט אונדז דורכפאָרן.

און זי איז צוגעגאַנגען נענטער צו אריה־לייבן און געזאָגט:

— אַ ביסעלע צעשטרייאונג... מיר צוליב.

— נו, נו, — האָט אריה - לייב צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט — מילא

— מיסטער גאָרדאָן, היינט וועט איר מוזן מיט אונדז פאַרברענגען. איר וועט גיין מיט אונדז צו אַ קאָנצערט אויך. איר האָט גענוג געטרויערט...

— גענוג? — האָט אריה־לייב ביטער אַ שמייכל געטאָן. — איז דען

דאָ אַ גרונט צו אונדזער... איך מיין ניט דווקא זיך אַליין, נאָר יענע אַלע, אַלע...

מלכּה איז צו אים צוגעגאַנגען און אַרויסגעפּליסטערט:

— גענוג, גענוג... און — האָט זי געריעדט ווייטער און געשטיקט אין זיך די אויפרעקונג — מען מוז זיך צעשטרייען, מען מוז זוכן צו פאַר-געסן אויף אַ ווײַלע, אַניט קאָן מען פונם זינען אַרונטער.

און זי האָט צוגעלייגט מיט אַ פעסטן, עקשנותדיקן טאָן:

— איר וועט מיט אונדז פאָרן און איר וועט מיר אונדז גיין הײַנט, און רעדט ניט, איך בעט אייך, מער דערפון!..

אריה־ליב האָט אַ לאַך געטאָן:

— אויב עס איז אַזאַ גזירה, איז דאָך ניט שייך! גוט, זאָל זיין אַזוי. וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן?

און דאָ האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס מלכּה האָט אים אין יעדן בריוו אירן געשריבן וועגן אַלעקסן, און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים וואַרעם און אַ טראַכט געטאָן: „אפשר קאָן עפּעס ווערן צווישן זיי? אפשר איז שוין דאָ עפּעס צווישן זיי? אפשר וואָלט איך זיך גאָר געדאַרפט אָפּ-טראָגן אַליין און איבערלאָזן זי בײַ זיי, פאַרשווינדן פון זייערע אַלעמענס אויגן און זאָל זי זיין גליקלעך מיט אים, האַ, וואָס אפשר, האַ?" — האָט ער געטראַכט.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו אַלעקסן:

— אַ וואויל מיידל איז זי, האַ, דאָקטאָר?

— ווער?

— איך מיין אָט די, זי — האָט ער געוויזן מיט אַ האַנט אויף מלכּהן.

— פרידאַ? — האָט אַלעקס אַ קוק געטאָן אויף מלכּהן — דאָס עוגסטע מיידל אויף גאָטס ערד! אַ שלאַק!

און דערבײַ האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו איר און זי האָט אים אויך געענטפערט מיט אַ שמייכל.

אריה־ליב האָט דאָס באַמערקט און ער האָט נאָך וואַרימער אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן.

שפּעטער זיינען זיי זיך דורכגעפאָרן אין אַלעקסעס מאַשין אַרום און איבער ריווערסייד דרייוו. דערנאָך זיינען זיי געקומען צוריק אַהיים. מלכּה איז אַוועק צו זיך אין צימער אָפּרוען און אריה־ליב מיט אַלעקסן זיינען פאַרבליבן אין עס־צימער.

זיי זיינען דאָרט געזעסן און האָבן געטרונקען טיי.

אַלעקס איז פון דער הויט געקראָכן צו אונטערהאַלטן אריה־ליבן און צו מאַכן אים פריילעך. ער האָט אים דערציילט אַלערליי וויציקע אַנעקדאָטן און אויך קאָמישע זאַכן פון זיין פּראַקטיק.

און אריה־לייב האָט אַמאָל אַ שמייכל געטאָן הערנדיק זיינע מעשיות, אַמאָל אַפילו אַ לאַך געטאָן, אָבער נאָך אַפטער האָט ער אין מיטן דערינען טיף אַ זיפץ געטאָן.

ביז צום סוף האָט אַלעקס זיך אָנגערופן צו אים, ווי ער וואָלט זיך ביי אים געבעטן:

— מיסטער גאָרדאָן, פרואווט אַמאָל זיך פאַרגעסן אינגאַנצן. דאָס וואָס איז פאַרלאָרן איז פאַרלאָרן. דערמיט וואָס איר וועט שטענדיק וועגן דעם טראַכטן וועט איר קיינעם ניט העלפן און זיך אַליין אוודאי ניט. האָט בעסער אין זינען, אַז איר זייט אין אַ נייעם לאַנד און אַ ניי לעבן איז נאָך פאַר אייך. איר זייט נאָך ניט אַלט...

אריה - לייב האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

— דאָקטאָר — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט — איר וועט דאָס ניט פאַרשטיין. איר קאָנט ניט פאַרשטיין. אַפילו יענע וואָס זיינען געווען אין גיהנום, אויב עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ גיהנום, וואָלטן דאָס אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין. מיטן מח איז דאָס ניט צו באַנעמען. איך ליג אַמאָל ביי דער נאַכט אויפן געלעגער און איך דערמאָן זיך און איך טראַכט ביי זיך אַז דאָס מוז זיין אַ ווילדער חלום. ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין? נעמען אַזאַ פרוי ווי מיין ווייב און... און... און... אָדער נעמען אַזאַ קינד ווי מיין טאָכ־טער שיינדל און צעהאַקן זי אויף שטיקער. און... איר קינד אַן עופהלע... פון זיין מח׳ל געמאַכט צוויי שיסעלעך. אַט אַזוי־אַ ווי איר הערט. צוויי שיסעלעך פון דעם צושפּאָלטענעם מח׳ל געמאַכט און דאָס איבערגעלאָזט לעבן דער דערהרגעטער מאַמען און לעבן דעם דערהרגעטן טאַטן און אַזוי מיינע זין... קאָנט איר דאָס פאַרשטיין? קאָנט איר דאָס פאַרנעמען מיטן מח? קאָן מען דאָס פאַרגעסן? קאָן איך טראַכטן וועגן פאַרברייינגען וועגן פאַרווילן זיך מיט אימיצן? און, דאָקטאָר, איז עס ניט דער גרעסטער וואונדער, אַז אַזאַ ווי איך קאָן איבערהויפּט טראַכטן ווי אַ קלאָרער מענטש?!

אויף אַלעקסן האָבן אריה־לייבס ווערטער אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז פאַר אויפרעקונג האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און איז אַוועק אין אַן אַנדער צימער און האָט זיך באַלד צוריק־געקערט און אַ קוק געטאָן מיט רחמנות אויף אריה - לייבן און זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט לעבן טיש.

— דאָס איז שרעקלעך! דאָס איז מוראדיק! — האָט ער זיך אָנגערופן.

— מיט פרידאַן האָב איך אַלעמאָל וועגן דעם אויסגעמידן צו ריידן.

אריה־לייב האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מיט איר ריידן דערפון, זאָל אייך גאָט אויסהיטן, דאָקטאָר. זי האָט געגנוג געליטן.

— זי ליידט איצט אויך גענוג ווען זי דערמאָנט זיך אַמאָל...

— זי דערמאָנט זיך אָפּט, האַ?

— צו־אָבּט. מיר אַלע באַמיִען זיך אַרויסצורייסן איר פון דעם.

— יאָ, יאָ, טוט דאָס. איך ווייס דאָקטאָר, אַז פון אייך האַלט זי גאָר אַ וועלט און דערפאַר וועט זי זיך צו אייך צוהערן. לאָזט איר ניט טראַכטן דערפון..

— איך לאָז ניט, אודאי לאָז איך ניט. און אַמאָל העלפט עס אויך, און זי לאַכט, זי שטיפט, זי איז פריילעך.

אריה־לייב האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט.

— זי איז פריילעך אויך, האַ? — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — הלוואי!

ער איז אויפגעשטאַנען און אַוועק שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט געראָכערט און מיט אַמאָל האָט ער געפרעגט:

— דאָקטאָר איר זייט דאָך אַ געבילדעטער מענטש, איר גלויבט אין גאָט?

אַלעקס האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען.

— איר שטעלט מיר אַ פראַגע, וואָס אויף איר איז מיר שווער צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער.

— גלויבט איר אין גאָט? איך וויל, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן.

אַלעקס האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט:

— אָבער, פאַרוואָס פרעגט איר דאָס מיך?

— איך פרעג דאָס אייך, ווייל איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין גאָט. וואָס איז, דאָקטאָר, איר מיינט אפשר, אַז עס איז יאָ דאָ אַזאַ גאָט וואָס קוקט נאָך די מענטשלעכע ברואים, וואָס זיי טוען און ווי זיי פירן זיך אויף, אָט אַזוי ווי אַ היימישער מלמד, אַ שטייגער, קוקט נאָך זיינע חדר ־ יינגלעך, צי וואַשן זיי זיך צום עסן און צי זיי מאַכן אַ ברכה? איך האָב אויפגעהערט צו גלויבן אין דעם!...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— מיין גאָט פאַרנעמט זיך ניט מיט אַזעלכע קליינקייטן.

— מיט וואָס דען פאַרנעמט זיך אייער גאָט? — האָט אריה־לייב שפּאָטיש אַ קוק געטאָן אויף אים.

— איך ווייס ניט. איך קען דאָס ניט דעפינירן. עס האָט אינגאַנצן צו טאָן מיט מיין געפיל, מיסטער גאָרדאָן.

— און ביי מיר האָט עס צו טאָן ניט נאָר מיט מיין געפיל, נאָר אויך מיט מיין קאָפּ. איר פאַרשטייט, דאָקטאָר, דאָס איז ביי מיר ניט פון איצטער אָן. איך בין געווען אַ פרומער ייד, אַ רעליגיעזער ייד, געגלויבט, אַז גאָט קוקט און גיט אַכטונג אויף יעדן טראַט מיינעם. טו איך אַ מצוה, ווערט ביי אים דאָרט פאַרשריבן. טו איך אַן עבירה, ווערט דאָס ביי אים אויך פאַרשריבן . ער האַלט אַן אויג אויף דעם, צי איך וואַש זיך, צי איך דאַווען,

צי איך לייען קריעת־שמע, צי איך גיס אָפּ נעגל־וואַסער, צי איך זאָג „אשר יצר", ווען איך גיי אַרויס פון אַ געוויסן אָרט, זאָלט איר מיר מוחל זיין, צי איך טראָג, חלילה ניט אַ טיכל אום שבת אין קעשענע. איך האָב געגלויבט אין אַזאַ גאָט און זיך באַמיט צו טאָן וואָס מער מצוות, כדי איך מער צו געפעלן און כדי ביי אים אין די ביכער זאָל זיין פאַרשריבן וואָס מער גוטעס אויף מיין חשבון. איז דער אומגליק דערנאָך געקומען, האָב איך דעמאָלט דערפילט, אַז ביי מיר מיט מיין גאָט ווערט עפּעס ניט גלאַטיק. איך האָב צו אים טענות געהאַט, האָב אָבער נאָכדעם אַלע מאָל חרטה געקראָגן, אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועל איך אים נאָכמער דערצאָרענען, אויב ער איז דאָ. הקיצור, איך בין געקומען אַהער. ערשט דאָ, ווען איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון יענעם גיהנום און איך האָב געקאָנט אַ טראַכט טאָן קלאָרער... און איך האָב געטראַכט טאָקע, איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן גאַנצע נעכט, גאַנצע טעג, — איז מיר דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב זיך ניט אויף וועמען צו פאַרלאָזן, אויף וועמען צו האָפן און פון וועמען צו דערוואַרטן הילף. מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז אויב דאָרט איז טאָקע דאָ אַ גאָט ערגעץ אין הימל, קען אים ניט ליגן אַזאַ קליינע בריאה'לע ווי איך, אריה־לייב גאָרדאָן, אפילו אין דער פיאַטע! אָבער גיכער ווי אַלץ איז אויפן הימל פוסט! און דאָס דאָקטאָר, איז אַ גרויסער אומגליק פאַר אָן אומגליקלעכן מענטשן. נישטאָ אויף וועמען צו האָפן! נישטאָ ביי וועמען צו בעטן הילף! ניטאָ אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, ווען מען פילט, אַז די ערד אונטער די פיס זינקט! איר פאַרשטייט דאָקטאָר, הא איר פאַרשטייט? עס איז שלעכט, עס איז ביטער, ווען אַ ייד אין מיינע יאָרן, אין מיין לאַגע קען מער ניט גלויבן אין גאָט. אָבער פאַרפאַלן, אַזוי איז דאָס. עס ליגט זיך מיר ניט אַנדערש אויפן קאָפּ!...

מלכה איז אַריינגעקומען. די אויגן ביי איר זיינען געווען רויט, פאַרוויינט זי האָט געזאָגט:

— איך וויל אויך אַ גלאָז טיי.

און אַלעקס האָט זיך דערפרייט ווען זי איז אַריינגעקומען, און ער האָט געענטפערט:

— אָט איך ברענג דיר גלייך אַריין טיי.

און ער איז אַרויסגעלאָפן.

— וואָס זעסטו אוים אַזוי אויפגערעגט? — האָט מלכה דערנאָך אַ פרעג געטאָן אריה־לייבן, ווען זיי זיינען געבליבן אַליין.

— איך אויפגערעגט? — האָט ער אַ שמייכל געטאָן — חלילה וחס, וואָס זעסטו אוים פאַרוויינט?

און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן:

— דו ווייסט, דער דאָקטאָר איז זייער אַ פיינער יונגערמאַן. ער געפעלט מיר זייער.

אַלעקס האָט זיך צוריקגעקערט:

— מען טראָגט באַלד אַריין טיי — האָט ער געזאָגט.

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, וויי, פאַרגעסן! דעם זיידן ניט געלאָזט וויסן, אַז דו ביסט דאָ. מער וואָלט אונדז ניט געפעלט. איך קלינג אים אָן גלייך.

און ער איז ווידער אַרויסגעלאָפן.

דעמאָלט איז מלכה צוגעגאַנגען צו איר טאַטן און האָט אים געזאָגט מיט שרעק:

— איך האָב אים ליב טאַטע...

— דאָס האָב איך פאַרשטאַנען, מיין קינד...

— אָפּט, ווען איך טראַכט דערפון, פיל, איך, אַז איך פאַרליר דעם זינען פאַר שרעק...

אריה־לייב האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. נאָכדעם האָט ער זי ווידער אָנגעקוקט און שטיל געפרעגט:

— און ווי איז ער?... כ׳מיין, ער ליבט דיר אויך, ווי דו אים?

— דאָס ווייס איך ניט. ער האָט נאָך ניט גערעדט דערפון ביז אַהער. אָבער גוט איז ער צו מיר זייער. וואָס טו איך, ווען ער רעדט יאָ? ווען ער זאָגט מיר, אַז ער האָט מיר אויך אַזוי ליב? זאָל איך ווייטער שווייגן, און ווייטער אים נאַרן, אים און זיי אַלעמען?...

אריה־לייב איז זיך דורכגעגאַנגען פאַרטראַכט איבערן צימער און דער־נאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ווידער לעבן איר און געזאָגט:

— אפשר שווייגן. איך וועל אַוועקפאָרן אינגאַנצן פון ניו־יאָרק, און עס וועט פאַרבלייבן אַ סוד... האַ? וואָס זאָגסטו? — האָט ער איר גענומען גלעטן איבערן קאָפּ — איך האָב שוין אַליין געטראַכט דערפון פריער... שאַ — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — ער קומט! מיר וועלן נאָך ריידן דערפון...

אַלעקס איז אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז טיי.

— אָט דאָ איז טיי פאַר דיר. און דער זיידע וויל ניט אַנדערש, אַז מיר זאָלן קומען צו אים היינט אויף אָוונט ברויט און מיר זאָלן מיטברענגען ה׳ גאַרדאָנען אויך. און איך האָב אים צוגעזאָגט.

— פאָרט אָן מיר צו אים — האָט אריה־לייב זיך אָנגערופן.

— אָ, ניין, היינט זייט איר ביי אונדז אין די הענט און איר וועט מיט־גיין און מיטפאָרן וואו מיר וועלן אייך רופן.

פופצנטער קאַפּיטל.

ביי דעם אַלטן נחן אין דער היים.

אריה־לייב איז טאַקע געפאָרן מיט זיי צו דעם אַלטן נח׳ן אויף אָוונט־ברויט. און דער אַלטער נח און די אַלטע דאָבע,ביידע האָבן זיך געפרייט מיט די טייערע געסט, און זיי ביידע האָבן, ווי אַלטע באָבע און זיידע, נאָכ־

אנאנד געקושט מלכהן און ביים טיש האט מען זי אוועקגעזעצט אויך צווישן זיידע און באבע, און פון ביידע זייטן האבן זיי זי צוגעזען מיטן עסן און טרינקען. דא האט די אלטע באבע צו איר צוגערוקט און דא דער אלטער זיידע.

— אוי, פארוואס עסט זי ניט? — האט די באבע געטענה'ט.

און דער זיידע האט זיך געוויצלט:

— דאס וואס זי עסט, וואלט א פויגעלע געקאנט אוועקטראגן אויפן עק.

עס, עס, שיקסע, עס! לערן זיך פון דיין באבען, פון דיין זיידן!

און נאכן עסן זיינען זיי אלע געזעסן אין דעם רייך באפוצטן זאל, און דער אלטער נח, מיט דער מילך-ווייסער בארד און מיט די רויטע באקן, האט דערציילט מעשיות און זיך געגלייכוווערטלט, און האט א פאטש געטאן איבער דער האנט אלעקסן, ווען יענער האט געוואלט פאררויכערן א סיגארעט.

— שבת, שייגעץ! — האט ער געזאגט גוטמוטיק, ביי מיר אין שטוב רויכערט מען ניט אום שבת. אן ליגט דארט מיין קאטערינע, זאל לעבן, און רוט! — האט ער צוגעגעבן, מיינענדיק זיין ווייסע ליולקע, אויף וועלכער עס איז אויסגעמאלט געווען מיט רויטער פארב די רוסישע קייזערין יעקאטערינע.

און די באבע האט יעדע ווייל צוגעטראגן א נאשעריי צו מלכהן: קאנפעקטן אלערליי און נאך אנדערע נאשערייען...

שפעטער זיינען זיי אוועק אין א דערבייאיקן טעאטער, צו זען א בילד. נח און דאבע זיינען מיט זיי מיטגעגאנגען און אזייגער עלף, ווען זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון טעאטער, איז דער אלטער נח צוגעשטאנען צו זיי, אז זיי זאלן גיין צו אים צוריק אהיים און עפעס „איבערכאפן״.

און עס האט ניט געהאלפן, וואס סיי אלעקס און סיי מלכה און סיי אריה-לייב האבן געטענהט, אז זיי ווילן ניט עסן, אז זיי זיינען זאט. דער אלטער איז באשטאנען אויף זיינס: אויב ניט עסן, איז טרינקען; ער האט ביי זיך א ביסל משקה, טאקע יין גפן, ווייַן, הייסט עס, וואס איז גאר-גאר אן אנטיקל, פלאי-פלאים; וואס אזוינס האט סיידן אפשר איין ראקפעלער אין אמעריקע; אט דעם ווייַן האט ער געקויפט מיט יארן צוריק און איז מיט אים מכבד נאר געהויבענע געסט. און קיין מער געהויבענערן גאסט ווי זיין אייניקל פרידא האט ער קיינמאל ניט געהאט.

און דער אלטער נח האט זיך צוגעבויגן צו מלכהן און איר געזאגט אויפן אויער:

— דו וועסט אויסטרינקען אביסעלע און נאכדעם וועסטו פארלייענען פאר מיר און פאר דיין באבען א העברעאיש ליד. דיין באבע האלט זייער שטארק פון דיין לשון קודש!...

און צום סוף האבן זיי געמוזט גיין צו אים אהיים.

שפעטער זיינען זיי אלע, א חוץ דאבען, געזעסן ארום א לאנגן טיש ביי

נח׳ן אין דעם גרויסן עס-צימער און האָבן געערדט. דאָבע אַליין איז אַוועק אין קיך צו זאָגן דער דינסט, וואָס צו דערלאַנגען צום טיש. מיט אַמאָל האָט דער אַלטער נח זיך פריילעך אָנגערופן:

— אוי קינדער, איך מוז אייך דערציילן וועגן אַן אַקציע, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין „יאָנג לײדי״, מיט דיין באָבען, הייסט עס, פריידעלע. הערט נאָר אַ מעשה: זי איז דאָרט עפּעס פּאַרקאָכט אין אַ ראָמאַן וואָס זי לייענט אין דעם „פּייפּער״ נו, נו, איז פון דריי בייטאָג ביז אַ שטיק אין דער נאַכט האַלט זי אין איין ריידן וועגן דעם מיט די ווייבער. היינט דער באַנ-דיט פונם ראָמאַן כאַפּט פון איר. — אַי, אַי, אַי! אַ גאַנצע תוכחה גיסט זי אוים אויף זיין קאָפּ! בקיצור היינט אין מיטן נאַכט — זי שילט! וועק איך זי אויף: „דאָבע, הער אויף צו שילטן! וואָס שלעפּסטו מיר אין מיטן נאַכט די תוכחה אין בעט אַריין?״ ערשט אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערציילט זי מיר... טרעפט וואָס?

גאָט ווייס וואָס. — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן.

— איר וועט פאַר קיין פאַל נישט טרעפן — האָט דער אַלטער נח ווייטער דערציילט. — שטעלט זיך פאָר, עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער באַנדיט פון דעם ראָמאַן האָט זי געוואָלט פאַרפירן, און דערפאַר האָט זי אים אַזוי געשאָלטן! נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו מיין „יאָנג לײדי״, האַ?

אַלע האָבן זיך צעלאַכט; אַפילו אריה - לייב האָט אויך אַ שמייכל געטאָן.

דאָבע איז אַריינגעקומען מיט צוויי פלעשער וויין. הינטער איר האָט אַ דינסט אויף אַ טאַץ געטראָגן צובייסן. נח האָט אויסגעשריען:

— אָט איז זי דאָך! וואָס מאַכט דיין באַנדיט?

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס טומלסטו שוין? וואָס פאַר אַ באַנדיט?

— איך מיין דיינעם דעם יונגן, פון דיין ראָמאַן, מיין איך...

די אַלטע דאָבע האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט:

— הער אויף מיט דיינע חכמות, נח! דו האָסט שוין זיי אויך דער-ציילט? דו אַלטער פערד! טראַכט אוים בלבולים אויף זיך אַליין און ניט אויף מיר!...

דער אַלטער נח האָט זיך אַ גלעט געטאָן זיין ווייסן באָרד און מיט אַ פאַרשולדיקטער מינע אַ קוק געטאָן אויף זיין ווייב, און געזאָגט:

— ווייס איך, זיי דו ניט בייז, דאָבעלע. איך וויל זיי אַביסל פריילעך מאַכן ביי אונדז אין שטוב. אָבער דו ביסט גערעכט: מיר וועלן זיי בעסער פריילעך מאַכן מיט אונדזער משקה.

און ער האָט געעפנט אַ פלאַש וויין און האָט אָנגעגאָסן פינף גלעז-לעך — פאַר יעדן איינעם אַ גלעזל.

— טרינקט, מיסטער גאָרדאָן! טרינקט, קינדער! טרינקט, יפיפיה מיינע!

און ניט וואַרטנדיק אויף די אַנדערע, האָט ער געזאָגט:

— לחיים, איר אַלע! לחיים, פריידל! בײַ דיר אויף דער חתונה און בײַ דיר, דאָקטאָר אויך! לחיים אײַך אַלעמען! און לחיים, רבונו של עולם, דיר אויך! — האָט ער אַ קוק געטאָן אַרויף און אויפגעהויבן דאָס גלעזל משקה איבער זײַן קאָפּ — צו דיר, רבונו של עולם, און צו קאָלאָמבוס! האָב איך גאָרנישט!..

און ער האָט אויסגעטרונקען.

די אַנדערע האָבן אויך געטרונקען, נאָר נישט אריה-לייב גאָרדאָן.

— פאַרוואָס טרינקט איר ניט? נעמט אַביסעלע, מיסטער גאָרדאָן!

— איך האָב מורא, רעב נח. איך בין נישט קיין טרינקער. און אַז איך טרינק אַמאָל אויס אַביסעלע משקה, ווייס איך באַלד ניט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך קאָן נאָך, חלילה, זיך אײַנשיכורן.

— דאָס איז טאַקע וואָס איך וויל. ווײַן דערפרייט דאָס האַרץ, מיסטער גאָרדאָן. נו, רעדט נישט און נעמט אַביסעלע. אין דר׳ערד די צרות און די יסורים!...

— גוט, רעב נח. לחיים!

ער האָט גענומען זײַן גלעזל ווײַן און אויסגעטרונקען

— טײַערע משקה, אויף אַן אמת — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— זענט איר דאָך אַ מבין. אויב אַזוי, נעמט נאָך אַ גלעזל.

און איצט האָט אריה-לייב זיך ניט געלאָזט מער בעטן און האָט גע־טרונקען נאָך אַ גלעזל און נאָך אַ גלעזל. און וואָס־מער ער האָט געטרונקען, אַלץ מער האָבן זיך געוויטלט בײַ אים די באַקן, און אַלץ מער האָבן גע־פינקלט בײַ אים די אויגן.

מלכה איז געוואָרן אומרואיק, ווען זי האָט דאָס באַמערקט. און מיט אַמאָל האָט אריה־לייב זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעמורמלט:

— לאָזט מיך גיין אַהיים... איך האָב מורא. איך בין אַ שוטה און די צונג קאָן איך ניט שמידן... און דאָס האַרץ ווערט בײַ מיר צעריסן...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— מיר וועלן אײַך באַלד נעמען אַהיים, מיסטער גאָרדאָן.

— זאָל ער נעמען נאָך אַ גלעזעלע — האָט נח אים איבערגעשלאָגן.

מלכה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניין, ניין, ער קען נישט טרינקען. לאָזט אים צורו.

— איך קאָן יאָ טרינקען — האָט מיטאַמאָל אריה־לייב שיכורלעך זיך אַ בייזער געטאָן אויף איר — דו ווייסט, אַז איך קאָן. בײַ מיר אין הויז האָט מען גענוג געטרונקען. געטרונקען און געטאַנצט און געזונגען און געהוליעט האָט מען בײַ מיר אין הויז. די עולמות העליונים דאָרט געזען, און איצט זע איך דעם כף הקלע (קאַף האַקאַל)!

— הע־הע, האָט איר דאָך טאַקע אַ קעפּעלע פון אַ ציפּליאָנאָקל! איז טאַקע בעסער, אַז איר זאָלט מער נישט טרינקען — האָט נח באַמערקט.

מלכּה האָט זיך אָנגערופן שטיל צו אַלעקסן:

— לאָמיר אים נעמען אַהיים.

— וואָס סוד'עט איר זיך דאָרט? — האָט זיך אריה־לייב מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן און זיי אָנגעקוקט מיט גלעזערנע אויגן — איך האָב עפּעס געזאָגט? אוי, וויי איז מיר! גלויבט ניט, וואָס איך זאָג, גלויבט ניט!

נח האָט אים גענומען בּאַרואיקן:

— איר האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זעצט זיך, רעב אריה־לייב. בּאַלד וועט מען אייך נעמען אַהיים.

אריה־לייב האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט און אַרויסגעמורמלט:

— ע, וואָס מאַכט עס אויס: גיט מיר נאָך אַ גלזעלע!

— איר קאָנט דאָך ניט. סיידן מיט פּאַרבּייסן...

און אריה־לייב האָט ווידער אויסגעטרונקען און האָט זיך שטיל צעלאַכט:

— בּע־בּע־בּע. אוי, בּין איך אַ שוטה! נישט אַזוי, רעב נח?

— כ'ווייס? ווען איר זענט ניכטער, זענט איר נישט קיין שוטה.

— איך האָב דאָס עפּעס געטאָן, ווייל איך האָב געוואָלט? — האָט אריה־לייב גערעדט מיט שיכּורע ליפּן ווייטער, ווי צו זיך אַליין, און געמאַכט צו נחן מיט אַ שיכּורן פינגער, — אַ מענטש איז דאָך ניט ערגער פון אַ קאַץ, להבדיל; נישט אַזוי?

— אודאי, — האָט נח געענטפערט.

— איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענער קאַץ אַ סך מאָל זינט איך בּין אין אַמעריקע, — האָט אריה־לייב אָנגעהויבן צו דערציילן און געקוקט אויף נחן מיט מוטנע אויגן און געקאָרטשעט מיט זיינע שיכּורע ליפּן, — — געווען יום־טובים צייט... אַ קאַלטע נאַכט... אַ רעגן, אַ מבּול... אין קוימען האָט אַ הונט געבּולן... בּלאָטעס בּיז אַהער... בּיזן האַלז... גיי איך מיר פון בּית־המדרש מיט מיין לאָמטערנע... דערזע איך נעבן מיין שטוב אַ קאַץ. אַ שוואַרצע קאַץ... יאָמערט, ווי אַ מענטש, להבדיל... קיין חיים נישטאָ... אַ לעבּעדיקע בּאַשעפעניש... אָן אַ נשמה אפילו... אָבער אַ רחמנות... אַ חיים דאַרף זי דאָך, נישט אַזוי?... האָב איך פאַר איר די טיר געעפנט: קיץ־קיץ־קיץ־קיץ... זי אין שטוב אַריינגעלאָזט און פאַר איר אַ שיסעלע זויער־מילך אוועקגעשטעלט: פרעס גאָטס בּאַשעפעניש, פרעס. און זי מחיה געווען!... אַפשיטא אַ מענטשן, להבדיל, מיט אַ נשמה, — ער דאַרף דאָך אודאי האָבּן עפּעס אַ חיים, נישט אַזוי?

— געוויס, — האָט געענטפערט נח, — און איצט האָט איר אַ חיים.

— און מיין קעצעלע אויך. דאַרף איך זיין פריילעך, נישט אַזוי? — האָט אריה־לייב אָנגעקוקט דעם אַלטן נחן מיט שיכּורע אויגן.

און דאָ איז מלכּה צוגעלאָפן צו אריה־לייבן אַ נערוועזע און מיט די ווערטער:

— געגוג! איר זייט שיכור, רבי אריה־לייב! איר הערט? קומט, מיר פֿאָרן אַהיים!...

— וואַרט איין מינוט. באַלד, איך וויל נאָר.. דו האָסט נאָך ניט געהערט דאָס לידל וואָס איך האָב דאָ געמאַכט?.. ניט געוועזן וואָס צו טאָן, האָב איך דאָ געמאַכט אַ לידל... אינדערהיים האָב איך אויך אַמאָל געמאַכט לידלעך, וואָס דערנאָך האָבן אַלע יידן געזונגען שמחת־תורה... די ווייסט דאָך.. האָב איך דאָ אויך אַ לידל געמאַכט!...

— איר וועט עס אינדערהיים זינגען. קומט.

נח האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— טאַכטערל, טאַכטערל, זאָל ער טאַקע זינגען זיין ליד, איך וויל אויך הערן. עס וועט אים ניט שאַטן. זינגט, רבי אריה־לייב, זינגט!

אריה־לייב האָט דעמאָלט אָנגעשטעלט אויף מלכהן גלעזערנע, שיכורע אויגן און ער האָט גענומען זינגען מיט אַ געבראָכענעם קול:

„נישט קיין קינדער און נישט קיין ווייב;
נישט קיין ברויט און נישט קיין לייב;
נישט קיין שטוב און נישט קיין קלייט;
נישט קיין לעבן און נישט קיין טויט!"

און מיט אַמאָל האָט ער זיך צעוויינט שיכורלעך.

נח האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו אים:

— רבי אריה־לייב!

און ביי מלכהן האָט זיך אַ ריס געטאָן אַ היסטערישער געוויין, וועלכן זי האָט באַלד דערשטיקט, אַריינכאַפּנדיק אַ ברעג פֿון איר טיכל צווישן די ציין. און זי איז אַרויסגעלאָפֿן אין אַ צווייטן צימער, און אַלעקס און דאָבע נאָך איר.

אריה־לייב האָט מיט אַ טיכל אויסגעווישט די אויגן, דערנאָך האָט ער אָנגעקוקט דעם אַלטן נחן און אַרויסגעמורמלט:

— מעג איך?

— וואָס?

— נאָך אַ גלעזל.

— מעגן מעגט איר, אָבער איר קאָנט דאָך ניט.

— אפשר וועל איך פֿאַרט קענען פֿאַרגעסן אויף אַ ווײַלע...

— אַלרייט, רבי אריה־לייב. דערנאָך אָבער אַהיים שלאָפֿן!

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך.

— לערנט זיך פֿון מיר, רבי אריה־לייב. איך בין דווקא אַ מתנגד און קען אויסטרינקען מער פֿון אַ צענדליק חסידים. לחיים!

— לחיים ר'נח. מאָרגן אפשר וועל איך שוין דאָ מער ניט זיין בעסער אַזוי.

ער האָט אויסגעטרונקען, אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזעלע אויפֿן טיש און אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער אויף זיין קאָפּ:

— רבי נח, איז דאָס מיין קאָפּ?

— אַ קעפּעלע איז דאָס, און ניט קיין קאָפּ!

— און ווען איך זאָג, אַז דאָס איז נישט מיין קאָפּ, האָ?...

—איז מען שיכור און מען גייט אַ היים שלאָפן! — האָט דער אַלטער נח געענטפערט.

— רבי נח — האָט אריה-לייב צו אים אויסגעשטעלט אַ האַנט — איז דאָס מיין האַנט? און ווען איך זאָג, אַז דאָס איז נישט מיין האַנט, האָ?...

— איז מען אודאי און אודאי שיכור און מען דאַרף אודאי גיין שלאָפן.

— רבי נח, איז דאָס מיין האַרץ? — האָט אריה-לייב אַרויפגעלייגט די האַנט צו זיך אויפן האַרצן — און ווען איך זאָג, אַז דאָס איז נישט מיין האַרץ, האָ?...

— איז שלעכט, שלעכט. אָן אַ האַרץ איז שלעכט, רבי אריה-לייב, און מען דאַרף אודאי און אודאי גיין שלאָפן!

אַלעקס איז אַריינגעלאָפן און גענומען אריה-לייבן אונטערן אָרעם:

— קומט, קומט, מיסטער גאַרדאָן, מיר פאָרן.

אריה-לייב האָט געמורמעלט:

— איך גיי... איך גיי.. וואו איז מיין מלכה? וואו איז זי?..

— וועלכע מלכה, מיסטער גאַרדאָן, איר מיינט פרידן?

אריה-לייב האָט אים אָנגעקוקט מיט גלעזערנע אויגן און מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ,יאָ, איך מיין... אוי, הערט זיך ניט צו, וואָס איך רייד... איך בין שיכור!...

און גייענדיק מיט אַלעקסן מיט וואַקלדיקע טריט, האָט ער ווידער גע-נומען זינגען אונטער דער נאָז:

„נישט קיין קינדער און נישט קיין ווייב;
נישט קיין בלוט און נישט קיין לייב;
נישט קיין שטוב און נישט קיין קלויט;
נישט קיין לעבן און נישט קיין טויט!‟

אין דער מאַשין, פאָרנדיק אַהיים, איז מלכה געזעסן נעבן אים און האָט זיך געטרייסלט פאַר אויפרעגונג. זי האָט אים קיין וואָרט נישט גע-לאָזט מער אויסריידן. און אַז זיי זיינען געקומען דערנאָך אַ היים, האָט אַלעקס מיט איר אים אַריינגעפירט אין זיין צימער און געהאָלפן אים זיך אויסטאָן.

אריה-לייב איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

זעכצנטער קאַפּיטל.

אַ גערוס פון פריידלען.

נאָכדעם, אַז מלכה האָט זיך געלייגט אין איר בעט איז זי נאָך אַלץ געוועזן שטאַרק אויפגערעגט און האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. נאָך קיינמאָל אין די אַלע שרעקלעכע צייטן וואָס זי האָט מיט איר טאַטן דורכגעלעבט, האָט זי אים ניט געזען אין אַזאַ עלענט ווי זי האָט אים אין דעם דאָזיקן אויפדערנאַכט געזען. זי האָט אים פריער אויך אַמאָל געזען אַ שיכּורן אין דער היים, אין אַ שמחת - תּורה, צי אין אַ וועלכער עס איז אַנדער יום - טוב, אָבער ער איז דעמאָלט אַלעמאָל געווען פריילעך. אַ גרויסער הוליאַקע איז ער געווען און פון איין אָדער צוויי גלעזלעך האָט ער זיך באַלד צוזונגען. און געזונגען האָט ער דאָס רוב אויך די לידלעך וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט. אַזאַ שוואַכקייט האָט ער געהאַט. אָבער דאָס לידל וואָס ער האָט היינט געזונגען איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַזויפיל טרויער, מיט אַזאַ אומבאַהאָלפענקייט, אַז עס האָט איר צעריסן דאָס האַרץ.

אין די פריערדיקע לידלעך זיינע האָט ער אַלעמאָל באַזונגען גאָט און זיין פאָלק ישראל. דערמיט האָבן זיך זיינע לידלעך אָנגעהויבן און דערמיט האָבן זיי זיך אויסגעלאָזט. און אין דעם היינטיקן לידל אין גאָטס נאָמען ניט דערמאָנט געוואָרן. ער האָט ניט געגלויבט מער אין אים, געלייקנט אין אים... איר פריערדיקער פרומער טאַטע, אריה־לייב גאָרדאָן, האָט זיין גאָט פאַרלאָרן... אַפילו זיין גאָט! זי, מלכה, האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס דאָס האָט געמיינט פאַר אַזאַ יידן ווי איר טאַטע צו זיין אָן אַ גאָט אין אַזאַ מורה׳דיקער לאַגע, אין וועלכער ער איז געווען...

אין די אויערן האָט ביי איר געזשומעט איר טאַטנס געבראָכענער קול:

„נים קיין קינדער און נים קיין ווייב;
נים קיין בלוט און נים קיין לייב"...

זי האָט ניט געקאָנט איינליגן זי איז אַרונטער פון בעט און האָט זיך געזעצט ביים אָפענעם פענסטער. דער האָדסאָן איז דאָרט פאַרגאָסן געווען מיט לבנה - שיין. אַרום איז געווען שטיל, נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך דערטראָגן אַ מענטשלעכער געמורמל פון דעם ריווערסייד־דרייוו פּאַרק, צי דער גערויש פון אַ מאַשין וואָס איז מיט אַן אימפּעט דורכגעפלויגן, צי דאָס קלינגען פון טראַמוואַי אויף בראָדוועי. זי אָבער האָט עס ניט גע-הערט און זי האָט ניט באַמערקט ווי וואונדערלעך דער האָדסאָן האָט אויס-געזען אונטער דער לבנה־שיין. זי האָט געזען איר טאַטן, נאָר אים אַליין, ווי ער איז שיכּור געווען, אין זיין טיפן עלנד, און געהערט זיין געבראָכע-נעם קול, ווי ער האָט געזונגען:

„נים קיין שטוב און נים קיין קלויט;
נים קיין בלוט און נים קיין לייב"...

און אין א ווײַלע שפּעטער האָט זי מיט אַמאָל א טראַכט געטאָן:
יאָ, איר טאַטע איז גערעכט. אַוועקפאָרן און אומבײַטן דעם נאָמען. מען האָט דאָס שוין לאַנג געדאַרפט טאָן. וואָס האָט זי זיך אַוועקגעזעצט בײַ פרעמדע מענטשן און לאָזט זיך אַזוי וואַוילגיין און אים, דעם אַלטן טאַטן, לאָזט זי איבער אַליין זיך פּײַניקן אין אַזאַ עלנט! אמת, ער האָט נישט געדאַרפט טאָן, וואָס ער האָט געטאָן. ער האָט נישט געטאָרט טאָן...
בעסער שטאַרבן, אונטערגיין איידער אַזאַ זאַך צו טאָן. אָבער געטאָן האָט ער דאָך דאָס פון אירטוועגן, ווײַל זי איז אים אַזוי טײַער, ער, איר טאַטע, איך דאָך קיינמאָל קיין באַטריגער נישט געווען...
יאָ, יאָ, זי וועט מאָרגן מיט אים ריידן. זי וועט אים זאָגן, אַז ער איז גערעכט, אַז זיי האָבן שוין לאַנג געדאַרפט אַוועק ערגעץ און בײַטן זייערע נעמען...
און זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי דוד ראַבינאָוויטש און אסתּר לייענען דעם בריוו, וואָס זי און איר טאַטע וועלן דערנאָך צו זיי צושיקן פון אַן אַנדער שטאָט. און קלאָר האָט זי געזען, ווי פאַרצווייפלט דוד ראַבינאָוויטש איז געווען און ווי אסתּר האָט געבראָכן די הענט און גע־טענהט, ווי אַזוי האָט דאָס מיידל, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט, גע־קאָנט זיי אָפּנאַרן אויף אַזאַ סקאַנדאַליעזן אופן. און זי, מלכּה, האָט זיך פאַרענטפערט פאַר זיי אין אירע געדאַנקען און מיטן האַרצן האָט זי דער־בײַ געוויינט: זי האָט זיי ניט געוואָלט אָפּנאַרן, עס טוט איר ווײ פאַר זיי, מחמת זיי זײַנען איר טײַער, נאָענט געוואָרן פאַר דער צײַט. אַזוי נאָענט, אַז זי וואָלט אַפילו איר לעבן אַוועקגעגעבן פאַר זיי. אָבער סוף־כּל־סוף, האָט דאָך געמוזט אויפהערן אָט די קאָמעדיע און אָט די מוראַדיקע פּלאָנטעניש!
,,און אַלעקס, וואָס וועט ער דעמאָלט זאָגן! וואָס פאַר א מיינונג וועט ער דעמאָלט האָבן וועגן מיר?!" — האָט זי מיט אַמאָל א טראַכט גע־טאָן, און דער מוח איז בײַ איר צעמישט געוואָרן, ווי אירע געדאַנקען וואָלטן זיך מיטאַמאָל אָן עפּעס פאַרטשעפּעט און פאַרפּלאָנטערט און זיך ניט געקאָנט מער אַוועקרײַסן און אַרויספּלאָנטערן זיך...
זי האָט גענומען ברעכן די הענט: גאָט, וואָס זאָל זי טאָן? וואו נעמט זי דעם כּח אויף דעם?
זי איז אַוועק צוריק אויף איר געלעגער. האָט אײַנגעגראָבן דעם פּנים אין קישן און זיך צעוויינט:
ווי זי האָט אים ליב! ווי זי האָט אים ליב!...

* * *

אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען א צעבראָכענע. זי האָט אויסגעזען בלייך, ניט אויסגעשלאָפן און אין אירע אויגן איז געלעגן אַן אומעט. אַלעקס

האָט אויף איר געוואַרט אין דעם עס־צימער.

— גוט־מאָרגן! — האָט ער זי באַגעגנט — וואָס מאַכסטו? דו זעסט מיר אויס עפּעס ניט אַזוי יום־טובדיק היינט. ביזטו גוט געשלאָפן?

— יאָ, אַלעקס. איך בין אַביסעלע מיד. אפשר פון דער נעכטיקער רייזע. אָבער דאָס איז גאָרנישט. האָסט שוין געגעסן פרישטיק?

— ניין, איך וואַרט אויף דיר.

— איך האָב גאָרנישט קיין אַפּעטיט. — האָט זי באַמערקט.

ער האָט זיך אָנגערופן:

— איך דענק, אַז מיר זאָלן אפשר נאָך היינט צוריקפאָרן. דו האָסט זיך געזען מיט דיין אַלטן לאַנדסמאַן און צוריק אַהיים. ער האָט דיך נעכטן צופיל אויפגערעגט און דערפאַר אויך זעסטו היינט אויס אַזוי...

— יאָ, אַלעקס, איך האָב רחמנות אויף אים. האָסט אים היינט געזען?

— יאָ, פריער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט נעכטן ניט געטאָרט טרינקען און זיך אַלץ ביי מיר נאָכגעפרעגט וועגן וואָס האָט ער נעכטן גערעדט.

— און וואָס האָסטו אים געענטפערט? — האָט מלכּה אַ קוק געטאָן אויף אים, און זי האָט אַליין געוואָלט וויסן, וואָס ער, אַלעקס, דענקט וועגן איר טאַטנס נעכטיקע רייד.

— וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? קיין באַזונדערע זאַכן האָב איך פון אים נישט געהערט, אַחוץ וואָס ער האָט געזונגען זיין אומעטיק לידל...

— איך וויל אים היינט זען אין שאַפּ. — האָט מלכּה מיטמאָל זיך אָנגערופן.

— גענוג! דו האָסט אים שוין געזען. מיר פאָרן היינט צוריק.

— ניין, אַלעקס, איך מוז אים זען, איידער מיר פאָרן אַוועק.

— ווי דו ווילסט. און איצט פרישטיק!

באַלד נאָכן פרישטיק האָט אַלעקס פאַר איר אָנגעקלונגען צו ראַבינאָוויטשן אין שאַפּ און געבעטן, מען זאָל צושיקן צום טעלעפאָן אריה־לייבן, און נאָכדעם האָט ער איבערגעגעבן דאָס טרייבל צו מלכּהן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי גערעדט צו איר טאַטן: זי האָט אים באַשטעלט צו קומען אַהיים באַלד נאָכמיטאָג.

באַלד נאָכמיטאָג איז אריה־לייב געקומען. אַלעקס איז דעמאָלט געווען ביי זיך אין אָפיס, אין דעם זעלביקן הויז, און מלכּה ביי זיך אין צימער. זי האָט דאָרט געוואַרט אויף איר טאַטן.

אריה־לייב האָט זיך געפילט שולדיק איצט פאַר איר. ער האָט זיך געשעמט צו קוקן איר גלייך אין פּנים. ער האָט אַרויסגעמורמלט פאַרשעמט:

— דו ביזט דאָך סמתמא אין כּעס אויף מיר, האַ? איך האָב ניט געטאָרט טרינקען. איך האָב געדאַרפט וויסן, אַז באַלד וועל איך שיכּור, און

דעמאָלט ווייס איך ניט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. האָב איך עפּעס גערעדט, וואָס איך האָב ניט געדאַרפט? — האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ שולדיקער מינע.

— זאָלן מיר דערפון מער ניט ריידן — האָט מלכּה זיך אָנגערופן. — איך וויל מיט דיר אַ שמועס טאָן וועגן עפּעס אַנדערש. דערפאַר האָב איך דיך איצט גערופן. איך מיין, טאַטע, — האָט זי גערעדט ווייטער מיט אַ ציטערנדיקן קול — אַז דו ביסט גערעכט, און וואָס גיכער מיר וועלן דאָס טאָן, איז אַלץ געזינטער פאַר אַלעמען.

— וואָס מיינסטו, מלכּה?

— איך מיין וועגן דעם, וואָס דו האָסט מיט מיר נעכטן גערעדט. וועגן אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און אומבייטן דעם נאָמען און פון דאָרט זיי צושיקן אַ בריוו וועגן אַלצדינג.

פאַר פרייד איז אריה-לייב אַזש רויט געוואָרן. ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— דו וועסט עס טאָן?

— יאָ, טאַטע. מיר האָבן דאָס שוין לאַנג געדאַרפט טאָן.

— קיין געלט איז ניט געווען. אַביסל געלט דאַרף מען האָבן אויף דעם אויך. איצט האָב איך שוין עטלעכע דאָלאַר. און אַז מיר זאָלן אָפּוואַרטן ביז נאָך ימים - טובים, וועל איך קאָנען אָפּשפּאָרן נאָך אַביסל געלט, און דעמאָלט...

זי האָט אים ניט געלאָזט ווייטער ריידן:

— הלמאַי אָפּלייגן, טאַטע? באַשלאָסן און געטאָן. איך בין ניט קיין חולה צו אַרבעטן ווי אַלע אַנדערע אין אַ שאָפּ. איך בין ניט קיין גרעסערע יחסנטע ווי דו, ניט קיין גרעסערע יחסנטע פון וועלכער ניט איז אַרבע-טערין. עס איז דאָך אַ סקאַנדאַל: אַ יונגע, געזונטע מיידל, ווי איך, זעצט זיך אַוועק, און נאָך אויף אַזאַ אופן... מען דאַרף אַוועקפאָרן וואָס גיכער. איך האָב שוין עטלעכע מאָל געוואָלט דערציילן אַלצדינג אַלעקסן און אַלץ ניט געקאָנט אָבער דאָס מאָל וועט ער זיך שוין דערוויסן, און אַ סוף.

— מיין טאָכטער, איך בין העכסט גליקלעך דאָס צו הערן פון דיר. דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַ באַרג דו האָסט פון מיר אַראָפּגענומען; אָבער לויפן, איילן זיך אַזוי ווי דו ווילסט, דאַרף מען אויך ניט. אָפּשפּאָרן נאָך אַ פּאָר דאָלאַר, און ארומקוקן זיך, וואוהין מען פאָרט. מיר זיינען דאָך דאָ גרינע. דערווייל וועל איך זיך נאָכפרעגן, זוכן אויסצוגעפינען... און נאָכדעם אַז גאָט וועט אונדז העלפן...

מלכּה האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— וועלכער גאָט וועט אונדז העלפן? יענער, אין וועלכן דו גלויבסט שוין ניט מער?

אריה-לייב האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט:

— נו, מילא! ווילסטו אפשר צוגיין אין פּאַרק?
און זי איז מיט אים אַוועקגעגאַנגען.
שפּעטער איז געקומען דער אַלטער נח צו ראַבינאָוויטשן אַהיים. און אַז ער האָט דאָרט מלכּהן ניט געפונען, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף איר און אויף אַלעקסן ביי דער דינסט און זי האָט אים געזאָגט, אַז דאָס מיידל איז אַוועק מיט דעם אַלטן מיסטער גאַרדאָן און דער דאָקטאָר איז אונטן ביי זיך אין דעם אָפיס. איז נח אַוועק צו אַלעקסן אין אָפיס.
דער אָפיס האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק, אַן אָפיס ווי ביי אַ רייכן דאָקטאָר. אַלעקס איז דאָרט געזעסן אין זיין קאַבינעט און פון אַלע זייטן האָבן געפינקלט און זיך געשפּיגלט די גלעזערנע שאַפעס מיט די גלאַנציקע אינסטרומענטן. ער האָט געלייענט אַ בוך.
— וואָס גוטס, זיידע? — האָט ער אויפגענומען דעם אַלטן נחן מיט אַ פריילעכן קול.
— וואו איז עפּעס פריידל? — האָט דער אַלטער נח זיך אַ גלעט געטאָן די ווייסע באָרד און זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שאַקל-שטול.
— זי איז דאָרט ביי זיך אין צימער. וואַרט דאָרט אויף איר לאַנדסמאַן.
— זי איז דאָרט ניטאָ. זי איז אַוועק מיט אים, האָט מיר די דינסט געזאָגט.
און ער האָט אַ שאָקל געטאָן דעם קאָפּ און צוגעלייגט:
— אַי, אַי, וואָס זאָגסטו עפּעס, דאָקטאָר, אויף זיין נעכטיקן לידל? אויף נאמנות, עס האָט מיר פאַרכאַפּט ביים האַרצן. אַלצדינג אָט אַזוי-אָ ווי אים איז נעבעך אויפן האַרצן! פאַרגעס ניט, אַז זיין טאַכטער, נעבעך, האָט מען דערהרגעט אויפן וועג, ווען זי איז געלאָפן מיט אונדזער פריידלען.
— יאָ, יאָ, איך ווייס, איך ווייס. אַוודאי איז אַ גרויס רחמנות. פונדעסטוועגן פאַרדריסט מיך, וואָס פריידאַ איז געקומען אין שטאָט. זי האָט שוין דאָרט אָנגעהויבן צו קומען צו זיך און מיט אַמאָל — נאַדיר! זי זעט שוין היינט ווידער אויס נישט צו דערקענען. און וואָס? זי קען אים עפּעס העלפן?
— און ווער קאָן אים יאָ העלפן? מען קען אים צוריקגעבן דאָס, וואָס ער האָט פאַרלאָרן? אַי, אַלעקס, אַלעקס, דו האָסט געדאַרפט זיין ביי די לעצטע מיטינגען פון דעם „פיפּעלס רעליף", וואָלסטו זיך דאָרט אָנגעהערט וועגן צרות! די פּאָגראָמען הערן דאָך גאָרניט אויף. וואָס וועט ווערן פון די יידן, מען וועט זיי דאָך דאָרט אַלעמען אויסקוילענען!...
— יאָ, זיידע. עס ווערט דאָרט ערגער מיט יעדן טאָג. איך האָב היינט געלייענט אין די צייטונגען, אַז דעניקין און נאָך אַנדערע פון די אַלטע רוסישע גענעראַלן פאַרכאַפּן דאָרט שטעט נאָך שטעט, און וואו נאָר זיי ווייזן זיך, מאַכן זיי פּאָגראָמען.
— איך האָב דאָס אויך געלייענט היינט אין מיין שבתדיקן „פייפּער".

און האַסטו געלייענט וועגן דעם רב, וואָס מען האָט אים אָנגעצונדן און געניויט, אַז ער זאָל טאַנצן, בשעת ער האָט געברענט?

— אַלעקס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, רעדט ניט מער פון דעם זיידע!

ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אויף זיין שרייבטיש און זיך אויפגעהויבן.

— אַזאַ וועלט, וואו עס קאָן געשען אַזוינס, מוז חרוב ווערן — האָט אַלעקס גערעדט ווייטער, און ער איז אַוועק אַן אויפגערעגטער שפּרייזן איבער זיין קאַבינעט אַהין און צוריק.

דער אַלטער נח האָט אַ זיפץ געטאָן.

— שלעכט, שלעכט. וואָס וועט דערפון ווערן?

— אַ רעוואָלוציע, זיידע, אַ וועלט - רעוואָלוציע! דאָס וועט זיין אונדזער איינציקע הילף. אויסרייסן מיטן וואָרצל דאָס, וואָס עס שאַפט אָט דעם מענטשן - האַס, אָט דעם פעלקער-האַס... אַז ניט וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן די פּאָגראָמען און ניט די מלחמות. זיידע, מיר לעבן אין דעם פרייסטן לאַנד אין דער וועלט, אין דעם דעמאָקראַטישסטן לאַנד, און אַפילו דאָ... פרעג מיך.. איך בין געווען אין דער אַרמיי, אין אוניווערסיטעט, און מען האָט אונדז דאָ אויך נישט ליב, זיידע. גענוג אַנטיסעמיטישער געשטאַנק דאָ אויך... ווער קען זאָגן, וואָס פון דעם וועט שפּעטער דאָ אַרויסוואַקסן...

דער אַלטער נח האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מילא, דאָקטאָר, דאָס רעדסטו דוקא ווי אַ נאַר. איך וועל דיך ניט לאָזן באַריידן קאָלומבוסעס מדינה. און מכּוח דיין רעוואָלוציע — נאַ דיר אַ שמעק טאַבאַק! בעסער הער אויס אַ טשיקאַווע מעשה...

אַלעקס האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט ביים טיש.

— וואָס איז? — האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום אַלטן נחן.

— היינט אין שול ביים דאַווענען קומט צו צו מיר דער פּרעזידענט פון שול, אַברהם גינזבורג, און פרעגט ביי מיר, צי איז ניטאָ ביי אונדז איינער אין דער משפּחה, וואָס זאָל הייסן דוד ראַבינאָוויטש, אַ חוץ מיין זון; אפשר אַ קוזין, אַ פּלימעניק? טראַכט איך און טראַכט: ניין, ניטאָ. דער-ציילט ער מיר אַזאַ מעשה: ער איז געווען אין „היאַס" צו אַ מיטינג, האָט מען איבערגעלייענט דאָרט אַ בריוו פון וואַרשע, אַז דאָרט אין „היאַס", דאָס הייסט, אין וואַרשע, געפינט זיך עפּעס אַ מיידל, וואָס הייסט פריידל, און אָט יענע פריידל זוכט איר טאַטן אין אַמעריקע וואָס הייסט דוד ראַבינאָוויטש. דעם אַדרעס זיינעם ווייס זי ניט, מחמת זי האָט אים פאַרלאָרן בשעתן פּאָגראָם. אויך שרייבט מען אין דעם בריוו, אַז זי איז אָפּגעלעגן פריער אַ לאַנגע צייט אין דעם שפּיטאָל. איז דאָס נישט אַ טשיקאַווע זאַך?...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— אפשר איז ערגעץ דאָ נאָך אַ דוד ראַבינאָוויטש, וואָס האָט אויך ערגעץ אַ טאָכטער מיט אַזאַ נאָמען? און גיכער ווי אַלץ איז דאָס איינע, וואָס האָט דאָרט געהערט פון דעם נאָמען דוד ראַבינאָוויטש, און אַז ביי אים איז געווען אַ טאָכטער מיטן נאָמען פריידל אין אייראָפּע, און זי פּרוווט מזל. אפשר אַריינכאַפּן זיך אויף אַזאַ אופן אין אַמעריקע, צי געלט אַרויס־קריגן... אַזעלכע זאַכן פּאַסירן יעדן טאָג, זינט נאָך דער מלחמה און זינט די פּאָגראָמען...

— יאָ, אַוודאי, איך ווייס דאָס אַליין ניט. וואָס? איך האָב אַליין באַ־קומען בריוו — פון וואַנען ניט? פון רומעניע און פון וואַרשע, און פון יאַפּאַן, פון מענטשן, וואָס איך הער דעם ערשט מאָל זייער נאָמען, אַז זיי זיינען מיינע פעטערס, מיינע מומעס, מיינע פּלימעניקעס, און אַפילו פון אַ ברו־דער, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט, האָב איך אויך באַקומען אַ בריוו, אַז איך זאָל אים אַרויסשיקן אַ שיפסקאַרטע און אים נעמען קיין אַמעריקע. מען וויל זיך אַרויסראַטעווען פון פייער, פּרוווט מען. מיינסטו, אַז איך האָב דאָס ניט געזאָגט אברהם גינזבורגן? יאָ, געזאָגט. און איך האָב אים דער־ציילט אויך, אַז אונדזער פריידל איז, אַ דאַנק גאָט, דאָ, ביי איר טאַטן.

און מער האָבן זיי דערפון ניט גערעדט. נישט אַלעקס און ניט דער אַלטער נח האָבן געשענקט דער דאָזיקער געשיכטע קיין באַזונדער אויפ־מערקזאַמקייט.

דער אַלטער איז געזעסן נאָך אַ ווײַלע און איז אַוועקגעגאַנגען מיט די ווערטער:

— אויב איר וועט דאָ פאַרברענגען נאָך אַ פּאָר טעג, זאָלט איר, למען השם, זיין ביי מיר.

ווען מלכּה איז דערנאָך צוריקגעקומען פון **דעם** שפּאַציר מיט איר טאַטן, איז אַלעקס שוין געווען אויבן אין דעם צימער, וואו די פּיאַנאָ איז געשטאַנען, און ער האָט דאָרט מוזיצירט.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט. די זאַך, וואָס ער האָט דאָרט געשפּילט, האָבן זיי ביידע שטאַרק ליב געהאַט, און נישט איינמאָל האָט זי דאָס געשפּילט פאַר אים. דער פּנים, וואָס איז ביי איר געווען אַזוי ערנסט, האָט זיך מיטאַמאָל צעשמייכלט און צעלויכטן. עס האָט זי אַ צי געטאָן אַריינצוגיין צו אים און אים אַרומנעמען און צודריקן זיך צו אים מיט אַלע כּוחות און קושן אים, קושן...

נאָך קיינמאָל פריער האָט זי ניט געפילט צו אים **דאָס**, וואָס זי האָט אין אָט דער מינוט געפילט צו אים. דער אָפּמאַך צווישן איר און איר טאַטן צו פאַרלאָזן ניו - יאָרק און אַלצדינג, וואָס איז דאָ געוואָרן נאָענט און טייער, האָט אויפגעוועקט דאָס ביי איר. אין אָט דער מינוט האָט זי גע־פילט, אמת גאַנץ אומבאַוואוסטערהייד, אַז זי וועט קיין כּח ניט האָבן דורכ־צופירן אָט דעם אָפּמאַך...

און זי איז אריינגעלאפן אין דעם צימער, וואו אלעקס האט געשפילט, און זי האט זיך אים א ווארף געטאן פון הינטן איבערן אקסל און האט אים היים א קוש געטאן.

— אוי, געוואלד, דו האסט דאך מיר די באק שיעור ניט אפגעריסן! — האט ער זיך אנגערופן און זיך אויסגעדרייט אויף זיין פיאנא־שטול און א כאפ געטאן מלפהן און זי א זעץ געטאן צו זיך אויפן שויס.

— דו ביזט שוין פריילעכער? — אט אזוי געפעלסטו מיר.

און ער האט צוגעדריקט איר פנים צו זיינעם.

— איך האב דאך געבענקט נאך דיר. — האט ער גערעדט ווייטער.

— ערנסט?

— זיכער.

— איך נאך דיר אויך. — האט זי שטיל געזאגט. א צערויטלטע, מיט שיינענדיקע אויגן — ווען פארן מיר צוריק?

— פון מיינטוועגן נאך היינט. עס איז ערשט פיר, ביז אכט קאנען מיר דארט זיין. מיר וועלן פארן אין מיין מאשין. אויף אן אמת, פרידא, זאלן מיר דאס טאן. מיר וועלן דערפרייען דעם פאפא׳. הא, וואס זאגסטו?

זי האט א טראכט געטאן:

— אלרייט. פון מיינטוועגן, דו ווילסט באלד פארן?

— באלד. מיר קלינגען אן דעם זיידן און זאגן אים און דער באבען „גוד־באי״ און מארש. יא?

— גייט עס...

און אין א ווײַלע ארום האבן זיי זיך געזעגנט דורכן טעלעפאן מיט דעם זיידן און דער באבען און נאכדעם איז מלפה אריין צו איר טאטן אין צימער זיך זעגענען.

ער איז דארט געזעסן מיט א סיגארעט אינם מויל און האט געלייענט א יידישע צייטונג.

— איך בין געקומען זיך זעגענען מיט דיר, טאטע.

ער האט א קוק געטאן אויף איר.

— וואס הייסט? דו האסט דאך געזאלט פארברענגען דא נאך א פאר טעג?

— אלעקס וויל פארן היינט. ער וויל דא ניט פארבלייבן מער. ער קען ניט, זאגט ער.

אריה־לייב האט זיך אויפגעהויבן:

— נו, נו, פאר געזונטערהייט. און וועגן דעם וואס מיר האבן גערעדט, זאלסטו דערווייל זיך ניט איילן. דער עיקר איז, וואס ביי אונדז איז איצט קלאר, וואס מיר וועלן טאן. איך וועל זיך דערווײַלע נאכפרעגן, וואוהין פארן און וואס און ווען, און און...

דער פנים ביי מלפהן האט זיך מיט אמאל ווי מיט א חושך בארעקט.

זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זי האָט בלויז איר טאַטן די האַנט דער־לאַנגט. ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

— פאַר געזונטערהייט, מיין קינד, און פאַרגעס ניט צו שרייבן.

ער איז אַרוים נאָך איר און האָט זיך אויך געזעגנט מיט אַלעקסן, דערביי האָט ער אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און האָט וואַרעם זיך אָנגערופן:

— אַ דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיר זי געבראַכט. זי האָט מיך אמת מחיה געווען. גיט אַכטונג, ווי איר פאָרט מיט איר...

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען אַלעקס מיט מלכהן געזעסן אין דער מאַשין און געפאָרן צוריק קיין ליווינגסטאָן־מענאָר.

זיבעצנטער קאַפּיטל
מלכהס בענקעניש

נאָך אַ פּאָר וואָכן זיינען אַוועק.

איינמאָל אין אַן אינדערפרי איז מלכה געזעסן הינטערן קאַטעדזש אויף אַ בערגל אונטער אַן אַלטן, שאָטנדיקן בוים און האָט געלייענט אַן ענגלי־שע צייטונג און פון צייט צו צייט האָט זי אַריינגעקוקט אין אַ רוסיש־ענג־לישן ווערטער־בוך, וואָס איז געלעגן לעבן איר אויפן גראָז.

זי האָט זיך געמוטשעט שטאַרק אָנשטרענגען, כדי די צייטונג צו לייענען נישט נאָר דערפאַר, ווייל די ענגלישע שפּראַך איז איר נאָך פרעמד געווען, נאָר מחמת די געדאַנקען אירע זיינען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

זיי זיינען פאַרנומען געווען מיט אַלעקסן. ער איז שוין דעם דריטן טאָג געווען אין ניו־יאָרק און זי האָט נאָך אים אַזוי געבענקט, אַז זי האָט קיין אָרט זיך ניט געקענט געפינען.

זי האָט געטראַכט סיי אין יידיש און סיי אין רוסיש וועגן דעם, פאַר־וואָס ער איז נאָך ניט געקומען צוריק, און צי ער וועט נאָך לאַנג פאַרברענגען אין ניו־יאָרק און זי איז אין כעס געווען אויף זיך, פאַרוואָס זי האָט וועגן דעם געטראַכט איצט, בעת זי האָט געלייענט די ענגלישע צייטונג.

מחמת די צייטונג האָט זי געלייענט מער צוליב דעם ענגליש, ווי צוליב די נייעס, וואָס איז דאָרט געדרוקט געווען. זי האָט געוואָלט זיך אויסלערנען די ענגלישע שפּראַך וואָס בעסער, כדי אָנצוהאַלטן ביי אַלעקסן און ביי דוד ראַבינאָוויטשן און ביי אסתרן די גוטע מיינונג, וואָס זיי האָבן געהאַט וועגן אירע פייאיקייטן.

איבערהויפּט ביי אַלעקסן. איר אַמביציע איז געווען צו קאָנען ריידן מיט אים גאָר אין גיכן וועגן אַלצדינג אין דער וועלט אין דער ענגלישער שפּראַך פריי, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר אַן ענגליש וואָרט.

דערווייל איז זי נאָך געווען וויט דערפון. צי איז אין דעם שולדיק געווען זי אַליין, צי אַלעקס אויך, אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן גענומען

ריידן ענגליש, האָבן זיי זיך צום סוף געכאַפּט, אַז זיי האָבן גערעדט יידיש, מחמת, געוויינלעך, האָט סיי זי, און סיי ער זיך מער אינטערעסירט דערמיט, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, איידער מיט דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט.

אַזוי איז ביי זיי געווען פריער, בעת ער האָט אָנגעהויבן מיט איר צו לערנען ענגליש, און אַזוי אויך איצט...

און געלייענט האָט זי איצט בלויז ענגליש: — אַן ענגלישע צייטונג און אַ ענגלישן בוך. און דערביי האָט זי זיך באַנוצט מיט אַ רוסיש-ענגלישן ווערטער־בוך, און זי איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט אויף אַזאַ אופן זיך אויסגעלערנט אַלץ מער און מער ענגלישע ווערטער.

בעת זי האָט געלייענט די ענגלישע צייטונגען און דעם ענגלישן בוך, האָט זי זיך שטענדיק געהיט, אַז זי זאָל ניט טראַכטן אין אַן אנדער שפּראַך. אַזאַ עצה האָט איר געגעבן אַלעקס. אָט דערפאַר איז זי יענעם אינדערפרי בעת זי האָט געלייענט די ענגלישע צייטונג, געווען אין כעס אויף זיך, פאַרוואָס זי האָט געטראַכט וועגן אַלעקסן אין אַן אנדער שפּראַך, און פאַרוואָס עס איז איר אַזוי שווער געווען צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען אויף דעם, וואָס זי האָט געלייענט.

— גאָט, ווי אומעטיק! — האָט זי אַרויסגעמורמלט און אַרונטערגעלאָזט די צייטונג צו זיך אויפן שויס און די אויגן אירע, שוואַרצע און פינקלדיקע, וואָס זיינען אָנגעטרונקען געווען מיט זון, האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פאַרחלומטקייט.

און באַלד האָט זי די צייטונג ווידער אַ כאַפּ געטאָן און געפּרואווט ווידער לייענען. זי האָט געלייענט עטלעכע מינוט, און מיטאַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן, ווי וואָלט זי געדאַרפט דאָס זאָגן אין ענגליש. דאָס הייסט, אַז איר איז אומעטיק? און זיהאָט זיך געענטפערט:

— לאָנסאַם... אַי פיל לאָנסאַם!...

און ביי איר האָט זיך אַרויסגעריסן אויפן קול:

— האו לאָנסאַם... גאַד, האו לאָנסאַם!..

זי איז איצט פול געווען מיט אַלעקסן. זינט דער אָפּמאַך מיט איר טאַטן, האָט זי מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער געפילט, ווי עס איז איר אומ־מעגלעך געווען אָוועקצורייסן זיך פון אַלעקסן (אין די בריוו אירע צו איר טאַטן האָט זי, אַגב, קיין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן זייער אָפּמאַך). זי האָט דערהערט אסתּרס קול, וואָס האָט זי גערופן און זי האָט זיך אומגעקוקט.

אסתּר, אָנגעטאָן אין אַ באָד-קאָסטיום, איז געגאַנגען פונם קאָטעדזש צו איר צו, אַרויף אויפן בערגל. דער שוואַרצער, זיידענער באָד־קאָסטיום האָט כמעט אינגאַנצן צוגעדעקט די קליינע, שלאַנקע אסתּר, וואָס האָט אונ־טער דער רויטער קעפּקע אויסגעזען, מיט איר פאַרברוינטן, באַוועגלעכן און שמייכלענדיקן פּנים און ברענענדיקע אויגן, ווי נאָך גאָר אַ יונג מיידעלע.

זי האָט געטראָגן שוואַרצע זיידענע זאָקן ביז איבער די קני און גומענע רויטע שיכלעך.

אין יענער צייט האָט מען מיט די ווייבערשע באָד־קאָסטיומען שטאַרק אין זינען געהאַט די „מאָראַל".

מלכה האָט זיך צושמייכלט, ווען אסתר איז צוגעקומען צו איר.

— ווּעסט זיך אפשר גיין באָדן, פרידאַ? — האָט אסתר געפרעגט.

— עפּעס פויל איך זיך היינט. נאָכמיטאָק וועל איך זיך גיין באָדן.

— קום, נאָכדעם וועלן מיר פאָרן אין ליווינגסטאָן מענאָר אָפּנעמען אונדזערע בריוו.

— איר ווילט אומבאַדינגט. איך זאָל גיין מיט אייך?

— אויב דו האָסט ניט קיין חשק, וועל איך גיין אַליין. דו וועסט זיך באָדן נאָכמיטאָק.

— זייט איר ניט ביין אויף מיר דערפאַר?

— ביין? — האָט אסתר זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ האַרציקן שמייכל, און מיט אַמאָל האָט זי גענומען ריידן ענגליש — האָסטו געענדיקט דעם בוך? ווי געפעלט עס דיר, קינד?

— דערווייל האַלט איך אינמיטן — האָט מלכה געענטפערט אויך אויף ענגליש, — אָבער ביז אַהער געפעלט מיר דאָס בוך זייער. אַן אינטערעסאַנט בוך און אינטערעסאַנט געשריבן. ניט אומזיסט איז עס אַזוי געפעלן אַלעקסן.

— און מיר אויך, פרידאַ — האָט אסתר וואַרעם אַ לאַך געטאָן.

און זי האָט צוגעלייגט מיט גרויס התפעלות:

— בראַוואָ, פרידאַ! קיין איין פעלער ניט געמאַכט איצט אין דיין ענגליש. דו וועסט נאָך דעם יאָר קאָנען אָנקומען אין קאָלומביאַ. איך בין זיכער אין דעם.

מלכה האָט געשוויגן. זי האָט נאָר געשמייכלט.

— אַלזאָ, איכל באַלד קומען צוריק. נאָכדעם וועלן מיר צופאָרן צו דעם ווילעדזש. איך בין זיכער,אַז דאָרטן איז פאַראַן אַ בריוו פון אַלעקסן.

און זי האָט אַ קוק געטאָן מיט אירע פייערדיקע אויגן שטיפעריש אויף מלכהן און צוגעלייגט מיט אַ געלעכטער אין קול:

— דו מיינסט, אַז נאָר דו אַליין בענקסט נאָך אים? איך בענק נאָך אים אויך אַ ביסעלע. אָט אַזאַ קליין ביסעלע — האָט זי געוויזן אויף אַ שפּיץ נאָגל פון אירן אַ פינגער, האָט זיך ווידער צולאַכט נאָך העכער און וואַרעמער און זי איז אַוועק מיטן וועג צו דזשאָנסאָנס פאַרם, צום טייך.

מלכה האָט נאָכגעקוקט ווי אַזוי אסתר איז דאָרט געגאַנגען באַרג אַרונטער ווי האַסטיק און גראַציעז זי האָט זיך דאָרט באַוועגט, און זי האָט געטראַכט:

„וואָסער אַ וואוילינקע! ווען וואָלט דאָס געקענט איינפאַלן, אַז זי איז אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון!"

אַזוי איז מלכה געזעסן נאָך אַ ווײַלע און האָט געקוקט אַהין, וואו אסתר

איז געגאַנגען, ביז יענע איז דאָרט פאַרשוואונדן צווישן די ביימער.
און מיטאַמאָל האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:
— אָבער וואָס וועט דערפון ווערן? גוואַלד, וואָס וועט ווערן דערפון?
און תיכף זיך אַ כאַפּ געטאָן אין די געדאַנקען:
„שוין ווידער? ניין, ניט געטראַכט מער דערפון. שווימען ווייטער מיטן שטראָם בלינדערהייט. ניט געטראַכט, ניט געטראַכט, ניט געטראַכט!״ — האָט זי זיך אָנגענומען ביים קאָפּ און געדריקט אים מיטביידע הענט.
ניט צו טראַכטן דערפון אינגאַנצן און פאַרמאַכן די אויגן אויף אַלצדינג וואָס איז געווען פריער און וואָס קאָן זיין שפּעטער, און נאָר זען אים, אַלעקסן; אים נאָר זען און אים נאָר פילן אַזוי לאַנג ווי זי וועט קאָנען — דאָס איז געווען ביי איר באַשלאָסן. מיט גוואַלד אַרויסרייסן אַביסל גליק ביים לעבן — אָן דעם האָט זי זיך אָנגעכאַפּט די לעצטע צייט אַלץ פעסטער און פעסטער.
באַזונדערש האָט זי דערפון געטראַכט איצט, ווען זי האָט שוין אַ דריי טעג אַלעקסן ניט געזען און איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער בענקעניש נאָך אים. מיט אומרואיקן בלוט און מיט אַ קלאַפּנדן האַרץ האָט זי איצט געטראַכט וועגן אים.
אָן אַנדערשמאָל האָט זי געטראַכט: זיין גליקלעך מיט אים כאָטש אַ קורצע צייט און נאָכדעם זאָל זיין וואָס עס וויל...
פון חתונה האָבן מיט אים האָט זי זיך ניט דערוועגט צו טראַכטן, הגם זי האָט געוואוסט — אָדער זיך גיכער אָנגעשטויסן — אַז זיין מאַמע און דוד ראַבינאָוויטש אַליין וואָלטן זייער געוואָלט, אַז צווישן אים און איר זאָל זיין אַ שידוך.
מיט אַמאָל איז צו איר צוגעקומען דזשאָנסאָנס הונט, שעפּ, און ער האָט אַ טורקע געטאָן איר אין אַקסל, ווען זי איז געזעסן דאָרט אויפן גראָז, און האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיינע פייכטע און פאַרוואָקסענע אויגן.
דער הונט איז דאָס געקומען צו איר, אַז זי זאָל אים נעמען אויף אַ שפּאַציר, מחמת די לעצטע צייט, ווען נאָר זי און אַלעקס זיינען געגאַנגען שפּאַצירן, האָבן זיי אים מיטגענומען.
זי האָט אַוועקגעלייגט די ציטונג און אַ גלעט געטאָן דעם הונט איבערן רוקן און זיך אָנגערופן מיט בענקעניש:
— ער איז נאָך אַלץ ניטאָ, שעפּ. און אָן אים שפּאַצירן גיין איז אומעטיק, שעפּ!
דער הונט, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט צו אים גערעדט, האָט זיך צעבולען אויף איר. דעמאָלט איז זי אויפגעשטאַנען און האָט אַ זאָג געטאָן:
— נו, גוט, גוט. איך פאַרשטיי שוין. קום, איך וועל דיר נעמען אויף אַ קורצן שפּאַציר.
און זי איז אַוועק מיט שעפּן איבערן וועג וואָס האָט געפירט דורכן

ווערל צום הויכן בארג.

דער אינדערפרי, הגם דאָס איז געווען סוף אווגוסט, איז געווען א הייסער. אריינקומענדיק אין וואלד האָט דער הונט מסתמא דערשמעקט עפעס דאָרט א חיהלע, מחמת ער האָט זיך א יאָג געטאָן צווישן די ביימער און איז פארשוואונדן פון מלכה׳ס אויגן.

האָט מלכה זיך אָפגעשטעלט און געוואַרט אויף אים. דערנאָך האָט זי צונעלייגט אירע ביידע הענט צום מויל און א רוף געטאָן:

— שעפּ!

איז דאָס מלכה׳ן געפעלן געוואָרן און זי האָט ווידער אויסגעשריען:

— העלאָ!

האָט פון דער ווייטקייט ווידער אָפגעהילכט א קול ווי אירער, ווי עמיצער וואָלט זיך דאָרט מיט איר געדייצט:

— העלאָ!

האָט זי דעמאָלט א רוף געטאָן מיט אַן א שיעור צאַרטקייט און בענקשאַפט:

— אַלעקס!

און פון דערווייטקייט האָט איר אויך אָפגעענטפערט:

— אַלעקס!

דערווייל איז שעפּ געקומען צוריק און האָט זיך צעבילט. און אזא בילן האָט אויך אָפגעהילכט פון אַנטקעגן. ווי א צווייטער הונט וואָלט זיך דאָרט צעבילט....

און זי, מלכה, א צעשמייכלטע, איז נאָך געשטאַנען אויף איר פריערדיק פלאַץ האָט געקוקט ערגעץ פארחלומט, ווי זי וואָלט געזוכט מיט איר בליק פון וואַנען עס האָט איר צוריק אָפגעענטפערט אויף איר רוף „אַלעקס!״

און פלוצים האָט זיך ביי איר ווידער אַרויסגעריסן:

— אַ־ל־ע־ק־ס!

— אַ־ל־ע־ק־ס! — האָט איר אָפגעענטפערט.

מלכה האָט זיך דאַן א כאַפּ געטאָן:

— קום, שעפּ!

און פייל פונם בויגן האָט זי זיך געלאָזט לויפן איבערן זאַמדיק וועג, און שעפּ מיט א פריילעכן בילן אין פאָרויס און דערנאָך צוריק, און ווידער אין פאָרויס. און דאָ איז ער ווידער אויף א ווײַלע אינגאַנצן פארשוואונדן אהינטער די ביימער און האָט זיך באַלד צוריקגעקערט פארסאַפּעט מיט אַן אַרויסגעשטעלטער פייכטער צונג, געדרייט מיטן וויידעל, געשמעקט מלכה׳ס קלייד און געסקאַווטשעט פריילעך.

און זי, מלכה, האָט זיך נאָך מער צעשטיפט, איז געלאָפן, און, לויפנדיק, האָט זי געכאַפּט שטיינדלעך פון דעם זאַמדיקן וועג, זיי געוואָרפן צו שעפּן, וואָס האָט זיי אויפגעכאַפּט מיט אַן אָפענעם מויל און געקנאַקט זיי מיט

זיינע ווייסע, שפּיציקע ציין און זיי צוריק אַרויסגעוואָרפן פונם מויל פּייכטע..

אַזוי האָט זי געשטיפּט מיטן הונט, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ גרויסער, ברייטער לאָנקע ביים צופוסן פונם באַרג. דאָרט האָט זי אַ פאַרסאָפּעטע, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז און דער הונט מיט אַן אַרויסגעשטעלטער פּייכ־טער צונג און מיט פאַרלאָפענע אויגן, און מיט זייטן, וואָס האָבן זיך האַסטיק ביי אים געבויגן אַרויף און אַראָפּ, האָט זיך אויסגעצויגן לעבן איר און ער האָט אויך היים געסאָפּעט.

— וואָס סאָפּעסטו, ווי אַ פּאַראָוויק? — האָט מלכה זיך אַ בייזער גע־טאָן אויף אים — און אָטעם ניט אויף מיר אַזוי!...

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז מיטן פּנים אַרויף און צוגעמאַכט די אויגן.

— אפילו קיין בריוו צו מיר ניט געשיקט, אונדזער אַלעקס — האָט זי זיך אין אַ ווײַלע אַרום ווידער אויפגעזעצט און גערעדט צום הונט — וואָלסטו דאָס געגלויבט, שעפּ?

שעפּ, וואָס איז שוין געלעגן מיטן קאָפּ אײַנגענורעט צווישן זיינע פאָ־דערשטע לאַפּקעס און מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט נאָר געעפנט איין אויג אויף איר, אָבער ער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן.

— און אפשר גאָר דאַכט זיך דאָס מיר, שעפּ, אַז ער האָט מיך ליב, ווי איך אים. אפשר איז דאָס ניט מער ווי די פריינטשאַפט פון אַ ברודער?...

זי האָט זיך צוריק אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז מיטן פּנים אַרויף און צו־געמאַכט ווידער די אויגן.

ווי זאָל זי פאַרט פאַרשטיין זיינע געפילן צו איר? יאָ, ער האָט זי ליב געהאַט. איז דאָס אָבער געווען יענע ריכטיקע ליבע?..

אויף קלאָר האָט זי דאָס ניט געוואוסט..

און זי האָט זיך געגומען דערמאָנען אָן פאַרשיידענע מאָמענטן, ווען זיי זיינען צוזאַמען געווען; דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זי געקושט, ווי ער האָט זי געגלעטשט, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איין מאָמענט.. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז דאָס געווען, טאַקע אין דעם אייגענעם אָוונט, איידער ער איז אָוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

ביי איר אינם צימער זיינען זיי באַנאַנד געזעסן און האָבן געשמועסט וועגן אַ בוך, וואָס ער האָט פאַר איר געלייענט. די העלדין פון יענעם בוך האָט זיי ביידן פאַראינטערעסירט. פון נאָך דער מלחמה־צייט. זי האָט גע־האַנדלט דרייסט: אין אַ סביבה פון פּוריטאַנער איז זי אַוועק לעבן פריי מיטן יונגנמאַן, וואָס זי האָט ליב געהאַט; איינע פון די ערשטע העלדינס פון „חברשער היירעט" איז זי געווען.

האָט אַלעקס דעמאָלט גערעדט מיט איר, מלכה'ן, וועגן אָט דער נייער העלדין אין דעם אַמעריקאַנישן לעבן. און מיט אַמאָל האָט ער זי אַרומגענומען און אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגן, וואָס זי האָט פריער ביי אים קיינמאָל

ניט געזען, און ער האט זי געכאפט קושן, און זי געקושט אזוי, אז דער קאפ האט זיך איר פארדרייט.

און פלוצים האט ער זי ארויסגעלאזט פון זיינע ארעמס און איז האסטיק ארויסעגלאפן פון איר צימער.

פארוואס איז ער דעמאלט אנטלאפן? — האט זי זיך ווידער געפרעגט, און אינם הארצן ביי איר האט געקלאפט.

און איצט האט זיך דער הונט א צאפל געטאן, אויפגעהויבן דעם קאפ און אויפגעשטעלט די אויערן אונזיך צעבולען.

מלכה האט זיך אויפגעזעצט און זיך ארומגעקוקט. ערשט זי האט דערזען פון צווישן די ביימער ארויסקומען מינע רובין. מינע איז געגאנגען אליין. זי איז געווען אנגעטאן אין א טונקעלען באד־קאסטיום און אין שיך אויף באר־וועסע פיס.

— העלא, שעפ! — האט זי א געשריי געטאן צו דעם הונט, וואס האט נאך אלץ געבולען — ווער איז דא מיט דיר? — אהא, איר, מיס ראבינאוויטש? גוט מארגן!

מלכה האט געענטפערט:

— גוט מארגן, מיס רובין! וואוהין גייט איר אזוי פרי?

— נעמען א זון־באד אויפן בארג. ווילט איר אויך אפשר גיין?

מלכה האט זיך אויפגעהויבן.

— אפשר. זאל איך?

— קומט, קומט. איך האב נאך ניט געהאט קיין געלעגנהייט מיט אייך א שמועס צו טאן ווי געהעריק.

— וואס רופט איר „ווי געהעריק", מיס רובין?

— ווי געהעריק מיין איך, אז איך זאל אייך באקענען מיט מיין קרעדא און איר מיר מיט אייערן. מיין שוועסטער דערציילט מיר אלץ, אז איר זייט אן אינטערעסאנטער מענטש, מיט אינטערעסאנטע אידייען, מיט אן אינ־טערעסאנטער וועלט - אנשויאונג — אט דאס וואס איך רוף „קרעדא"...

— א, אייער שוועסטער האט א סך איבערטריבן, מיס רובין.

מינע רובין האט זיך א כאפ געטאן:

— איר ווילט מיר טאן א טובה?

— וואס?

— רופט מיר ניט מיס רובין. רופט מיר איינפאך „מינע". און איך וועל אייך רופן „פרידא". גוט?

— פון מיינטוועגן.

— גייט איר, פרידא, מיט מיר אויפן בארג?

— אבער נישט אויף לאנג, ווייל איך דארף נאך פארן אין ווילעדזש.

— א, לאנג וועל איך דארט אויך ניט זיין. נישט מער ווי א האלבע שעה. מחמת מיינע קאוואליערן וועלן דארטווארטן אויף מיר ביי דזשאנסאנס טייך.

— דער אַקטיאָר לעווין?

— דעם האָב איך שוין לאַנג געשיקט צום טייוול, — האָט מינע געענט־פערט — אַן אידיאָט...

— ווער דען, דאָקטאָר כּאַווקין?

— יאָ, דאָקטאָר כּאַווקין און נאָך עמיצער. — און מינע האָט אַ לאַך געטאָן. און דערנאָך צוגעלייגט: — צו דאָקטאָר כּאַווקינען מוז מען שטענדיק האָבן נאָך עמיצן...

— וואָס מיינט איר, מינע?

— איך מיין, פאַר מיר איז ער צופיל הימל-מענטש. האָב איך שטענדיק ביי דער זייט עמיצן, וואָס איז מער ערדיש...

מלכּה האָט אַ שמייכל געטאָן:

— פּראַקטיש.

מינע האָט ווידער אַ לאַך געטאָן:

— דאָס קומט פון דערפאַרונג. ווען איר וואָלט געהאַט אַזויפיל דערפאַ־רונג ווי איך, וואָלט איר אפשר אויך אַזוי געטאָן.

— ווי אַלט זייט איר אינגאַנצן, מינע?

— טויזנט און פיר און צוואַנציק יאָר, פרידאַ.

מלכּה האָט זי אָנגעקוקט.

— טויזנט און פיר און צוואַנציק יאָר. וואָס מיינט איר?

— וואָס איך מיין? איך מיין, אַז יעדן איינציקן פון אונדזער דור דאַרף מען צולייגן טויזנט יאָר צו זיין אמתן עלטער. מחמת דאָס לעבן אין אונדזער דור האָט זיך אין די לעצטע עטלעכע יאָר אַ רוק געטאָן אין פאָרויס אויף אַ טויזנט יאָר אין אַלע פּרטים...

מלכּה האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ. — האָט זי אַרויסגעמורמלט — אין רציחה אויך. אין אַנדערע צייטן וואָלט גענומען וואָכן און חדשים לאַנג חרוב צו מאַכן דאָס, וואָס מען מאַכט חרוב היינטיקע צייטן אין איינע פינף מינוט... אָבער זאָלן מיר מער ניט ריידן דערפון, מינע. קומט.

און זיי זיינען אַוועק מיטן וועג, וואָס האָט געפירט אַרויף צו איינעם פון די דערבייאיקע בערג, און דער הונט נאָך זיי

* * *

שפּעטער, ווען זיי זיינען געלעגן אויפן באַרג, ביידע אויסגעטאָנענע, און זיך געבאָקן אונטער דער זון, האָט מינע רובין זיך מיט אַמאָל צעלאַכט מיט אירע חן־גריבעלעך און זיך אָנגערופן צו מלכּה׳ן:

— ווען אייער פּאַפּאַ דאָרט אין ניו־יאָרק, ווייס, חלילה, אַז איר פאַר־ברענגט דאָ איצט מיט מיר, וואָלט ער שוין רוען דאָרט ניט געקענט. וואָס היט ער אייך אַזוי פון מיר? ווען איר וואָלט געווען אַ יונגערמאַן, נו! ער וואָלט געקאָנט אפשר מורא האָבן, אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך ניט פאַרליבן אין מיר

און װעלן חתונה האָבן מיט מיר; אָבער איר? װאָס היט ער אײַך אַזױ?..
מלכה האָט געװאָלט עפּעס זאָגן, אָבער מינע רובין האָט איר ניט געלאָזט.
זי האָט גערעדט װײַטער:
— און איך פֿאַרשטײ, אַז אַלעקס היט זיך אױך פֿון מיר דערפֿאַר, מחמת ער װיל, אַז אײַער פּאַפּא זאָל זײַן רויִק...
דאָ אָבער האָט מלכה זי איבערגעשלאָגן:
— איר האָט אַ טעות, מינע. איך װײס, אַז ניט. ער האָט דאָס אַפֿילו ניט אינם זינען.
— דאָס קענט איר ניט װיסן, װאָרום איך װײס דװקא, אַז איך געפֿעל אים.
— פֿון װאַנען װײסט איר דאָס?
— ער האָט עס מיר אַלײן געזאָגט. און פֿאַרװאָס זאָל איך אים ניט געפֿעלן? איך געפֿעל אַלע מענער. בין איך ניט שײן? זעט אַ קערפּער! זעט אַן אָרעם, אַ פּיסעלע! האָט זי אַלײן אָנגעקװאָלן פֿון זיך — און די גריבעלעך אױף מײַנע באַקן מאַכן מיר אױך ניט מיאוס. איך פֿאַרגין גאָרניט די מענער!..
מלכה, מיט די הענט פֿאַרלײגט הינטערן נאַקן, האָט געקוקט אױף מינען פֿאַרװאונדערט מיט אירע גרױסע שװאַרצע אױגן. איר איז געװאָרן אומאַנגענעם פֿון מינע רובינס װערטער, נאָך מער דערפֿון, װאָס יענע האָט אַרײַנגעמישט אַלעקסעס נאָמען. זי האָט זיך אָנגערופֿן:
— איר װײסט, איך הער אײַך און מיר װײַזט זיך אױס, אַז איר זײַט ניט דאָס, װאָס איר זאָגט...
— איך בין ערגער?
— נײן, כ׳מײן, אַז איר זײַט אַ סך ערנסטער .
— ערנסטער? אודאי בין איך ערנסט. אַלצדינג, װאָס איך זאָג, מײן איך.
— נײן, מינע, איך גלױב ניט, אַז אַלצדינג, װאָס איר זאָגט, מײנט איר.
אַ חוץ געשלעכטלעכער באַפֿרידיקונג און געשלעכטלעכן פֿאַרגעניגן איז נאָך פֿאַראַן עפּעס אַנדערש אינם לעבן. די צײַט איז אַ צו־ערנסטע.
— אַ צו־קורצע פֿאַר דער הײַנטיקער פֿרײַער און באַפֿרײַטער פֿרױ! — האָט מינע רובין זי איבערגעשלאָגן.
— גוט, די פֿרױ האָט זיך באַפֿרײַט; זי האָט אַ דעה איבער איר אײגענעם לעבן; זי איז נישט אָפּהענגיק מער פֿון איר מאַן, װי אַמאָל; זי האָט געפֿונען זיך אַלײן, איר אײגענע פּערזענלעכקײט, — נו, גוט, אמת, אמת! — האָט מלכה זיך צעװאָרעמט — דאָס מײנט דאָך אָבער ניט, אַז דערפֿאַר איז זי אָפּגעריסן פֿון אַלצדינג אינם לעבן, פֿון אַלצדינג, װאָס האָט ניט קײן שײַכות מיט געשלעכט!...
מינע האָט אַ לאַך געטאָן:
— יאָ, יאָ, װײַטער, װײַטער. — האָט זי זיך אָנגערופֿן מיט אַ שפּאָטיש שמײכל — רעדט אָבער, אַז איר זאָלט ניט פֿאַרשעמען אײַער פּאַפּאַ. לאָזט

הערן אַ קלוג, מאָראַליש וואָרט!
האָט זיך מלכה באַליידיקט און באַמערקט:
— אויב אַזוי, איז מיר אומאַנגענעם צו ריידן מיט אייך.
און אויף אַ רגע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע און געשוויגן. מלכה האָט געטראַכט מיט פּאַרדרוס: „אַזוי קליין און מאָגער, אַ האַלב־אַנט־וויקלט קינד, דאַכט זיך, און איז אַזוי ווילד! און אַלעקסען געפעלט זי, זאָגט זי!“...
נאָכדעם האָט מינע רובין זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן:
— אָבער זאָלן מיר זיך ניט צעקריגן. עס לוינט זיך ניט.
און זי, מינע רובין, האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן רוקן.
מלכה האָט געענטפערט:
— איך קריג זיך ניט מיט אייך. דאָס האָט איר זיך געוואָלט קריגן מיט מיר.
— נו, גוט, פרידאַ, זאָלן מיר אַ שמועס טאָן אויף אַ פריינדלעכן אופן. איר זאָגט, אַז איר גלויבט ניט, אַז איך אַליין מיין וואָס איך זאָג און וואָס איך רייד. וואָס אייגנטלעך ווייסט איר וועגן מיר, וואָס אייך איז אַזוי שווער צו גלויבן?
— איך ווייס וואָס איך האָב פון אייך אַליין געהערט, פון אייער אייגע־נעם מויל...
— און דאָס געפעלט אייך ניט? דאָס באַליידיקט אייער מאָראַלישן געפיל?
איצט האָט זיך מלכה אויפגעזעצט און זיך אָנגערופן רואיק, אָבער אויך מיט אַ שפּאָטישן שמייכל:
— הערט־זשע אויס, מינע: איך וויל אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איך בין ניט לאַנג פון רוסלאַנד; אַז איך האָב דורכגעמאַכט דאָרטן די רעוואָלוציע און געזען ווי אַלע צוימען זיינען דאָרט צעבראָכן געוואָרן און ווי אַלע טראַ־דיציעס פון דער אַלטער וועלט זיינען דאָרט צעשטערט געוואָרן, און אַז מיט מיין הארצן און מיט מיין געדאַנק האָב איך דאָס אַלצדינג מיטגעמאַכט און דורכגעלעבט, און אַז אייערע אידייען זיינען פאַר מיר ניט קיין ניים! איך האָב זיי דאָרט אויך געהערט, גענוג געהערט, און אויך דאָרט זיינען ביי אַ סך מענטשן אָט די אידייען געווען נאָר אַן אויסרייד צו מאַכן זיך אַ היתר פאַר זייער אייגענער צעלאָזנקייט...
מינע רובין האָט איר איבערגעשלאָגן:
— אַי, אַי, אַי, איר זידלט זיך דאָך גאָר! נו, זאָגט אַליין, פרידאַ, וואָלט אייער פּאַפּאַ גערעדט אַנדערש?
— איך ווייס ניט ווי ער וואָלט גערעדט. איר הערט אָבער וואָס איך רייד.
— איך ווייס אָבער ניט. ערנסט, פרידאַ. איך ווייס דאָך נאָך אַלץ ניט ווער און וואָס איר זייט.

— איר מוזט עס דען אומבאדינגט וויסן?

— אומבאדינגט. איך וויל וויסן מיט וועמען איך רייד.

— גוט. זאָלט איר וויסן, אַז איך בין אַ מיידל אַ פרייע, אַ גאַנץ פרייע. איך גלויב אָבער, אַז עפּעס פאַראַנטוואָרטלעכקייט מוז דאָך זיין אפילו ביי דער פרייסטער פרוי, כאָטש פאַר איר אייגענעם געוויסן, כאָטש פאַר איר אייגענעם געפיל. איך האָב געהערט פון אייך אַליין און אַנדערע האָבן מיר דערציילט, אַז איר בייט די מענער אַן פאַרדרוס, אַן בענקעניש און אַן קאַמף.

— יאָ, דאָס טו איך — האָט מינע רובין איר איבערגעשלאָגן. — ווייל איך וויל ניט קיין טראַגעדיעס אין מיין לעבן. ווייל איך וויל זיך ניט אריינלאָזן אין דער אילוזיע פון ליבע צו איינעם וואָס זאָל מיך פאַרשקלאַפן. אין דעם ליגט די גאַראַנטיע פון דער פרייהייט פון דער היינטיקער נייער פרוי...

— דאָס איז דאָך אָבער... — האָט זיך ביי מלכה'ן ארויסגעריסן.

מינע רובין האָט מיט אַ שמייכל אונטערגעכאַפּט:

— ניט מאָראַליש? איך ווייס. אָבער זאָל זיך די מאָראַל צופּאַסן צו אונז איידער מיר צו איר. און זי וועט זיך שוין צופּאַסן. די מאָראַל האָט זיך שטענדיק צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדן ווען זי האָט געמוזט...

מלכה האָט זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען אָנטאָן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— אויך ניט קיין נייע ווערטער און געדאַנקען. באַלד נאָך דער רעוואָ-לוציע האָבן ביי אונדז אַ סך אַזוי גערעדט, און די רוסישע רעוואָלוציאָנערקע קאָלאָנטאַי שרייבט וועגן דעם אפילו גאַנצע ביכער. דאָרט אָבער ווערט גערעדט און געטראַכט אַזוי אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע, כדי די ליבע זאָל ניט זיין אַ שטערונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט...

מינע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— און איך טו דאָס אין נאָמען פון מיין אייגענעם לעבן. מיר גייט ניט אָן די רעוואָלוציע. וואָס מיך אינטערעסירט איז נאָר ווי אַזוי ניט פאַרפּושען מיין אייגן לעבן. ניט אַרויפלייגן אויף זיך קיין צוימען און קיין פאַרבאָטן און ניט קיין וועלט-שמערץ און קיין וועלט-אידעאַלן וועגן די צוקונפטיקע דורות וואָס איך וועל זיי קיינמאָל ניט אָנזען, נאָר לעבן יעדע מינוט ווען איך קאָן און פילן, אַז איך לעב.

זי האָט זיך אויך אויפגעהויבן. זי האָט זיך אָבער ניט אָנגעטאָן, נאָר האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ דערבייאיקן, גרויסן פעלז און אַוועקגעשאַרט דעם בלאָנדן לאָקן וואָס האָט זיך געבאַמבלט אויף איר שטערן.

און זי האָט ווייטער גערעדט:

— דאָס ביסל לעבן וואָס מיר איז געגעבן געוואָרן קעגן מיין ווילן און וואָס מען וועט דאָס אַוועקנעמען ביי מיר אויך קעגן מיינווילן, וויל איך אויס-טרינקען ביזן לעצטן טראָפּן. דאָס איז מיין לעבן וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן אויף אַ ווײַלע און איך וועל דאָס פריי געניסן. איר הערט, פרידאַ? גאַנץ פריי!..

מלכה האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען:

— מילא.

און מיט אַמאָל האָט מינע רובין זיך געלאָזט לויפן נאָך אַ רויט־סאַמע־טענעם, געפינטלטן שמעטערלינג, וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן פאַר איר. זי איז געלאָפן נאָך אים און האָט אויסגעזען ווי אַ נאַקעט קינד מיט אַ קורץ געשאָרענעם בלאָנדן קאָפּ. נאָכדעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אומגעדרייט דעם פּנים צו מלכה'ן:

— אָט אַזוי ווי אָט דער שמעטערלינג, וואָס פליט פון בלום צו בלום און לעבט זיך אַזוי אויס! איר מיינט, אַז ביי דער נאַטור איז אַ גרויסער אונ־טערשייד צווישן אים און אונדז?...

אָבער מלכה האָט איר מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן:

— איך מוז גיין. מען וואַרט דאָרט אויף מיר. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן. איין זאַך אָבער וויל איך אייך איצט זאָגן: דערווייל האָט איר נאָך ניט גע־טראָפן יענעם מאַן, וואָס האָט ביי אייך אויפגעוועקט דעם ריכטיקן געפיל. איר וועט אים נאָך טרעפן. איר זייט נאָך גענוג יונג. און ווען איר וועט אים טרעפן וועט איר ניט טראַכטן אַזוי און ניט ריידן אַזוי ווי איר טוט עס איצט. איר וועט דעמאָלט טראַכטן ניט אַזוי ווי אַוועקצורייסן זיך, נאָר ווי צוביגנדן אים צו זיך. ווען מען ליבט אַ סך, ליבט מען קיינעם ניט. און ווען מען ליבט איינעם, טראַכט מען ניט פון קיין אַנדערע. גוד־באַי!

און מלכה האָט אַ רוף געטאָן דעם הונט:

— קום, שעפּ!

און זי האָט זיך געלאָזט גיין מיט אים פון באַרג אַרונטער.

אויפן וועג איז איר פּלוצים איינגעפאַלן: אפשר איז גאָר מינע גערעכט ווען זי טענה'ט, אַז מען דאַרף אויסטרינקען דאָס ביסל לעבן וואָס איז געגעבן געוואָרן ביזן לעצטן טראָפּן...

און פאַר אירע אויגן האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַלעקס. זי האָט אַרויס־געמורמלט:

— ווי איך וואָלט אים שוין וועלן זען...

אכצנטער קאַפּיטל.
ווען אַלעקס איז צוריקגעקומען.

ווען מלכה איז צוריקגעקומען צום הויז האָט זי דערזען אַלעקסעס מאַשין אין דרויסן. ס'האָט איר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן און אויף אַ רגע איז זי צע־טומלט געוואָרן. דערנאָך האָט זי מיט אַ צעפלאַמטן פּנים זיך געלאָזט גיין אין הויז אַריין.

זי האָט געעפנט די טיר און איר אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַלעקס און האָט איר אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע אָרעמס.

זי האָט עפּעס געזאָגט, זי האָט עפּעס געמורמלט, געפילט אַלעקסעס קושן

בײַ זיך אויפֿן נאַקען און ניט געהערט, ניט וואָס ער האָט גערעדט און ניט וואָס אסתּר, וועלכע איז געשטאַנען אַהינטער זײַ אַן אויסגעבאָדענע, אַ פֿרישע און שוין אַן איבערגעטאָנענע.

נאָכדעם זײַנען זײַ אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן זאַלבענאַנד, אָן אסתּרן, און זײַן האַנט האָט זיך געקלאַמערט אין מלכּה'ס און אירע אין זײַנער.

ער האָט גערעדט:

— האָסט עפּעס שטאַרק געבענקט נאָך מיר?

— און דו נאָך מיר?

— זייער. איך האָב זיך אַליין געוואונדערט. מיר וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געקענט אײַנפֿאַלן, אַז איך זאָל אַזוי קאָנען בענקען.

— נאָך מיר? — האָט זי אַ לויכט געטאָן אויף אים מיט די אויגן.

— נאָך דיר, און בלויז נאָך דיר.

— נאָך דײַן שוועסטער?

— נאָך מײַן פֿרידאַן.

און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ באַזונדערן בליק.

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן.

— איך האָב דאָס שוין לאַנג געפֿילט — האָט ער גערעדט ווײַטער פֿאַר־סודעט. — אָבער קלאָר איז מיר געוואָרן ערשט איצט, ווען איך בין געווען דאָרט אָן דיר. ניין! — האָט ער זיך פֿאַרכאַפּט — דאָס וואָלט געווען ניט אמת. קלאָר איז מיר דאָס געוואָרן אין דעם מאָמענט אײדער איך בין אַוועק־געפֿאָרן. דו געדענקסט?... בײַ דיר אין צימער...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט געוואַרט אַווײַלע און געקוקט אויף איר מיט דעם סוד אין זײַנע אויגן נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אָנגערופֿן:

— וואָס זאָגסטו, פֿרידאַ?

זי האָט ניט געענטפֿערט. און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און זיך פֿעסט צוגעדריקט צו אים.

דערנאָך האָט ער מיט איר געוואָלט גיין אין וואַלד. זי אָבער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר אַן אָרעם:

— ניין, ניט אַהין, אַלעקס. דאָרט איז מײַנע רובין. איך וויל זיך איצט ניט טרעפֿן מיט איר. קום זיך ערגעץ באַהאַלטן אינגאַנצן פֿון אַלעמען...

— וואוהין קאָנען מיר גיין?

— אַהין, אין דער אַנדערער זײַט. ווייניק וואַלד איז אַרום? אפֿילו שעפּן מיט זיך ניט נעמען. וואו איז דער הונט? — האָט זי זיך אַרומגעקוקט.

שעפּ איז ניט געווען. ער איז שוין געווען אַנטלאָפֿן אַהיים.

זײַנען זײַ אַוועק דעמאָלט מיטן וועג וואָס האָט געפֿירט צו דעם האָטעל „פֿרײַלעך" און באַלד האָבן זײַ זיך פֿאַרנומען אויף רעכטס און זײַנען אַרײַן אין אַ געדיכטן, טונקעלען וואַלד.

— אַ גרוס דיר פֿון פּאַפּאַן און פֿון דײַן אַלטן לאַנדסמאַן.

— אַ דאַנק. וואָס מאַכן זיי?
— גאַנץ גוט. דער זיידע האָט דיר געשיקט אַ פּרעזענט.
— אַ פּרעזענט?
— יאָ. אַ האַנט־זייגער. ספּעציעל עס געאָרדערט פאַר דיר, אויסגעזעצט מיט בריליאַנטן.

און ער האָט אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ שוואַרצן פּוטליאַר און עס אָן עפן געטאָן. אַ זייגער איז דאָרט געלעגן מיט אַ גאָלדענעם בענדל.

— אָט דאָס איז עס! גיב דיין האַנט.

זי האָט געקוקט אויפן זייגערל און פּוטלאַר און צעמישט אַרויסגעמורמלט:

— צוואָס נאָך דאָס?
— געפעלט דיר ניט?
— יאָ. אָבער איך דאַרף דאָס ניט. בעסער דאָס געלט אויסצוגעבן...
— רייד ניט קיין נאַרישקייטן — האָט ער אַ נעם געטאָן איר האַנט און אָנגעטאָן אויף איר דעם זייגערל. — שיין. מיר געפעלט עס. דו וועסט דאַרפן שרייבן דעם אַלטן אַ דאַנק.

און נאָכדעם:

— פאַרוואָס האָסטו ניט געשריבן, אַלעקס? איך האָב דאָך קיין רו ניט געקענט געפינען.

— ווייל יעדע מינוט האָב איך זיך געריכט, אַז אָט־אָט פאָר איך. אָבער שטענדיק האָט מיר עפּעס פאַרהאַלטן: אַ פּאַציענט, אַ נויטיקער מיטינג. קוים זיך אַרויסגעריסן. אָבער טראַכטן האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דיר. און — האָט ער אַ לאַך געטאָן — זיך דערקלערט דיר אין ליבע אויך. אוודאי צוואַנציק מאָל. און געקושט דיר אויך. אי האָב איך דיר געקושט!...

— טו מיר אַ קוש, אַלעקס! — האָט זי אַרויסגערעדט הייזעריקלעך און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פאַרשיכורטן בליק.

ער האָט איר אַ קוש געטאָן.

זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף די פיס און מיט ביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין אָרעם.

זיי זיינען אַריין טיפער אין וואַלד און האָבן זיך געזעצט אויפן גראָז אַהינטער אַ גרויסן פעלז, וואָס האָט זיי אינגאַנצן פאַרשטעלט.

ער האָט אָוועקגעלייגט איר קאָפּ ביי זיך אויף די קני:

— נו, דערצייל עפּעס קינד!

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און אַרויסגעפּליסטערט:

— שווייג!

האָט אַלעקס דערנאָך געשוויגן און נאָר געקוקט לאַנג, לאַנג איר אין פּנים אַריין מיט אַ בליק וואָס איז געווען פאַרסודעט און האָט זיך געצונדן.

— אַלעקס! — האָט זי אַרויסגערעדט הייזעריקלעך.
— וואָס, קינד?

זי האָט ניט געענטפערט, נאָר די נאָז־פליגלען אירע האָבן זיך גערויטלט און אויפגעציטערט.

— דו האָסט געוואָלט ביי מיר עפּעס פרעגן, פרידאַ?

זי האָט האַלב געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים פאַרנעבלט און שטיל געענטפערט:

— ניין. איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן ווי גוט מיר איז צו פילן דיך לעבן מיר...

האָט ער גענומען איר גלעטן די באַקן, און זי, מיט צוגעמאַכטע אויגן, איז אַלץ מער און מער פאַרשיכורט געוואָרן פון אָט די באַרירונג זיינע...

און מיט אַמאָל האָט זי ווידער האַלב געעפנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים ווי מיט אַ פייערל דורך אַ נעבל.

האָט ער דעמאָלט אַ כאַפּ געטאָן אירע ביידע הענט און שטום אַריינגעקוקט אין די אויגן.

אַזוי האָבן זיי זיך געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און זיין בליק האָט זיך געצונדן פון אירן און אירער פון זיינעם, און זיי ביידע האָבן היים געאָטעמט.

און דערנאָך, ווי עפּעס וואָלט אים אַ טראָג געטאָן צו איר און איר צו אים און דעם זינען ביי זיי ביידן אַוועקגענומען און זיי אַוועקגעטראָגן ערגעץ אין דער הויך...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט זיין קול:

— מיין ווייב!

און ער — איר קול:

— מיין אַלעקס!...

און מיט אַזויפיל גליק האָט סיי זיין קול און סיי אירער געקלונגען! פאַר גליק האָט זי אויסגעזען פאַרשיכורט און אויך ער.

ער האָט איר געקושט די פינגער פריער פון איין האַנט און דערנאָך פון דער אַנדערער און זי האָט געפּליסטערט:

— ווי איך וואָלט געחלומט דעם שענסטן חלום...

* * *

שפּעטער זיינען זיי געגאַנגען צוריק. זיי ביידע האָבן געשוויגן. נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, און דעמאָלט האָבן זיך אירע אויגן ווי געהאַלדזט מיט זיינע...

נאָכדעם האָט ער שטיל זיך אָנגערופן:

— ביסטו ניט בייז אויף מיר?

זי האָט אים געענטפערט מיט אַ פאַרחלומטן שמייכל:

— איך בין גליקלעך.

סיי־ווי ביסטו מיין ווייב. איך טראַכט גאָר אַנדערש ניט — האָט ער דערנאָך געזאָגט.

— שווייג, שווייג, איך בעט דיר. און פאַרענטפער זיך ניט. דו זאָג מיר בעסער: ביסטו גליקלעך?..

— איז דאָס די פאַרענטפערונג, און גענוג!...

— זייער.

אינדערהיים, ביים טיש, בשעת זיי האָבן געגעסן מיטאָג, האָט אסתּר באַמערקט, ווי קליגלעך זיי ביידע האָבן אויסגעזען, ווי באַזונדערס פרייליך און ווי הילכיק זיי ביידע האָבן גערעדט און געלאַכט, און ווי ביי זיי ביידן האָבן די אויגן געלויכטן, און זי האָט ביי זיך געטראַכט:

— „עפּעס איז צווישן זיי פאָרגעקומען. צי האָבן זיי זיך דאָרט ניט דערקלערט אין ליבע?״.

און זי האָט זיך געענטפערט אין די געדאַנקען:

„אויב דאָס איז אַזוי, וועל איך מסתּמא, באַלד אויך וויסן דערפון״.

באַלד נאָך מיטאָג איז מלכּה אַוועק צו זיך אין צימער. זי האָט געוואָלט בלייבן אַליין מיט אירע אויפגעוואַכטע געפילן. אַ חוץ דעם, האָט זי געהאָפט, אַז ער, אַלעקס, וועט אויך באַלד אַריינקומען צו איר, איז זי געלעגן דערווייל אויפן בעט און האָט אין איר פאַנטאַזיע נאָך אַמאָל איבער געלעבט דאָס, וואָס זי האָט פריער אינם וואַלד דורכגעלעבט, און דאָס יונגע בלוט אין איר האָט געזונגען...

און מיט אַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן:

„די נאַכט וועט ער דאָ נעכטיקן״..

און אַ פרייד, וואָס אַזאַ האָט זי ביז אַהער נאָך ניט געקענט, האָט זי אַרומגעכאַפּט.

זי האָט דערהערט פון אונטן טענער פון די פּיאַנע. זי האָט זיך איינגעהערט. אַלעקס האָט עס געשפּילט. און געשפּילט האָט ער עפּעס אַ פריילעכן וואַלץ. און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַט די אימפּעטיקע, פריילעכע טענער האָבן זיך געטראָגן ניט פון דער פּיאַנאָ, נאָר פון אַלעקסעס האַרצן אַליין...

און זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם, אַז מיט אַמאָל האָט זי, וועלכע האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געטאַנצט, זיך אַהויב געטאָן און איז אַרונטערגעשפּרונגען פונם בעט און איז אַוועק טאַנצן אַרום צימער צום טאַקט פון דער פּיאַנאָ־מוזיק.

די אויגן אירע אין אָט דעם מאָמענט זיינען געווען צוויי פלאַמען אויף אַ שוואַרצן הינטערגרונט און די באַקן האָבן זיך ביי איר געררויטלט און פאַרחלומט געשמייכלט. זי האָט אַזוי ווי געשוווּמען איבערן צימער מיט אירע אָרעמס אין אַ גראַציעזער פּאָזע.

און דאָ האָט זי דערהערט אַ הילכיקן געלעכטער. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערזען אין דער טיר שטיין אסתּרן.

אסתּר האָט זיך געהאַלטן ביי ביידע זייטן פאַר געלעכטער,

מלכה איז געבליבן שטיין צעטומלט. באַלד אָבער האָט זי זיך אויך צעלאַכט הויך אויפן קול, און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אסתרן און איז אַרויפגעפאַלן צו איר אויפן האַלז און האָט געלאַכט ווייטער.

— וואָס איז ביי דיר היינט אַזאַ שמחה? — האָט אסתר זיך נאָכ־דעם אָנגערופן מיט געלעכטער נאָך אין די אויגן און אויפן פּנים.

— גאָרנישט, מוטער. מיר איז היינט גוט, מיר איז פריילעך...

— גאָר אָן אַ פאַרוואָס?

האָט מלכה איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— צי זאָל איך זיך גיין באָדן, צי שפּילן טעניס, צי גאָר... פרעג מיר בחרם וואָס איך וויל איצט טאָן! — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן מיט אַ פאַרחלומטן שמייכל.

— דו האָסט עפּעס פאַרגעסן, טאָכטער.

— איך? וואָס?

— דו האָסט פאַרגעסן, אַז דו דאַרפסט ריידן ענגליש.

— אָ, יאָ, דו ביזט גערעכט. אָבער נישט היינט. היינט וויל איך זיך פילן פריי. אינגאַנצן פריי. פריי דער געמיט. פריי די געדאַנקען. מיטן ענ־גליש פיל איך זיך דערוויילע ווי אין ענגען קאָרסעט...

און זי האָט זיך ווידער מיט אָן אימפּעט איבערגעשלאָגן:

— אַלעקס, וואָס ווילסטו טאָן איצט?

— קום אַרונטער! — האָט זיך דערהערט זיין קול.

— גיי, גיי צו אים און איך וועל זיך דאָ צולייגן. — האָט אסתר גע־זאָגט און געקוקט אויף מלכהן מיט אַ וואַרימען שמייכל.

מלכה איז אַרונטערגעגאַנגען. אַלעקס האָט שוין געוואַרט אויף איר אויפן גאַניק.

— דו ווילסט שפּילן טעניס? — האָט ער געפרעגט.

— ניין.

— וואָס דען ווילסטו?

— זיין נעבן דיר. זיין מיט דיר, און אַוועק פון אַלעמען!...

— איך וואָלט דאָס אויך וועלן נישט ווייניקער פון דיר, אָבער דאָק־טאָר כאַווקין דאַרף דאָ קומען.

— דאָקטאָר כאַווקין? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים שיר ניט מיט שרעק.

— וואָס איז, דו האָסט אים ניט ליב, ווייל ער רעדט אַזוי פיל?

— איך וואָלט היינט קיינעם ניט וועלן זען.

—איך האָב אים געטראָפן אויפן וועג, ווען איך בין געפאָרן אַהער פון שטאָט און אים געזאָגט, אַז איך וועל וואַרטן אויף אים.

— ביזטו אַוועק. אימיצער האָט דיך אַוועקגערופן און דו האָסט גע־

מוזט אוועקגיין. איך רוף דיך! — האט זי אים א כאפ געטאן פאר אן ארעם און גענומען שלעפן. — קום!

און זי האט אים אוועקגעשלעפט.

פארנאכט האט זי געשפילט מיט אים טענים און נאכדעם אויף דער פיאנא. און ווען נאכט איז צוגעפאלן איז זי געזעסן מיט אים און אסתרן אויפן גאניק און האט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס צווישן אים און זיין מאמען וועגן דאס לעצט בוך, וואס אויך זי, מלכה, האט געהאט געלייענט.

בערטראנד ראסעלס א בוך איז עס געווען וועגן מאראל. אלעקס האט מסכים געווען מיט די געדאנקען פון דעם בוך און אסתר אויך.

אלעקס האט גערעדט:

— קיין נייעס זיינען שוין היינט ניט די געדאנקען היינט שרייבן שוין אפילו ביי אונדז „דזשאדזשעס" ביכער וועגן „חבר'שער הייראט", וואס דאס איז דאך באמת בלויז אן אנדער נאמען פאר „פרייער ליבע".

— יא, יא, וואסער איבערקערעניש! — האט זיין מאמע אונטערגע־כאפט מיט צעפינקעלטע אויגן. — ווי לאנג איז עס ווען מען האט ביי אונדז דא גארקין, מאקסים גארקין אליין, משלח געווען פון איינעם פון אונדזערע האטעלן דערפאר וואס אנשטאט מיט זיין געזעצלעכער ווייב איז ער געקומען אהער פון רוסלאנד מיט זיין געליבטער, מיט דער אקטריסע אנדרעיעווא. און נאר פון דעם האטעל האט מען אים משלח געווען? און זיינע קאלעגן, די גרעסטע שריפטשטעלער פון אמעריקע, ווי אזוי האבן זיי דעמאלט געהאנדלט? זיי האבן גארקין דאמאלט פשוט באיקאטירט פאר דער אייגענער געשיכטע.

— און היינט, קאן זיין, וואלטן די זעלבע שריפטשטעלער, וואס האבן דעמאלט באיקאטירט גארקין, באיקאטירט דעם האטעל וואס האט זיך דערוועגט אזוי צו האנדלען אנטקעגן גארקין אין נאמען פון מאראל—האט אלעקס זיך אנגערופן. — דאס רעדט אויך פאר דעם נייעם רעוואלוציא־נערן גייסט וואס טראגט זיך היינט איבער דער גאנצער וועלט.

מלכה האט געשוויגן. זי האט זיך ניט צוגעהערט צו אט דעם שמועס. זי איז געווען פארטאן אין זיך, פארכאפט פון דעם אייפגעוויטאקטן נייעם געפיל. מיט דער גרעסטער אומגעדולד האט זי געוואַרט, אז עס זאל שפעט ווערן. אין דער אייגענער צייט אבער האט זי זיך באמיט צו זיין רואיק, כדי אסתר זאל קיין זאך ניט באמערקן.

נאר גיי זיי רואיק און ווייז־ארוים רואיקייט, ווען אינעווייניק איז אזוי אומרואיק און ווען דער קאפ איז אזוי פארטשאדעט...

האט זי זיך יעדע ווייל אויפגעהויבן פון איר שטול און זיך אוועק־געזעצט אויף אן אנדערן, וואס איז געשטאנען דערביי; זי איז זיך דורכגע־גאנגען עטלעכע טריט איבערן גאניק און האט תיכף זיך צוריקגעכאפט און זיך צוריק אוועקגעזעצט אף איר פריערדיקן ארט; אדער ווען זי איז אזוי גע־

זעסן האָט זיך מיטאַמאָל איבער אירע אויגן און איבער איר פּנים גענומען שפּרייטן אַ פאַרחלומטקייט, וואָס איז דאָרט ביי איר ווי אַנדרימלט געוואָרן, ביז זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף, דערמאָנענדיק זיך, אַז אסתר קאָן נאָך אויף איר עפּעס באַמערקן...

אָבער אסתר האָט סיי ווי באַמערקט, אַז עפּעס איז מיט איר, פרידאָן, ניט גלאַט. און זי האָט עס צוגעשריבן אין אירע געדאַנקען צו דער גאַנץ באַזונדערער אויפגעלעבטקייט פון פרידאָן היינט ביים מיטאָג. און ווידער און נאָך אַמאָל האָט זי זיך ביי זיך געטראַכט, אַז עפּעס איז זיכער היינט פאָרגעקומען צווישן פרידאָן און אַלעקסן. און זי אסתר, האָט געוואָרט, אַז אַלעקס זאָל איר דערציילן וועגן דעם.

— אויב צווישן זיי איז באמת עפּעס פאָרגעקומען, וועט ער נאָך איר היינט דערציילן, ווען זי וועט אַוועקגיין שלאָפן,—האָט אסתר געטראַכט.

זי האָט נאָך אַ לאַנגע צייט גערעדט מיט אַלעקסן וועגן בערטראַנד ראָסעלס בוך, אָפּגעשטעלט זיך אויף פאַרשיידענע געדאַנקען זיינע און אַרומגערעדט זיי מיט אים. נאָכדעם האָט זי מיט אַמאָל זיך אָנגערופן צו מלכהן:

— פאַרוואָס, קינד, גייסטו ניט שלאָפן? דו זעסט אויס אַזוי מיד...

— האָ? ווי שפּעט איז דאָס איצט? — האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף איר האַנט-זייגער — אָ, שוין נאָך עלף! איך וועל אַרויפגיין צו זיך אין צימער.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אירע אויגן האָבן זיך דערמאָלט געטראָפן מיט אַלעקסעס און זיי האָבן זיך עפּעס געזאָגט אויף אַ סודותפולן אופן, פון וואָס מלכהן האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ.

— גוט נאַכט, מוטער!

— גוט נאַכט, קינד!

— גוט נאַכט, אַלעקס!

און איצט, ווען זי האָט געזאָגט „גוט נאַכט", האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אויף אים, מחמת זי האָט שוין געוואוסט, אַז זי וועט אים באַלד זען.

ווען מלכה איז אַוועק האָט אסתר אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ גאַנץ באַזונדערן שמייכל און זי האָט זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר, פאַרוואָס איז זי עפּעס היינט אַזוי?

— ווי אַזוי? — האָט אַלעקס אויך געשמייכלט.

— איך מיין צעטראָגן און... און... עפּעס פיל איך, אַז, אַז דו ווייסט ניט, אַלעקס?

— און אַז איך ווייס? — האָט ער גליקלעך אַ לאַך געטאָן.

— טאָ זאָל דיין מאַמע אויך וויסן.

— מיין מאַמע ווייסט.

— וואָס ווייסט זי?

— אַז צו פרידאָן איז קיין גלייכן נישטאָ, און אַז איך האָב זי ליב, און

אַז זי האָט מיך אויך ניט פֿיינט.
פֿאַר פֿרייד האָט זיך אסתּר צערויטלט, ווי אַ יונג מיידעלע. זי האָט אויסגעשריען:
— הער נאַר, הער נאַר! פֿון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן, אַז איר האָט זיך איינע די אַנדערע ליב? אַז זי איז אַ מיידל, וואָס צו איר איז קיין גלייכן נישטאָ, ווייס איך. אָבער, אַז דו האָסט זי ליב און זי דיך, איז דאָס פֿאַר מיר איצט אַ נייעס!
אַלעקס האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט זיין מאַמען אַ קוש געטאָן.
— איצט, מאַמע, ווייסטו.
אסתּר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:
— ווען איך ווייס, אַז דער פּאַפּאַ איז איצט אין דעם היים, וואָלט איך אים אָפּגערופֿן און אים דאָס אָנגעזאָגט. ווי, ווי, ווי גליקלעך ער וועט דאָס זיין! און איך, מיין זון, בין אויך גליקלעך. אויף דעם האָבן מיר דאָך די גאַנצע צייט געהאָפֿט...
און זיי זיינען געזעסן נאָך אַ שטיק צייט און האָבן גערעדט דערפֿון, ביז עס איז געוואָרן שפּעט. דעמאָלט איז אסתּר אוועק שלאָפֿן און אַלעקס איז אוועק צו זיך אין צימער.
אין דער אייגענער צייט איז מלכּה געלעגן אויפֿן בעט אין איר צימער און האָט זיך צוגעהערט צום גערויש אינם קאָרידאָר, און יעדער טראָפּן בלוט ביי איר איז געווען אָנגעצונדן.
אין די פֿענסטער קענען איר האָט די לבֿנה אריינגעשיינט. דער שפּיגל אויף דער וואַנט האָט געבלישטשעט ווי מיט זילבער - שטויב באַשאָטן. אַלצדינג אינם צימער האָט אויסגעזען בלייך, פֿאַנטאַסטיש־בלייך..
מלכּה האָט געקוקט אין דער פֿאַרכּישופֿטער בלאַסקייט פֿונם צימער און געחלומט איר חלום.
כּל־זמן זי וועט נאָר קאָנען וועט זי געניסן איר גליק. אפשר וועט ער נאָך בלייבן איר מאַן? אָבער דערווייל איז ער איר מאַן, און זי וועט ניט טראַכטן וועגן שפּעטער!...
און ער האָט געשוועבט פֿאַר איר און זי האָט זיין הייסן פּליסטערן געהערט:
— מיין ווייב!
— יאָ, דיין ווייב! — האָט זי אים געענטפֿערט מיט איר צאַפּלדיקן הארצן. — יאָ, דיין ווייב.
און אין איר האָט בשעת דעם אַ פֿייערדיקער געזאַנג געזונגען...
און מיט אַמאָל האָט זי אַ טראַכט געטאָן: ווען זי וואָלט געקאָנט מיט אים ערגעץ אַוועקגיין, אַנטלויפֿן, אויסבאַהאַלטן זיך פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿון איר פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון איר טאַטן.

פון איר טאטן? — האט זי זיך א כאפ געטאן. זי וועט דאך מוזן מיט אים אוועקפארן באלד נאך יום־טוב... באלד ווי זיי וועלן קומען פון די בערג קיין ניו־יארק. ווען איר טאטע וואלט נישט געווען דעמאלט וואלט ניט געווען ווער עס זאל איר שטערן, וואלט זי געקאנט דעמאלט.. וואלט זי געקאנט...

זי האט ניט פארענדיקט דעם געדאנק אירן, מחמת מיט אמאל האט זי זיך אונטערבראכן מיט כעס אויף זיך:

ווי קען זי עס? וואסער עגאאיסטקע זי איז!

א שטיל און פארזיכטיק גערויש ביי דער טיר האט איבערגעריסן אירע געדאנקען.

זי האט זיך א צאפל געטאן און זיך ווייטער איינגעהערט.

דאס גערויש האט זיך ווידער דערהערט. ווי א מייזל וואלט דארט געגראבלט אין דער טיר...

ביי איר האט זיך שטיל ארויסגעריסן:

— ווער איז דארט?

קיינער האט זיך ניט אפגערופן.

דאס האט זיך איר אויסגעוויזן, האט זי א טראכט געטאן.

דערנאך אבער האט זיך די טיר שטיל געעפנט און זיך אזוי שטיל צוגעמאכט, און אין צימער, אין דעם פאנטאסטישן ליכט, איז געשטאנען אלעקס אין פיזשאמעס. ער האט געקוקט צו איר. זי האט צוגעמאכט די אויגן. באלד האט זי אים דערפילט נעבן זיך...

* * *

אין די פענסטער האבן זיך אריינגעריסן די ערשטע שטראלן פון דער אויפגייענדיקער זון ווען אלעקס האט פארלאזן מלכהס צימער.

און ווען ער האט פארלאזן איר צימער האט מלכה געוואלט פרואוון שלאפן און האט ניט געקאנט. נאך קיינמאל האט זי זיך ניט געפילט אזוי יום-טובדיק ווי אין דעם דאזיקן אינדערפרי. דער נעכטיקער גליק אין וואלד איז געווען בלויז אן ערב יום-טוב פון דער היינטיקער נאכט..

זי איז געווען פול מיט דעם דורכגעלעבטן גליק. זי האט איצט אויס־געקוקט פיל שענער איידער נעכטן, איידער ווען עס איז אין איר לעבן. אויף איר פנים איז צוגעקומען א נייער אויסדרוק, א צארטער, א ליכטי־קער, און אירע אויגן האבן געקוקט ווייכער און מיט א פייערל.

„איצט בין איך ביי מיין מאן אין דער היים. ביי מיין מאן!" — האט זי געטראכט.

שפעטער, ווען זי איז ארונטער אין עס־צימער, האט זי דארט גע־טראפן אלעקסן מיט זיין מאמען. זיי זיינען געזעסן דארט ביים טיש

און האָבן געגעסן פרישטיק.

סיי אַלעקס און סיי זיין מאַמע האָבן איר אויפגענומען מיט אַ וואַ־רימען „גוד מאָרנינג!“.

מלכּה האָט זיך געזעצט צום טיש און ניט געקוקט אויף קיינעם און געשמייכלט אין זיך. זי האָט צוגערוקט צו זיך אַ גלאָז קאַווע און עס גע־נומען טרינקען.

אַלעקס האָט דאָרט עפּעס דערציילט זיין מאַמען און זי, אסתּר, האָט געלאַכט. זי האָט זיך שיעור ניט דערוואָרגן מיטן ביסן וואָס זי האָט גע־האַלטן אין מויל. זי האָט זיך פאַרכלינעט און צעהוסט און דערנאָך האָט זי זיך אָנגעביזערט אויף אים:

— הער־אויף, אַלעקס, דו וועסט מיך היינט דערוואָרגן! וואָס שיסטו היינט מיט חכמות אַזוי פיל? פאַר דער האַלבער שעה זינט ער איז אויפ־געשטאַנען האָט ער שוין אַוודאי אַ צוואַנציק חכמות היינט געזאָגט!

— מיר איז גוט, מאַמע. מיר איז וואויל!..

און ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, צוגעלאָפן צו זיין מאַמען און האָט מיט גוואַלט זי אויפגעהויבן פון איר שטול און זיך מיט איר גענומען דרייען און געזונגען דערביי אַ יידיש פריילעכס.

אסתּר האָט געטאַנצט מיט אים, געטאַנצט מיט אים און געלאַכט; אַזוי העל, מיט אַזוי פיל פרייד, ווי זי אַליין וואָלט געווען פרידאַ אָדער מלכּה.

מלכּה איז געזעסן אַ צערויטלטע און האָט געקוקט ווי אַלעקס האָט גע־טאַנצט מיט זיין מאַמען, און זי האָט אויך געלאַכט, אָבער שטיל אין זיך...

צום סוף האָט אסתּר זיך אַרויסגעריסן פון אַלעקסעס הענט מיט די ווערטער:

— גענוג, משוגענער! וואָס האָסטו זיך צעטאַנצט מיט מיר? דו ווילסט דאָך טאַנצן מיט אַן אַנדערער? אָט דאָרט איז זי! — האָט זי מיט אַ האַנט גוטמוטיק געוויזן אויף מלכּהן.

— טראַ־לאַ־לאַ! — האָט ער אויסגעזונגען . און געוואָלט ווידער אָנ־כאַפּן זיין מאַמען; אסתּר האָט אָבער זיך פלינק אַרויסגעדרייט פון זיינע הענט, איז צוגעלאָפן צו מלכּהן און האָט זיך באַהאַלטן אַהינטער איר רוקן.

— אָט מיט איר טאַנץ! אָט מיט איר טראַ-לאַ-לאַ־ווע!

מלכּה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ניין, ניט איצט.

און זי האָט זיך אויך צולאַכט הארציק און גליקלעך.

אסתּר האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף איר אָרט ביים טיש. נאָכדעם האָט זי זיך אָנגערופן:

— זאָגט נאָר, קינדער, עפּעס זע איך, אַז איר פרייט זיך. אפשר וואָלט איר דער מאַמען אויך דערציילט פאַרוואָס איר פרייט זיך אַזוי. זאָל זיך

די מאמע אויך פרייען!

און דא איז מלכה רויט געווארן ווי א שטיק פייער און זי האט ארונ־טערגעלאזט די אויגן.

און פלוצים האט אלעקס געזאגט:

— יא, פארוואס זאלסטו דאס טאקע ניט וויסן? מאמע, איך האב דעם כבוד און דעם טיפסטן גליק דיר פארצושטעלן מיין כלה! איר נאמען ווייסטו און איר יחוס אויך!

אסתר האט זיך אווארף געטאן אפריער צו איר זון מיט א „מזל־טוב" און נאכדעם צו מלכה און זי געכאפט קושן.

מלכהן איז אין די אויגן פינסטער געווארן און זי האט געפילט, ווי אלצדינג אונטער איר און ארום איר וויגט זיך...

זי האט זיך געשראקן פאר דעם, אינסטינקטיוו זיך געשראקן, און דער־נאך, ווען זי מיט אלעקסן האבן געשפאצירט, האט זי זיך אנגערופן צו אים:

— פארוואס האסטו זיך אזוי געאיילט צו דערציילן דיין מאמען?

— אז מיר האבן זיך ליב? פארוואס ניט? איך האב דאס איר נאך נעכטן דערציילט. האסטו דען ניט געזען, ווי גליקלעך זי איז דערפון? און דו וועסט נאך זען ווי פאפא וועט זיך דערמיט פרייען.

האט זי דערנאך א פארטראכטע א ווײַלע געשוויגן און נאכדעם ארויס־געמורמלט, ווי צו זיך אליין:

— ווי א חלום!..

ער האט נישט געהערט, וואס זי האט געזאגט, און זיך א קער געטאן צו איר.

— וואס זאגסטו, פרידא?

— איך זאג: איך וואלט וועלן ערגעץ זיין מיט דיר וויט... אוועק־פארן מיט דיר ערגעץ, וואו קיינער קען אונדז ניט, קיינער ווייס אונדז ניט.

אלעקס האט זיך צעלאכט:

— וואס האסטו מורא? קיינער וועט מיך ניט אויסכאפן ביי דיר! און איך וועל זיך ניט לאזן אויך...

און מיט אמאל האט זיך ביי איר ארויסגעריסן:

— אלעקס, איך האב נאך מיט דיר וועגן עפעס צו ריידן...

— יא? וועגן וואס?

— ניט איצט. דערצו דארף איך האבן א באזונדערן כח. איך וועל אבער דיך נאך איבערראשן...

— דו וועסט מיך איבערראשן? מיט דעם, וואס דו האסט מיר צו דער־ציילן? — האט ער געקוקט אויף איר האלב מיט א שמייכל און האלב פארוואונדערט.

האט זי זיך דערמאלט מיט אמאל א כאפ געטאן א צעשראקענע.

— עס איז גארנישט... איך מאך נאר שפאס...

און מיטאמאל איז זי צוגעפאלן צו אים און האט זיך איינגעגעסן מיט אירע ליפן אין זיינע.

ווי א קוואל פון ווארעמקייט און פון גליק און פון באַרוישנדיקער פרייד האט זיך געעפנט ביי מלכהן אין דער נשמה. זי האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן איר לעבן אן אלעקסן איצט און ווען זי האט ניט געטראכט און ווען זי האט ניט געטראכט, האט זיך דאס אלצדינג געדרייט ארום אים...

אבער אפילו איצט אויך האט זי זיך צייטנווייז דערמאנט אן איר פאלשער לאגע, און דעמאלט איז זי ווידער פארצווייפלט געווארן, און די אלטע פראגן האבן זי ווידער געמאטערט:

— וואס וועט זיין? וואס וועט דערפון ווערן?

איצט האט זי דאס געפילט נאך פיינלעכער, מחמת איצט האט אלעקס געקוקט אויף איר ווי אויף זיין צוקונפטיקער ווייב. זי האט זיך געפרעגט: ווי אזוי קאן זי אריינברענגען אין דעם אינטימסטן לעבן זייערן אט דעם ליגן, אט דעם באטרוג, וואס האט זי געבראכט צו זיי אין הויז אריין? ווי אזוי וועט זי קאנען גליקלעך זיין מיט אים, ווען זי אליין וועט דאך מוזן זיך דערמאנען פון צייט צו צייט, אז זי נארט אים אפ, אז זי באטריגט אים, אז אפשר, ווען ער זאל וויסן דעם אמת, וואלט ער גאר קיינמאל מיט איר ניט חתונה געהאט..

און, איבערהויפט, בויט מען ניט קיין לעבן אויף פאלשקייט און באטרוג! און אפשר, — איז איר אמאל איינגעפאלן, — ווען זי דערציילט אים, וועט ער אין איר לאגע אריינגיין און ער וועט איר מיטפילן, און אויב ער האט זי אויף אן אמת ליב, ווי ער זאגט עס איר נאכאנאנד, און ווי זי אליין פילט ער מיט איר גאנצן הארצן, דעמאלט קען גאר קיין רייד נישט זיין, אז ער זאל זיך פון איר דערפאר אפזאגן...

אבער צי וועט ער זיך אפזאגן, צי ניט, וויסן מוז ער אלצדינג! זי האט זיך שוין לאנג געקליבן אים צו דערציילן, די גאנצע צייט זיך געקליבן אים צו דערציילן, אבער איצט מוז זי דאס; איצט, ווען ער זעט אין איר זיין צוקונפטיק ווייב!..

וואס פאר א שווערער בארג עס וועט פון איר דעמאלט ארונטער, און אויב זי וועט אים דעמאלט ניט פארלירן, ווי גליקלעך זי וועט דעמאלט זיין! אוים דער טאטע, אוים יענער טאטע, נאר זיין ווייב!...

ניינצענטער קאפיטל

מלכה'ס וידוי

פרייטיק, ווען דוד ראבינאוויטש איז געקומען פון שטאט אין זיין מאַשין, איז אסתר דעמאלט געזעסן מיט חנה עפשטיין אויפן גאנעק און זיי

האָבן וועגן עפּעס גערעדט. אסתר האָט זיך אויפגעהויבן און איז געלאָפן איר מאַן אַנטקעגן און די ערשטע ווערטער וואָס ראַבינאָוויטש האָט איר געזאָגט, זיינען געווען:

— אסתר, מזל־טוב דיר!

— און דיר אויך, דוד!

און ביידע האָבן זיך צוקושט.

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך דערנאָך אָנגערופן:

— אָבער דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן אויף אַזאַ שדכן, ווי גאָט איז. נו, אַ דאַנק אָט דעם שדכן, אַ דאַנק! אונזער ביידנס האָפנונג איז מקוים געוואָרן. וואו זיינען עפּעס חתן־כּלה?

— זיי וועלן מסתּמא באַלד קומען, זיי זיינען אַוועק זיך באָדן.

דוד ראַבינאָוויטש איז געווען אַזוי גוט אויפגעלייגט, אַז ער האָט אָנגערופן זיין ווייבס ווייטע קרובה „חנה", אָנשטאָט „מיסעס עפּשטיין", ווי ער האָט זי געוויינלעך גערופן.

— העלאָ, חנה! — האָט ער געזאָגט — וואָס מאַכט איר און וואָס הערט איר פון אייער מאַן?

מיסעס עפּשטיין איז אויך צוגעגאַנגען צו אים.

— וואָס איך מאַך? אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער פאַר דעם „פּיפּעלס רעליף". און פון מיין מאַן קריג איך גאָר ניט קיין פּריילעכע בריוו. ער קומט באַלד צוריק פון פּוילן.

— דאָס ווייס איך. אויף אַ מיטינג ביי אונדז אינם „פּיפּעלס רעליף" האָט מען גערעדט דערפון, אַז אייער מאַן וועט דאָ זיין אין אַן ערך צען טעג אַרום.

— אין אַ צען טעג, אָדער אין אַ צוויי וואָכן. יאָ — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן — איר האָט מיר דערמאָנט: איך וועל טאַקע גיין אַהיים, אפשר האָט מען מיר דאָרט געבראַכט אַ בריוו פון אים. זייט מיר געזונט!

און זי איז האַסטיק אַוועק.

דוד ראַבינאָוויטש איז דערנאָך אַריין אין הויז זיך איינצוּוואַשן און איבערטאָן, און אסתר איז אַוועקגעלאָפן אין קיך, צוגרייטן עפּעס צו עסן.

דערווייל זיינען אָנגעקומען פון באָדן זיך אַלעקס מיט מלכּהן. זיי ביידע זיינען נאָך געווען אָנגעטאָן אין זייערע באָד - קאָסטיומען און זיי ביידע האָבן אויסגעזען שטאַרק פאַרברוינט און אָפּגעפרישט פון דעם וואַסער. זיי האָבן באַלד דערקאָנט ראַבינאָוויטשעס מאַשין און אַלעקס האָט אַ געשריי געטאָן מיט זיין קרעפטיקער באַריטאָן־שטים:

— העלאָ, פּאָפּ! וואו ביסטו דאָרט?

— איך בין דאָ, קום אַרויף! — האָט זיך דערהערט דוד ראַבינאָוויטשעס קול פון אויבן.

און ביידע, סיי אַלעקס און סיי מלכּה, האָבן אַרונטערגעוואָרפן די

באַד־שיך פון זייערע פיס און באַרוועסע האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אין שטוב אַריין — אַפריער אַלעקס און מלכה נאָך אים.

דוד ראַבינאָוויטש איז שוין דאָרט געווען איבערגעטאָן אין זיין העלן גאַרניטור און אין זיינע נייע ווייסע שיך, און ווען אַלעקס מיט מלכהן זיינען צו אים צוגעלאָפן באָרוועסע און אין זייערע באַד־קאָסטיומען, האָט ער זיך האַרציק צולאַכט.

— זע נאָר אַ הלך פון חתן־כלה! — האָט ער אויסגעשריען מיט גע־לעכטער אין די אויגן, און ער האָט זיך איבערגעשלאָגן אַ פריידיק־אויפגע־רעגטער: — נו, קינדער, איך גראַטוליר אייך! קיין בעסערע כלה ווי פרידאַ, אַלעקס, האָסטו ניט געקענט קריגן, ווען דו זוכסט זי מיט ליכט איבער דער גאַנצער וועלט, סיידן דיר שטייט אפשר ניט אָן דער כלה׳ס טאַטע!...

האָט אים אַלעקס אַ פּאַטש געטאָן דעמאָלט איבערן אַקסל און האָט אים געענטפערט אין אַ שטיפערישן טאָן:

— פּאַפּאַ, איך האָב זיך דאָך אין איר פאַרליבט דערפאַר, וואָס זי איז אַזוי געראָטן אין איר פּאַפּאַן.

דוד ראַבינאָוויטש האָט געקוקט אויף אים און אויף מלכהן און האָט וואַרעם געשמייכלט. און אַלעקס האָט גערעדט ווייטער:

— און זי האָט זיך פאַרליבט אין מיר, ווייל איך בין זייער געראָטן אין מיין מאַמען. אַ יאָ, פרידאַ?

זי האָט נישט געענטפערט און געשמייכלט פאַרשעמט און פאַרלאָרן.

נאָכדעם, ווען זיי זיינען געזעסן ביים טיש, מלכה און אַלעקס שוין איבערגעטאָנענע, האָט דוד ראַבינאָוויטש דערציילט, ווי ער האָט זיך גע־פילט, בעת די מאַמע האָט אים אָנגעזאָגט וועגן דעם דורכן טעלעפאָן.

— קינדער — האָט ער גערעדט — פאַר מיר, דאַכט זיך, האָט דאָך דאָס ניט געדאַרפט זיין קיין נייעס, ווייל די גאַנצע צייט האָב איך, און אויך די מאַמע זיך גערעכט אויף דעם, וואָרום, אַז צווישן אייךביידן איז „סאַמטהינג דואינג״ האָבן מיר די גאַנצע צייט באַמערקט. און דאָך האָב איך פאַר פרייד אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צומאַכן מיט קיין אויג און איך האָב דעם טאַטן געלאָזט וויסן וועגן דעם און דער מאַמען, און אַפילו דעם אַלטן לאַנדסמאַן אירן, מיסטער גאָרדאָנען אויך. און וועגן אים וויל איך אייך עפּעס דערציילן. אַ מאָדנער ייד, הערט איר, איז אָט דער מיס־טער גאָרדאָן ,און ער האָט זי אויף אַן אמת ליב. איך דערצייל אים, אַז פרידאַ ווערט אַ כלה. וואָלט איר געדאַרפט זען, ווי ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן! און אויגן האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַזעלכע גרויסע, עפּעס ווי צעשראָקענע. און איך זע, די ליפּן ציטערן ביי אים און אין די אויגן ווייזן זיך טרערן. פרעג איך אים: „וואָס איז דער מער מיסטער גאָרדאָן?״ ענט־פערט ער מיר ניט. און מיט אַמאָל ער איז ניט געוואָרן, ווי פון אונטער די הענט נעלם געוואָרן! וואונדער איך זיך. ערשט שפּעטער ווייזט ער זיך

צוריק מיט פארוויינטע אויגן. פרעג איך אים: „וואס האט איר געוויינט, מיסטער גארדאן?" מאכט ער: „פאר שמחה!" און נאכדעם: „מזל טוב" אייך, טאטע! זאל זי זיין גליקלעך. איר ווינשט עס איר און איך אויך!"

אסתר האט זיך אנגערופן:

— א רחמנות, נעבעך! איך זע זיין הארץ. ער האט זיך, נעבעך, דער-מאנט אן זיין אייגענער טאכטער, פרידאס חברטע, וואס איז דארט דער-הרגעט געווארן.

און אלעקס האט מיט איר מסכים געווען. דערביי האט ער באמערקט:

— מיט אזעלכע אומגליקלעכע ווי אריה־לייב גארדאן דארף מען זיין זייער פארזיכטיק. וועגן געוויסע זאכן טאר מען אינגאנצן מיט זיי נישט ריידן. ווארום אן אומפארזיכטיקווארט רירט ביי זיי אן אמאל א טיפע וואונד...

מלכה האט זיך מיט אמאל אויפגעהויבן און איז ארויסגעלאפן פונם צימער.

— אט האסטו דיר! — האט אלעקס זיך א כאפ געטאן — אויפגע-ריסן ביי איר אויך די וואונדן!

דוד ראבינאוויטש האט ארויסגעמורמלט:

אי, אי, אי, וואס האב איך דאס געטאן! וואס פאר א רוח האט מיך איצט געשלעפט פאר דער צונג? וואוהין איז זי אוועק?

ער האט געוואלט גיין זען, וואוהין מלכה איז אוועק, אבער אסתר האט אים צוריקגעהאלטן.

— דו גיי ניט, דוד. אלעקס וועט גיין. — האט זי געזאגט אויפגערעגט אלעקס איז ארויסגעלאפן.

— פרידא! — האט ער זי גערופן.

זי האט זיך ניט אפגערופן.

איז ער אוועק נאכדעם צו איר אין צימער. די טיר איז דארט געווען פארשלאסן פון אינעווייניק.

עפן, פרידא!

און ער איז א היבשע צייט דארט געשטאנען און האט געווארט, אז זי זאל אים עפענען די טיר. זי אבער האט אים ניט געעפנט. נאר שפע-טער האט ער דערהערט איר פארשטיקטן און בעטנדיקן קול פונם צימער:

— לאז מיך איצט. לאז מיך איצט צורו!

די צוויי טעג, וואס דוד ראבינאוויטש האט יענעם „וואך ענד" פאר-בראכט אין זיין זומער־היים, איז מלכה ארומגעגאנגען א צוטראגענע און האט זעלטן־ווען געשמייכלט און נאך זעלטענער געלאכט. און ניט דוד ראבינאוויטש און ניט אלעקס, קיינער, קיינער אין הויז, האט ניט געקענט זי צושטרייען, ווי זיי האבן זיך דאס ניט באמיט.

זיי זיינען ארויסגעפארן אין דער מאשין מיט איר, אויף א שיפל איבער

דזשאַנסאַנס טייך, האָבן געשפּאַצירט מיט איר, באַמיט זיך צו פאַראינ־טערעסירן זי אין אַ שמועס. זי אָבער האָט זיך אַזוי ווי פארשלאָסן אין זיך. זי האָט גערעדט ווייניק, נאָר דאָס, וואָס זי האָט געמוזט, און נאָכאַנאַנד האָט זי געזוכט צו זיין אַליין.

זי איז עפּעס מאָגערער געוואָרן, האָט צייטנווייז אויסגעזען מיד און אַמאָל אַפילו פינסטער און האַרט, גאָרניט די אייגענע...

דערפון האָבן זיי אַלע געקאָנט זען, אַז זי האָט שטאַרק געליטן. און דערפון האָבן זיי אויך געדרונגען, אַז געליטן האָט זי, ווייל מען האָט איר דערמאָנט אין דעם איצטיקן גליקלעכן מאָמענט אָן אַלע אירע היימישע און אָן דער חברטע אירער, אריה־לייב גאָרדאָנס טאָכטער, וואָס מען האָט דערהרגעט אויפן וועג און אָן דעם, וואָס זי האָט אַליין איבערגעלעבט פריער...

און אַלעקס האָט זיי געבעטן, אַז מען זאָל זי איצט צורו לאָזן און זיי זיי האָבן אים געפאָלגט מיט האַרצוויייטאָק.

בלויז איינמאָל איז מלכה דאָרט געבליבן זיצן מיט זיי אויפן גאַניק, פאַראינטערעסירט אין דעם, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט.

זונטיק אויפדערנאָכט אין דאָס געווען. דאָקטאָר כאַווקין איז צו זיי געקומען — ער איז צו זיי געקומען זיך זעגענען. מאָרגן אינדערפרי האָט ער געזאָלט פאָרן קיין ניו־יאָרק און פון דאָרט קיין סאָוועט-רוסלאַנד.

און ער האָט זיי דערציילט, פאַרוואָס ער פאָרט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. ווייל ער איז אַ ייד, דער עיקר, ווייל ער איז אַ ייד, פאָרט ער אַהין... די יידן זיינען דאָרט אין דער גרעסטער סכנה... קיין זכר וועט פון זיי ניט פאַרבלייבן, ווען די שונאים פון די באָלשעוויקעס וועלן דאָרט זיגן... און עס ווערט דאָרט אָנגעפירט אַ מוראדיקער קאַמף פון אַלע זייטן קעגן דער סאָוועט־רעגירונג. און ער פילט, אַז דאָס איז זיין חוב, און דער חוב פון יעדן ייד, צו שטיין איצט מיט דער סאָוועט רעגירונג און קעמפן קעגן אירע שונאים דאָרט אויפן פּלאַץ...

—נאָך אַמאָל — האָט ער גערעדט מיט טיפער איבערצייגונג — איך פאָר אַהין קעמפן. איך זאָג אייך בפירוש: איך פאָר אַהין נישט בלויז דער־פאַר, ווייל איך בין אַ סאָציאַליסט און אַ מאַרקסיסט, נאָר ווייל איך בין אַ ייד, מער ווייל איך בין אַ ייד. אָט אַזוי האָט אויך מיין פריינט באָרוכאָוו דער פירער פון פּועלי ציון, געטאָן. און אַזוי ווי ער, גלויב איך אויך, אַז דער סאָציאַליזם, וואָס וועט, סוף כל סוף, דאָרט איינגעפירט ווערן, וועט פאַר־ענטפערן די יידן -פראַגע אויף אַלע צייטן און דאָס וועט אויך געבן אַ ביי־שפּיל דער גאַנצער וועלט...

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— ריכטיק. יעדעס מאָל, ווען איך לייען אין די צייטונגען וועגן דער מלחמה, וואָס ווערט דאָרט אָנגעפירט קעגן דער סאָוועט־רעגירונג פון די וורואנגעלס און די דעניקינס און די קראַסנאָווס און פון די קאָלטשאַקס און

די אַנדערע, כאַפּט מיך אָן אַ שרעק פאַר די דאָרטיקע יידן. דאָסזעלביקע פיל איך, ווען איך הער די באַריכטן אויף די מיטינגען פון דעם „פּיפּעלס רעליף״ און נישט איינמאָל האָב איך אַליין געטראַכט, הגם איך בין אַן אַמעריקאַנער, אַז, איך בין געגאַנגען אין דער אַרמיי צו קעמפן פאַר דער „וואָירלד דעמאָ־קראַסי״ האָב איך אודאי געדאַרפט קעמפן דאָרט, וואו די יידן זיינען אין אַזאַ סכנה...

— און פאַר אַ געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג, וואָס זוכט אויסצוראייסן מיטן וואָרצל דאָס, וואָס עס שאַפט דער אַנטיסעמיטיזם, די שנאה פון פאָלק צו פאָלק און פון מענטש צו מענטש! און פאַר דעם איינציקן לאַנד וואָס שטייט איבערן אַנטיסעמיטיזם מיט אַ האַק — האָט דאָקטאָר כאַווקין אונטערגע־כאַפּט און זיינע אויגן האָבן געפינקעלט דורך די ברילן און דער פּנים ביי אים האָט זיך גערויטלט.

מלכה, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ צעטראָגענע און האָט זיך צוגעהערט און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, האָט טיף אַ זיפץ געטאָן. דערנאָך האָט זי אַרויסגעמורמלט, ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, איך האָב דאָרט אודאי געדאַרפט זיין!...

אַלעקס האָט זיך צוגעבויגן צו איר:

— זאָגסט עפּעס?

— גאָרנישט. איך בין אַ ביסעלע מיד. — האָט זי שטיל געענטפערט און זיך אויפגעהויבן פון איר שטול — אַנטשולדיק מיר, אַלעקס — איך רעכן, אַז איך וועל אַרויפגיין צו מיר אין צימער.

זי איז צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר כאַווקינען און האָט אים דערלאַנגט די האַנט.

— הייסט עס, מאָרגן פאָרט איר? איך ווינטש אייך גליק, דאָקטאָר. קומט אַ געזונטער קיין סאָוועט־רוסלאַנד און קעמפט, אַז עס זאָל ניט קענען פאַרקומען מער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען! נאָך אַמאָל, איך ווינטש אייך גליק. און הלוואי קאָן איך פאָרן מיט אייך...

זי איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז סיי אַלעקס און סיי דוד ראַבינאָ־וויטש און אסתר זיינען געוואָרן אומרואיק און זיינען צוגעגאַנגען צו איר. אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— פרידא דו האָסט געזאָגט, אַז דו ביסט מיד, דו ביסט נערוועז אויך. גיי בעסער אַרויף צו זיך אין צימער.

— גוט נאַכט! — האָט מלכה אַ קוש געטאָן דוד ראַבינאָוויטשן און אסתרן און זי איז דערנאָך אַוועק צו זיך אין צימער.

און אין אַ ווייַלע שפּעטער, ווען זי איז געלעגן ביי איר אינם בעט, האָט זי געטראַכט אויך פון דעם, וואָס דאָקטאָר כאַווקין און אַלעקס האָבן גערעדט און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט פּלוצלונג דערזען

פֿאַר זיך אַן אָפֿענע טיר, דורך וועלכער זי האָט געקאָנט אַנטלויפֿן פֿון איר אייגענעם פּלאָנטער...

מאַנטיק אין דער פֿרי, איידער דוד ראַבינאָוויטש איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט, האָט ער מלכהן אַ קוש געטאָן אין שטערן און צו איר געזאָגט:

— באַרויִק זיך, מיין קינד און טראַכט בעסער פֿון דיין חתן.. דו דאַפּסט זיך פֿילן גליקלעך, וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי אַלעקס, האָט דיך אַזוי ליב. אַזוי גיך ווי מיר וועלן קומען צוריק אין שטאָט אַריין, וועלן מיר פּראַווען אַ ריכטיקע תנאים און מיר וועלן זיך ריכטיק פֿרייען מיט אייער ביידנס גליק. נו, קינד, זיי מיר געזונט!

האָט זי אים אויך אַ קוש געטאָן און גאַנץ שטיל געזאָגט, ווי זי וואָלט אַרויסגעהויכט:

— גוד־באַי!

דעם זעלביקן טאָג נאָכמיטאָק האָט זי זיך אָנגערופֿן צו אַלעקס מיט אַ קול, וואָס ער האָט גאָרניט דערקענט:

— אַלעקס ווילסט זיך דורכגיין מיט מיר איצט אויף אַ ווייל?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר און דעם פּנים אירן האָט ער איצט אויך ניט דערקענט. דער פּנים אירער איז געווען אַזוי ערנסט האַרט, ווי פֿאַר־שטיינערט און אַ באַזונדערע אַנטשלאָסנקייט האָט אַרויסגעקוקט פֿון אירע אויגן.

— קום! — האָט ער געזאָגט — וואוהין ווילסטו גיין?

—קיין אונטערשייד ניט וואוהין. נאָר אין אַ פּלאַץ, וואו קיינער וועט אונדז ניט שטערן.

— וואָס ביסטו אַזוי ערנסט?

זי האָט ניט געענטפֿערט, נאָר אים אַ ציי געטאָן ביים אָרעם און איז אַוועק מיט אים אין דער זייט צום וואַלד, דורך וועלכן מען איז געגאַנגען צו דעם הויכן באַרג.

זיי ביידע האָבן געשוויגן — זי נאָך אַלץ מיט דעם פֿאַרשטיינערטן אויסדרוק אויף איר פּנים און מיט דער אַנטשלאָסנקייט אין די אויגן, און ער — אַ פֿאַרוואונדערטער און עפּעס אומרויִק.

צום סוף האָט זי זיך אָנגערופֿן מיט אַ קול, וואָס האָט צוערשט גע־ציטערט און וואָס ער איז באַלד געוואָרן פֿעסטער און האַרטער, מען קען זאָגן עקשנותדיקער:

— איך וויל דיר עפּעס זאָגן. איך האָב זיך געקליבן די גאַנצע צייט דיר דאָס צו זאָגן, אָבער מיר האָט אויסגעפֿעלט דער מוט פֿאַר דעם. איצט האָב איך דעם מוט. יאָ, יאָ, איך האָב דעם מוט! — האָט זי ווי זיך אַליין געסטראַשעט.

האָט אַלעקס זיך דעמאָלט אָפּגעשטעלט און זי אָנגעקוקט נאָכמער פֿאַר־וואונדערט.

דער פּנים איז בײַ איר איצט געװען צערויטלט און זי האָט געשמייכלט עפּעס װי שפּאָטיש.

— װאָס װילסטו מיר דערציילן? און װאָס טוט זיך דאָ... איך מײן מיט דיר.. — האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן.

— װאָלסטו געגלויבט, אַלעקס, אַז איך זאָל דיך באַטריגן? — האָט זי מיט אַמאָל — געפרעגט שטיל.

— מיך באַטריגן? װאָס מיינסטו?

— װאָלסטו געגלויבט, אַז איך זאָל אייך אַלעמען באַטריגן?

— רייד ניט מיט אַזעלכע רעטענישן. רייד קלאָר, װאָס האָסטו דאָרט בײַ דיר אויפן האַרצן?

האָט זי דערנאָך אַ קליין װײַלע געשװיגן און געקוקט אים אין די אויגן אַרײַן מיט אַ צעטראָגענעם שמייכל. נאָכדעם האָט זי זיך װידער אָנגערופן פאַרטראַכט:

— דאָס װאָס איך װעל דיר דערציילן, װעט זיך דיר אויסװײַזן פאַר אַ װילדן פּלאַנטער, פאַר אַ משוגעת. נאָר איידער איך דערצייל דאָס דיר, זאָלסטו װיסן, אַז איך טו דאָס, װײַל איך האָב דיך ליב און װײַל איך װיל ניט אַרײַנגעשלעפּט אָט דעם מוראדיקן פּלאַנטער און ליגן און פאַלשקייט אין דײַן לעבן. און נאָך אַמאָל װיל איך דיר זאָגן, און איך װיל, אַז דו זאָלסט עס מיר גלויבן, אַז די גאַנצע צײַט האָב איך דיר דאָס געװאָלט דערציילן און ביז איצט, ביז אָט דעם מאָמענט, האָב איך אויף דעם קיין כח ניט געהאַט.

— איך פאַרשטיי אַלץ ניט. דו רעדסט און איך פאַרשטיי ניט. איך הער דיך און איך פאַרשטיי ניט, װאָס דו רעדסט — האָט ער צעטומלט געזאָגט.

— אַלזאָ, אַלעקס, איך בין ניט פרידאַ און ניט פריידל. דוד ראַבינאָ־װיטש איז ניט מײַן טאַטע, אַריה־לייב גאָרדאָן איז מײַן טאַטע. דוד ראַבי־נאָװיטשעס טאָכטער פריידל איז געװען יענע, װעלכע איז דאָרט דערהרגעט געװאָרן...

זי האָט ניט געקענט מער ריידן, און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן גראָז, װי מיט אָט די װערטער האָבן זיך די גאַנצע כחות בײַ איר אויסגע־לאָזט.

אַלעקס איז בלייך געװאָרן, דערנאָך רויט און אויף אַ װײַלע האָט בײַ אים אָפּגענומען דער לשון. ער איז געשטאַנען ניט װײַט פון איר און האָט געקוקט אויף איר מיט אַזעלכע אויגן, װי ער װאָלט פּלוצלונג פאַר זיך דערזען אַ בייז־װאונדער.

און מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ טרייסל געטאָן:

— דו לאַכסט פון מיר האַ? דו לאַכסט? — האָט ער זיך אַליין געגנומען שטיקן מיט אַ נערװעזן געלעכטער.

— זע איך אויס, װי איך װאָלט געלאַכט?

האָט ער אַרויסגענומען מיט אַ ציטערדיקער האַנט אַ סיגאַרעט און נערװעז

גערויכערט און די גאַנצע צייט ניט אַרונטערגענומען זיין צוטומלטן בליק פון מלכהן. נאָכדעם האָט ער ארויסגעמורמלט מיט אַ נערוועזן שמייכל:

— אינטערעסאַנט, יאָ, זייער אינטערעסאַנט. איך גלויב דאָס אָבער ניט. מיין מח קען עס ניט באַנעמען...

האָט זי אים דעמאָלט דערציילט פון אָנהויב אָן, ווי אַזוי זי און איר טאַטע זיינען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אָט דעם משונהדיקן פלאָנטער און ווי זי האָט ליב געהאַט פריידלען און ווי פריידל איז צוגעבונדן געווען צו איר און וויפל געזונט און יסורים האָט אָט די האַנדלונג געקאָסט איר און איר טאַטן...

און בעת זי האָט דאָס אַלצדינג דערציילט, האָט זיך דער אויסדרוק אויף איר פנים כסדר געביטן — די פאַרשטיינערטע האַרטקייט איז פון איר אַוועק — און די אַנטשלאָסנקייט פון אירע אויגן, און דער קלאַנג פון איר קול האָט אויך ניט געקלונגען מער אַזוי פאַרעקשנט און צום סוף, האָט איר פנים און אירע אויגן און דער קול אירער אויסגעדריקט בלויז ליידן, אָן אַ שיעור ליידן.

און מיט אַמאָל איז זי צוגעפאַלן מיטן פנים צו איר שויס, אַזוי ווי זי איז דאָרט געזעסן אויפן גראָז און זי האָט זיך פאַרשטיקט צעוויינט...

אַלעקס איז געשטאַנען ניט ווייט פון איר ווי אַ פאַרשטיינערטער. אין קאָפּ האָט אים געטומלט: „וואָס איז דאָס?" און דאָ האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן דער געשיכטע, וואָס דער אַלטער נח האָט אים דערציילט וועגן אַ מיידל מיטן נאָמען פריידל אין וואַרשע, וואָס זי האָט געזוכט דעם אַדרעס פון איר טאַטן, דוד ראַבינאָוויטש, אין אַמעריקע; און עס האָט אין אים געשרייען: דאָס איז דאָך יענע, אויב אַזוי, און דו ווייסט, מסתמא ניט, אַז יענע איז ניט דערהרגעט געוואָרן...

און ער האָט זיך געפרעגט אַ פאַרצווייפלטער:

וואָס וועט איצט זיין?

ער איז אָפּגעטראָטן אַ ביסעלע ווייטער פון דעם אָרט וואו מלכה איז געזעסן און האָט נאָך אַלץ געוויינט, און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. תיכף אָבער איז ער אויפגעשטאַנען צוריק.

— וואָס וועט איצט זיין? — האָט ער ניט געהערט, ווי עס האָט זיך ביי אים ווידער ארויסגעריסן.

ער האָט פאַררויכערט אַ צווייטן סיגאַרעט און זיך געלאָזט גיין מיט׳ וועג צוריק צום וואַלד. ער האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט. ער האָט געטראַכט:

— ווי מיר אַלע האָבן איר ליב געהאַט! ווי זי האָט זיך אַריינגעריסן צו אונדז אַלעמען אין די הערצער! וואָס וועט איצט זיין? וואָס וועט ער, פריידלס טאַטע.. און די מאַמע מיינע.. וואָסער שרעק!... וואָסער אומגליק!... ווען זיי זאָלן זיך דערוויסן.. און איך אַליין?.. טייוול, איך האָב דאָך

זי אזוי ליב!.. ער האט דערפילט טרערן ביי אים אין די אויגן. האט ער זיך אפגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו יענער זייט וואו מלכה איז געזעסן און האט מיט א טיכל זיי אויסגעווישט. נאכדעם איז ער מיט האסטיקע טריט צוגעגאנגען צו מלכהן. זי האט שוין מער ניט געוויינט, נאר איז געזעסן אין איר פריערדיקער פאזע, מיט איר פנים אין שוים, ווי א פארגליווערטע.

ער האט זי א רוף געטאן מיט א הייזעריקלעכן קול.

זי האט זיך ניט א ריר געטאן.

— קום! — האט ער זי ווידער א רוף געטאן.

זי האט זיך אלץ ניט א ריר געטאן.

— קומט! — ווי הייסט איר דארט? — האט זיך ביי אים מיט אמאל ארויסגעריסן מיט א קרעכץ.

דעמאלט ערשט האט זי אויפגעהויבן דעם קאפ פון שוים און ארויפגעקוקט צו אים מיט א טרויעריקן שמייכל אין די פארוויינטע אויגן, און זי האט ארויסגערעדט גאנץ שטיל:

— איר פרעגט ווי איך הייס דארט? מלכה הייס איך.

און דא (אלעקס אליין וואלט ניט געקאנט דערקלערן ווי אזוי דאס האט פאסירט מיט אים) — האט ער זיך א ווארף געטאן צו איר און זיך ארונטערגעלאזט לעבן איר אויפן גראז און איז צוגעפאלן מיט די ליפן צו איר קאפ. און זי, מלכה, האט דערהערט פון אים אנשטאט ווערטער א געוויין, א פארשטיקטן געוויין.

האט זי א כאפ געטאן דעמאלט א האנט זיינע און איר גענומען קושן, און איר געקושט אויך אן ווערטער.

און נאכדעם האבן זיי זיך ביידע אויפגעהויבן. ער האט אויסגעזען ווי א שיכורער און זי האט אויף אים געקוקט מיט ליבע און מיט צער.

ער איז געגאנגען א פריער און זי א ביסעלע הינטער אים. ער איז איצט אינגאנצן געווען פארטאן אין זיך. און מיט אמאל האט ער א לאך געטאן הייזעריקלעך און טרוקן און זיך אנגערופן צעטראגן:

—יא, יא, וואס עס קאן פארלויפן אין לעבן און איבערהויפט אין דעם יידישן לעבן פון אונדזער היינטיקער צייט, וועט די ווילדסטע פאנטאזיע ניט קאנען אויסטראכטן!

און ער האט זיך א קער געטאן צו מלכה'ן:

— און דו און דיין טאטע, איר זייט ביידע זיכער, אז יענע איז דערהרגעט געווארן?

— יא, מיר זיינען ביידע זיכער אין דעם.

— ווי אזוי האט איר געקענט זיין זיכער אין דעם?

— דער פויער וואס האט אונדז אריבערגעפירט דעם גרענעץ האט זי אליין געזען א טויטע.

— און איר זייט זיכער, אז ער האט אייך ניט אפגענארט?

— יאָ, אין דעם זיינען מיר אויך זיכער. אַן ערלעכער פּויער. ווען ניט ער וואָלטן מיר דאָרט אומגעקומען אַזוי ווי זי און די אַנדערע. און אַ חוץ דעם האָט ער אונדז געבראַכט איר זייגערל, וואָס ער האָט געפונען דאָרט, וואו עס איז געלעגן דער טויטער קערפּער אירער.

מער האָט אַלעקס ניט געפרעגט און מער האָט ער ניט גערעדט. און אַזוי זיינען זיי צוגעקומען צום הויז. ערשט דעמאָלט האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך וויל זיך דורכגיין אַליין. אפשר וועלן מיר נאָך שפּעטער ריידן וועגן דעם.

און ער איז האַסטיק אַוועק באַרג אַראָפּ מיטן וועג, וואָס האָט אויך גע־פירט צו דזשאָנסאָנס פאַרם.

און אַ שווערער אומעט, כמעט אַ פאַרצווייפלונג, איז באַפאַלן מלכה'ן ווען זי האָט מיט אומרואיקע אויגן געקוקט ווי אַזוי ער איז דאָרט געגאַנגען.

„אפשר וועלן מיר נאָך ריידן וועגן דעם"... „אפשר" האָט ער געזאָגט. וואָס מיינט דער „אפשר"?.. קאָן דאָך זיין, אַז ניט אויך — האָט זי געטראַכט און געפילט ווי איר איז קאַלט געוואָרן, כאָטש די זון האָט שטאַרק געבאַקט.

זי איז אַרויף צו זיך אין צימער און האָט פאַרריגלט די טיר. זי האָט גע־וואָלט איצט בלייבן אַליין. אַליין מיט אירע געדאַנקען. אַליין מיט דעם וואָס האָט איר געטומלט און געבראַוזט. זי האָט זיך געפרוווט לייגן אויף איר בעט און ניט געקאָנט איינליגן, איז זי אַוועק שפּרייזן איבערן צימער, האָט גע־שפּרייזט פון איין עק צו דעם אַנדערן, פון דער טיר ביז צום פענסטער אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, געקוקט מיט ליידיקע אויגן פאַר זיך און אַרום זיך און געבראָכן נערוועז די פינגער און געמורמלט:

— אַ סוף!.. געענדיקט!.. אַלצדינג געענדיקט!..

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אָפענעם פענסטער און אַרויסגערוקט איר קאָפּ אויף דער דרויסנדיקער זוניקייט און גרינקייט.

פריער ווען זי האָט געקוקט אַהין פון אַ פענסטער איז זי אַלעמאָל פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער וואונדערלעכער לאַנדשאַפט, וואָס האָט זיך דאָרט געשפּרייט פאַר אירע אויגן. איצט האָט זי קיין זאַך ניט באַמערקט און ניט געזען, אַזוי פאַרנומען איז זי געווען מיט זיך אַליין.

אַ סוף!.. אוים גליק!.. דאָס גליק האָט זיך געוויזן אויף אַ קורצער רגע און איז אַוועק.. וואָס וועט איצט זיין? אָבער וואָס איז איר דער חילוק וואָס עס וועט איצט זיין?

זי איז ווידער אַוועק שפּרייזן איבערן צימער און האָט געטראַכט וייטער:

אָבער זי האָט זיך געדאַרפט ריכטן אויף דעם. זי האָט געדאַרפט וויסן, אַז ווען זי וועט דערציילן...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער בעט און זיך איינגעגראָבן מיט׳ פנים אין קישן און געשטיקט דעם געוויין וואָס האָט זיך געריסן ביי איר.

זי האָט באַוויינט איר ליבע און האָט אויך געפילט, אַז דאָס הויפּט־שרעק־

לעבע איז זי נאָך ניט איבערגעקומען. אַלעקס וועט מסתמא נאָך דערציילן וועד זי איז דער מאַמען זיינער אויך, און דוד ראַבינאָוויטש אויך.

ווי אַזוי וועט זי קאָנען קוקן זיי גלייך אין די אויגן אַריין? ווען זי וואָלט קאָנען אַנטלויפן באַלד, גלייך וואוהין ניט איז, אַבי ניט דאַרפן זיי זען... אָבער וואוהין? וואוהין אַנטלויפן? אפשר קיין ניו-יאָרק צו איר טאַטן, און פון דאָרט מיט אים אַנטלויפן, ווי ביי זיי איז שוין געווען אָפּגעמאַכט? גאָט, פאַר־וואָס איז זי דעמאָלט ניט אומגעקומען מיט פרייַדלען?

און זי איז אַרונטער פון בעט און ווידער גענומען שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק.

אפשר זאָל זי מאַכן אַ סוף צו אַזאַ לעבן אינגאַנצן? הלמאי זיך פּייניקן נאָך און נאָך און נאָך? וואָרום זיין גליקלעך קאָן זי שוין ניט מער...

אויף אַ מאָמענט האָט אַ שוועב געטאָן פאַר אירע אויגן אַ מיידל אין איר שטאָט, אַ טאָכטער פון באַלעבאַטישע יידישע עלטערן, וואָס האָבן געוואוינט אויף דער זעלבער גאַס וואו אריה-לייב גאַרדאָנס הויז איז געשטאַנען. יענע מיידל איז ניט לאַנג געווען געקומען פון שווייצאַריע, וואו זי האָט געשטו־דירט, און איז אין איין שיינעם אינדערפרי האָט מען זי געפונען אַ געהאָנגענע ביי איר אין צימער. מען האָט דעמאָלט גערעדט, אַז צוליב אָפּגענאַרטער ליבע...

פאַר מלכה׳ס אויגן איז איצט געשטאַנען דאָס בילד ווי אַזוי יענע איז דאָרט געהאָנגען מיט אַ שטריק אַרום האַלדז אויף אַ האַטשיק הינטער אַ טיר.

פאַרוואָס זאָל זי עס אויך ניט טאָן? הלמאי זיך נאָך מאַטערן? עטלעכע מינוטן און אויס... באַפרייט זיך... צי אפשר זאָל זי גאָר דערטרינקען זיך ביי דזשאַנסאָנען אין טייך? אַרויסגעפאָרן אויף אַ שיפל צוגעמאַכט די אויגן, און איין שפּרונג און געענדיקט!...

יאָ, דער בעסטער אויסוועג... די גלייכסטע זאַך. שטאַרבן דאַרף מען דאָך אַמאָל... זי האָט געקענט צען מאָל שטאַרבן אין די פּאָגראָמען... איז בעסער אַזוי... ניט אַזוי מיאוס, ניט אַזוי דערנידעריקנדיק. יאָ, אַזוי וועט זי טאָן... די גלייכסטע זאַך...

דאָס אַלץ האָט איר אַרויסגעשלאָגן אינגאַנצן פון די כוחות. זי האָט זיך דערפילט צעבראָכן, מיד און זי האָט זיך געמוזט אַוועקלייגן. האָט זי זיך ווי־דער געלייגט אין בעט און איז איינגעשלאָפן.

זי איז געשלאָפן אַ שטיק צייט און בילדער איינס שרעקלעכער פון דעם אַנדערן האָבן איר פאַרפאָלגט אין שלאָף.

פון אַלע זייטן האָט מען זיך געיאָגט נאָך איר... מענטשן מיט העק און מיט לאָמען און מיט ביקסן האָבן זיך געיאָגט נאָך איר מיט ווילדע געשרייען און זי איז אַנטלאָפן פון זיי. אַנטלאָפן מיט אירע לעצטע כחות איבער אומ־באַקאַנטע גאַסן, אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. זי האָט געוואָלט שרייען, האָט אָבער קיין קול ניט געהאַט. און מיט אַמאָל איז זי שטיין געבליבן פאַר אַ טיפן

אפּגרונט. דער אפּגרונט איז געווען טיף, זייער טיף און פינסטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אַרונטער און עס איז איר געוואָרן מוראַדיק, און אין קאָפּ האָט איר גענומען שווינדלען. און פּלוצים, ווען זי האָט דערהערט די געשרייען פון יענע גאַר נאָנט, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אַרונטער מיט אַ פאַרצווייפלטן געשריי.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אָט דעם געשריי אירן און זיך אומגעקוקט אַרום זיך מיט צעשראָקענע אויגן און דערזען זיך אין איר צימער. דער שטערן איז בײַ איר געווען באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שוויים. זי האָט אַרויסגעמורמלט מיט שרעק:

— איך וועל משוגע ווערן!...

זי איז געלעגן נאָך אַ ווײַלע און האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן פאַר זיך.

פּלוצים האָט זי דערהערט פון אַלעקסעס צימער, פון הינטער דער וואַנט באַקאַנטע טריט. הייסט עס, אַז ער איז דאָרט אומגעגאַנגען.

זי האָט זיך אײַנגעהערט אין זײַנע טריט. ער האָט דאָרט אויך געשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק, ווי זי פריער. מלכּה האָט אַ טראַכט געטאָן: „פון מײַן צימער וועט ער שוין פון איצט אָן ווייכן"...

און דאָ איז אין זײַן צימער שטיל געוואָרן. און נאָכדעם האָט מלכּה גע־הערט ווי אַ טיר האָט זיך דאָרט געעפנט און צוגעמאַכט און באַלד האָט זיך מלכּה אַ צאַפּל געטאָן: זי האָט דערהערט זײַנע טריט ווי זיי האָבן זיך דער־נענטערט צו איר טיר.

איר טיר איז געווען פאַרריגלט. זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם איצט, ווען זי האָט דערהערט ווי ער וויל עפענען פון יענער זײַט איר טיר.

זי האָט זיך געוואָלט אויפהויבן, האָט אָבער ניט געקאָנט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר.

— דו שלאָפסט? — האָט זיך דערהערט זײַן קול.

דער קול זײַנער האָט ניט געקלונגען ניט בייז און ניט האַרט. נאָר רואיק און מיט אַ באַזונדערער ווייכקייט, און דאָס האָט זי געשטאַרקט, אַרײַנגעגעבן איר כּוחות און זי איז אַרונטער פון בעט און האָט געעפנט די טיר.

אַלעקס איז אַרײַנגעקומען.

זינט ער האָט זיך צושיידט מיט איר זײַנען אַריבער קנאַפּע צוויי שעה, און פאַר איר אויך צוויי שווערע, פּײַנלעכע שעה. צום סוף האָט ער צו זיך געזאָגט: ניין, ניט באַשולדיקן דאַרף מען זי, נאָר באַרויערן מוז מען זי. און זי באַזונדערס נויטיקט זיך איצט אין זײַן פרײַנטשאַפט און אין זײַן טרייסט. און ער האָט אויך באַשלאָסן, אַז קיין וואָרט זאָל ער איר דערווײַל ניט דערציילן וועגן דעם, אַז ער האָט געהערט, אַז די ריכטיקע פריידל לעבט און געפינט זיך איצט אין וואַרשע און זוכט דעם אַדרעס פון איר טאַטן. ער האָט באַשלאָסן אַ פריער צו איבעררייידן מיט אריה-לייב גאָרדאָנען אַליין וועגן דעם.

איצט, ווען ער איז אריינגעקומען צו מלכהן אין צימער און האט דער־זען ווי זי האט אויסגעקוקט, האט ער זי ארומגענומען און איר צוגעפירט צו אן אפענעם פענסטער און איר דארט אוועקגעזעצט אויף א שטול. נאכדעם האט ער צוגערוקט צו איר א צווייטן שטול און אליין זיך אויך אוועקגעזעצט דערנאך האט ער זיך אנגערופן:

—איך האב די גאנצע צייט געטראכט וועגן דיר און אויך וועגן דיין טאטן. וויפל איר האט זיך דאס אויסגעליטן!..

און ער האט צוגעגעבן:

— און דו אליין. ניט מלכה און ניט פריידל ביזטו ביי מיר אין אט דעם מאמענט; ניט מיין פאפאס טאכטער און ניט אריה־לייב גארדאנס טאכטער, נאר די געפייניקטע טאכטער פון מיין געפייניקטן פאלק!...

האט זי דעמאלט א קוק געטאן אויף אים אומרואיק און האט ארונטער־געלאזט דערנאך דעם קאפ און געשוויגן:

— בארואיק זיך, קינד — האט ער ווידער געזאגט.

— קינד פון דעם מארטירער פאלק, איבער וועלכן מען דארף רחמנות האבן און היילק האלטן, איא? — האט זי שטיל ארויסגערעדט מיט וויי־טאק,—דאס וואס איך בין געווען פאר דיר, בין איך שוין ניט מער. ווי פריער ליבסטו מיך שוין ניט..

ער האט אבער געענטפערט מיט א באזונדער ווארעמקייט:

— נאך מער!... מיין ווייב!..

האט זי אויפגעהויבן דעם קאפ און ווידער א קוק געטאן אויף אים. נאכדעם האט זי אנגענומען זיין האנט און איז צוגעפאלן צו איר מיט די אויגן און באלד האט ער דערפילט אויף זיין האנט מלכהס הייסע טרערן.

ער האט איר גענומען גלעטן דעם קאפ:

— וויין ניט, קינד, וואס ווינסטו?

זי האט ניט געענטפערט, נאר האט זיך צעוויינט העכער, אבער פרייער איידער פריער, גאר פריי. און נאכדעם האט זי אויפגעהויבן דעם קאפ און האט אנגעקוקט אלעקסן מיט טרערן אין שמייכלענדיקע אויגן און א העלע טרער האט בשעת דעם זיך געגליטשט איבער איר נאז...

— דו ווייסט? — האט זי געזאגט שוין מיט א פרייען און העלן קול.

— איך גלויב דאס ניט.. איבערגעקומען... איך האב דיר אלצדינג דער־ציילט... ארונטער אזא בארג און דו קאנסט נאך קוקן אויף מיר.. איז דאס באמת אויפן וואר?

— יא, קינד, און דערביי מוז דאס דערווייל בלייבן קיין איין ווארט ניט , ניט מיין מאמען און ניט פאפען דערווייל. אפריער וועלן מיר חתונה האבן און נאכדעם... איך וועל נאך אפשר פארן אין ניו־יארק צו איבעררעדן מיט דיין טאטן.

פון אונטן האט זיך דערהערט אסתרס קול:

— קינדער קומט אַרונטער עסן!

— מיר קומען, מאַמאַ! — האָט אַלעקס אַ געשריי געטאָן און זיך אַ קער געטאָן ווידער צו מלכה׳ן: קיין וואָרט ניט. שאַ! און געשמייכלט!...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אָ, איצט, אַלעקס, קאָן איך שמייכלען. שמייכלען פריי. אַ סך פרייער איידער פריער...

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די אָרעמס אַרום זיין נאַקען און האָט אים געקוקט אַזוי אין פּנים אַריין און גערעדט ווייטער:

— דו ווייסט, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר? אָט ערשט מיט עטלעכע מינוט פריער האָב איך... אָבער ניט ריידן מער וועגן דעם! — האָט זי זיך איבערגעשלאָגן. — קום, דיין מאַמע וואַרט!

ביים טיש איז מלכה געווען פריילעך און האָט מיט אַפּעטיט געגעסן, און אסתר איז געווען צופרידן וואָס די שלעכטע שטימונג איז ביי איר אַוועק.

שפּעטער איז אָנגעקומען חנה עפּשטיין און זי האָט אַוועקגעשלעפּט מיט זיך אסתרן אויף אַ שפּאַציר. און דערנאָך זיינען מלכה און אַלעקס אויך אַוועק שפּאַצירן.

און גייענדיק האָט מלכה אים געהאַלטן אונטערן אָרעם און כסדר זיך געדריקט צו אים.

— דו ווייסט ווי איך פיל איצטער? — האָט זי זיך אָנגערופן. — איך פיל, אַז איך וואָלט היינט געקאָנט טאַנצן. מחמת דאָס האַרץ טאַנצט דאָך ביי מיר. פאַרוואָס ניט טאַנצן מיט דיר אין קאַסינאָ אויך? אפשר זאָלן מיר, האַ?

ער האָט געענטפערט פאַרטראַכט:

— דאָס וועלן מיר זען אויפדערנאַכט. אָבער איך גלויב ניט אַז מיר וועלן גיין אַהין. איך פיל זיך אַביסל מיד, ווייל איך גיין היינט פרי שלאָפן, ווייל מאָרגן אינדערפרי וויל איך פאָרן קיין ניו־יאָרק.

— אפשר זאָלסטו דאָס אָפּלייגן אויף אַ פּאָר טעג שפּעטער, דעמאָלט וועל איך מיט דיר אויך פאָרן.

— ניין. איך מוז מאָרגן. איך דאַרף זיין מאָרגן אין ניו־יאָרק. אַ חוץ דיין טאַטן דאַרף איך נאָך עמיצן זען.

— זאָל איך פאָרן מיט דיר?

— ניין. בעסער וועל איך אַליין ריידן מיט דיין טאַטן. דו וועסט מיר נאָר שטערן.

האָט מלכה דערנאָך אַ ווײַלע געשוויגן אַ פאַרטראַכטע, נאָכדעם האָט זי זיך ווידער אָנגערופן:

— דו קאָנסט זיך גאַרניט פאָרשטעלן, אַלעקס, ווי מיין טאַטע וועט זיך דאָרט דערפרייען ווען דו וועסט אים זאָגן, אַז איך האָב דיר אַלצדינג דער־ציילט. די גאַנצע צייט האָט ער זיך דאָך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

וויפיל דער מענטש האָט געליטן! וויפיל ער איז אויסגעשטאַנען! דאָ ניט ווייניקער אפשר ווי דאָרט פון די פּאָגראָמען!...

— יאָ, איך פאַרשטיי דאָס. און איצט ווערט מיך אויך קלאָר סיי זיין לידל און סיי די גאַנצע סצענע ביים זיידן יענעם אויפדערנאַכט ווען דיין טאַטע האָט זיך אָנגעשיכורט.

— דו קאָנסט פאַרשטיין זיינע יסורים ווען ער האָט זיך געמוזט האַלטן פון ווייטן פון מיר. ער האָט דאָך דאָפּלט געליטן: סיי דערפון וואָס ער האָט געמוזט מיך פאַרלייקענען און סיי דערפון וואָס ער האָט אייך אַלעמען געמוזט נאַרען!...

אַלעקס האָט אַ זיפץ געטאָן:

— גאָט, ווען איך טו אַ טראַכט, אַז זיי וועלן זיך דערפון דערוויסן, און זיי וועלן זיך דאָך דאָס מוזן דערוויסן, כאַפּט מיך אָן אַ שרעק. ווי זיי וועלן דאָס ליידן! זיי האָבן דאָך דיך אַלע אַזוי ליב! זיינען אַזוי שטאָלץ מיט דיר!

האָט מלכה אויך אַ זיפץ געטאָן:

— איז וואָס-זשע טוט מען, אַלעקס? ווי אַזוי פאַרהיטן מיר זיי? גלויב מיר, אַז זיי זיינען מיר אויך זייער נאָענט. מיר ווייזט זיך אויס, אַז איך האָב זיי ניט ווייניקער ליב ווי מיין אייגענעם טאַטן. וואָס קען איך טאָן?

— דערווייל קאָנען מיר גאָרנישט טאָן. דערווייל מוזן מיר שווייגן ביז נאָך אונדזער חתונה. און דאָס טאָר ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף לאַנג.

— וואָס מיינסטו? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים.

— איך מיין, אַז באַלד ווי מיר וועלן קומען אין שטאָט דאַרף עס דורכגעפירט ווערן אַף אַ געזעצלעכן אופן. איך און דו וואָלטן זיך געקאָנט באַגיין אָן די אַלע צערעמאָניעס, אָבער צוליב מיינע און צוליב דיין טאַטן, און צוליב נאָך עפּעס, דאַרף עס דורכגעפירט ווערן...

— אָבער וואָס איז די איילעניש, אַלעקס? מיר זיינען דאָך סיי ווי מאַן און ווייב...

— אַזוי וועט זיין בעסער — האָט ער געענטפערט. — מיר דאַרפן דאָס טאָן וואָס גיכער. אפשר שפּעטער אַמאָל וועל איך דיר דערציילן פאַרוואָס — האָט ער צוגעלייגט טראַכטנדיק וועגן דער פריידל וואָס איז אין וואַרשע.

שפּעטער ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין שוין געווען אַ שטיק אין דער נאַכט. פון דער דינסט האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז אסתר איז אַוועק מיט חנה עפּשטיין צום האָטעל „פריילעך”. האָבן דערנאָך אַלעקס און מלכה פאַרבראַכט אַ היבשע צייט ביי דער פּיאַנאָ און נאָכדעם זיינען זיי אַרויף אויבן.

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג איז אַלעקס געווען אין ניו-יאָרק און האָט פון זיין אָפיס אויף ריווערסייד דרייוו אָנגעקלונגען צום האַוס און געפרעגט צו ער קאָן ריידן מיטן פאַרוואַלטער פון דעם ניו-יאָרקער אָפיס און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גערעדט צו יענעם:

— איך בין א ניו־יארקער — און ער האט אנגעגעבן אן אויסגעטראכטן נאמען. — איך האב געהערט, אז ביי אייך אויף א מיטינג איז גערעדט געווארן וועגן איינער א געוויסער פריידל, וואס זוכט איר פאטער דוד ראבינאוויטש... הא?... יא, אין ווארשע.. וואס ווייסט איר וועגן איר?

און מען האט אים געענטפערט , אז יענע דארט איז א קראנקע און איז ניט לאנג ארויס פון שפיטאל. איצט געפינט זי זיך אין ווארשע און ווערט דארט אויסגעהאלטן פון האיאס .

און אז דער פארוואלטער פון האיאס האט ביי אים געפרעגט פארוואס ער איז אזוי פאראינטערעסירט אין דער מיידל און צי קאן ער אפשר ניט אירע קרובים, האט זיך אלעקס אויסגעדרייט פון א דירעקטן ענטפער.

דוד ראבינאוויטשן האט אלעקס געזאגט, אז ער פארט אין שטאט צו זען א פאציענט. ער האט אים אויך בארויקט וועגן פרידאן. ער האט אים פארזיכערט, אז די שלעכטע שטימונג איז ביי איר אוועק און אז זי איז איצט ווידער געווען פריילעך און לעבעדיק.

אין דער אייגענער צייט האט ער אויך זיך אונטערהאלטן מיט אריה־לייב גארדאן. גערעדט מיט אים וועגן פרידאן און וועגן דעם ווי אזוי זי האט זיך ערהאלט אין די בערג.

אריה־לייב האט זיך צוגעהערט צו אים און געשמייכלט צופרידן.

און מיט אמאל האט אלעקס א צי געטאן אריה־לייבן פאר אן ארעם און צו אים שטיל, גאנץ שטיל געזאגט:

— איך מוז אייך זען. איך גיי איצט צו מיר אין אפיס. איך וועל דארט ווארטן אויף אייך.

און ער האט זיך א קער געטאן צו דוד ראבינאווישן, וואס איז געזעסן ביים טיש מיט א סיגאר אין מויל:

— פאפא דו גייסט היינט ערגעץ?

— יא, צו א פארזאמלונג פון ,,פיפעלס רעליף". איך בין אין קאמיטעט און דארף רעפארטן.

—און איך מוז איצט אויך אוועקגיין. אימיצער דארף קומען צו מיר אין אפיס.

און ער איז ארויס.

צוואנציקסטער קאפיטל.
ווען אריה־לייב האט זיך דערוואוסט

ער האט לאנג ניט געדארפט ווארטן אויף אריה־לייבן אין אפיס. ער, אריה־לייב, איז באלד אריינגעקומען. ער האט אויסגעזעען אומרואיק. ער האט געטראכט צי האט דארט עפעס ניט פאסירט מיט מלכהן און דערפאר האט דאס אלעקס אים איצט גערופן צו זיך אין אפיס אויף אזא סודות־פולן אופן.

— וואָס דאַרפט איר מיר, דאָקטאָר? — האָט ער זיך אָנגערופן און זיך באַמיט צו זיין רואיק.

— זיצט! — האָט אים אַלעקס אָנגעוויזן אויף אַ שטול ביים שרייב־טיש, וואו ער איז געזעסן. — איך וויל מיט אייך וועגן עפּעס ריידן.

— וואָס איז דער מער, דאָקטאָר, עס איז עפּעס געשעען?

— אַז איר ווילט, יאָ, פאַר מיר און פאַר... מלכהן — האָט אַלעקס גע־קוקט אים גלייך אין די אויגן. — גאָר אַ וויכטיקע פּאַסירונג.

אריה־לייב איז צעטומלט געוואָרן און האָט מיט מי אַרויסגערעדט:

— מלכה? וועלכע מלכה מיינט איר?..

— אייער טאָכטער מלכה.

אריה־לייב האָט זיך אַזש אַ רוק געטאָן אויף זיין שטול, און די באָרד זיינע, וואָס איז פאַר דער צייט נאָך גרויער געוואָרן, האָט זיך ביי אים אַ טרייסל געטאָן, און דער פּנים האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן ווי אַ שטיק פייער. ער האָט געעפנט דעם מויל און האָט בלויז אַרויסגעבראַכט דעם איין און איינציקן קלאַנג:

— האַ?

— איר דאַרפט זיך ניט שרעקן. זי האָט מיר אַלצדינג דערציילט.

אריה־לייב האָט זיך אַ הויב געטאָן און צוריק זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט געמורמלט און די ליפּן האָבן ביי אים דערביי געציטערט:

— אַלצדינג?.. נו?.. נו?.. איז וואָס זאָגט איר?.. איז וואָס זאָגט איר.

— וואָס קאָן איך זאָגן?

— איך מיין... זי איז ניט שולדיק.. איר הערט דאָך, דאָקטאָר, איך.. איך.. אָט ווער איז שולדיק! — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט אַ האַנט אין דער ברוסט

— איר זייט אויך ניט שולדיק.

אריה־לייב האָט זיך איינגעגעסן מיט אומרואיקע אויגן אין אַלעקסעס פּנים. געקוקט און געקוקט און דערנאָך אַרויסגעשטאַמלט:

— איז וואָס איצט, האַ?.. איך מיין... עס האָט דאָך אייך ביידן גע־קומט אַ „מזל־טוב”, ווי איך האָב געהערט... איז ניט אויס חלילה?

— ניין, ניט אויס. גאָר אינגיכן וועלן מיר חתונה האָבן.

אריה־לייב האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און פאַרדעקט זיין פּנים מיט ביידע הענט. אַזוי איז ער געזעסן עטלעכע מינוט.

און פּלוצלונג האָט ער זיך אויפגעהויבן אין זיין גאַנצן הויכן וואוקס פון זיין שטול און ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן מיט אַ שמייכל דורך פאַרלאָפענע מיט טרערן אויגן, און ער האָט אַרויסגערעדט:

— אויב דאָס איז אַזוי, הויב איך דאָ אָן באַלד ווידער צו גלויבן אין אַ גאָט.

און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און איז אַוועק שפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק און האָט געשמייכלט.

— שוין לאַנג געדאַרפט דאָס טאָן — האָט ער ווייטער גערעדט. — אָבער געטאָן! בעסער שפּעטער ווי קיינמאָל ניט. און איר דאָקטאָר, איר ווייסט און פאַרשטייט, אַז מיר זיינען חלילה, ניט קיין שווינדלער און שידוך בלייבט שידוך, און די חתונה וועט באַלד זיין, ווי איר זאָגט... דאָקטאָר — איז ער צו אים צוגעלאָפן און האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר ביידע הענט און זיי געטרייסלט. — איך האָב גאָר קיין ווערטער ניט... איך האָב גאָר קיין ווערטער ניט...

ער האָט געשמייכלט און איבער די באַקן ביי אים האָבן זיך געקייקלט טרערן.

אַלעקס האָט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט און האָט אים אויך דערלאַנגט איינעם.

— אָבער ניט וועגן דעם אַליין האָב איך געוואָלט מיט אייך ריידן, מיסטער גאָרדאָן — האָט ער זיך אָנגערופן.

— איך פאַרשטיי — האָט אים אריה־לייב איבערגעשלאָגן. — איר ווילט מסתמא ריידן וועגן דעם ווי אַזוי דערציילט מען עס אייער מאַמען און מיסטער ראַבינאָוויטש? אודאי, דאָס איז אַ ביטערער עסק און עס איז אַ גוואַלדיקער רחמנות אויף זיי, אָבער מען וועט עס מוזן איבערקומען.

— ניט פריער איידער אייער טאָכטער וועט ווערן געזעצליך מיין ווייב. דעמאָלט איז זי מיין ווייב און פאַר דער חתונה האָט זי מיר אַלצדינג דערציילט און קיינער קאָן איר גאָר נישט טאָן, אויב אַפילו אימיצער זאָל איר וועלן עפּעס טאָן...

— אָבער ניט דערפון וויל איך מיט אייך ריידן, מיסטער גאָרדאָן — האָט אַלעקס זיך איבערגעשלאָגן. — זעצט זיך — האָט ער אָנגעוויזן אריה־לייבן אויף דער שטול וואו ער איז פריער געזעסן און ער אַליין האָט זיך אויך געזעצט אויף זיין פריערדיקן אָרט.

נאָכדעם ווען ביידע האָבן זיך געזעצט האָט אַלעקס אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, זייט איר זיכער, אַז יענע איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן?

— ווער „יענע"?..

— די ריכטיקע פריידל?

אריה־לייב האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— וואָס הייסט „אויב זי איז דאָרט דערהרגעט געוואָרן"?

און ער האָט מיט ווייטאָק אַ שמייכל געטאָן:

— ווי פעלט אייך איין גאָר צו פרעגן אַזוינס? אַזוי ווי איר וואָלט ביי מיר געפרעגט צי מען האָט דערהרגעט מיין ווייב און די אַנדערע דאָרטן...

— האָט איר אַליין זי געזען אַ דערהרגעטע?

— דער פויער וואָס האָט אונדז אַריבערגעפירט די גרעניץ האָט זי געפונען אַ דערהרגעטע. איך האָב נאָך ערגעץ ביי זיך איר גאָלדענעם זייגערל,

וואָס דער פויער האָט געפונען לעבן איר טויטן קערפּער און דאָס מיר איי־בערגעגעבן.

— מיסטער גאָרדאָן, זי לעבט!

— ווער?

— פריידל ראַבינאָוויטש. זי איז איצט אין וואַרשע. זי זוכט דעם אַדרעס פון איר טאַטן אין אַמעריקע.

— אריה־לייב גאָרדאָן האָט געעפנט דעם מויל און לכתחילה ניט גע־קאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט און ער האָט געקוקט אויף אַלעקסן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן.

און מיט אַמאָל האָט ער שטיל אַ לאַך געטאָן אין זיך און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן:

— איר מאַכט שפּאַס פון מיר, וואָס?

— איך מאַך ניט קיין שפּאַס. דאָס איז אַ פאַקט. איך האָב נאָך געהערט דערפון מיט עטלעכע וואָכן פריער, נאָר דעמאָלט האָב איך ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם. איצט אָבער ווייס איך דאָס אויף געוויס.

—אריה־לייב האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דאָקטאָר, וואָס הייסט איר האָט זיך אויף ריכטיק דערוואוסט? ווי־אַזוי האָט איר זיך געקאָנט דערוויסן?

—ערשט היינט האָב איך גערעדט מיט דעם פּאַרוואַלטער פון דעם האָיאַס און ער האָט מיר געזאָגט, אַז יענע פריידל ראַבינאָוויטש איז איצט אין וואַרשע און ווערט דאָרט אויסגעהאַלטן פון דעם האיאַס - אַפּיס.

אריה־לייב איז געוואָרן ווייס און רויט, און דער סיגאַרעט ביי אים אין דער האַנט האָט זיך געטרייסלט.

ער האָט געמורמלט און די ברייטע ברוסט זיינע האָט זיך שווער באַ־וועגט.

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? רבונו של עולם, ווען דאָס איז אמת... אָבער ווי קאָן עס געמאָלט זיין? איך ווייס אויף זיכער, אַז זי איז דאָרטן דערהרגעט געוואָרן!

— אפשר האָט מען זי דאָרט געפונען ווען זי האָט נאָך געלעבט און מען האָט זי אַפּגעראַטעוועט.

אריה־לייב האָט זיך פּלוצלונג אַ הויב געטאָן פון שטול מיט התפעלות:

— אויב דאָס איז אמת, אויב זי איז אַפּגעראַטעוועט... גאָט, וואָסער בשורה! אוי וואָסער בשורה! ווייס מלכה שוין וועגן דעם?...

— זי ווייס ניט און זי דאַרף ניט וויסן דערווייל, ביז מיר וועלן זען וואָס דאָ וועט ווערן...

— וואָס מיינט איר, דאָקטאָר?

— איך מיין... אפריער דאַרפן מיר חתונה האָבן...

אריה־לייב האָט אַ ווײַלע געהאַלטן אַ האַנט ביי זיך אויף דער באָרד

און געשוויגן. דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך וויל אויסגעפינען צי דאָס איז אמת, צי זי איז דאָרט טאַקע גע־ראַטעוועט געוואָרן, און אויב זי איז געראַטעוועט געוואָרן מוז תיכּף וויסן וועגן דעם איר טאַטע.

אַלעקס האָט זיך אָנגערופן:

— מיסטער גאָרדאָן, בּאַרויִקט זיך און לויפט ניט און רעדט ניט און טוט ניט. פּאָרזיכטיק מוז אַלצדינג געטאָן ווערן, פון אייער טאָכטערס וועגן און פון אייערטוועגן אַליין אויך.

— פון מיינטוועגן? — האָט אריה־לייב מיט וויטאָק שטיל אַ לאַך גע־טאָן אין זיך. — פון מיינטוועגן. וואָס איז, מען וועט מיך ארעסטירן? מען וועט אויסגעפינען, אַז איך האָב אָפּגענאַרט, אַז איך בין אַ שווינדלער?

און ער האָט זיך אונטערבּראָכן:

— איצט זאָל איך שווייגן ווען זי לעבּט? דעמאָלט וועל איך דאָך זיין נאָך ערגער ווי אַ שווינדלער; דעמאָלט וועל איך דאָך זיין אַ רוצח; דעמאָלט וועל איך דאָך ניט זיין בּעסער ווי יענע פּאָגראָמשטשיקעס! — האָט ער זיך פּלוצלונג צעשריען.

אַלעקס איז צו אים צוגעגאַנגען:

— אום גאָטעס ווילן, מיסטער גאָרדאָן, וואָס שרייט איר אַזוי? בּאַ־רויִקט זיך און רעדט איצט גאָרנישט, קיין וואָרט ניט. מאַכט עס ניט נאָך פּיל שווערער. טוט עס צוליב אייער טאָכטערס וועגן. איר האָט דאָך אַזוי פּיל געטאָן פאַר איר.

— אָבער יענע זוכט דאָך איר טאַטן דאָרט, זאָגט איר! זי לעבּט דאָרט! איר זאָגט, אַז זי איז געווען אין אַ שפּיטאָל, מסתמא איז זי דאָך קראַנק דאָרט? זי איז אַלעמאָל געווען אַ שוואַך קינד. איז דאָרט אַליין. אָן קיינעם ניט. אַלע איריקע זיינען דאָך דאָרט אויך אויסגעהרגעט. איך ווייס דאָך דאָס. זי האָט נאָר אַ טאַטן דאָ, אין אַמעריקע, האָב איך אים אַוועקגענומען ביי איר פאַר מיין טאָכטער און איר ווילט, אַז איך זאָל שווייגן? איך בּעט אייך, דאָקטאָר, גיט מיר דעם אַדרעס פון דער „האיאס".

— עס איז צו שפּעט. איר וועט דאָרט קיינעם ניט טרעפן.

— אפשר יאָ. איך וועל צופאָרן אַהין. איך וועל ניט קאָנען רוען. איך וועל ניט קאָנען היינט שלאָפן. דאָקטאָר, פאַרשטייט דאָך, איך ווייס דאָך וואָסער שוואַך קינד זי איז, ווי זי דאַרף האָבּן איר טאַטן...

— וואַרט אַ מינוט, איך וועל אָנקלינגען אין האיאס און וועל פרעגן צי מען קאָן אימיצן היינט בּיינאַכט זען דאָרט אין אָפיס.

און אַלעקס האָט אָנגעקלונגען צו דער האיאס און מען האָט אים גע־ענטפערט פון דאָרט, אַז ער וועט קאָנען דאָרט טרעפן היינט דעם פּאַרוואַל־טער, ווייל האיאס האָט היינט אַ מיטינג.

האָט ער זיך דערנאָך אָנגערופן:

— איך פֿאַר מיט אייך אַהין. איר מוזט מיר אָבער צוזאָגן, אַז איר וועט ניט זאָגן קיין איין וואָרט וועגן מייך און ניט וועגן קיינעם ניט. קורץ: קיין איין וואָרט ניט וועגן דער גאַנצער געשיכטע. איר זאָלט מיך אַליין לאָזן ריידן. איר ווילט דאָך דערווייל נאָר אויסגעפינען צי יענע לעבט אויף אַן אמת. וועט איר דאָס אויסגעפינען און נאָכדעם וועלן מיר זען וואָס מיר זאָלן טאָן.

אריה־לייב האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך זאָג אייך צו. אַלצדינג זאָג איך אייך צו, נאָר ברענגט מיר צו דער האיאַס.

* * *

שפּעטער ווען אריה־לייב איז אַרויס פון דעם אָפּיס פון האיאַס מיט אַלעקסן, איז ער שוין זיכער געווען, אַז דאָס האָט טאַקע פריידל געזוכט איר טאַטן אין אַמעריקע. מחמת די אַלע ידיעות וועגן איר וואָס ער האָט באַקומען יענעם אויפדערנאַכט אין האיאַס האָבן אינגאַנצן געשטימט מיט יענער פריידל. ער איז איצט אַזוי צוטומלט געוואָרן דערפון, אַז ער האָט ניט געזען דעם וועג פאַר זיך ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַלעקסן פון האיאַס־אָפּיס.

— וואָס טוט מען? גוואַלד, וואָס טוט מען? — האָט ער געמורמלט.

אַלעקס האָט געשוויגן. ער איז צוגעגאַנגען דערנאָך מיט אים צו זיין מאַשין און האָט געזאָגט:

קומט מיר וועלן ריידן דערפון אין דער היים.

אריה־לייב האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים אין דער מאַשין.

— גלייך אַרויסשיקן איר געלט אַהין. דאָס איז די ערשטע זאַך — האָט ער געמורמלט ווי צו זיך אַליין ווען די מאַשין איז געפאָרן — און אַרויסרופן אַהער מאָרגן מלכהן.

— וואָס ווילט איר פון איר? — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן.

— זי מוז עס באַלד וויסן.

אַלעקס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַן אומצופרידענער מינע, אָבער ער האָט גאָרניט געזאָגט. ערשט אינדערהיים האָט ער אריה־לייבן אַריינגעפירט ווידער צו זיך אין אָפּיס און זיך מיט אים דאָרט פאַרשפּאַרט.

— הערט אויס — האָט ער געזאָגט — איך פאַרלאַנג פון אייך, מיסטער גאָרדאָן, אַז איר זאָלט אייער טאָכטער לאָזן איצט צורו, אינגאַנצן צורו. איך בין אַ דאָקטאָר. איך ווייס דעם צושטאַנד פון איר געזונט. זי איז מיר טייער און איך דערקלער אייך, אַז ניט איצט איז די צייט, אַז זי זאָל וויסן דערפון.

— אָבער וואָס רעדט איר דאָקטאָר? יענע לעבט! יענע דאַרף האָבן אַ היים. אפשר געלט פאַר פּראָפעסאָרן... געלעגן דאָרט קראַנק אין די שפּיטאָלן... ווי קאָן מען דאָס דאָקטאָר?

— מען קאָן איר דערוויילע העלפֿן מיט געלט. איך וועל איר אַרויסשיקן געלט מאָרגן. איך האָב דאָרט אַ פֿריינט. מיסטער עפּשטיין, דער פֿאָרשטייער פֿון דעם היגן ,,פּיפּעלס רעליף״, איז מיינער אַ פֿריינט. איך וועל אויף זיין אַדרעס שיקן דאָס געלט און וועל אים אויך בעטן אויסצוגעפֿינען אַלע איינ־צעלהייטן וועגן יענער . אגב, קומט ער צוריק אינגיכן פֿון דאָרט.

— אָבער דאָקטאָר, זיי דערציילן וועט מען דאָך מוזן היינט־מאָרגן, אין אַ וואָך אַרום....

— דאָס לאָזט איבער צו מיר. זיי מוזן פֿאַרבאַרייט ווערן צו דעם פֿאַר־זיכטיק. פֿאַרגעסט ניט, אַז יענע זיינען אויך לעבעדיקע מענטשן. מען וועט דאַרפֿן ביי זיי אַוועקרייסן אַ טאָכטער צו וועלכער זיי האָבן זיך פֿאַר דער צייט צוגעבונדן מיט אַלע פֿעדים פֿון זייער האַרצן... איר פֿאַרשטייט ווי פֿאָר־זיכטיק אַזאַ אָפּעראַציע מוז געמאַכט ווערן? און מלכהן וועל איך אויך צו־גרייטן צו דעם. מיט איר מוז אויך געהאַנדלט ווערן פֿאָרזיכטיק.

אריה־לייב האָט זיך מיטביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן קאָפּ און איז געבליבן זיצן אויף זיין שטול, אַזוי ווי אַ פֿאַרשטיינערטער. און אַלעקס מיט אַ סיגאַרעט אין מויל איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק מיט אויפֿגערעגטע טריט און האָט גערעדט ווייטער:

— וואָס מען דאַרף און וואָס מען מוז איצט, איז רואיק אַרומטראַכטן וואָס צו טאָן און ווי אַזוי דאָס איבערצוקומען. מוז מען האָבן דערפֿאַר אַביסל צייט. און אייער טאָכטער מוז ווערן צוערשט געזעצלעך מיין ווייב. די ער־שטע זאַך מוזן מיר חתונה האָבן פֿאַר אַ ריכטער. דאָס וועט נאָך די וואָך גע־טאָן ווערן...

אריה־לייב האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ צוטראָגענער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן מיט אַ גאַליקן שמייכל און האָט זיך אָנגערופֿן:

— נו, האַ, און אַ גאַנצע וועלט פֿאַרלאָזט זיך אויף אַ גאָט! שקר וכזב! — האָט ער גערעדט ווייטער מיט בייסיקן שפּאָט. — ניטאָ! מחמת ווען ער וואָלט געווען, וואָלט ער דען געלאָזט אַזאַ שוואַך קינד ווי פֿריידל זאָל זיך אַזוי פֿיל פּייניקן? פֿאַרוואָס? פֿאַר וועלכע חטאים? און פֿאַרוואָס קומט עס מיר?.. און מיסטער ראַבינאָוויטש?.. און אייער מאַמען?.. ניין, ניטאָ, ניטאָ קיין גאָט! ניטאָ קיין גאָט וועמען צו לויבן, ניט וועמען צו דאַנקען און אַפֿילו ניט וועמען צו שילטן!...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר און מיט אַמאָל זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַ קער געטאָן צוריק צו אַלעקסן:

— כאָטש נעמט ביי מיר געלט פֿאַר איר צו שיקן; כאָטש דאָס לאָזט מיר טאָן פֿאַר איר!

— מען דאַרף ניט. קיין געלט וועט איר ניט פֿעלן, מיסטער גאָרדאָן, — האָט אַלעקס אים געענטפֿערט — און פֿאָלגט מיך, גייט און לייגט זיך שלאָפֿן

און באַמיט זיך צו באַרואיקן.

אריה־לייב איז אוועק. אַ שטיק צייט איז ער געזעסן דערנאָך בײַ זיך אינעם צימער־בײַ אַן אָפענעם פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט אין דער שטי־לער נאַכט אַריין און געטראַכט, אַז איצט וועט ער מוזן זיך מודה זײַן פאַר ראַבינאָוויטשן און אפשר פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז אַ שווינדלער, אַ ליגנער, אַ באַטריגער. אַ צוגאָב צו די פּאָגראָמען און צו אַלצדינג וואָס ער האָט דורכגעלעבט וועט דאָס זײַן. אָבער טאָן מוז ער דאָס. פריידל מוז האָבן איר טאָטן. ער וועט דאָס טאָן אפילו ווען ער זאָל וויסן, אַז מלכהס חתונה וועט דערפון צעשטערט ווערן!...

און די גאַנצע נאַכט יענע האָט ער געטראַכט דערפון און קיין איין מינוט ניט געשלאָפן און אינדערפרי איז ער אַוועק אין שאַפּ אין דער אייגענער צייט ווי אַלע טאָג.

און, ווי אַלע טאָג, איז ער אַוועק אין דעם זעלביקן רעסטאָראַן לעבן שאַפּ עסן פרישטיק (בײַ די ראַבינאָוויטשעס האָט ער שוין לאַנג ניט געגעסן, אַ חוץ זונטיק, אָדער יום־טוב ווען עס איז).

נאָך מיטאָג איז אַלעקס געווען אין אָפיס פון „פיפּעלס רעליף" און האָט דאָרט גענומען דעם אַדרעס פון עפּשטיינען אין וואַרשע און האָט געשיקט צו אים פער קייבל צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר פריידלען, אָנגעבנדיק איר אַדרעס אין דעם וואַרשעווער „האָיאַס". ער האָט אויך געבעטן עפּשטיינען אַז ער זאָל אים גלייך טעלעגראַפירן מער איינצעלהייטן וועגן פריידלען. און שוין אויף דעם אַנדערן טאָג האָט ער באַקומען פון עפּשטיינען אַן ענטפער, אַז דאָס געלט איז איבערגעגעבן געוואָרן דער מיידל, וועלכע דערציילט אַ מיסטעריעזע געשיכטע. וועגן דעם וועט ער מיט אים ריידן, ווען ער וועט אינגיכן קומען אַהיים.

אַלעקס האָט פאַרבראַכט דערנאָך אַ צוויי טעג אין שטאָט און האָט שפּע־טער זיך באַמיט אויסצומיידן אריה־לייבן. נאָר איינמאָל פאַר דער צייט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אין דרויסן פאַר דער הויז מיט אריה־לייבן. און יענער האָט אים אָפּגעשטעלט אַ צוטראָגנער:

— וואָס טוט מען, דאָקטאָר? שלעכט!

— אודאי איז ניט גוט, אַז מען האַלט אין איין טראַכטן. וואָס טראַכט איר איצט? געלט האָט מען איר שוין געשיקט און ווייטער וועט אויך זײַן אַלץ אין אָרדענונג...

— איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, דאָקטאָר. אומעטום ווייזט זיך מיר אויס, אַז זי שטייט מיר פאַר די אויגן אַ קראַנקע, אַ שלאַפע, אַן אויס־געמוטשעטע.

—אין דעם זייט איר דאָך ניט שולדיק. וואָס פּייניקט איר זיך אַזוי?

— איך ווייס ניט. איך האָב קיין רו ניט. מיר ווייזט זיך אויס, אַז יעדע רגע, וואָס מיר באַהאַלטן דאָס פון איר טאַטן איז אַ רציחה.

אַלעקס האָט אַ לאַך געטאָן און האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר זעט, מיסטער גאָרדאָן, און איר פֿרעגט וואו איז גאָט? איר מיינט, אַז איר האָט אים פֿאַרלאָרן און אַז ער עקסיסטירט שוין מער ניט פֿאַר אייך. און אין דער אמתן רעדט דאָך דאָס גאָט איצט פֿון אייך אַרויס. צי עס איז פֿאַראַן גאָט דאָרט אין הימל, דאָס קאָן קיינער ניט וויסן, אָבער אַז גאָט איז פֿאַראַן ביי יעדן ערלעכן מענטשן אין זיין האַרצן, דאָס איז זיכער. גאָט אַנטפּלעקט זיך דורך דעם געוויסן פֿון מענטשן, מיסטער גאָרדאָן.

אריה־לייב האָט אַ צי געטאָן די אַקסלען.

— אפֿשר זייט איר גערעכט. איך ווייס ניט.. איך ווייס ניט... איך ווייס נאָר, אַז מיר איז שווער אויפֿן האַרצן, שווער און ביטער. אַנטשולדיקט איך וועל צוגיין צום פֿאַרקל.

און אריה־לייב איז אַוועק אַ צעטראָגענער.

אַלעקס האָט געוואַרט ביז פֿרייטיק און איז נאָכדעם אַוועקגעפֿאָרן מיט ראַבינאָוויטשן אין די בערג.

ראַבינאָוויטש האָט קיין זאַך ניט חושד געווען און האָט אַן אויפֿגעלייג־טער גערעדט מיט אַלעקסן אויפֿן וועג וועגן די גרויסאַרטיקע תנאים וואָס ער האָט זיך געקליבן צו פֿראַווען, און ער האָט זיך מיט אים מיישב געווען וועמען פֿון די באַקאַנטע צו רופֿן אויף אָט די תנאים.

און אַלעקס האָט אַלץ געוואָלט פּועלן ביי אים, אַז מען זאָל קיין תנאים ניט פֿראַווען.

— מען וועט אויסקומען אָן דעם — האָט ער געטענהט רואיק און מיט אַ שמייכל. — חתונה האָבן איז געווענג. ניט קיין געוואַלדיק געשעעניש, פּאַפּאַ, אַז מען זאָל דאָס דאַרפֿן צוויי מאָל פֿייערן מיט אַ גאַנצן פּאַראַד.

— און ביי מיר און ביי דיין מאַמען איז דאָס שוין גאָר אַ גרויסע געשעעניש, אַלעקס — האָט דוד ראַבינאָוויטש גערעדט. — אַ בן־יחיד און אַ בת־יחידה, סטייטש!

קומענדיק קיין לעווינגסטאָן מענאָר זיינען זיי אויפֿן וועג אַנטקעגנגעקומען אסתר און מלכה. ביידע פֿרויען האָבן געלויכטן פֿאַר פֿרייד, ווען דוד ראַבינאָ־וויטש האָט אָפּגעשטעלט זיין מאַשין.

און אַזוי ווי דאָס איז געווען אָן ערך אַ האַלבן מייל פֿון זייער קאָטעדזש, איז דוד ראַבינאָוויטש אַרויס פֿון דער מאַשין און האָט געזאָגט צו אַלעקסן, אַז ער זאָל פֿאָרן ווייטער און ער, דוד ראַבינאָוויטש, וועט כאַפּן דערוויילן אַ שפּאַציר מיט די ווייבער ביז דעם קאָטעדזש.

און אַזוי איז דאָס געווען: אַלעקס איז אַוועקגעפֿאָרן ווייטער און דוד ראַבי־נאָוויטש האָט גענומען אסתרן און מלכהן אונטער די אָרעמס און איז אַוועק מיט זיי מיטן וועג באַרג אַרויף, וואָס האָט געפֿירט צו זייער קאָטעדזש.

און ווי געוועלעך, ווען ער איז געקומען פֿון שטאָט צוריק אין זיין זומער־

וווינונג, איז ער געווען גוט אויפגעלייגט, האָט געלאַכט און געשפּאַסט און זיך געוויצלט מיט אסתרן און מלכהן.

און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו מלכהן:

— וואָס זאָגסטו צו דיין חתן? ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וויל נישט קיין תנאים. ער וויל, אַז מען זאָל אים גלייך דערלאַנגען די חתונה. וואָס זאָגסטו צו דעם, מיין טאָכטער?

מלכה האָט זיך צערויטלט און דערנאָך האָט זי געענטפערט אַ ביסעלע פאַרשעמט:

— איך מיין אויך, אַז אַלעקס איז גערעכט. צו וואָס דער פּאַראַד מיט די תנאים?

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— ביי מיר איז דאָס אַ גרויסע שמחה, מיין טאָכטער, און ביי איר, ביי דער מאַמען אויך. קיין צוואַנציק קינדער האָבן מיר נישט.

אסתר האָט זיך אַריינגעמישט:

— מילא, מיר וועלן מאַכן מיט די קינדער אַ קאָמפּראָמיס: מיר וועלן ניט שרייבן קיין תנאים, נאָר וועלן מאַכן אַזוי אַ שטיקל יום-טובל, אַ „פּאַרטי", פאַר די נאָנטסטע מענטשן, און דעמאָלט וועלן מיר זיי פאַרשטעלן פאַר חתן־כלה און יוצא.

דוד ראַבינאָוויטש האָט אַ לאַך געטאָן:

— מילא. צוליב דעם וועט דער שידוך ניט צוגיין.

און מיט אַמאָל איז מלכהן באַפאַלן אַן אומעט און אַ שווערקייט. זי איז שטאַרק אומרואיק געוואָרן. זי האָט געטראַכט:

„גאָט, ווען אָט די צוויי טייערע מענטשן זאָלן זיך אַמאָל דערוויסן! ווו וועל איך זיך דעמאָלט באַגראָבן?"...

און זי האָט ווייטער געטראַכט:

„ווען איך וואָלט געקענט אַנטלויפן"...

אַזוי ווי זי מיט אַלעקסן האָבן זיך ניט געזען באַלד אַ וואָך, האָבן זיי ביידע געזוכט צו פאַרבלייבן אַליין, באַלד ווי זיי זיינען אַריין אין הויז.

אַלעקס האָט זיך נאָר איינגעוואַשן און זיך איבערגעטאָן ביי זיך אין צימער און נאָכדעם איז ער אַרונטערגעקומען אונטן, ווו מלכה האָט אויף אים גע־וואַרט, און זיי זיינען אַוועק צו איינעם פון זייערע אַלטע פּלעצער אין וואַלד, איבער וועלכן דער הויכער באַרג האָט אַרונטערגעקוקט.

און אויפן וועג צו יענעם פּלאַץ איז אַלעקס זייער פריילעך געווען און האָט געשטיפט מיט איר ווי אַ ייִנגל און האָט אַלץ געשריען, אַז זי קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר איר פון שטאָט...

— וואָס? — האָט זי געוואָלט ביי אים אויסגעפינען און געקוקט אויף אים מיט אַ גליקלעכן שמייכל.

דו וועסט נישט טרעפן!

— א שטיקל צירונג, מסתמא?..

— נאָך א טייערערע זאַך ווי דאָס טייערסטע שטיקל צירונג!

— וואָס? וואָס? וואָס? — האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אים א כאַפּ געטאָן ביים אַקסל און אים נישט געלאָזט ווייטער גיין ביז ער וועט איר זאָגן וואָסער טייערע זאַך ער האָט געבראַכט פאַר איר פון שטאָט.

— ניין, ניט איצט.. ווען מיר וועלן זיך זעצן דאָרט... דו ווייסט דאָך ווו.. וועל איך דיר זאָגן. האָב א ביסעלע געדולד.

האָט זי אים אומגעדולדיק א צי געטאָן פאַר אַן אָרעם און געזאָגט:

— טאָ קום גיכער צו יענעם פּלאַץ!

און זיי ביידע האָבן זיך געלאָזט לויפן ווי קינדער וואָס האָבן זיך צו־שטיפּט. און אין א ווײַלע אַרום זיינען זיי ביידע געזעסן אויף א לאָנקע אין וואַלד, אין א פּלאַץ, וווּ די גראָז איז געווען טיף, מחמת קיינער האָט עס דאָרט ניט אָפּגעקאָשעט, און אונטער א הימל, וואָס איז געווען א ביסל אָנגעכמורעט (אין אָנהויב סעפּטעמבער איז עס געווען, א פּאָר טעג פאַר „לייבאָר דעי"; פון וואַלד האָט זיך געהערט דער בייזער, שווארצער געשריי פון א קראָ).

— נו, און איצט זאָג! — האָט מלכה ארויסגערעדט פאַרסאָפּעט, האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט: — ניין, אַפּריער זאָג מיר וואָס מאַכט מיין טאַטע? אוי, וואָסער א שלעכטס איך בין! ווי נאַר איך דערזע דיר, פאַרגעס איך אַן אַלעמען.

אַלעקס האָט א שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— און איך האָב אויך פאַרגעסן דיר איבערצוגעבן זיין האַרציקן גרוס. ער איז אָל־ראַיט און איז שטאַרק צופרידן וואָס איך וויים, אַז ער איז דיין טאַטע. מלכה האָט זיך א כאַפּ געטאָן:

— נו, געוויס, אודאי!... איצט דערציילַ. זאָג, וואָס אזוינס האָסטו מיר געבראַכט?

און אַלעקס האָט געענטפערט זייער פריילעך:

— א גוטע בשורה. די בעסטע בשורה, וואָס מען קען ברענגען א מענטשן וועגן עמיצן וואָס איז אים זייער טייער געווען. איך האָב גערעכנט פריער דיר דאָס צו דערציילן נישט אזוי גיך, אָבער איך בין אזוי פול דערמיט, אז איך קען זיך ניט איינהאַלטן.

מלכה האָט געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט:

— וואָס איז דאָס אזוינס?

— איך האָב א גרוס פאַר דיר פון דיינער א פריינדין. א גרוס, וואָס דאַרף דיר זייער און זייער דערפרייען!

— פון וועמען?

— פון פריידלען.

— פון וועלכער פריידל?

— דיין פריינדין פריידל ראַבינאָוויטש לעבט.

— וואָס מיינסטו ,,זי לעבט״?

— מען האָט זי געפונען דאָרט, אַריינגענומען אין אַ שפּיטאָל און אָפּגע־ראַטעוועט. איצט איז זי אין וואַרשע און זי זוכט דעם אַדרעס פון איר טאַטן.

מלכה איז געבליבן זיצן מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויף אַלעקסן און מיט אַ צעפּלאָמטן פּנים. דערנאָך האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן עפּעס אַ קלאַנג, צי אַן אָפּגעריסן געלעכטער, צי אַ געוויין אזא, און נאָכדעם האָט זי מיט מי אַרויסגערעדט:

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? ווו האָסטו דאָס געהערט?

און ער האָט איר אַלצדינג דערציילט, וואָס ער האָט געוווסט און אויך, אַז איר טאַטע האָט שוין אויך געוווסט דערפון.

האָט זי געקוקט אויף אים נאָך אַ ווײַלע, און מיט אַמאָל האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן מיט אַ היסטערישער פרייד:

— אוי, זי לעבט! פריידל!..

און זי איז אַ פאַל געטאָן מיטן קאָפּ אין גראָז און זי האָט געחלשט.

און אַ היפּשע צײַט האָט גענומען אַלעקסן, ביז ער האָט איר אָפּגע־מינטערט.

נאָכדעם איז זי געלעגן מיטן קאָפּ בײַ אים אויפן שויס און האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן איינע און די זעלבע ווערטער:

— פריידל איז אָפּגעראַטעוועט... זי לעבט!... זי לעבט!..

און דערבײַ האָט זי געוויינט און געלאַכט היסטעריש

שפּעטער ווען זיי זײַנען געקומען אַהיים איז מלכה גלײַך אוועק צו זיך אין צימער און זיך דאָרט אוועקגעזעצט בײַ אַ פענסטער. זי האָט געזאָגט אַלעקסן, אַז זי וויל איצט בלײַבן אַליין. האָט אַלעקס שוין געזען, אַז די אַנדערע, דאָס הייסט דוד ראַבינאָוויטש און אסתר, זאָלן איר איצט אויך ניט שטערן.

איז מלכה געזעסן איצט אַ צערודערטע און אַ צעטומלטע: פון איין זײַט האָט זי זיך געפרייט, וואָס איר חברטע פריידל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן; פון דער אַנדער זײַט אָבער איז געשטאַנען פאַר איר איצט אַ בילד ווי אַזוי מען דערציילט דוד ראַבינאָוויטשן און אסתרן דעם אמת וועגן איר, און זי האָט געפילט ווי זי ווערט משוגע דערפון.

און איצט האָט מען עס שוין געמוזט דערציילן זיי; אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זײַן!

וואָס זאָל זי איצט טאָן?

און זי האָט זיך געענטפערט:

— אַנטלויפן! נאָך הײַנט, אויב זי וועט קענען! אַזוי ווי זי שטייט און גייט!.. אָנשרײַבן זיי אַ בריוו און דערציילן זיי דעם גאַנצן אמת. זיי וועלן

מוזן איר גלויבן, אז נישט זי און נישט איר טאטע זיינען אויסן געווען זיי צו באשווינדלען.

אפשר איז נאך דער דאקטאר כאווקין נישט אוועקגעפארן. זי וואלט דעמאלט געפארן מיט אים צוריק אין סאוועט-רוסלאנד און אין דעם קאמף דארט וואלט זי אפשר אויך געקענט פארגעסן אן אלעקסן. קיין אנדער אויסוועג איז פאר איר נישטא. סיידן שטארבן. אדער שטארבן אדער פארן אהין און קעמפן...

— יא, האט זי געמורמלט, — דער טאטע וועט מיר געבן געלט פאר צוריק... און זאל ער זיך פארן אין אן אנדער שטאט... ער האט דאך דאס געפלאנעוועט...

אלעקס איז אריינגעקומען.

— נו, וואס מאכסטו? — האט ער געפרעגט (ער האט איצט אויסגעמיטן איר צו רופן ביי א נאמען. ער האט איר גערופן ניט מלכה און ניט פרידא).

זי האט געשוויגן.

ער איז צוגעגאנגען צו איר נענטער און געזאגט:

— פארוואס זעסטו אויס אזוי דערשלאגן?

זי האט שטיל געענטפערט:

— אלעקס, ווען איך שטארב איצט, ווי גוט עס וואלט פאר אונז אלעמען געווען.

— ניט דערלעבן זאל דאס דער מלאך־המות!

— איך ווער משוגע, אלעקס, לאז מיר אוועקפארן...

— וווהין פארן? וואס רעדסטו?...

— פון דאנען אוועקפארן. איך וועל איבערלאזן א בריוו און אלצדינג וועט מען דעמאלט ווייסן...

— הער נאר, אזוי האסטו אויפגענומען די בשורה, אז דיין בעסטע חברטע איז געראטעוועט געווארן? פוי, שעם זיך!

מלכה האט זיך אויפגעהויבן. זי האט אים נישט געענטפערט אויף דעם. זי איז דורכגעגאנגען איבערן צימער, האט זיך צוריקגעקערט און ווידער זיך אפגעשטעלט נעבן אלעקסן:

— ווען דו העלפסט מיר אוועקפארן היינט פון דאנען...

— פארוואס עפעס דוקא היינט?

— ווייל היינט דארף איך אפליידיקן דעם פלאץ פאר פריידלען, ביי איר טאטן אין הארצן. ער מוז היינט שוין ווייסן וועגן איר און שיקן נאך איר.

— דו רעדסט דאך שוין ווי דיין טאטע!

— איא, ער האט דאס אויך געזאגט? אנדערש האט מיין טאטע נישט געקענט זאגן.

נאך א קורצן שווייגן האט אלעקס געזאגט:

— איידער דו פארסט ערגעץ אנדערש, פארסטו מארגן מיט מיר קיין

ליבערטי אָדער מאַנטיסעלאַ און מיר האָבן דאָרט חתונה בײַ אַ ריכטער.

— טו דאָס נישט, אַלעקס, דו וועסט דערנאָך חרטה האָבן. דו קענסט אָנוווערן דורכדעם די ליבע פון אַ פּאָר זייער האַרציקע און נאָנטע מענטשן דײַנע.

— זיי וועלן דיר פאַרשטיין. זיי וועלן מוזן דיר פאַרשטיין, אויב ניט, נו, איז פאַרפאַלן: מיר וועלן דאָס באַדויערן, אָבער מיט מיר און מיט דיר וועט עס נישט האָבן צו טאָן!

זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט און צו אים אַרויפגעקוקט מיט ליבע אָן אַ שיעור.

— אַלעקס, — האָט זי דערנאָך געזאָגט, — דאַרף איך דיר דערציילן, ווי טייער דו ביזט מיר? און דאָך פיל איך, אַז עס וואָלט געווען אַ סך בעסער סיי פאַר דיר און סיי פאַר מיר אַליין ווען דו לאָזט מיר איצט אָוועקפאָרן, אינ־גאַנצן אַוועקפאָרן פון אַמעריקע.

— דו מיינסט אין סאָוועט־רוסלאַנד?

— יאָ, אַלעקס, דו ווייסט, אַז איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט, אַז איך האָב דאָרטן געדאַרפט זײַן. און ווען נישט מײַן טאַטע וואָלט איך אַהער אינגאַנצן נישט געקומען און געבליבן מיט זיי. אַלעקס, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר פאַרשטיין. אַ סך פון דעם חושך בײַ מיר אין האַרצן האָסטו מיט דײַן לעבן פאַרטריבן. אָבער ס'איז נאָך פאַרבליבן דאָרט גענוג. און ערשט איצט ווען כ'האָב זיך דערוווסט וועגן פרײַדלען, האָט זיך דאָס באַזונדערש אויפ־געהויבן אין מיר און עס שטיקט מיר. און איך פיל, אַז פון דעם וואָלט מיר נאָר געקענט באַפרײַען, ווען איך בין דאָרטן אין קאַמף...

— דו ביסט איצט פאַרצווייפלט. זאָלן מיר איצט ניט ריידן מער וועגן דעם — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן. קום בעסער אויף דער פרייער לופט. מיר וועלן זיך דורכפאָרן אויף אַ שיפל.

אויף דער שיפל איז מלכה געזעסן צונויפגעהויקערט און אַרײַנגעטאָן אין זיך. אירע ביידע צעפּ זיינען בײַ איר אַריבערגענומען געווען אויף פאָרנט, איבער די ביידע אַקסלען.

אַלעקס איז געזעסן מיטן פּנים צו איר און האָט גערודערט מיט די וויאָסלעס.

אויף דזשאַנסאָנס טייך און אַרום האָט זיך שוין געשפּירט דער אָנקו־מענדיקער האַרבסט. דאָס וואַסער איז נישט געווען אַזוי רואיק ווי אין די זומערדיקע טעג און עס האָט געהויכט פון טייך מיט נאַסער קילקייט, און יעדע ווײַלע איז דאָס שיפל פאַרבייגעפאָרן אַ בוים מיט רויטע בלעטער, ווי אָנגעטרונקענע מיט בלוט. און אויך פון דעם כמורנעם הימל האָט זיך געטראָגן דער האַרבסט .

אַלעקס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן אַזוי ווי מלכה, און ער האָט אויף

איר געקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגן. דערנאָך האָט ער מיטאַמאָל זיך אָנגערופן פאַרטראַכט:

— וואָס מיר פאַלט איין, קינד! אַט די געשיכטע פון דיין טאַטן און דיר, פון פאַרלייקענען זיך, הייסט עס, פון אַרויסגעבן זיך פאַר אַנדערע, איז אַז מען וויל איז עס דאָך אייגנטלעך, אַ סימבאָל פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן ביי אונז, יידן... מיר פאַרלייקענען זיך דאָך כסדר... איך דערמאָן זיך ווען איך בין געווען אין דער אַרמיי... אַנדערע יידישע יונגעלייט, דאָקטוירים, אַזוי ווי איך, זיינען פון דער הויט געקראָכן, אַז מען זאָל נישט וויסן, אַז זיי זיינען פון דער יידישער אָפּשטאַמונג. און איז דאָס אַ נייס? איך דערמאָן זיך אָן אַ סצענע, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק: מען האָט מיר אַמאָל גערופן צו אַ פּאַציענט אין אַ ייד. פאַמיליע פון מיטלקלאַס, אין אַ געגנט וווּ קריסטן וווינען. הער איך ווי אַ יינגל פון אַ יאָר זיבן אין אַט דעם יידישן הויז האָט טענות צו זיין מאַמען פאַרוואָס זי האָט גערעדט צו אים יידיש אין דרויסן. דאָס יינגל האָט שיער נישט געוויינט דערביי און געטענהט, אַז ער וויל ניט, אַז די אַנדערע קינדער זאָלן וויסן, אַז ער איז אַ יידישער באָי. מיינסטו, אַז דאָס איז אַ קלענערער ווייטאָג און אַ קלענערע שאַנד ווי דער פאַל מיט דיר און דיין טאַטן? דער פאַל מיט דיר און דיין טאַטן איז דאָך אַן אומגליקלעכער צופאַל, און דאָרט איז דאָס אַ טאָג־טעגלעכע דער־שיינונג, וואָס איז אויך אַרויסגערופן געוואָרן פון דער יידישער נויט, כדי צו קענען עקסיסטירן, כדי צו קענען לעבן... און טויזנט מאָל גערעכט איז דאָקטאָר באַווקין, אַז פאַר דעם איז דאָ איין רפואה: אַ רעוואָלוציע אין דעם גאַנצן סדר פון לעבן, ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד.

מלכה איז נאָך אַלץ געזעסן אין איר פריערדיקער פּאָזע, איינגעהויקערט ווי אַריינגעטאָן אין זיך. זי האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן, ניט אַ קוק געטאָן אויף אים, ווי זי וואָלט אים אינגאַנצן ניט געהערט.

און משמעות, אַז ער, אַלעקס אַליין, האָט נישט געטראַכט איצט דערפון צי זי הערט אים צי ניט, און איז ניט אויסן געווען אַזוי צו ריידן צו איר, ווי אַראָפּצורייידן זיך פון האַרצן. מחמת באַלד האָט ער גערעדט ווייטער אין דעם זעלביקן פאַרטראַכטן טאָן:

— גערעכט איז אויך דר. באַווקין, וואָס ער איז אַוועקגעפאָרן אין סאָ־וועט־רוסלאַנד. איך מיין, אַז יעדער אינטעליגענטער ייד האָט געדאַרפט נאָכ־טאָן זיין ביישפּיל. בפרט איצט, ווען סאָוועט־רוסלאַנד ווערט אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. איצט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד זאָל פאַלן, וועט דאָרטן דאָך קיין זכר נישט פאַרבלייבן פון די מיליאָנען יידישע לעבנס, — דאָס מוז קלאָר זיין פאַר יעדן.

און דאָ האָט מלכה אַ קוק געטאָן אויף אים און שטיל אַרויסגערעדט:

— דו וואָלסט ערשט דעמאָלט געוווּסט ווי אמת דאָס איז, וואָס דו האָסט גערעדט, ווען דו וואָלסט דאָרט געזען וואָס איך האָב דאָרט געזען...

— וואָס דו האָסט געזען? — האָט ער איר נאָכגערעדט.

נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט רחמנות און זיך אָנ־גערופן:

— אָבער גענוג, באַרואיק, זיך, איך בעט דיר, קינד.

מלכה האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי מיר איז שלעכט, ווי שווער מיר איז צו קומען איצט אַהין צוריק.

— וווהין „אַהין"?

— איך מיין אַהין אין קאַטעדזש, וווּ דיין מאַמע און ער וואַרטן איצט אויף אונז. ניט אפילו פריער אין דער ערשטער צייט, האָב איך געפילט אַזוי שלעכט, אַזוי מוראדיק ווי איצט, ווען איך ווייס, אַז אָט באַלד־באַלד וועלן זיי אַלצדינג מוזן זיך דערוויסן. גאָט, ווי זיי וועלן דעמאָלט מיר פאַראַכטן! ווי זיי וועלן דעמאָלט קוקן אויף מיר.. וואָסער אַ מיינונג זיי וועלן האָבן וועגן מיר! היינט דערצו נאָך, וואָס דו גייסט חתונה האָבן מיט מיר!

און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסן מיט געבעט און געזאָגט:

— אַלעקס, טו דאָס ניט. כאָטש דעם צער זאָל איך זיי נישט אָנטאָן. איך בעט דיר.

אַלעקס האָט איר איבערגעשלאָגן:

— ניט גערעדט קיין וואָרט וועגן דעם. פאָרסט מאָרגן מיט מיר. אויב זיי וועלן מיר האָבן ,וועלן זיי דיר אויך מוזן האָבן.. .

— ניין, ניין — האָט זי פאַרטראַכט גערעדט. — איכל פאָרן קיין סאָ־וועט-רוסלאַנד...

— אפשר וועסטו פאָרן אין סאָוועט-רוסלאַנד אויך... און ניט אַליין — האָט ער באַמערקט און אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— מיר דאַרפן פאָרן צוריק — האָט ער דערנאָך זיך אַ כאַפּ געטאָן. — זיי וואַרטן דאָרטן אויף אונז. און זיי בראַוו און שטאַרק זיך!

* * *

קומענדיק צוריק האָט מלכה זיך באַמיט צו באַהאַלטן פון דוד ראַבינאָ־וויטשן און אסתרן איר אויפרעקונג. זי האָט זיך געצוווּנגען צו שמייכלען און צו לאַכן; האָט געלאָזט דוד ראַבינאָוויטשן, ער זאָל זי קושן און אים געקושט צוריק. און אויפדערנאַכט איז זי אַוועק מיט זיי אַלעמען צום האָטעל „פּריי־לעך" און האָט זיי דאָרט אין דער קאַזינאָ איבערראַשט ,מחמת דעם ערשטן מאָל איז זי דאָרט אַוועק טאַנצן יענעם אויפדערנאַכט. זי האָט געטאַנצט מיט אַלעקסן און מיט אסתרן אַ צעפּלאַמטע און מיט אַן איבערטריבענער פריי־לעכקייט.

און אויף מאָרגן אינדערפרי איז אַלעקס אַוועקגעפאָרן מיט איר קיין מאָנטי־סעלאָ און דאָרט האָט ער אויפגעזוכט אַ פּאָר באַקאַנטע און זיי מיטגענומען צו דעם ריכטער, צו וועלכן ער און זי זיינען געגאַנגען.

אַהיים זיינען מאַן און ווייב ,וואָס האָבן ערשט געזעלעך חתונה געהאַט

ביים ריכטער, געקומען צו מיטאָג, און פאַרשטייט זיך, אַז ניט דוד ראַבינאָוויטש און ניט אסתרן האָט ניט געקענט איינפאַלן, אַז זיי, די „קינדער" האָבן זיך ערשט צוריקגעקערט פון זייער חתונה.

איצט האָט מלכה דעם ערשטן מאָל פון אַלעקסן געהערט זי רופן „מאַלי".

נאָכמיטאָג ווען דוד ראַבינאָוויטש און אסתר זיינען אַוועק זיך אָפּרוען צו זיי אין צימער, איז אויך אַלעקס אריין צו מלכהן אין צימער. און דאָרט האָט ער זי צום ערשטן מאָל גערופן „מאַלי". שפּעטער האָט מלכה זיך אָנגערופן צו אים:

— און ווען וועלן דיינע וויסן וועגן דעם?

— וועגן וואָס?

— איך מיין... וועגן פריידלען אויך... דער עיקר וועגן פריידלען. וועגן איר מוז איר טאַטע באַלד וויסן! —

— האָב אַ ביסעלע געדולד. געלט האָט זי דאָרט דערווייל. עס קען איר דערווייל קיין זאַך ניט פעלן. און מיר פעלט עפּעס אַיין, מאַלי. איילן זיך דאַרף מען ניט...

מלכה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צעשראָקן:

— וואָס מיינסטו ,אַז מיר דאַרפן זיך ניט איילן?

— איך מיין, פאַרשטייסט, איך מיין, וואָס איז שייך איר, מוזן מיר פריער זיין זיכער, אַז דאָס איז טאַקע זי, זיין טאָכטער...

— איך פאַרשטיי דיר ניט, אַלעקס, וואָס רעדסטו?

— מיר מוזן האָבן אין זינען, מאַלי ,אַז אין דער היינטיקער צייט פּאַסירט אָפט, אַז מען קריגט דאָרט אין אייראָפּע עפּעס אַן אדרעס און מען גיט זיך אַ פּאָר אַ פּלימעניק און פּאָר אַ פּלימעניצע, און פּאָר אַ ברודער און פּאָר אַ קינד, אַזוינע זאַכן האָבן דאָ געגנוג פּאַסירט זינט נאָך דער מלחמה און זינט נאָך די פּאָגראָמען. אפשר איז דאָס אויך איינער פון די פאַלן? זאָל זיין ,אַז אַכציק־ניינציק פּראָצענט קענען מיר זיין זיכער ,אַז דאָס איז זי. איך וויל אָבער זיין זיכער די גאַנצע הונדערט פּראָצענט. און מיר פעלט איין אַ פּלאַן...

— וואָס פאַר אַ פּלאַן? — האָט זי שטילאָן פאַרטראַכט געפרעגט.

איך טעלעגראַפיר צו עפּשטיינען, אַז ער זאָל מיר באַלד ארויסשיקן אַ טעלעגראַפיש בילד פון איר .דעמאָלט וואָלסטו געקענט זען מיט דיינע איינענע אויגן, אויב זי איז דאָס.

מלכה האָט אַ ווײַלע געשוויגן און געטראַכט. נאָכדעם האָט זי געזאָגט:

— אפשר ביזטו גערעכט .אַ פּלאַן איז דאָס. ווי לאַנג דאַרף דאָס נעמען צו באַקומען אַזאַ בילד?

— אַ ניין-צען טעג.

און ביז דעמאָלט? — האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים.

— ביז יעמאָלט שווייגן. קיין וואָרט ניט ריידן. ניט דו און ניט דיין טאַטע און ניט איך. אויב דאָס איז זי וועלן זיי קריגן די גוטע בשורה שפּעטער מיט אַ וואָך. ניט קיין גרויסער אומגליק.

— מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָס איז זי—האָט מלכּה אַרויסגעפּליסטערט

— און אויב דאָס איז זי, איז אַ פאַרברעכן יעדער איבעריקער טאָג, וואָס מען לאָזט ניט וויסן וועגן דעם איר טאַטן...

— אַלעקס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— מאַלי, דו ווילסט מיר טאָן אַ טובה, איך בעט דיר, לאָז דאָס אינגאַנצן איבער צו מיר אַליין.

זי האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און זיך אָנגערופן:

— ניין, אַלעקס, איך בין זיכער, אַז דאָס איז זי! און מען וועט זיי מוזן לאָזן וויסן וועגן דעם. און איך שטעל זיך פאָר, וואָס איך וועל דעמאָלט קריגן פאַרדינטערהייט. ווייל איך, אַז איך זאָל דאָס אַליין קריגן, און ניט דו פאַר מיר..

— דערווייל האַלט עס נאָך ניט דערביי, מאַלי, און איך פאָר נאָך באַלד צו צו ליבערטי און שיק אַ טעלעגראַמע קיין וואַרשע צו עפּשטיינען.

און אַזוי האָט ער געטאָן.

איין-און-צוואַנציקסטער קאַפּיטל.

ווען די ראַבינאָוויטשעס האָבן זיך דערוווּסט

אַ פּאָר טעג נאָך „לייבאָר דעי" האָבן די ראַבינאָוויטשעס און אויך אַלעקס מיט מלכּהן פאַרלאָזן זייער זומער-וווינונג אין די בערג און זיך צוריקגעקערט אין שטאָט אַריין.

דאָס איז געווען עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי אַלקס האָט אַוועקגעשיקט זיין טעלעגראַמע צו עפּשטיינען פון ליבערטי וועגן פריידלס בילד.

קומנדיק אַהיים האָבן די ראַבינאָוויטשעס באַלד גענומען פּלאַנעווען וועגן דער „פּאַרטי", אויף וועלכער זיי האָבן געזאָלט פאָרשטעלן אַלעקסן און פרידאַן ווי חתן-כּלה; אָבער אַלעקס האָט זיי אַלץ געבעטן דאָס אָפּצולייגן אויף שפּעטער, געפינענדיק שטענדיק עפּעס אַ תּירוץ.

אריה-לייב האָט שוין אויך געוווּסט וועגן דעם, אַז אַלעקס האָט טעלעגראַפירט קיין וואַרשע, אַז מען זאָל אים אַרויסשיקן דאָס בילד פון פריידלען, און ער, אריה-לייב, האָט אויך געוווּסט, פאַרוואָס אַלעקס האָט דאָס געטאָן, און ער האָט מיט אים מסכּים געווען; הגם ער אויך, ווי מלכּה, איז כּמעט זיכער געווען, אַז יענע אין וואַרשע איז געווען פריידל. דערביי האָט אריה-לייב געטענה'ט:

— מיר זאָגט דאָס האַרץ, אַז דאָס איז זי, און טאָמער חלילה ניט, וועל איך אַלץ איינס מאַכן אַ סוף. איך קען ניט מער. איך האָב פּשוט קיין כּוח זי, מלכּה איז ניט שולדיק, און זאָלן זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן.

נאָך אַ צען טעג זיינען אַוועק.

איינמאָל ווען אַלעקס איז געווען פאַרנומען אין זיין אָפיס מיט אַ פּאַציענט — דאָס איז געווען אַ באַטאָג — האָט זיין טעלעפאָן גענומען קלינגען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט געקלונגען צו אים עפּשטיין,

וואָס איז מיט אַן אָוונט צוריק אָנגעקומען אַהיים פון אייראָפּע. ער האָט אַלעקסן געזאָגט, אַז ער האָט געבראַכט מיט זיך דאָס בילד און אויך אַ בריוו פון יענער פריידלען צו איר טאַטן, דוד ראַבינאָוויטשן, און אַלעקס האָט אים געבעטן, ער זאָל גלייך קומען צו אים אין אָפיס.

שפּעטער איז געקומען צו אים אין קאַבינעט עפּשטיין. אַ מאַן אַ יאָר פערציק איז ער געווען, אַ הויכער און אַ ברייטער, מיט אַ יונגן פולן פּנים און מיט לאַנגע פעך־שוואַרצע וואָנצעס. דורך ברילן, מיט גרויסע שוואַרצע ראַמען האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע, ווי אויסגעפּוצטע אויגן.

ער איז אַריינגעקומען מיט אַן אימפּעט, פאַרהאַוועט, ווי ער וואָלט קיין צייט ניט געהאַט.

— שלום־עליכם, דאָקטאָר! — האָט ער אַרויסגערעדט אויך מיט אימפּעט און הייזעריקלעך און האָט געדריקט מיט זיין גרויסער, פולער האַנט די קליינע דינע האַנט פון אַלעקסן, — אַ טשיקאַווע געשיכטע מיט דער מיידל. וואָס מאַכט איר?—האָט ער גערעדט ווייטער אין איין אָטעם און זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין שווערן קערפּער אויף אַ שטול דערביי. — וואָס איז זי, אַ קרובה אייערע?

— יאָ, אַ קרובה. מיר האָבן דאָך איר געשיקט געלט, און מיר ווילן זען איר בילד.

— אָט דאָ האָב איך פון איר אַ בריוו און דעם בילד — האָט עפּשטיין אַרויסגעשלעפּט פון אַ בוזעם־קעשענע אַ גרויסן קאָנווערט און עס דערלאַנגט אַלעקסן. — בכלל איז דאָס אַ טשיקאַווע געשיכטע. מיין ווייב דערציילט מיר, אַז צו אייך איז פאָרגעקומען אייער פאָטערס טאָכטער און זי הייסט אויך פרידע. איז אין אייער משפּחה פאַראַן נאָך איינער אַ דוד ראַבינאָוויטש, וואָס וווינט אין אַמעריקע?

— יאָ, יאָ, דאָ! — האָט אַלעקס געענטפערט — אַ פעטער צו אַן עלטערפעטער, עפּעס אַ קרוב מיט דעם זעלבן נאָמען. וואָס האָט זי אייך דערציילט?

— זי האָט דערציילט, אַז זי איז געפאָרן מיט אירע אַ חברטע און מיט איר חברטס טאַטן קיין אַמעריקע, און אויפן וועג זיינען זיי באַפאַלן פּאָגראָמשטשיקעס און איר חברטע מיטן טאַטן האָט מען דערהרגעט און איר האָט מען אָפּגעראַטעוועט. אָבער דעם אַדרעס פון איר טאַטן אין אַמעריקע, וועלכן זי האָט קיינמאָל ניט געזען, האָט זי פאַרלאָרן. זי ווייס נאָר אַז איר טאַטע געפינט זיך אין ניו־יאָרק און ער הייסט דוד ראַבינאָוויטש.

אַלעקס האָט געעפנט דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פאָטאָגראַפיש בילד און אויך אַ צונויפגעלייגטן בריוו.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן בילד. אַ מיידל האָט ער דאָרט דערזען. אַ מיידל מיט אַ מאַרטירער פּנים און מיט שטילע אויגן, פול מיט פּיין.

ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אָט דעם בילד. ווידי יסורים פון אַלע טויזנטער פאַרפייניקטע יידישע טעכטער אין יענער מוראדיקער צייט וואָלטן אין אָט דעם פּנים איינגעקאַרבט געוואָרן און פון אָט די שטי-

לע אויגן ארויסגעקוקט.

עס האָט זיך ביי אים ארויסגעריסן:

— וואָסער פּנים! וואָסער גיהנום האָט דאָס מיידל געמוזט דאָרט איבערלעבן!

ער האָט אוועקגעלייגט דאָס בילד אויפן טיש און האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בריוו וואָס ער האָט ארויסגענומען פון דעם קאָנווערט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און ארויסגעמורמלט:

— וואָסער שרעק! ווען ער איז איר טאַטע, און ער איז דאָך מסתמא איר טאַטע; ווען ער וועט דערזען אָט דאָס בילד! און אַז ניט דאָס בילד? ווען ער וועט זיך בכלל דערוויסן!...

— איר פֿאָטער וועט מוזן ארויסשיקן אַ געשוואָרענע באַשטעטיקונג צו דעם דאָרטיקן אַמעריקאַנער קאָנסול, אַז זי איז זיין טאָכטער און אַז ער איז אימשטאַנד זי צו פֿאַרזאָרגן, און אַז ער נעמט זיך אונטער זי צו פֿאַרזאָרגן. אַניט קאָן קיין רייד ניט זיין, אַז מען זאָל זי ארייגלאָזן אַהער. מחמת זי איז נאָך איצט אויך קראַנק פון דעם פּאָגראָם...

אַלעקס האָט ווידער ארויסגעמורמלט:

— עס איז גאָר אַ מורא צו טראַכטן דערפון!

דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האַלט אין האַנט איר בריוו. דער בריוו איז געווען זייער אַ קורצער און אַלעקס האָט געלייענט:

„מיין טייערער פֿאָטער דוד ראַבינאָוויטש:

„מיר איז זייער שלעכט און ביטער. איך בין שוואַך און קראַנק, קוים וואָס איך לעב. ליבער פֿאָטער, איך קאָן גאָר דיר ניט באַשרייבן די אַלע צרות וואָס איך האָב ביז אַהער דורכגעליטן. טייערער פֿאָטער, האָב רחמנות, נעם מיך וואָס גיכער צו זיך.

דיין טאָכטער, פֿריידל

אַלעקס האָט אַ פֿאַרצווייפלטער אוועקגעלייגט דעם בריוו אויפן טיש און איז האַסטיק אוועק שפּאַנען איבער דעם צימער.

— מען קאָן משוגע ווערן! מען קאָן משוגע ווערן! מען קאָן משוגע ווערן! — האָט ער געמורמלט און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. — וואָס טוט מען? וואו נעמט מען הארץ? דאָס וועט דאָך זיי דערהרגענען. אָבער טאָן מוז מען דאָך דאָס. מען מוז! מען קאָן דאָך זי דאָרט ניט איבערלאָזן אַזוי.

און מיט אַמאָל איז ער שטיין געבליבן און האָט געקוקט אַ ווײַלע אַף עפּשטיינען. נאָכדעם איז ער צו אים צוגעלאָפן און האָט אים אָנגענומען פאַרן אַקסל און געזאָגט:

— איר מוזט מיר העלפן, עפּשטיין. אַ מוראדיקע טראַגעדיע איז געשען און איר מוזט מיר דאָ ארויסהעלפן.

און ווען עפּשטיין האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, האָט אַלעקס אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, עפשטיין, ווי דער אַלטער מיט זיין טאָכטער, וואָס האָבן דאָס געטאָן כדי זיך צו ראַטעווען, וויפל זיי האָבן דאָ געליטן דערפון. און איך ווייס, אַז סיי ער און סיי זי האָבן די גאַנצע צייט זיך געריסן צו דערציילן אַלצדינג. זיי ביידע זיינען אַזעלכע פיינע, איי־דעלע מענטשן און אויב זיי האָבן געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך, קאָנען מיר שוין אַליין פאַרשטיין אין וואָסער לאַגע זיי זיינען געווען...

עפשטיין האָט זיך אויך אויפגעהויבן פון אָרט אַן אויפגערעגטער.

— שרעקלעך, אַן אמתער חורבן. איז דאָס אָבער דער איינציקער פאַל הײַנטיקע צייטן? איך ווייס גענוג פון אַזעלכע און ענלעכע פאַלן. איז וואָס זשע טוט מען? — האָט ער געפרעגט.

— איר וועט מוזן זיין דערביי ווען מען וועט דערלאַנגען איר טאַטן דעם בריוו.

— דאָס קאָן איך טאָן. איר ווילט, הייסט עס, פאַר אים אויפדעקן אַלצדינג?

— יאָ. און נאָך היינט.

— ווען ווילט איר זאָל איך דאָ זיין?

— היינט אויפדערנאַכט צווישן זיבן און אַכט, נאָך אָוונט־ברויט.

— איך וועל זיין אומבאַדינגט.

און עפשטיין האָט צוגעלייגט מיט אַ שמייכל:

— ביז אַהער האָט מען מיך געשיקט מיט אַ שליחות צו העלפן די קרבנות פון פּאָגראָמען, און היינט וועל איך מוזן טאָן אַ שליחות צו העלפן מאַכן אַליין אַ פּאָגראָם אויף מענטשלעכע הערצער. וואָרום דאָס וועט דאָך זיין אַ מוראדיקער פּאָגראָם אויף זיי!...

— יאָ, פריינט עפשטיין — האָט אַלעקס אַ זיפץ געטאָן.

עפשטיי איז אַוועק און אַלעקס איז אַרויף אויבן צו זען מלכהן און ער האָט מיטגענומען מיט זיך פרײַדלס בילד און איר בריוו.

* * *

דער אַלטער נח מיט זיין ווייסער ליולקע מיט זיין „קאַטערינען" איז דאָרט געזעסן אין דעם עס צימער מיט מלכהן און ער האָט איר עפּעס דער־ציילט און געלאַכט.

אַלעקס איז אַריינגעקומען מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל.

— העלאָ, זיידע! וואָס מאַכט איר עפּעס און וואָס מאַכט די באָבע?

— אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. איך האָב פאַרהערט נעכטן דעם חזן וואָס גייט ביי אונדז אין שול דאַווענען.

נו, ווי האָט ער עפּעס ביי אייך אויסגענומען?

— בע־מע. קיין יאָסעלע איז ער ניט. איך גלויב ניט, אַז ער קאָן ריב־טיק אַ ווײַן טאָן. דער רוח ווייסט זיי, אָט די חזנים. קומט צו ווײַנען, איז ניטאָ קיין טרערן, מען האָט זיי געדאַרפט אַלעמען אויסרייבן די שטימען מיט מרור, פאַרשטייסטו מיך...

דער טעלעפאָן האָט גענומען קלינגען. אַלעקס האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, צוגעלייגט צום אויער און זיך אַ קער געטאָן צו נחן:

— דאָס רופט מען אייך, ריידע.

— מיך? — האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבן פונם שטול — מסתמא די באָבע.

ער האָט אַוועקגעלייגט די ליולקע אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און באַלד האָט ער גערעדט:

דאָבע, דו ביזט עס? טאַקע דו? אויף אַן אמת דו? ניין, נישט דו. עפּעס אַ מיידל רעדט דאָס. אַזאַ יונג קולכל. טאַקע דו? שווער זיך! אוי, אוי, גוואַלד, דאָבע, מ׳טאָר ניט מ׳טאָר ניט! האָ? שילטן זיך דורכן טעלעפאָן טאָר מען ניט. קענגן דער לאָו! יאָ, יאָ, זיי זיינען אַלע אַלרייט. דו פאַרשטייסט דאָך בהמה, אַז ווען איך וויצל זיך, מסתמא זיינען זיי אַלרייט... יאָ, יאָ, איך קום באַלד, איך קום באַלד גוד־באַי!.. סעי, סעי, וואַרט אויס, דאָבע, וואַרט אויס! וואָס מאַכט דאָרט עפּעס דער באַנדיט? איך מיין דער באַנדיט פון דעם ראָמאַן... כאַ־כאַ־כאַ!

און ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל און זיך אַ קער געטאָן צו מלכהן און צו אַלעקסן:

זי האָט אויף מיר אַ שפּיי געטאָן דורכן טעלעפאָן. פונדעסטוועגן, פריידל, האָסטו זייער אַ ווילע באָבע. דו זאָלסט אַזוי גליקלעך אויסלעבן דיינע יאָרן אָט מיט דעם יונגאַטש ווי איך מיט איר. נו, איצט מוז איך גיין. מען וואַרט דאָרט אויף מיר — האָט ער גענומען זיין ליולקע פונם טיש — און זאָג דעם טאַטן, ער זאָל וואַרטן אויף מיר. איכל דאָ זיין אַזייגער אַכט. איך וויל פאָרן מיט אים היינט צום מיטינג פון „פּיפּעלס רעליף״.

אַז דער אַלטער איז אַוועק, האָט אַלעקס אַ קוק געטאָן צעטראָגן אויף מלכהן און געפרעגט:

— וואו איז די מאַמע?

— זי איז אַוועק צו אַ מאַטינע אין אַ טעאַטער. זי האָט מיך אויך גערופן מיט זיך. איך בין אָבער ניט אויפגעלייגט פאַר דעם.

— איך וויל דיר עפּעס דערציילן, מאַלי — האָט אַלעקס ווידער זיך אָנגערופן.

— קום מיט מיר צו דיר אין צימער.

זי האָט פאַרוואונדערט אים אָנגעקוקט.

— וואָס איז דער מער, אַלעקס? פאַרוואָס זעסטו עפּעס אַזוי?

— קום מיט מיר אין דיין צימער.

און אַן אומרואיקע איז זי אַריין מיט אים צו איר אין צימער.

ער האָט צוגעמאַכט די טיר.

— עפּשטיין איז ערשט ביי מיר — האָט ער געזאָגט.

— עפּשטיין? ער איז שוין דאָ?

— ער איז געקומען נעכטן אויפדערנאַכט.

— נו? — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

אַלעקס האָט אַרויסגענומען פון אַ קעשענע דעם קאָנווערט מיטן בילד און דעם בריוו און געזאָגט:

— קוק אָן אָט דאָס בילד!

מלכּה האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַרויסגעצויגן דאָס בילד פונם קאָנווערט, אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ צאַפּל געטאָן מיט גאַנצן קערפּער און פאַרדעקט די אויגן מיט אַ האַנט. נאָכדעם איז זי מיט וואַקלדיקע טריט צוגעגאַנגען צו איר בעט און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם און איינגעגראָבן דאָס פּנים טיף אין קישן.

אָט אַזוי איז זי געלעגן אַ היבשע ווײַלע ווי אַ פאַרגליווערטע און האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. בײַ אַלעקסן איז שוין מער קיין שאָטן פון אַ ספק נישט פאַרבליבן, אַז דאָס בילד איז געווען פון יענער פרײַדלען.

ער איז צוגעגאַנגען צו מלכּהן און האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך אָנגערופן ווייך און מיט רחמנות:

— איצט מאַלי, מוזטו זיך צונויפנעמען. זײַ שטאַרק! הײַנט אויפדערנאַכט וועלן אַלע וועגן דעם וויסן דאָ אין הויז, דאַרפן מיר האָבן כּחות פאַר דעם...

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן. איר פּנים האָט אויסגעזען ווי פאַרשטיינערט און אין אירע אויגן איז אַ טיפער טרויער פאַרגליווערט געווען. זי האָט אַרויסגעפּליסטערט:

— ווי זי זעט אויס! האָסטו באַמערקט אירע אויגן?

נאָכדעם האָט זי אַרויסגענומען דאָס בריוול אויך פון קאָנווערט. און ווען זי האָט דאָס איבערגעלייענט, האָט זי ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן און האָט זיך היסטעריש צעוויינט.

שפּעטער האָט זי גערעדט צו אַלעקסן שוין אָן טרערן, נאָר מיט דעם פאַרשטיינערטן אויסדרוק אויפן פּנים:

— איך ווייס ניט וועלכער פּאַגראָם איז שרעקלעכער, צי יענער אָדער דער הײַנטיקער...

אריה־לייב איז געקומען פונם שאָפּ פריער איידער דוד ראַבינאָוויטש. אַלעקס איז נאָך געווען בײַ מלכּהן אין צימער. זי האָט ניט געוואָלט הײַנט אַרויסגיין עסן אָוונטברויט. זי האָט געטענה׳ט, אַז זי וועט אַרויסגיין ווען מען וועט דאַרפן אויפדעקן זייער שווינדל פאַר יענע.

ווען מען האָט אריה־לייבן געוויזן פרײַדלס בילד און בריוו, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטול, ווי מען וואָלט אים די פיס אונטערגעהאַקט. און אַ ווײַלע איז ער געזעסן אַזוי מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ צעקרימטן פּנים. נאָכדעם האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אַ קוק געטאָן אויף מלכּהן מיט טרערן אין די אויגן און נאָר אַרויסגערעדט:

— נו, וואָס זאָגסטו עפּעס? וואָלסטו זי דערקענט? אָבער — האָט ער זיך ווי איבערגעוואָלד אויפגעהויבן פון דעם שטול אויף וועלכן ער איז

געזעסן — אבי זי לעבט, אבי זי לעבט! — האבן זיך דערהערט ביי אים טרערן אינם קול — זי וועט קומען אהער ווען זי וועט זיך דערהאלן. און טאמער חלילה, איז זי קראנק, און זי איז דאך, נעבעך, קראנק... מען זעט דען ניט פון דעם בילד אירן?... מוז זי דאך קומען אהער. דא וועט איר טאטע רופן צו איר די גרעסטע פראפעסארן און מיר מעגן זיי אפילו ארויסשיקן פון אמע־ריקע! און וואס איז שייך דיך, מלכה, האסטו דאך א חתן, וואס איז גע־בארן דא אין אמעריקע און מען קאן דיר גארנישט טאן. וועגן דעם האב איך זיך שוין גוט נאכגעפרעגט...

אלעקס האט צעטראגן זיך אנגערופן:

איך וואלט שוין וועלן איבערקומען אט די מוראדיקע אפעראציע.

אריה־לייב האט זיך א כאפ געטאן:

— איך וועל ריידן! איך וועל דערציילן! ווארום דער אמת איז, אז דאס איך דאך מיין אויפטו. זי האט ניט געוואלט, איך האב זי מיט גוואלד אריינגעשלעפט אין דעם!...

— איר וועט ריידן, ווען מ׳וועט אייך הייסן. עס קומט אהער איינער א פריינט — האט אלעקס זיך אנגערופן אין א פעסטן טאן — ער וועט צו־ערשט ריידן.

* * *

צום אוונטברויט, ווען דוד ראבינאוויטש איז אריינגעקומען צו מלכהן אין צימער, צו זען פארוואס זי וויל ניט גיין עסן און ער האט דערזען ווי בלייך און דערשלאגן זי איז געווען, איז ער געווארן אומרואיק.

— וואס איז דיר, קינד? — האט ער זיך אנגערופן אומרואיק און איר א גלעט געטאן דעם קאפ.

און איצט האט זי קיין מוט ניט געהאט אים א קוק צו טאן אין פנים. און ווען זי האט אים געענטפערט, האט זי געהאלטן די אויגן ארונטער־געלאזט.

— גארנישט. איך האב זיך עפעס דערמאנט — האט זי ארויסגעפליס־טערט און מיט נערוועזע פינגער זיך געפארקעט ארום איינעם פון אירע צעפ.

— די אלטע געשיכטע, שוין ווידער? — האט ער געזאגט — און איך האב שוין געמיינט...

אלעקס, וואס איז דערביי געשטאנען, האט אנגענומען ראבינאוויטשן פארן ארעם און באמערקט:

— איצט לאז זי צורו, קום עסן!

— וואס איז איר, אלעקס? — האט דוד ראבינאוויטש זיך נישט גע־רירט פון ארט.

— קיין זאך ניט. זי איז ניט קראנק. מען דארף זי נאר לאזן איצט צו־רו. קום, זי וועט עסן שפעטער.

איז דוד ראבינאוויטש אוועק דעמאלט מיט אלעקסן אין עס-צימער, און ביים טיש האט סיי ער און סיי אסתר געוואלט אלץ דערגיין ביי אים אן

וואָס אַזוינס האָט זי, פרידאַ, זיך דערמאָנט, וואָס האָט זי געמאַכט ווידער אַזוי אומעטיק. און ער, אַלעקס, האָט זיי געענטפערט אויף דעם, אַז שפּע־טער וועט זי אפשר אַליין דאָס דערציילן...

דערווייל איז אָנגעקומען דער אַלטער נח און אין אַ ווײַלע שפּעטער אריה־לייב, וואָס האָט אויסגעזען צעטראָגן און אויפגערעגט, און צולעצט עפּשטיין.

דוד ראַבינאָוויטש און אסתּר און דער אַלטער נח האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט עפּשטיינען. און שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן אויסצופרעגן אים וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט און געזען אין אייראָפּע, און דאָס וואָס ער האָט זיי דערציילט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע־אישע לענדער, האָט אויף זיי אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

— איר ווייסט גאָרניט — האָט ער גערעדט — ווי גליקלעך איר זייט וואָס איר זייט דאָ, אין אַמעריקע, און ניט דאָרט, אין אייראָפּע. דער ייד לעבט דאָרט ערגער ווי אין אַ גיהנום, און אַ סך פון זיי ווערן געטריבן צו טאָן די זעלבע מעשים, וואָס אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלטן זיי אויף־געשווידערט פון בלויז הערן וועגן אַזעלכע זאַכן. זיי האָבן עס געמוזט טאָן, אַנים וואָלטן זיי אונטערגעגאַנגען...

און גערעדט האָט דאָס עפּשטיין מיט אַ סך געפיל און וואַרעמקייט און מיט אַן אויפריכטיקער טרער אין זיין הייזעריקלעכן קול. און ביי זיי אַלע־מען וואָס האָבן אים געהערט, האָט זיך דער רחמנות געוועקט אין די הער־צער. דאָ האָט איינער אַ זיפץ געטאָן און דאָ אַן אַנדערער.

אריה־לייב, וועלכער איז אויך געזעסן אין עס־צימער און האָט געהערט וואָס עפּשטיין האָט דערציילט, האָט מיט אַמאָל גענומען סאָפּען מיט דער נאָז. און דערנאָך האָט ער ראַפּטאָם זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון צימער.

דאָס האָבן באַמערקט סיי דער אַלטער נח און סיי זיין זון, און זיי האָבן זיך איבערגעוואונקען מיט רחמנות, ווי איינער צום אַנדערן וואָלט געזאָגט: „אויך איינער פון זיי". און ביידע האָבן גלייך אָפּגעזיפצט.

— אָט, למשל, האָט פּאַסירט גאָר אַזאַ מעשה — האָט עפּשטיין ווייטער גערעדט — איך טרעף אין וואַרשע אַ מיידל, אַ טייער קינד. פריער איז זי געווען אַ טאָכטער פון זייער רייכע עלטערן. האָט מען אַלעמען ביי איר אין דער היים אויסגעהרגעט, בלויז זי אַליין, פון איר גאַנצן הויזגעזינד, איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון דעם פּאָגראָם. אין דער היים האָט זי זיך געהאָדעוועט ביי אַ מאַמען און ביי אַ שטיפטאַטן. איר טאַטע האָט זיך געג׳גט מיט איר מאַמען ווען זי איז נאָך אַן עופּ׳עלע געווען, און נאָכן גט איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

— אָט אַזוי ווי מיין זון — האָט דער אַלטער נח אים איבערגע־שלאָגן.

— הערט, הערט ווייטער — האָט דערציילט עפּשטיין — הקיצור.

אַז מען האָט אויסגעהרגעט אַלעמען בײַ איר אין הויז, איז בײַ איר געבליבן אירע אַ נאָענטע חברטע און איר חברטעס טאַטע. יענע זײַנען אויך געבליבן די איינציקע פֿון אַ גרויס הויזגעזינד, וואָס די פּאַגראָמשטשיקעס האָבן אויסגעהרגעט. האָט זי אַ שטיקל צײַט געוואוינט בײַ איר חבר'טע אין דעם היים, און איר חבר'טעס טאַטע האָט זיך צו איר באַצויגן ווי צו אַן אייגן קינד, פּונקט ווי איבער זײַן אייגענער טאָכטער האָט ער איבער איר געציטערט און זי אָפּגעהיט און געטראַכט וועגן אַ תּכלית פֿאַר איר און ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען איר און זײַן אייגענער טאָכטער פֿון דעם פּאַגראָמירטן, חרובֿ - געוואָרענעם שטעטל און פֿון דער פּאַגראָמען־לופֿט. און איז דער אַמעריקאַנער טאַטע דעמאָלט געוואָרן זייער איינציקע הילף. און דער אַמעריקאַנער טאַטע איז דווקא געווען אַ פֿיינער מאַן און אַ ייִד וועמען גאָט האָט געהאָלפֿן. ער איז געווען אַ ייִד אַ גבֿיר און אַ בעל־צדקה אויך. קורץ אַ ייִד, וואָס הלוואַי וואָלטן אַ סך אַזעלכע געווען בײַ אונדז. אַ ייִד, וואָס מען רופֿט, מיטן ייִדישן פּינטעלע אין האַרצן. האָט ער, אַז ער האָט דערהערט אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע זײַן קינד איז דאָרט געווען אין דעם פּאַגראָמען - לאַנד, איר גלייך געשיקט געלט און שיפֿסקאַרטע, אַז זי זאָל קומען צו אים קיין אַמעריקע, און ניט נאָר איר אַליין האָט ער געשיקט געלט, נאָר אויך פֿאַר איר חברטע און פֿאַר איר חבר'טעס טאַטן אויך. זאָלן זיי, הייסט עס, זי באַגלייטן קיין אַמעריקע און אויף איר אַכטונג געבן אין וועג.

דוד ראַבינאָוויטש האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— קינדער, הערט, אָט אַזוי, ווי בײַ מיר מיט מײַן טאָכטער!

— אַקוראַט ווי בײַ דיר — האָט דער אַלטער נח אויך אונטערגעכאַפּט מיט התפּעלות. — נו, איז וואָס איז געווען ווײַטער? — האָט ער זיך דערנאָך אַ קער געטאָן צו עפּשטיינען.

— אָט דאָ קום איך צו דעם שרעקלעכן פּונקט. זאָלבעדריט זײַנען זיי נאָכדעם געפֿאָרן פֿון זייער פּאַגראָמירטן שטעטל צום גרענעץ. געוואָלט, הייסט עס, זיך אַריבערכאַפּן דעם גרענעץ און דערנאָך פֿאָרן קיין אַמעריקע. און מיט אַמאָל, בײַם גרענעץ פֿאַלן זיי אַרײַן אין די הענט פֿון רוצחים - פּאַגראָמשטשיקעס און די טאָכטער קומט אום און איר חברטע מיט איר טאַטן רײַסן זיך אַרויס פֿון די רצחים און אַנטלויפֿן.

אסתּר האָט אַ צי געטאָן אַלעקסן פֿאַר אַן אָרעם און אַרויסגעפּליעטערט:

— הער נאָר, דו הערסט אַלעקס? אָט אַזוי ווי בײַ דעם אַלטן גאָרדאָנען מיט אונדזער פֿרידאָן, נאָר פֿאַרקערט. בײַ אים, נעבעך, איז זײַן טאָכטער דערהרגעט געוואָרן.

אַלעקס, מיט אַן אויפֿגערעגטן שמייכל, האָט בלויז אַ מאַך געטאָן צו איר מיטן קאָפּ.

עפשטיין האט פארראויכערט א סיגאר. דער אלטער נח האט זיך אנ־גערופן:

— נו, ווייטער, ווייטער? וואס איז געווען ווייטער, הא?

— וואס איז געווען ווייטער? דער טאטע און זיין טאכטער זיינען געווען אין א לאגע ווי איבערגעלאזט אליין אויפן מיטן ים. קיין אנדער זאך האבן זיי ניט געזען פאר זיך ווי אומקומען אדער פון הונגער אדער פון די פאגראמטשטשיקעס. זיי האבן זיך געקאנט נאר ראטעווען ווען מען זאל זיי ארײנלאזן אין אמעריקע, אט ווי א סך פון אונדזערע אומגליק־לעכע ברידער ראטעווען זיך איצט. און דאס האבן זיי נאר דעמאלט גע־קאנט דערגרייכן, ווער עס זאל זיי ארונטערנעמען פון שיף, ווער ס'וויס זאל זיי דארט שטיצן, ווער עס זאל ערוב זיין פאר זיי. און דאס האט נאר געקאנט דער אמעריקאנער טאטע פון דער דערהרג'עטער מיידל. היינט גייט אריין אין דער לאגע פון א טאטן, וואס וויל ראטעווען זיין טאכטער דאס איינציק קינד וואס עס איז אים פארבליבן פון זיין גאנ־צער געזינד: פון א ווייב, זין און אזוי ווייטער. מען קאן דאך משוגע ווערן, ניין? און פארגעסט ניט, אז ער איז ביז איצט געווען אבי א ייד. א גביר אדיר איז ער פריער געווען, א כלל־טוער, א גרויסער בעל־צדקה, א פירער אין זיין שטעטל, און איצט — פון דעם אלעם — איין טאכטער איין אויג אין קאפ! אזא ציטערדיק קינד איז דאך ביי א טאטן טייערער פון זיין שווארץ־אפל, ניין?

עפשטיין איז אזוי אריין אין זיין ראל, אז דער פנים האט זיך ביי אים צעפלאמט און די אויגן אהינטער די ש ווארץ געראמטע ברילן האבן זיך צעברענט ביי אים, און ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיין ארט און ניט באמערקט דערביי ווי די גאנצע אש פון זיין סיגאר איז געלעגן ביי אים אויף דעם קאלירטן שניפס. ער האט א פיר געטאן מיט ביידע הענט און אויסגעשריען:

— און ער האט עס געטאן! ער האט געטאן דאס, וואס יעדער איינ־ציקער טאטע וואלט געטאן אין אזא פארצווייפלטן מאמענט בדי צו רא־טעווען זיין קינד. איך וואלט עס אויך געטאן. און איר, מיסטער רא־בינאוויטש, אויב איר זייט א הייסער טאטע, וואלט עס אייך געטאן. איך בין זיכער אין דעם!

— וואס... וואס האט ער געטאן? וואס? — האט דער אלטער נח אים איבערגעשלאגן רויכערנדיק זיין ליולקע.

דער אלטער האט באשלאסן צו פארלייקענען זיין טאכטער און אויסגעבן זי פאר דער אומגעקומענער טאכטער פון דעם אמעריקאנער טאטן. און אזוי זיינען זיי געקומען קיין אמעריקע.

— אוי־אוי־אוי, הערט נאר, הערט נאר א מעשה! — האט דער אלטער נח געשאקלט דעם קאפ. — זאל מען גארנישט געפרוווט ווערן צו וואס

צרות קאָנען ברענגען אַ מענטשן! איז דאָס טאַקע אַן אמת? איר קענט זיין?

— אודאי קען איך זיין! און הערט ווייטער. דער עיקר קומט נאָך. איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ריכטיקע טאָכטער פון דעם אַמעריקאַנער טאַטן איז דאָרט ניט אומגעקומען, ווי איר חברטע און חברטעס טאַטע האָבן גערעכנט. נאָר זי לעבט און געפינט זיך איצט אין וואַרשע און זוכט איר טאַטן.

דער אַלטער נח האָט אַרויסגענומען די לולקע פון מויל און אַ קוקגעטאָן מיט פאַרוואונדערטע אויגן אויף עפשטיינען און אויסגעשריען:

— קינדער, זאָלן מיר אַלע אַזוי געזונט זיין, ווי אַקוראַט אָט אַזאַ מעשה האָב איך אַנומלט געהערט פון אברהם גינזבורג! צי איז דאָס טאַקע ניט די אייגענע מעשה, האַ? דוד! — האָט דער אַלטער זיך אַ קער געטאָן צו זיין זון. — האָב איך דאָס דיר קיינמאָל ניט דערציילט, האַ?

דוד ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך נייגעריק צוגעהערט צו דעם וואָס עפשטיין האָט דערציילט, האָט ניט געהערט וואָס זיין טאַטע האָט ביי אים געפרעגט. ער איז מיט אַמאָל אומרואיק געוואָרן. ער האָט דערפילט, אַז מיט אָט דער גאַנצער געשיכטע מיט וועלכער עפשטיין איז כמעט אַריינגעפאַלן צו זיי אין הויז, איז ער עפשטיין, עפּעס אויסן געווען. דוד ראַבינאָוויטש איז אויך ניט געפעלן געווען ווי צעשראָקן און פאַרסודעט אַלעקס האָט אויסגעזען און ווי נערוועז ער האָט גערויכערט איין סיגאַרעט נאָך דעם אַנדערן. ער האָט נאָר דערהערט, אַז זיין טאַטע רעדט צו אים, ווען דער אַלטער נח האָט זיך נאָך אַמאָל צו אים געווענדעט אויף אַ העכערן קול. ער האָט זיך אָנגערופן:

— האַ, דו זאָגסט עפּעס טאַטע? (אין דער אייגענער צייט האָט עפשטיין מיט אַלעקסן זיך פאַרסודעט איבער געקוקט און דורכגעווינקט).

— האָב איך דיר גאָר ניט דערציילט וואָס אברהם גינזבורג איז געקומען ביי מיר פרעגן?

— ניין, קיינמאָל ניט. וואָס האָט ער געפרעגט ביי דיר?

און דערביי האָט דוד ראַבינאָוויטש פאַררויכערט אַ סיגאַר און זיך אומגעקוקט פאַרוואונדערט סיי אויף זיין ווייב און סיי אויף אַלעקסן און סיי אויף עפשטיינען און סיי אויף זיין טאַטן, מיט אַ מינע וואָס וואָלט ווי גערעדט: „וואָס טוט זיך דאָ? עפּעס איז דאָ וואָס איך פאַרשטיי ניט״.

— ער האָט ביי מיר געפרעגט צי איז ניטאָ נאָך איינער ביי מיר אין דער משפחה אַ דוד ראַבינאָוויטש. וואָס איז? עס האָט זיך עפּעס אויסגעפונען אין וואַרשע אַ טאָכטער זיינע פון אַ געגטער ווייב, וואָס זוכט איצט אין אַמעריקע איר טאַטן, וועלכער הייסט דוד ראַבינאָוויטש.

ביי דוד ראַבינאָוויטשן איז דער סיגאַר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט זיך אָבער תיכף איינגעבויגט און צוריק אויפגעהויבן דעם סיגאַר און גענומען אים ווידער רויכערן. דער פולער, רונדער פנים זיינער איז

געוואָרן איין שטיק פייער. און ווידער האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלעמען און צום סוף האָט זײַן בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַלעקסן. און מיט אַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט כלומרשט אַ רואיקער מינע האָט ער זיך אָנגערופן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף עפּעס זאָגן אַלעקסן. עס האָט צו טאָן אינגאַנצן מיט דאָקטאָריע — האָט ער געצוואונגען אַ שמייכל געטאָן. — זײַ אַזוי גוט, אַלעקס — האָט ער אים אַ רוף געטאָן און איז אַרויס געגאַנגען פון צימער.

אַלעקס איז בלײַך געוואָרן און איז אַוועק נאָך אים. זיי ביידע זײַנען אַרײַן אין ביבליאָטעק־צימער.

— אפשר צומאַכן די טיר? — האָט מיט אַ נערוועזן שמייכל דוד ראַבינאָוויטש זיך אָנגערופן ווי נאָר זיי זײַנען אַרײַן אין ביבליאָטעק־צימער.

— צו וואָס?

— איך ווייס? אפשר אַ סוד? איך פיל, אַז עפּעס... סודות עפּעס אַרום מיר... און דו אַליין זעסט אויך ווי דו וואָלסט זיך געוואויגן מיט אַ סוד...

דעמאָלט האָט אַלעקס אים אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל און אים אַרײַנגעקוקט אין פּנים מיט אַ בליק פון צער, און געזאָגט אַזוי ווייך ווי נאָר ער האָט געקאָנט:

— פּאַפּאַ, איך האָב דיך אַלעמאָל געקאָנט פאַר אַ בראַוון מענטשן מיט כאַראַקטער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָררעדע, אַלעקס? רייד צום פּונקט! און וואָס ציטערסטו אַזוי, צום טייוול?

— איך ציטער ניט, דאָס ווײַזט זיך דיר אויס, פּאַפּאַ. איך בין גאַנץ רואיק. איך בין דאָס שוין איבערגעקומען. פּאַפּאַ זעץ זיך.

— נו, נו, איך זיץ, — האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך אַ זעץ געטאָן אין אַ פאָטעל בײַם שרײַבטיש דאָרט. — וואָס איז, וואָס איז, וואָס איז דאָ אַזוינס? — האָט ער געמורמלט און געקוקט אויף אַלעקסן צעטומלט און צעמישט. דערנאָך האָט ער פּלוצלונג אַוועקגעלייגט דעם סיגאַר אויפן טיש און געזאָגט מיט אַ קול, וואָס וואָלט זיך בײַ אים דאָרט ווי פאַרטשעפּעט אין דעם האַלדז:

— רייד, אַלעקס. וואָס איז דאָרט?

— פּאַפּאַ, אין אומגעווײנלעכע צײַטן געשען אומגעווײנלעכע זאַכן...

— נו, דאָס איז דאָך פילאָזאָפיע. זאָג מיר, וואָס שטיקט דיך? און וואָס איז די גאַנצע געשיכטע, וואָס איך פיל אַרום זיך?..

— דו האָסט געהערט, וואָס עפּשטיין האָט דערציילט? — האָט אַלעקס זיך שטיל אָנגערופן.

— יאָ. נו?

— און האָסט געהערט, וואָס דער זיידע האָט דערציילט? יענער דוד ראַבינאָוויטש ביזטו, פּאַפּאַ!..

דוד ראַבינאָוויטש איז ווייס געוואָרן ווי לייוונט. די אויגן זיינען בײַ אים געוואָרן ווי גלעזערנע. ער האָט גענומען באַוועגן מיט די ליפּן, אָבער קיין קול און קיין וואָרט האָבן זיי ניט אַרויסגעבראַכט.

אַלעקס איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים ווידער אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַן אַקסל און גענומען זיך בעטן בײַ אים, אַז ער זאָל זיך שטאַרקן און באַרואיקן.

דוד ראַבינאָוויטש האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און מיט אַ האַנט גענומען זיך רייבן דעם שטערן און דערבײַ געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן. נאָכדעם האָט ער אָנגעקוקט אַלעקסן מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן און אויף זיין פּנים האָט אַרויסגעזעצט אַ קאַלטער שווייס.

— דו מיינסט, אַז יענע דאָרט.. און איך... און די, וואָס איז דאָ... איז ניט די, וואָס... — האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן גאַנץ שטיל, און די ליפּן האָבן זיך דערבײַ בײַ אים געקרימט — וואָס איז דאָס? וואו בין איך אויף דער וועלט? אַלעקס, דו ביזט דאָס? איך שלאָף ניט? ביזטו ניט משוגע? בין איך ניט משוגע? אוי, דאָס איז אַ ליגן! אימיצער מאַכט דאָ שפּאַס. פרידאַ! — האָט ער געמורמלט — רוף אַריין פרידאַן... — מיסטער גאַרדאַן — איז ער מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און האָט גענומען רופן הויך אויפן קול — מיסטער גאַרדאַן! פרידאַ!..

אין צימער זיינען האַסטיק אַריינגעקומען אסתּר און נח עפּשטיין.

— וואָס איז, וואָס איז דאָ? און ווי דו זעסט אויס, דוד! — האָט אסתּר אַ צעטומלטע אויסגעשריען.

— מען וויל מיך משוגע מאַכן, אסתּר! — האָט ער געענטפערט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים ראַטעווען, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו עפּשטיינען — מיסטער עפּשטיין, וואָס האָט איר געמיינט דערמיט, וואָס איר האָט דערציילט?

— הלוואי, מיסטער ראַבינאָוויטש ,וואָלט איך דאָס ניט געדאַרפט אײַך דערציילן. אָבער איך האָב געמוזט דאָס טאָן. איך האָב געזען דאָרט אײַער טאָכטער...

— האַ?.. וואָס? — האָט זיך בײַ דוד ראַבינאָוויטשן אַרויסגעריסן ווי־דער הייזעריקלעך, און די ליפּן האָבן בײַ אים געציטערט, — וואָס פאַר אַ טאָכטער? וועלכע טאָכטער? מיין טאָכטער איז דאָ, קיין אַנדערע האָב איך ניט...

— זי איז דאָרט קראַנק. זי איז געלעגן אין שפּיטאָל, אַ קרבן פון די פּאָגראָמען. מען האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט...

— מיין טאָכטער איז דאָ. וואו איז זי דאָרט? — האָט ראַבינאָוויטש ווייטער געטענהט, און די אויגן בײַ אים האָבן אויסגעזען, ווי בײַ אַ משו־געגעם, — וואו איז זי? רופט אַריין מיין טאָכטער... און יענעם, דעם אַלטן אויך.. וואַרט, וואַרט אַ ווײַליטשקע — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן — פון וואַנען ווייסט איר, אַז יענע איז מיין טאָכטער? און, איבערהויפּט, וואָס

רעדט איר וועגן אַ זאַך, וועגן וועלכער איר קאָנט וויסן אויף ריכטיק. אפשר איז דאָס אַ בלבול? יאָ, יאָ, עס איז אַ בלבול! איך וועל שווערן, אַז דאָס איז אַ בלבול! מיין טאָכטער איז דאָ. אפשר איז דאָ ערגעץ אַן אַנדער דוד ראַבינאָוויטש? זוכט יענעם, וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר?...

דער אַלטער נח האָט זיך מיט אַמאָל אָנגעשטויסן, וועגן וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט און ער איז צוגעלאָפן צו עפּשטיינען, מאַכנדיק צו אים מיט זיין ליולקע און זיך גענומען בייזערן אויף אים:

— הערט נאָר, וואָס זייט איר געקומען אַהער קלאַפּן אַ קאָפּ? מיר האָבן שוין געהערט די מעשה פריער. גייט זוכט יענעם דוד ראַבינאָוויטש; דאָ איז אַן אַנדערער. הערט אויף צו דרייען אַ מח. וואו איז זי, פריידל? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און זי גענומען רופן. — פריידל! פריידל!

און ער איז אַוועקגעלאָפן זי רופן.

אסתר איז געווען אינגאַנצן צוטומלט. איר איז אַלצדינג קלאָר געוואָרן און פאַר שרעק האָט דער לשון ביי איר אָפּגענומען.

און דאָ האָט אַלעקס אַרויסגענומען פון אַ קעשענע דעם קאָנווערט מיט פריידלס בילד און בריוו און האָט עס דערלאַנגט דוד ראַבינאָוויטשן מיט די ווערטער:

— אָט דאָ, פּאַפּאַ, קוק דאָס אָן... אַ בילד פון יענער און אַ בריוו.

דוד ראַבינאָוויטש האָט האַסטיק אַרויסגעשלעפּט פונם קאָנווערט דאָס בילד, אַ קוק געטאָן אויף דעם און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש מיט דער באַמערקונג, אַז ער זעט אָט דאָס בילד צום ערשטן מאָל. נאָכדעם האָט ער גענומען לייענען דעם בריוו. איבערגעלייענט איינמאָל און נאָך אַמאָל און איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער, מיט די אויגן אויסגעגלאָצט אויף דער האַנטשריפט פון דעם בריוו. דערנאָך האָט ער מיט אַ מין היסטערישן איממפּעט אַן עפן געטאָן אַ שופלאָד פון זיין שרייבטיש און אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט אַ קליין פּעקל פּאַפּיר און אויפגעזוכט אין דעם עטלעכע בריוו פריערדיקע פון זיין טאָכטער פריידל, וואָס זי האָט אים געשריבן אַמאָל פון איר שטעטל. ער האָט אַ קוק געטאָן אין יענעם בריוו און אין דעם איצטיקן און איז געבליבן שטיין ווי אַ פּאַראַליזירטער. און מיט אַמאָל איז ער מיט די אַלע בריוו אין זיינע הענט און מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ צוגעגאַנגען צו אַ שטול און איז אַ פאַל געטאָן אויף אים, ווי מען וואָלט מיט איין קלאַפּ אַרויסגעזעצט פון אים אַלע כחות.

ערשט איצט האָט זיך אסתר אַ ריס געטאָן פון איר אָרט און איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַן אויסגעשריי:

— דוד!

אויך אַלעקס איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אַרויסגענומען ביי אים פון די הענט די בריוו און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש (ביי דוד ראַבינאָוויטשן זיינען די הענט איצט געווען ווי אַ פּאָר קלעצלעך).

ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, קיין קלאַנג פֿון זיך ניט געלאָזט הערן. ער איז געזעסן מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן. די זעלבע האַנטשריפֿט איז דאָס געווען, וואָס ער האָט אין אַ משך פֿון יאָרן געלייענט און איבערגעלייענט יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך פֿאַרבייַנקט נאָך זיין קינד, וואָס ער האָט ניט געקענט. די דאָזיקע האַנטשריפֿט האָט ער גוט געקענט, ווייל אַ סך מאָל האָט זי אַ שוועב געטאָן פֿאַר זיינע אויגן, און איבערהויפּט זינט די פּאָגראָמען האָבן זיך דאָרט אין דערהיים אָנגעהויבן. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז די אייגענע האַנט וואָס האָט געשריבן יענע בריוו, האָט אָט דעם בריוו אין וואַרשע געשריבן.

דער אַלטער נח האָט זיך צוריקגעקערט. ער האָט אויסגעזען צודולט און האָט געהאַלטן בײדע הענט פֿאַרבראָכן איבערן קאָפּ און האָט געקערכצט:

— אוי, אוי, אוי! אוי, אוי, אוי!

און באַלד נאָך אים זיינען אַריינגעקומען מלכה און איר טאַטע, בײדע בלייכע, אָבער מיט פֿעסטע טריט. נאָר תּיכּף ווי מלכה האָט דערזען ווי אַזוי דוד ראַבינאָוויטש איז דאָרט געזעסן אויפֿן שטול מיט אסתּרן און אַלעקסן פֿון בײדע זייטן, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן מער און מיט אַ פֿאַרשטיקטן געוויין האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און איז געפֿאַלן צו זיינע פֿיס מיט די ווערטער:

— זייט מיר מוחל, ניט איך און ניט מיין טאַטע האָבן דאָס געוואָלט!

אסתּר איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דעם צימער. און דוד ראַבינאָוויטש האָט פּאַמעליך אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אָט ווי אַ קראַנקער מענטש וואָס האָט קיין כּח ניט געהאַט, און זי אָנגעקוקט מיט אויסגעלאָשענע אויגן. ער האָט געקוקט ווי זי איז דאָרט געלעגן איינגעגראָבן דעם פּנים אין אירע הענט ביי זיינע פֿיס און האָט געהערט ווי זי האָט געוויינט, און אַליין האָט ער קיין קלאַנג ניט אַרויסגעלאָזט...

אַלעקס איז צוגעגאַנגען צו מלכהן און זי אויפֿגעהויבן. ערשט דעמאָלט האָט דוד ראַבינאָוויטש זיך אַ צאַפּל געטאָן און ביי אים האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שוואַכער קול:

— זאָג, אַז דאָס איז אַ ליגן. איך בעט דיך... זאָג, אַז עס איז עפּעס אַ בייזער חלום. ווען דאָס וואָלט געווען אַן אמת, וואָלט איך דאָך דיר אַזוי ניט ליב געהאַט. אַ פֿרעמדער קאָן מען דאָך אַזוי ניט ליב האָבן ווי איך האָב דיך ליב.

און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו אריה־לייב גאָרדאָנען, וועלכער האָט אויסגעזען בלייך, אָבער אַנטשלאָסן:

— מיסטער, גאָרדאָן, ווער איז אָט דאָס מיידל און ווי איז איר נאָמען?

— איר נאָמען איז מלכה — האָט אריה־לייב געענטפֿערט פֿעסט און געקוקט אים גלייך אין פּנים אַריין — און זי איז מיין טאָכטער. אייער טאָכטער איז דאָרט, אין וואַרשע. זי וואָרט אויף אייער הילף. העלפֿט איר, מיסטער

ראַבינאָוויטש, און מיט מיר טוט וואָס איר ווילט. איך בין דער שולדיקער; נאָר איך, זי ניט. איך שווער אײַך — האָט אריה־לייב אויפגעהויבן אַ האַנט אין דער הויך — איך שווער אײַך ביי... ניין, ביי גאָט וועל איך ניט שווערן, ווייל אין אים גלויב איך ניט! אָבער איך שווער אײַך ביי דעם אָנדענק פון מיין דערהרגעט ווייב און ביי דעם אָנדענק פון מיינע דערהרג'עטע קינדער, אַז זי, מלכּה, איז ניט שולדיק. מיט געוואַלד האָב איך זי אַריינגעשלעפּט אין אָט דעם שווינדל. און איצט טוט מיט מיר וואָס איר ווילט...

דער אַלטער נח איז צוגעלאָפן צו אים מיט אַ געוואַלד:

— איר רוצח וואָס איר זענט! איר ראַזבאַיניק וואָס איר זענט! איך וועל אײַך לאָזן אַרעסטירן! וואָס האָט איר געהאַט צו מיין זון? וואָס האָט איר געהאַט צו אונדז אַלעמען? אין סינג־סינג וועט איר ביי מיר זיצן!

— טוט וואָס איר ווילט — האָט אריה־לייב כּמעט רואיק געענטפערט און אַ פיר געטאָן מיט די הענט — איך זאָג דאָך אײַך, איך בין שולדיק, איך אַליין, אַליין. און איצט, אויב איר האָט אַפילו דאָ אַ קאַטאָרגע — פאַר־שיקט'מיך! אָבער נאָך יענער זאָלט איר שיקן; זי איז אַ שוואַך קינד. זי איז דאָרט קראַנק געווען, אין שפּיטאָל געווען; קוים וואָס זי זשאַוועט דאָרט נעבעך!...

אין דער אייגענער צייט איז מלכּה דאָרט געשטאַנען אין אַ ווינקל מיטן קאָפּ צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, און אַלעקס נעבן איר, און ער האָט צו איר עפּעס גערעדט.

אסתּר איז צוריק אַריינגעקומען. די אויגן זיינען ביי איר געווען פאַר־וויינטע, און דאָס פּנים אָנגעצונדן. און ווי־נאָר זי איז אַריינגעקומען, האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַן אויפגערעגטן, הייזעריקן קול:

— אַלעקס, זאָג זיי, זיי זאָלן שוין פאַרלאָזן אונדזער הויז. נישט אָנקוקן זאָלן מיר מער זיי ביידן!

און איצט האָט זיך עפּשטיין אַריינגעמישט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— רואיק. אָן סקאַנדאַלן. האָט גאָט אין האַרצן, מיסטער ראַבינאָוויטש, זיי האָבן זיך געגנוג אָנגעליטן.

און דאָ איז אַלעקס צוגעגאַנגען צו זיין מאַמען:

— מאַמע, דו זאָלסט וויסן, און איר אַלע זאָלט וויסן, אַז פאַר מיר איז דאָס שוין לאַנג ניט געווען קיין סוד. איך האָב שוין לאַנג געוואוסט ווער זי איז, זי האָט עס מיר אַליין דערציילט, און זי וואָלט עס אײַך אויך שוין לאַנג דערציילט, ווען איך וואָלט זי דאָס געלאָזט טאָן. און אַזוי ווי זי איז ניט שול־דיק, איז איר פאָטער אויך ניט שולדיק; ער איז ניט אויסן געווען קיינעם צו באַשווינדלען.

— זיי האָבן דער'הרגעט דעם פּאַפּאַ. ער טאָר זיי מער ניט אָנקוקן.

דוד ראַבינאָוויטש האָט פאַרדעקט מיטביידע הענט זיין פּנים, און אַ רגע איז ער אַזוי געזעסן. נאָכדעם האָט ער זיך מיט אַלע כּוחות אויפגעהויבן פון

זיין אָרט און אַרויסגעמורמלט:

— איכ'ל גיין צו מיר אין צימער. איך וויל איצט בלייבן אַליין, אינגאַנצן אַליין, איך בעט אייך...

און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט צו דער טיר. און ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען מלפּהן, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרט אין ווינקל מיטן קאָפּ אַנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן צו איר. ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר און מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קאַרטשע געטאָן, און ווי הויך און ברייט ער איז געווען, האָט ער זיך איינגעהויקערט און צונויפגעדרייט, און אַ יאָמער האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, וואָס ער האָט תיכּף דערשטיקט אין זיך, און ער איז כּמעט אַרויסגעלאָפן פון צימער...

— נו, האַ, נו? — האָט דער אַלטער נח געוויזן מיט אַ האַנט אויף דער טיר, דורך וועלכער זיין זון איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך צעכליפּעט:

— וואָס זיי האָבן געמאַכט פון אים! וואָס האָבן זיי געהאַט צו אים? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר אַלע זיי געטאָן? — האָט ער געוויינט, און אַרויסגענומען אַ טיכל פון אַ קעשענע און זיך געווישט די אויגן.

אסתּר האָט זיך אַ קער געטאָן צו אריה־לייבן:

— מיסטער, פאַרנעמט אייער טאַטער און די אַנדערע זאַכן, און קיין איין מינוט מער זאָלט איר ניט פאַרבלייבן דאָ אין הויז!

— מאַמע, בּאַרויִק זיך — האָט אַלעקס זיך אָנגערופן — איך בעט דיר, בּאַרויִק זיך. זיי וועלן סיי־ווי־סיי אַרויסציִען פון דאַנען. און איך וויל, אַז דו זאָלסט אויך וויסן, מאַמע, אַז מיט זיי וועל איך אויך אַרויסציִען...

— וואָס מיינסטו?

— מאַלי איז מיין ווייב. איך האָב מיט איר חתונה געהאַט.

— האַ? — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן, און זי האָט אים אָנגעקוקט מיט שרעק:

דעמאָלט האָט ער איר דערציילט דעם אמת, פאַרוואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט מלפּהן שטילערהייט...

האָט אסתּר נאָך אַ וויילע געקוקט אויף אים מיט צעשראָקענע אויגן, און נאָכדעם האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

אוי, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס מיידל איז! אוי, וועמען מיר האָבן געהאַט דאָ אינעם הויז! אַריינגעגנבעט זיך אין האַרצן צו דעם און צו דעם, און מיין זון אינגאַנצן אַוועקגענומען!... אַרויס, דו אויסוואָרף! אַרויס פון מיין הויז — האָט זי זיך היסטעריש צעשריען אויף מלפּהן.

— מאַמע! מאַמע! — האָט אַלעקס אויך גענומען שרייען — רייד נישט אַזוי צו איר!

און ער איז צוגעגאַנגען צו מלפּהן און געזאָגט:

— קום!

און איז אַרויס מיט איר און אריה-לייבן פונם צימער.
אסתר איז געפאַלן אין חלשות. דער אַלטער נח איז צוגעלאָפן צו איר.

* * *

אין דער איינענער וואָך נאָך האָט דוד ראַבינאָוויטש אַרויסגעשיקט דעם נוויטיקן „אַפּידייוויט" מיט אַ שיפסקאַרט צו פּריידלען קיין וואַרשע. אָבער די געשיכטע מיט מלכהן, האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן, מחמת צוזאַמען מיט איר, מלכהן, האָט ער געמוזט אַרויסרייסן אַ שטיק פון זיין הארצן. און אויך אסתר, און דער אַלטער נח מיט זיין ווייב דאַבע האָבן מוראדיק געליטן. אסתר האָט געליטן ניט ווייניקער ווי דוד ראַבינאָוויטש: מחמת אויב זי וואָלט זיך געקאָנט איבערבעטן מיט איר זון, וואָלט זי זיך בשום אופן ניט געקאָנט איבערבעטן מיט זיין ווייב. איבערהויפּט נאָך ווען זי האָט געהאַלטן, אַז איר דוד דאַרף זיין וואָס-ווייטער פון יענער...

אין איינמאָל, עטלעכע וואָכן שפּעטער, האָבן מלכה און אַלעקס זיך געזעגנט מיט אריה-לייבן (ער האָט שוין דאַן געאַרבעט אין אַן אַנדער פּלאַץ, וואָס עפּשטיין האָט פאַר אים אויפגעזוכט). ער און אַ פּאָר פריינט אַלעקס'עס זיינען געקומען באַגלייטן מלכהן און אַלעקסן צו דער שיף, וואָס האָט געזאָלט יענעם נאָכמיטאָג אָפּגיין פון דאַנען קיין אייראָפּע.

מלכה און אַלעקס זיינען געפאָרן קיין סאָוועט-רוסלאַנד, כדי צו קעמפן דאָרט צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס קעגן די דעניקינס און די אַנדערע ווייסע גוואַרדייער; אַלעקס אַלס דאָקטאָר. מחמת איצט נאָכמער ווי פריער זיינען זיי געווען איבערצייגט, אַז די ישועה פאַר די יידן וועט ברענגען נאָר דער זיג פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס וועט איינפירן אַ נייע אָרדענונג פאַר אַלע מענטשן גלייך; בפרט אין סאָוועט-רוסלאַנד, וואו די יידן זיינען אין יענער צייט געווען אין אַזאַ סכנה, ווען די „ווייסע" וואַסיאַ זעליאָנים וואָלטן, חלילה וחס, געזיגט איבער די רויטע...

אָבער ניט אריה-לייב גאָרדאָן און ניט קיינער פון אַלעקסעס פריינד האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען געפאָרן קיין סאָוועט-רוסלאַנד. פאַר זיי האָט עס געהייסן, אַז מלכה און אַלעקס זיינען געפאָרן קיין אייראָפּע, אויף אַ פאַרגעניגנס-רייזע...

נאָוועמבער, 1935. ברוקלין, נ. י.